STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00242

YIDISHE KSOVIM FUN A VAYTN KOREV

Micah Joseph Berdichevsky

Permanent preservation of this book was made possible by
Daniel L. Kurshan
in honor of
the Gantse Mishpokhe

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. י. בערדיטשעווסקי
(מיכה יוסף בן גריון)

מ. י. בערדיטשעווסקי
(מיכה יוסף בן גריון)

יידישע כתבים

באַנד 2

יידישע כתבים

פֿון אַ ווייטן קרוב

איבערגעגעבן צום דרוק
על ידי
מיכה יוסף בן גריון
(בערדיטשעווסקי)

איקוף פֿאַרלאַג

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט
דער הילף פֿון די איקוף פֿריינט
נחום און פֿאַניאַ ווײַנשטיין
פֿון באָסטאָן

אין ליכטיקן אָנדענק פֿון
זייער פֿאַרשטאָרבענער מוטער
טויבע מירקיס ע״ה

געשטאָרבן אין די טעג פֿון די
בלוטיקע שלאַכטן אין ירושלים
דעם 19־טן מאַי 1948

Copyright by
YIDDISHER KULTUR-FARBAND—YKUF
New York, 1951

M. J. BERDITSHEWSKY
(M. J. BEN-GURJON)

YIDDISHE KSOWIM

129

Printed in U.S.A.

אינהאַלט:

קליינע מעשהלעך

איבערגעלעבט (אַ מעשה) 9
דער חלום 11
אַז עס רעדט זיך 13
דער חזן 15
ראובן פּעסיס 18
אונטער בלעך 19
אַ שיינע וועלט 20
עסקים 21

אויפצייכנונגען

זיך פֿאַרפּלאָנטערט 24
דער דאָרפס־ייד 25
אַ ציגאַר 27
פֿון טעפּ צו פּראָסע 28
איידעמס 29
דער בעל־מחבר 30
איציקל 31
אויף הוצאות 32

פֿונעם האַרצן

קינדער 33
דער נייער דור 34
עקשנים 35

פֿון דאָרטן 37

פֿון שווערע צייטן

קינות 38
פֿון פֿאַר עטלעכע יאָר צוריק 42
פֿון איין צוג צום אַנדערן 45
עמיגראַנטן 49
נאָך דער שׂרפֿה 66
פֿונעם רייזע־ביכל 74
ווי מען לעבט 89
שמועסן 107
צווישן אייגענע 122

אַמאָל און אַצינד

דער כּלל 130
מחשבֿות 131
מזל 133
גוטע יידן 134
כּלי־קודש 136
מסחרים 136
שׂמחות 138
השׂכּלה 139
חדרים 140
רבנים 141

אונדזער מעמד

דריי בריוו 143
נייע בריוו 149
נאָך צוויי בריוו 156

וועגן יידיש

בריוו צו אַן אַרויסגעבער 160
וויכוחים 165
אַ לעצטער בריוו 172
אַ בריוו צו אַ יידישן שרייבער 174

אַלטע בלעטער

(אויפֿצייכנונגען וועגן יידישע שרייבער)

אייזיק מאיר דיק 177
י. י. לינעצקי 180
אַ. גאָלדפֿאַדען 182
מ. אַ. שאַצקעס 183
מענדעלע מו״ס 184
שלום עליכם 187
ווידער פֿון ש״ע 189
ספּעקטאָר און פֿרוג 190
מוכיחים 191
י. ח. ברענער 193

יידישע צייטונגען און אַנדערעם

פֿאַר דעם טאַראַראַם 195
דער ענין פֿון צייטונגען הינטערן אויוון 198
אַ ייד רעדט איבער קונסט 201
שמר״ס משפּט 202
פּאָליטישע עקאָנאָמיע 204

פֿאַרשיידנס

דער ענין פֿון לייענען און פֿון שרייבן 206
בחדר״ג 207

אַ מעשה מיט אַ פֿליג 209

דברי־קודש און דברי־חול

פֿאַרן המון און פֿונעם המון 214
דער עצם ייד 217
אַלף בית פֿאַר דערוואַקסענע 220
מוסר 222
תחינות 224

חקירות

וועגן אמונה 226
וועגן גאָט 228
צו וואָס לעבט מען 230
אתה בחרתנו 231

לעקציעס

אַ ביסל פֿילאָזאָפֿיע 234
וועגן מאַראַל 236
חכמת היופֿי 239
דער אָנהויב פֿון עקאָנאָמיע 242

דברי קודש

אַז משיח וועט קומען 246
פּרק 253
ווי אַזוי אַ פּשוטער ייד לערנט תּנ״ך 258
פֿון פֿריער און פֿון שפּעטער 263
דער אָנהייב פֿון הלכות־דעות פֿונעם רמב״ם 266
אויסגעקליבענע ווערטער פֿונעם בעל־שם 269

קליינע מעשהלעך

איבערגעלעבט

אַ מעשה

הערט אַזאַ מעשה, וואָס האָט זיך מיר געטראָפֿן פֿאַראַיאָרן אין אָנהויב ווינטער. איך בין געגאַנגען פֿון דער מיל שפּעטלעך ביינאַכט. שוין דעם גאַנצן טאָג איז מיר געווען עפּעס שווער, און אַז איך בין אויפֿגעשטאַנען אינדערפֿרי, האָב איך מיר געטראַכט: היינט מוז עפּעס געשען. אַ יינגערער ברודער פֿון מיר איז אַוועק קיין אַמעריקע שוין מיט דרייצן יאָר צוריק. מיין ווייב זאָגט מיר ביים עסן: הירשל, דו האָסט עפּעס אין זינען! און אַז איך בין געשטאַנען נעבן קאַסטן אין מיל, האָט זיך מיר פֿאַרטשעפּעט דער עק פֿון פּאָלע און האָט מיך שיער נישט מיטגעריסן מיטן רעדל, ווען דער מאַראַטשניק וואָלט נישט געווען צוגעשפּרונגען און וואָלט מיך נישט אַ כאַפּ געטאָן. דאָס דרייען און קלאַפּן אין מיל, דאָס מאָלן פֿון די וואַלצן האָט ביי מיר דאָס מאָל אַרומגעטאַנצט אין קאָפּ. דאָס וואַסער איז געווען שטאַרק. אַסיען? און אַלעמאָל האָט זיך מיר אויסגעוויזן: אָט רייסט זיך אויס אַ זאַסטאַווקע און דאָס וואַסער פֿאַלט אין קעלער אַריין. אַזוי בין איך געגאַנגען פֿון דער מיל און האָב אָנגעהויבן צו טראַכטן, וואָס איז מיט מיר היינט. אַ קליין לאַמטערנדל האָב איך געטראָגן און אַ שטעקן אין דער האַנט פֿאַר די הינט. אַ שאַרף ווינטל האָט געבלאָזן און האָט מיך דורכגענומען; עפּעס נאַס איז אויך געווען און די שטיוול האָבן זיך דורכגענעצט און איך האָב מורא געהאַט, איך זאָל מיך נישט פֿאַרקילן. איר קענט שמואלן, שמואל לייצעס? ער האָט זיך אויך פֿאַרקילט אין אַ קאַלטער נאַכט און עס האָט אים אַוועקגעכאַפּט נאָך ניין טעג און געלאָזט האָט ער אַ ווייב מיט אַכט קינדער. איך מוז אייך זאָגן דעם אמת, אַז כאָטש איך בין נישט קיין טרוס, האָט מיך דאָס מאָל אָנגעהויבן צו אַרן, פֿאַרוואָס איך האָב שוין לאַנג נישט געזען, צי די ציצית זיינען נאָך כשר... איר פֿאַרשטייט, עפּעס דאַכט זיך מיר, אַז איך גיי שוין צו לאַנג, און וועדליק מיין רעכענונג

האָט שוין דאָ געדאַרפֿט זיין דער קלויסטער; איך גיי אָבער ווייטער, און דער קלויסטער איז נאָך נישטאָ; הויב איך אָן צו טראַכטן, טאָמער בין איך מיך טועה און גיי גאַר פֿאַרקערט? ווייס איך אָבער, אַז דאָס קען נישט זיין, וואָרים, ערשטנס, בין איך שוין אין מיל דריי און צוואַנ־ציק יאָר און קיינמאָל האָט מיט מיר דאָס נאָך נישט פּאַסירט. און דאָ איז שטאָק פֿינצטער, נאָר דאָרט פֿון וויטן שיינט עפּעס אַ הייזל. איך הויב אָן צו באַרעכענען, וואָס פֿאַר אַ הייזל קען דאָס זיין? וואָרים איך קען אונדזער שטעטל אַרום און אַרום און ווייס דאָך נישט. זאָג איך מיר: איך מוז צוגיין צו דעם הייזל, וואָרים איך האָב מיך פֿאַרבלאָנדזשעט. איך פּרוּאוו צוצוגיין. דאַכט זיך מיר, אַז איינער האַלט מיך פֿון הינטן. איך טראַכט מיר: איך מוז מיר מאַכן קוראַזש און זיך נישט דער־שרעקן, אַ גזלן קען עס דאָך נישט זיין און טאָמער ווייזט זיך דיר גאַר אַלץ אויס. איך דריי מיך אום און איך שטיי אַלץ נעבן מיל, ווי ווען איך וואָלט נאָך גאָרנישט געגאַנגען. דאָס וואַסער רוישט און שלאָגט און איך וואונדער זיך, ווי אַזוי האָב איך דאָס פֿריער נישט געהערט. וויל איך פּרוּאוון גיין צוריק און רופֿן דעם שומר, קען איך מיך נישט רירן פֿון אָרט, די פֿיס זיינען מיר ווי צוגעשמידט, איך האַלט מיך צו ביים געלענדער און וויל מיך אַליין גובר זיין, הייבט זיך אויף דער געלענדער צוזאַמען מיט מיר און מיר שווימען אויף אַ שיפֿל אין מיטן טייך. דאָ איז מיר געוואָרן גאַר משונהדיק און איך האָב אָנגעהויבן בעטן גאָט, ער זאָל מיר עפֿענען די אויגן און זאָל מיר ווייזן, וואו איך בין. און דאָס שיפֿל רוקט זיך, עס איז נישט מער אַזוי פֿינצטער. איך קוק אויפֿן הימל, און ער איז אויסגעשטערנט. מיד בין איך, אַז איך האַלט מיך קוים, אָבער איך האָב מורא איינצושלאָפֿן, וואָרים איך זאָג מיר, אַז איך וועל איינשלאָפֿן, וועל איך דערפֿרוירן ווערן. איך האָב מיר אָנגעהויבן אויסצומאָלן, אַז איך האָב פֿינף קינדער זאָלן לעבן, און וואָס טראַכט איצט מיין ווייב, ווען זי זעט, אַז איך קום נישט. און טאָמער גייט זי מיך זוכן און ווערט אויך פֿאַרבלאָנדזשעט...

דאָ האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך האָב נאָך ביי מיר אַ ביסל טאַבאַק; איך מאַך מיר אַ לולקע און פֿאַררויכער זי ביים לעמפּל, בלאָזט זי דער ווינט אויס, און קיין שוועבעלע האָב איך נישט ביי מיר. תּמיד טראָג איך ביי מיר שוועבעלעך, און היינט אויף צו־להכעיס האָב איך נישט קיין שום שוועבעלע. און דאָ פֿיל איך די קעלט אין אַלע גלידער און צעברעך

מיר דעם קאָפּ: וואָס איז געשען? זאָל איך זאָגן, אַז נישט־גוטע פירן מיך אין זייער וועג? אָבער צו וואָס באַדאַרפן זיי אַ יידן אַ מילנער? און דערצו ווייס איך נישט, צי איך שלאָף און עס חלומט זיך מיר אַלץ, צי עס איז אַלץ אויף דער אמתן. איך וויל מיך אויפהייבן, און קען נישט, איך וויל אָנהויבן רעדן צו מיר און די צונג איז מיר שווער. איך קאָן אייך נישט אויסמאָלן, וואָס פאַר אַ פחד עס איז אויף מיר געפאַלן, און ווייסן ווייס איך נישט וואו איך בין, און וואָס עס טוט זיך מיט מיר, און אויב עס וועט זיך טרעפן אַ נס, אַז איך וועל נאָך קומען אַהיים...

און ווי איך זיץ מיר אַזוי, הער איך אַ געשריי פון דער ווייטן, איך קוק מיך אום און זע פייער, און מיר דאַכט זיך, אַז אַ מענטש דרייט זיך דאָרט אַרום. איך בין פאַרגליווערט פון שרעק ווי אַ שטיין, און מיר ווייזט זיך אויס, אַז דער מענטש קומט אַלץ נעענטער צו מיר, און וואָס מער איך זע אים צוקומען, איז ער אַלץ גרעסער. אַזוינע גרויסע מענטשן האָב איך נאָך נישט געזען זינט איך לעב; איך טו אַ קוק: דאָס איז אַ ריז, אַ קאַניבאַל מיט איין אויג... דאָ דערוועקט זיך אין מיר דער כוח און איך גיב אַ שפרונג. ערשט איך האַלט אַ סלופּ, און איך האַלט מיך צו אַזוי שטאַרק מיט די הענט ווי ווען איך וואָלט געווען צוגעוואַקסן. איר ווייסט, וואָס עס איז געווען דער סלופּ? דאָס בעט מיינס איז דאָס גע־ווען. אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט אין דער פרי, האָב איך נאָך מיט ביידע הענט געהאַלטן די וואַנט פונעם בעט. אַזאַ חלום האָט זיך מיר נאָך קיינ־מאָל נישט געחלומט. עס איז געווען אַזוי, ווי ווען איך וואָלט דאָס אַליין אַלץ איבערגעלעבט.

דער חלום

פרייטיק־צו־נאַכטס איז דאָס געווען, מיינע זיצט מרה־שחורהדיק ווי תמיד, זי איז לא עליכם ווי דערשלאָגן, שוין פון נאָך דער חתונה אָן. אַ כלה דאַכט זיך, איז זי געווען אַ פריילעכע און אַ פאַרשוין, אָבער אַז עס איז באַשערט. מען הערט ביי לייטן, עמעצער ווערט משוגע; זי, מיינע, אויפן שכל איז זי קלאָר אָבער אומעטיק. ניין יאָר מיט איר אָפּ־געזעסן און געהאַט דריי קינדער — זי זאָל דאָס געבן אַ שמייכל, זי זאָל זיך פּרוּוון אָנטאָן ווי אַן אַנדער ווייבל. זי קאָכט און באַקט און טוט

אַלץ און איז דווקא אַ בריה. אָבער אַז עס פֿאַלט אויף איר אַן דער אומעט, איז דאָס נישט אויסצוהאַלטן. מאַלט איך אויס, אַפּצוזיצן מיט אַ מענטשן עטלעכע שעה און שווייגן ווי אַ שטיין; מילא, אין דער וואָכן בין איך איך שוין מוחל, אָבער אַז עס קומט שבת, צי יום־טוב...

די קינדער, אַלע דריי, זיינען געשטאָרבן און מער האָבן מיר נישט. און אַז מיר זיצן אַזוי אַליין פֿרייטיק צו־נאַכטס און די ליכט ברענען, פֿאַלט אויף מיר אַ פּחד. ווייס איך, מיר דוכט זיך אַז זי האָט אַציגד אַ בייזע מחשבה. אַזוי בין איך געזעסן אַט־אַ־דעם פֿרייטיק צו־נאַכטס און איך האָב געהאַלטן דעם קאָפּ איינגעגראָבן אין אַ חומש, געגאַנגען איז די סדרה וישלח... און ווי איך זעץ מיך אויפֿן בענקל, זע איך, אַז זי שטעלט זיך אויף און זי גייט צו צו מיר, אַ לאַנג מעסער האַלט זי אין האַנט, איך ווייס נישט, וואו זי האָט דאָס גענומען, אין מיר צי־טערט איטלעכער אבר. זי קומט צו אַלץ נעענטער צו מיר. איך וויל אויפֿשטיין פֿון בענקל און געבן אַ געשריי, איז מיר אָבער דאָס לשון ווי אָפּגענומען פֿאַר שרעק. זי שפּילעט מיר אָפּ דעם זשילעט און איך קען מיך נישט געבן קיין ריר. איך קוק זי אָן ווי זי האַלט דאָס מעסער, זי מאַכט מיר אויף דאָס האַרץ און גיט אַ שניט! אַ חידוש, ס׳רינט נישט קיין בלוט; זי שניידט אַלץ, נעמט מיר אַרויס דאָס האַרץ, נעמט אַרויס אַ נאָדל מיט פֿאָדים און נייט ווידער צו. איך גיב מיך אַ טאַפּ: צי איז דאָס נישט קיין חלום... איך זע, זי האַלט מיין האַרץ אין האַנט און זעצט זיך צוריק אויפֿן בענקל. עס קומט מיר פֿאַר, אַז דער חדר ווערט אַלץ גרעסער, די ווענט רוקן זיך און רוקן זיך. פּלוצלינג גיט עס מיך אַ שטופּ פֿונעם בענקל, און איך בין שוין נישט מער אין דעם חדר, נאָר נעבן אַ באַרג. איך חידוש זיך, ווי אַזוי עס האָט זיך גענומען אַ באַרג, אָבער עס איז אַזוי. דאָ ווערט אַ ווינט און הויבט מיך אָן צו טראָגן אַלץ ווייטער און ווייטער... עס קומט מיר פֿאַר, אַז אין אַ פּאָר שעה בין איך אויסגעוואוען ימים ומדבריות און דאָ ווייס איך נישט מער ווער איך בין און ווי איך הייס און פֿון וואַנען איך בין. די שטערן גלאָצן צו מיר, איך בין טויט־מיד. איך פֿאַל אַנידער און ווער אַנטשלאָפֿן, ווי אַ טויטער. אָפּגעשלאָפֿן בין איך צוויי טעג כּסדר. און אַז איך האָב זיך אויפֿגע־כאַפּט פֿאַרנאַכט צו מנחה־צייט, זע איך, איך בין אין אַ גאָרטן מיט שיינע ביימער. מען זאָגט צו מיר: עס איז דער גן־עדן התחתון. איך גיי אויס פֿאַר חיות פֿון די ריחות. און ווי איך שטיי אַזוי און וואונדער

זיך, ווי אַזוי איך בין אַהער אַריינגעקומען, הער איך פֿון ווייטן זינגען אויפֿן קול. וואָס זאָג איך אַ קול, עפּעס אַ מתיקות, אַזוי זיס, ווי דער אמתער שיר השירים מיט אַלע פּסוקי־דזמרה... און ווי איך גיי נאָך דעם געזאַנג, דערזע איך אַ שלאָס פֿון גאָלע מאַרמאָר מיט פֿענצטער פֿון בורשטין און גילדענע טרעפּ. הונדערטער מענטשן, אָנגעטאָן אין ווייסן, גייען אַרום און האַלטן ליכט אין האַנט און דאַווענען מנחה. וואָס זאָג איך דאַווענען, עס איז געווען אַ שבח צום בורא, אַז איך צעגיי פֿון דבקות. דער קול, וואָס איך האָב אים פֿאַרלוירן פֿאַר צוויי יאָרן, (איר ווייסט דאָך, אַז איך בין דער אומגליקלעכער חזן), האָט זיך אומגעקערט צו מיר, און איך דערהייב מיין שטים און וויל אויך זינגען און דאַווענען. עס ציט מיך צו געבן אַ געשריי אויפֿן באַס, אַז איך שטאַרב. דאָ שטייט אויף איינער פֿון זיי, גייט צו צו מיר און זאָגט צו מיר: גיי אַוועק פֿון דאַנען, דו טאָרסט נישט דאַווענען מיט אונדז, דו האָסט אַ מום, דאָס האַרץ דיינס איז אַרויסגעשניטן, דו ביסט אַ כהן און אַ כהן מיט אַ מום איז פּסול צו דער עבודה... ער האָט מיר געגעבן אַ פּיק אין נאָז און אַלץ איז פֿאַרשוואונדן. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך קייקל זיך באַרג אַראָפּ...

וואָס זאָל איך אייך זאָגן, אָט־דער חלום האָט זיך אין מיר געפּלאָנטערט אפשר אַ יאָר צען און נאָך עד היום, אַז איך מאַך צו די אויגן, קומט מיר פֿאַר, אַז איך זע דאָס אַלץ מיט מיינע אייגענע אויגן; איך האָב געהערט, אַז איר זענט אַ גרויסער חכם, אפשר קענט איר מיר פּותר חלום זיין...

אַז עס רעדט זיך

טוט מיך איינער אַ כאַפּ און פֿרעגט מיך: פֿעטער, וואָס איז אַ געדאַנק? איר זאָגט דאָך אַליין, אַז איידער איר האָט דאָס אַרויסגעלאָזט פֿון מויל, האָט איר עס געהאַט אויף דער מחשבה, וואָס־זשע איז דאָס פֿאַר אַ מין זאַך, וואָס איז דאָ, נאָך איידער מען רעדט וועגן דעם? דאָס איז דער געדאַנק. וואָס־זשע הייסט געדאַנק? פֿאַרוואָס־זשע האָב איך אים היינט און נישט נעכטן? פֿאַרוואָס האָב איך היינט שפּעטער מיט אַ שעה אַן אַנדער געדאַנק, צי טאַקע תוך כדי דיבור? אַי זאָג מיר, וואָס ביזטו

פאַר אַ מחותן מיט איציקן? זאָל ער ברעכן דעם קאַרק — און איך זאָג מיר; טאָן אַ יידן אַ רעה איז אויך נישט קיין גרויסע מעלה, דאָס הייסט, דאָס זאָג איך מיר נאָך נישט, נאָר גלאָט אַזוי: האָב אַ געדאַנק. מיין ווייב האָט אויך אַ געדאַנק. מיין קליינער בערל אויך; ווייל איך זע עס ביי אים אויפן נאָז, אַז ער וויל עפּעס, נאָך איידער ער רעדט דאָס אויס. דאָס הייסט: ווען איז שוין עפּעס אַנדערש. למשל, קען איך וועלן אַרויפ־קריכן אויפן בוידעם, נישט ווייל מען דאַרף עפּעס האָבן, נאָר גלאָט אַזוי, עס ווילט זיך מיר, איך האָב איצט דערצו חשק. איך האָב חשק אַרויס־צונעמען דאָס טייסטערל פון קעשענע און אָנהויבן ציילן דאָס געלט, נישט ווייל עס איז נישט איבערגעציילט, נאָר גלאָט אַזוי, דאָס הייסט חשק האָבן צו אַ זאַך איז שוין אַ שטיק יצר־הרע. דער יצר־טוב איז אויך דאָ, נאָר ווי איינער זאָגט: אויף דער לינקער זייט איז ער. דערפון איז געדרונגען אַז איך האָב אַ יצר־הרע און אַ יצר־טוב, אַז עס איז עפּעס אין אונדז דאָ אַ חשק.

שכל האָב איך פאַר דריי אַנדערע, אפנים, אַז דאָס איז נאָך נישט דער געדאַנק. אַ געדאַנק איז אַ געדאַנק און שכל איז דאָס קעפּל, דאָס גוטע קעפל. איך וועל זיך נישט לויבן, אָבער ס'רעדט זיך. איך האָב אַזאַ טבע, זעט איר, אַ טבע האָט מען אויך. דאָס הייסט אָפּטמאָל איז גאָר איבערגעביטן די טבע. נאָך פאַראַיאָרן האָב איך פיינט געהאַט קאָר־טאָפּל מיט הערינג און היינט עס איך עס שוין אַ ביסל. אייערקיכלעך האָב איך גאָר ליב. וואָס־זשע הייסט ליב האָבן און פיינט האָבן? פאַרוואָס בין איך שמעיהן אַ שונא און ראובנען אַ גוטער פריינט? ביידע האָבן זיי מיר נישט געטאָן קיין שום גוטס און נישט קיין שלעכטס. נאָר גלאָט אַזוי, צו דעם ציט מיך און צו דעם ציט מיך נישט. זאָס־זשע הייסט ציען? איך האָב גאָר קיין דעה נישט, נאָר עס ציט מיך. — אַזוי האָט זיך מיט מיר שוין אָפּטמאָל געטראָפן.

נישט דאָ געדאַכט, נישט היינט געדאַכט, נישט פאַר קיין שום יידן געדאַכט, איז מיר אָט־דאָ נישט לאַנג געשטאָרבן אַ מיידעלע פון זעקס יאָר. אַז איך בין געזעסן שבעה, האָב איך מיר געטראַכט: פאַרוואָס איז זי געשטאָרבן? געזינדיקט האָט זי נישט, איך האָב געזינדיקט. פאַרוואָס אָבער איז זי שולדיק? שטייט דאָך געשריבן: ופוקד עוון אָבות על בנים. איך בין נישט אַזאַ בן־תורה, אָבער איך מיין, דער טייטש איז נישט אַזוי. איך מיין פשוט, אַז אַ קינד שטאַרבט פאַרן פאָטער, איז דאָס אַן עניך, וואָס

מען קען אים נישט משיג זיין. און זינדיק בין איך דאָס היינטיקע יאָר נישט אַ סך ערגער, ווי פאַראַיאָרן; מען זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, אַ בשר־ודם בין איך אַ שטאַרקער, אָבער חייב מיתה בין איך נישט. וואָס טו איך? איך האַנדל און דאַוון; מער ווי אַ רכילותל טו איך נישט קיין שלעכטס. איך לייג צונויף טלית ותפילין... אָנגעזעצט האָב איך אויך נישט אַקוראַט, איך האָב נאָר נישט באַצאָלט חיימען פאַרן וועקסל, אָבער אויפּעסן יענעמס געלט — אסור.

מילא, אַז דער צער פון טראָגן איז יאָ אַזוי גרויס, טאָ וואָס־זשע הייסט השגחה? פאַרוואָס האָב איך דאָס יאָר אַ שלעכט יאָר און פאַר־אַ יאָרן איז געווען נישקשה? פאַרוואָס איז בערל ראובנס אַן עני שבעניים כל־ימיו, דאַכט זיך, אַ ייד, וואָס רירט נישט אָן קיין פליג אויפן וואַנט, און כאַצקעלע גנב האָט יאָ הצלחה? פאַרוואָס איז פיר יאָר כסדר נישט געגאַנגען קיין רעגן צו דער צייט און היינט גיסט עס ווי מיט צעבערס? ביי גוים איז אויך דאָ השגחה, צווישן זיי איז אויך דאָ אָרעם און רייך.

אַן אָרעמאַן האָט אויך אַמאָל מזל, אַט פאַרדינט ער אַ פערציקער אומגעריכט. אַט האָט ער זיך אויסגעגליטשט און איז געפאַלן און עס איז אים גאָרנישט געשען. און שלמהלע פון דער מיל, אַן עושר, אויף אונדזביידע געזאָגט געוואָרן, האָט זיך אויסגעדרייט אַ האַנט. פאַר פיר יאָרן איז אים געפגרט אַ האָלענדישע קו, זעקס זילבערנע לעפל זיינען ביי אים נישט געוואָרן. וואָס־זשע איז דאָס, אַז מען האָט מזל און פּלוצ־לינג קערט זיך אַלץ איבער, צי מען האָט דעם דלות און גאָט העלפט? מי בקצו ומי לא בקצו, אַלץ ווערט פאַרשריבן און אַלע זיינען מיר ביי אים אין האַנט.

דער חזן

וואָס־זשע מיינט איר, איך בין עפּעס גלאַט אַ חזנדל פון האַצעקלאַץ, אַן אַבי וואָס? איר מוזט הערן מיין קול. איר מוזט מיך הערן דאַוונען; אַז איך שטעל מיך אַוועק פאַרן עמוד און גיב אַ זאָג: לכו נרננה! גיט עס אַ קלונג, אַז עס הילכן די פענצטער. דאָ קאַטשע איך מיך אויף אַלע כלים, און דער עולם ווערט ווי צוגעזאָטן. וואָס איז שייך, זאָל איך זיך אַליין לויבן? אָבער אַז איך בין געוואוינט ליב צו האָבן דעם געזאַנג פון יינגל־

ווייז אַן און צו לעבן דערמיט אַליין. אַז גאָט האָט אונדז פּאַרט אַריינ־געגעבן די טבע, זיך אַנצונעמען ביי דער באַק און צו זינגען: די ווערטער פּליען פֿון מויל, און איך שוועב מיט זיי.

אַ בשר ודם בין איך און אַ ווייב האָב איך און קינדער, און צרות האָב איך אויך! גיב איך מיך אַ שאָקל, וואַרף איך אַלץ פֿון מיר אַראָפּ און ווער גאָר עפּעס אַן אַנדער מענטש, עפּעס קומט אין מיר אַריין אַ מין כּוח, אַ מין חשק, און איך צעלאָז מיך פֿונעם סאָפּראַן ביזן באַס און אויף וואָס איר ווילט אַליין; איך בין אויף דער הויכער מדרגה, עס שרייט אין מיר, עס זינגט אין מיר, עס ברענט אין מיר — בין איך דען אַזוי פֿרום? אָבער דעמאָלט קום איך אַריין אין די גרעסטע התלהבות און עס טראָגט מיך און עס הייבט מיך און איך קום אַלץ העכער און העכער: יונתן חזן, קנאַק אויף וואָס די וועלט שטייט, ווייז זיי, וואָס דו קענסט. אין פּלוג מיין איך גאָרנישט דווקא דעם עולם, דעמאָלט האָב איך אַפילו פֿאַרגעסן וועגן מיר אַליין. איך שטיי דאָ, און עס קומט מיר פֿאָר, אַז איך בין אויבן, איך וואָלט געננומען דעם עמוד און אים אַ טראָג געטאָן... אַ רעווע געטאָן ווי אַ לייב. עפּעס אַ קלייניקייט, אַז עס קומט צו מוסף: ומפּני חטאינו גלינו מארצנו... און איך וויל דער־הויבן מיין קול צום בורא, אַלע יידן זאָלן קענען זינגען און מיר אונטער־העלפֿן. דער גאַנצער עולם אין בית המדרש איז ווי אַן אמתדיקער כאָר און איך שטיי און זינג, זינג, אַז די ווענט ציטערן.

וואָס־זשע איז דער טעם פֿון זינגען? מילא אַ פֿידל האָלט מען דאָס אין האַנט, צי אַ פֿלייט — אין מויל, צי גאָר אַ טראָמפּייט — מען זאָגט, עס ליגט אין האָלדז. ביי מיר קומט עס פֿונעם האַרצן, מעומקא דליבא, עפּעס ווי איינער זיצט אין מיר און זשומעט שטענדיק. אין מיטן נאַכט וואָלט איך אויפֿגעשטאַנען זינגען, צי עטלעכע שעה אין טאָג. אַז איר ווילט זינג איך אייך אַ שטיקל פֿון דער ראש השנהדיקער שמונה עשרה. אַז עס קומט ספֿירה, צי ראש־חודש־בענטשן, בין איך ווי ניי־געבוירן, ווער שמועסט די ימים־נוראים. וואָס טויגן מיר נאָטן און משוררים? איך, יונתן, נעם אַריבער דעם טלית אויפֿן קאָפּ און שטעל מיך אַנידער פֿאַוואַליע. אַן לוי־פֿעניש, אַן תּנועות, אַן העוויות, גאָרנישט, אַ ייד אַ חזן. דערנאָך, דער־נאָך, וואָס מיר טעפּליק, ווער מיר טעפּליק, וואָס מיר בית־מדרש, וואָס די אויגן אַריין? — איך צעלאָז מיך אויף מיין קול און זינג, איך הער מיר שמעיה דער נגיד, וואָס שטייט אויבנאָן און קוקט מיר גלייך אין

מיך אַליין זינגענדיק און צעגיי פֿאַר מתיקות. בין איך דען אַזאַ בהול? אָבער איך שטאַרב פֿאַר חיות. איך וויל איינגעמען די וועלט, אַלע גויים מגייר זיין, אַלע יידן זאָלן זיין בני־מלאכים און איך, יונתן, בין אַ לווי אין בית־המקדש, טאַקע פֿון די אמתדיקע לוויים און מיט די ניגונים פֿון דוד המלך... וואָס זאָל איך אייך זאָגן, איר מוזט זיין דעמאָלט אין מיר, איר מוזט אַוועקוואַרפֿן אייערע עסקים אויף אַ ווײַלע און זיך אַריינטאָן אין אַ זמר, אין אַ כּגוונא, צי אין אַ וידבר משה...

יונתן איז נישט ניסי בעלזער, נישט קאַשטאַן, אָבער ער איז יונתן. מיט זעקס קאָרבן אַ וואָך האָבן זיי מיך אָפּגעקויפֿט אַ גאַנץ יאָר, און הכּנסה — אויף אַלע שונאי ישראל געזאָגט געוואָרן. ווען איך וואָלט נישט געהאַט קיין ווייב און קינדער, פֿליעוואַט! אַ פּאָר קיין אַדעס! אַ שטודיר טאָן, און איך בין דער חזן פֿון דער גרויסער שול — דאָס נעם איך אויף מיינע פּלייצעס. אַי, איז דאָך די קשיה, ווי קום איך, יונתן טעפּליקער, צו די דייטשן? אַדרבא, פּרוּווט מיר לייען שי״ן קערבלעך און לאָזט מיך מאַכן אַ ויברח. מיינט איר איך וואָלט עס נישט געמאַכט מיט רי״ש, צי מיט ק״ן, צי גאָר מיט אַ הונדערטער? דער סוף פֿון דער מעשה איז, אַז אַזוי זיצט מען אָפּ די יאָרן אין אַן עק נעבן דער באָד... נאָר ניסין וואָלט איך געוואָלט הערן, צי קאַפּויער, ער זאָל הערן מיין קול. איך וואָלט צו אים געקומען און וואָלט אים געזאָגט: ר׳ ניסי־לעב, הערט אַ טעפּליקער חזן זינגען! וואָס האָב איך מורא צו האָבן? פֿון אחינו בני ישראל איז ער אויך, און אַ יידיש קינד איז ער אויך, נאָר ער נעמט די אַכציק טויזנט רובל אַ יאָר און איך — זעקס קערבלעך אַ וואָך. דער חילוק איז אַפֿילו אַ גרויסער, אָבער וויל איך דען נתעשר ווערן? צי וויל איך האָבן אַ סך געלט און טראָגן אַ גאָלדענעם זייגער און אַרויספֿאָרן ווי דער אַפּטייקער? דאָס הייסט פֿאָרן אין אַ בריטשקע ווילט זיך מיר יאָ אַפֿילו, וואָרים דאָ איז דער קנאַק מיטן בייטש, איר פֿאַרשטייט, מען גיט זיך אַ זעץ אויבנאָן, און די פֿערד יאָגן און לויפֿן ווי אין סמיק... אַי, יונתן, פֿאַרשאַרטער קבצן, וואוהין איז דיין קוק? פֿרעגט מיך, צי האָב איך מיין אייגנס פֿינף רובל, צי אַפֿילו אַ דרייערל, וואָס איך וואָלט באַדאַרפֿט אַזוי נויטיק האָבן — זייט אַזוי גוט... פֿליעוואַט, לעבן זאָל דער מענטש און האָבן זאָל ער אַ קול.

ראובן פעסים

איר פֿרעגט מיך וועגן ראובנען, וואָס איז געוואָרן מיט ראובן פעסיס, דעם נגידס אײדעם פֿון שטאָט? גאָרנישט. תּחילת האָט ער געדרייט, און מען זאָגט גאָר — עס איז אים געגאַנגען גוט. דערנאָך האָט זיך ביי אים אַ דריי געטאָן אויף צוריק און ער האָט אָנגעהויבן פֿאַלן... דער שווער זיינער איז געשטאָרבן. פֿאַרקלאַפּט האָט מען תּחילת די ציַ־רונג, דערנאָך די הייזער, אויסגעלאָזט האָט זיך אַלץ, און עס איז פֿון אַלעמען געוואָרן אַ תּל.

עס האָט שוין געהאַלטן ביי דעם, אַז ס'איז נישט געווען קיין ברויט אין שטוב, פֿון אַלע לעבער האָט געפּייפֿט דער אָרעמאַן. די קינדער האָבן אויסגעזען, אַז ס'איז געווען אַ גאָטס רחמנות אויף זיי צו קוקן, און ראובן אַליין מיט זיין ווייב האָבן געהאַט פּנימער, ווי ווען זיי וואָלטן אויפֿ־געשטאַנען נאָך אַ שלאַפֿקייט. עפּעס אַ קלייניקייט, אַז ביי אַ מענטשן טוט זיך אָפּ דאָס מזל, און וואָס דו טוסט און וואו דו רירסט זיך צו, גייט אַלץ קאַפּויער, כאָטש נעם און עק דיך... מילא, פֿריער האָט מען נאָך געדרייט, געלאָפֿן, געבאָרגט, צען מאָל געטריקנט דעם מוח, אַבי צו פֿאַרשטאָפּן אַ לאָך. אַצינד האָט דאָס אויך אויפֿגעהערט. ראובן איז ביי זיך אַזוי געפֿאַלן, אַז ער פּועלט גאָרנישט ביי זיך אַרויסצוגיין אין מאַרק און זען עפּעס צו טאָן, אַז אַ מזומנער זעקסער איז נישטאָ ביי דער נשמה, קיינער געטרויט אים נישט און עס איז שוין אַזוי, אַז ער נאַראַיעט עמעצן אַ מיסחרל, מוז יענער אַלץ צולייגן... אויפֿשטיין אינדערפֿרי און נישט וויסן, וואו נעמט מען היינט אויף אַ שטיקל ברויט, קומען אַהיים ביינאַכט און זיך לייגן שלאָפֿן מיט אַ ליידיקן מאָגן. רבונו־של־עולם! דו האָסט אַ סך באַשעפֿענישן אויף דער וועלט און איטלעכן גיסטו זיינס, פֿאַרוואָס מוז דער אַזוי פֿאַרוואַלגערט זיין? גיב אים אַ שטיקל חיונה. וויל ער דען אַ סך? גיב אים ברויט מיט זאַלץ און קאַרטאָפֿל פֿאַר די קינדער — דיין האַנט איז גרויס. טויזנט וועלטן געהערן דיר, און פֿאַר אַט־דעם יידן, וואָס איז אַן ערלעכער, וואָס דאַוונט, וואָס היט אָפּ וואָס דו האָסט געזאָגט, — האָסטו גאָרנישט!... און גאָט שווייגט, ער זעט מענטשן פֿאַלן אויפֿן פּנים און שטאַרבן פֿון הונגער און ער שווייגט...

איך זאָג אייך, אַז מען הויבט אָן צו טראַכטן פֿון זיינע דרכים, קען מען אַליין אַראָפּגיין פֿונעם חדר.

אונטער בלעך

וואָס־זשע וויל מען האָבן פֿון מיר? דרייצן מענטשן מיט מיילער, מיט הענט און מיט פֿיס האָבן זיך אַנידערגעזעצט אויף איינעמס קאָפּ, און אַלע מוטשען זיי דעם אַלטן טאַטן און לאָזן אים נישט אַ דעך צו טאָן. אַלץ הייסט דאָס: גיב, גיב, גיב! גיב היינט, גיב מאָרגן, גיב אין דער פֿרי, גיב בייטאָג. דער וויל דאָס, און דער וויל יענס. אַ שיך, אַ טולופּ, אַ קליידל, אַ היטל, אַ לערער, צי גלאַט אַזוי אַ דרייערל. דער האָט זיך פֿאַרגלוסט שפּילן קלאַוויר, די וויל לערנען טאַנצן. אויפֿגעגעסן ווערט אַ פֿאַרמעגן. אַלע וואָך אַ היטל צוקער, אַ פֿונט טיי. און פֿלייש און פֿיש, און גלאַט אַזוי די קיך מיט די דינסטן, און דאָ איז מען נאָך גאָרנישט יוצא. איטלעכער האָט טענות און איטלעכער באַקומט נאָך צו ווייניק. איטלעכער וויל, אַז מען זאָל אים האָבן אין זינען און רק אים נאָכגעבן, אים לאָזן פֿאָרן אויפֿן וועלאָסיפּעד, צי נעמען אַ בילעט אין טעאַטער. אַ קלייניקייט, היינט זיינען זיי אַלע פּריצים, מען גייט אַרום מיט די שטעקלעך, מיט די זיידענע זאָנטיקעס און דאָס טייסטערל איז קיינמאָל נישט ליידיק... און ווער מוז אַלץ געבן? איך, איך, דער טאַטע. איך מוז מיר ברעכן דעם קאָפּ מיט כּל המיני מיסחרים און פּסלנותן און האָבן טויזנט מאָל עגמת־נפֿש און שפּילן דעם נגיד... און זיי, וואָס פֿעלט זיי? דעם טאַטנס בייטל איז ווי אַ קוואַל, וואָס טאָר נישט פֿאַרשטאָפּט ווערן. גיי פּרוּווּ און זאָג: ניין! גיי פּרוּווּ און זאָג דער מאַדאַם דיינער, מען זאָל דאָס מאָל נישט מאַכן דאָס זיידענע קלייד, צי נישט קויפֿן די שמאַכטע. און פּרוּווּ און גיב אַ זאָג: טאָמער פֿאָרט מען דאָס יאָר נישט אין די בעדער? שלעכטע צייטן, איך בין פֿאַרבאָדן ביז איבערן קאָפּ. ווער הערט דיך און ווער פֿרעגט ביי דיר? האָסטו גענומען דעם עול אויף דיר, טאָ, הייסט דאָס, טראָג און טראָג; רייס אַראָפּ פֿון יענעם די הויט, אַבי גיב. אין פֿלוג בין איך דער שררה, און איך האָב די ביכער און דעם שליסל צו דער אייזערנער קאַסע און פֿיר די מסחרים אויף מיין נאָמען, איך קען יעדן צוזאָגן און אָפּזאָגן און אויף דער בערזע בין איך דער מאַכער, אין באַנק האָב איך אַ קאָנטע, און אַ חתימה פֿון מיר איז ווי פֿונעם קייסער — און באמת בין איך גאָר דער עבֿד כּנעני, ווי איר זעט מיך לעבן, און דין ביי זיי, האָרעווע אַלץ פֿאַר זיי און פֿאַר אויף קאָנטראַקטן פֿאַר זיי. און קיינמאָל זיך נישט אויסשלאָפֿן און קיינמאָל זיך נישט אויס־

רוען, עפּעס אַ קליינינקייט, אַז זיי האָבן מיך אָפּגעדונגען מיט מיינע ביינער, אַפילו מיין נשמה געהערט צו זיי... וואָס מיר סאָוויעסט, ווער מיר יושר, צי געבן גאָר אַ טראַכט: דאָס איז מיאוס פאַר גאָט, דאָס טאָר מען נישט. אַזוי לעבט מען און מען איז נאָך דער גרויסער נגיד און מען קומט אָפּ אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. און אָט־אַזוי זעט עס אויס ביי אונדז אין הארצן, וואָס מיר וואוינען אונטער בלעך...

אַ שיינע וועלט

פונעם הימל וואַרפט גאָט נישט אַראָפּ. אַז איך האָב אָבער פּלאַץ, ווילט זיך מיר בויען אַ שטוב, נישט גלאָט אַזוי אַ יאָכנע מיט אַ שטר־חצי־זכר, אַז דער איידעם מיינער זאָל זיך אַליין קויפן די סלופּעס, נאָר איך טאָקע אַליין וויל בויען אַ שטוב, מיט פענצטער און טירן, מיט זאָלן און אַלע פּיטשעווקעס. געלט האָב איך אַפילו נישט, אָבער צו וואָס טויג מיר געלט? דערפאַר האָב איך אַ שכן יאַנקל חיימס. ער האָט אויך אַ פּלאַץ, אָבער אַז ער האָט, האָט ער. ביים רב זאָגט ער, ליגט דער קנין. מיינער איז איינ־געשריבן ביים פּריץ. ער מאָנט מיך פון מי יודע וועו דעם צינז. מילא, אַז דו האָסט נישט, בוי נישט. נאָר איינער, בויען וויל איך טאָקע יאָ, כאַצקל פּערלס בויט אויך און האָט אויך נישט, הערשעלע קאָזאַק האַלט שוין ביים דאַך און האָט נישט זיין אייגנס אַ פּיאַטאַק, און טאָקע יחיאל אַליין, וואָס גיט געלט אויף פּראָצענט, איז אַ שטאַרקע סברה, אַז ערגעץ אַנדערש איז ער שולדיק, און יענער גביר כלומרשט, וואָס ליַיט אים, האָט אויך שוין נישט איין מאָל אָנגעזעצט. אַזוי איז די וועלט געגליכן צו אַ דריידל. אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט — נאָר ווייס איך נישט, וואָס זיי האָבן געזאָגט, גיי געדענק דאָס. דער עיקר איז, אַז איך וויל מיר בויען אַ שטוב, און יאַנקל דער שוטה, אויף מיר קוקנדיק, אויך. מילא, אַז דו ווילסט, כאַפּט דיך דער רוח. ווער לאָזט דיך נישט? אַז ער זאָגט אָבער: איך יאָ, און דו נישט. זאָג איך: פאַרוואָס איך נישט און דו יאָ? זאָגט ער: משומד איינער, דו וועסט מיר פאַרשטעלן די פענצטער. האָט איר געהערט אַ מעשה? ער האָט נאָך גאַרנישט און האָט שוין מורא. — ס'איז אָבער אַריין אין אַן עקשנות, ס'האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ קריגעכץ, זיין ווייב איז אַ מרשעת, מיינע איז אויך נישט פויל אויף די

ציין. טאַטע, מאַמע! די תּוכחה, זאָג איך אייך, און אינעם האַרצן ווייס איך אַליין נישט ווער ס׳איז גערעכט, אָבער אַ פּאַדלעץ איז ער פֿאָרט. וואָס וויל ער האָבן פֿון מיר מיט זיין טיקאַכץ? זאָל איך נישט בויען, ווייל ער האָט נישט קיין חשק, צי זאָל איך אים גיין בעטן מחילה, אַז מיין ווייב האָט זיך ביינאַכט פֿאַרגנבעט, און האָט אויסגעגאָסן אַ צעבער וואַסער פֿאַר זיין טיר? אַז מען וואוינט נעבן אַזאַ מענטשן, איז מען שוין נישט צו לייטן גלייך. איך וויל אייך דערציילן בקיצור, ער האָט מיך געמסרט, אַז איך פֿאַרקויף טרייפֿענעם טיטון, און איך אים, אַז ער האָט נישט קיין בלעטל; בלבולים, אָבער ס׳איז אַריין, אין אַן עקשנות. צדדים פֿוןביידע זייטן, שמעיה, ראובן, גדליה, מענדל, לייצע, רבקה און יאַנקל פֿון מיל זיינען אויף מיין זייט; יונתן, קלמן, מייטע, סענדער און קאַצי־קוצי — אויף זיין זייט; הויבן זיך אָן ביים רב דין־תּורות. און אַז עס קומט צו פּסק־געלט, זאָג איך: ר׳ משה, מיטן הונט איז נישטאָ וואָס צו רעדן. אַז די רביצין האָט רחמנות און גיט מיר אַ גלאָז טיי, בין איך מיך מחיה. צוויי שעה כּסדר געשריגן אויף אַלע כּלים, עפּעס אַ קליי־ניקייט. איך וויל נישט מאַריך זיין, איר מיינט, אַזוי גיך נעמט דאָס אַן עק? מילא, ער וויל גאָרנישט בויען; אָבער איך וויל יאָ און בוי אויך נישט. אַ שידוך טאָן מיט אַ מיידל איז בילכער. קומט צו מיין בעל־מחלוקת אַראָפּ אַ זון עפּעס אַ גאַנצער פּריצל. משה נאָז, אַזאַ חצוף, דער־טאַפּט מיך אין קלויז און וויל פֿון מיר, אַז איך זאָל זיך מיט דעם דם שונא מיינעם משדך זיין און זיי, חתן־כּלה, אַוועקגעבן אין נדן דעם שותּפֿותדיקן פּלאַץ. ביסטו משוגע צי מטורף, נאַדיר אַ שוואַרץ יאָר, ווער רעדט פֿון שותּפֿות? מיין ווייב שפּרינגט שיער פֿון דער הויט. איז אַראָפּגעקומען אין שטאָט אַ רבי און זאָגט: ס׳איז אַ זיווג... איך וויל נישט הערן, דער סוף איז געווען: מיין טאָכטער האָט געמוזט נעמען זיין זון. ביי דער חופּה האָב איך מיך אַפֿילו געשעמט. אַ דור איז דאָס, אַ שיינע וועלט!

עסקים

אַז דער גאַנצער עסק איז בסך־הכּל נישט ווערט קיין דרייערל. וואָס־זשע איז דאָס פֿאַר אַ מין מענטש? ער וויינט אויף מיין קאָפּ. די קאַפּאָטע האָב איך אים געקוילעט? איך וויל אים אַוועקגעבן די שטוב, יאָ! פֿאַר־

וואָס־זשע וויל ער נישט באַצאָלן, דער פֿאַרד? אַפֿילו נישט ער איז מיר שולדיק, דער שווער זיינער איז דאָס, אָבער ער האָט דאָך געגעבן דעם קוויט. וואָס־זשע האָט ער זיך געמיינט, גלאַט נעמען אַ פּען און חתמענען זיך: אני החתום מטה שמעון בערל ראובן פּאַסטערנאַק, אַבי מיר פֿאַרשטאָפּן דאָס מויל? וואָס־זשע טו איך? איך דערלאַנג אין סוד. מען פֿרעגט מיך, מען פֿרעגט אים, עפּעס אַן אַדוואָקאַט זיינער, אַ משו־געגער יונג, רופֿט מיך אַרויס און וויל אונדז אויסגלייכן. טאָמער ווייסט איר ווי אַזוי? אַ מפּלה אויף זיין קאָפּ! איך זאָל דערוויַיל באַהאַלטן דעם קוויט און ער זאָל דערווייל בלייבן זיצן אין מיין שטוב. אַז ער וועט זיך אַמאָל אויסקראַצן און וועט האָבן פֿון וואַנען, וועט ער מיר באַצאָלן...

וואָס־זשע מיינט איר איז געוועזן דער סוף? אַז מען האָט אים פֿאַר־סודיעט און עס איז געקומען צום איבערשרייבן די שטוב, שטעלט זיך אַרויס, אַז ס'איז גאָר נישטאָ קיין קנין אויף דער שטוב. מילא, אַז אַ ייד וויל נישט צאָלן און שרייבט אַלץ איבער אויפֿן ווייבס נאָמען, איז דאָס בדרך הטבע, אָבער גזלן איינער, וועמעס שטוב איז דאָס? כאַטש גיי און שריי חי וקיים. וואָס־זשע טו איך? אַז ס'איז יאָ נישטאָ קיין קנין, בין איך זיך מישב, דינג אַ מענטשן אויפֿן טאָג און הויב אָן אַרומצוגראָבן זיין פּלאַץ, וואָס איז נעבן מיין שטוב. אַצינד שרייט ער געוואַלד. אַקיצור — אַהין, אַהער, אַ געפּילדער, די גאַס איז אויף, מענטשן לייגן זיך אַריין, מען גייט צום רב! אַ ברירה האָב איך? אַז פֿרעמדע הענט האָבן מיר אויך נישט געהאָלפֿן.

און דאָ הויבט זיך אָן אַ נייע סדרה. גביות עדותן, טענות, איך שריי — אַ פּשרה! שרייט ער: ניין, אַן אמתע דין תורה! וואָס־זשע איז די גדולה מיט דיר? מיינסט איך האָב מורא פֿאַר דעם? זאָל זיין אַן אמתע דין תורה. אָבער דאָס וויל איך: איינלייגן זאָל ער! וואָס־זשע זאָל איך איינלייגן, זאָגט ער, די נשמה מיינע? דיין ווייבס פּערל זאָלסטו איינלייגן. אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. אַ פֿייג וועל איך דיר געבן! איך וויל אים פּאַטשן. דער רב לאָזט נישט, די רביצין שפּרינגט אַריין אַ דערשראָקענע: וואָס איז געשען? גאַרנישט איז געשען, אַ הונט איז ער, איך וויל אים וויַיזן, ווי אַזוי איך קאָן מיך נוקם זיין.

מיין רב איז מיר אַ תמעוואַטער ייד און זאָגט: טשעפּעט זיך אָפּ פֿון מיר און גייט צו די בוררים. מיט מיין בורר בין איך כלומרשט אַ

קנעפּל. ער קומט צו מיר רעדן, אַז ער גייט פֿון דאַווענען, דערווייל לייט ער ביי מיר אַ פֿינפֿערל און דערנאָך אַ קערבל. זיין בורר איז אַ שובעניק און אַ ממזר פֿון אַ יונג. שוין צוויי וואָכן, אַז ער דרייט און דרייט. איך בין טשיקאַווע, ווי אַזוי איך וועל אָפּשניידן ביים פּסק. מאָטל יחיאלס איז דער שליש. מיינט איר, אַז עס נוצט מיר עפּעס? אַז בסך־הכּל איז דער גאַנצער עסק נישט ווערט קיין דרייערל.

אויפֿצייכנונגען

זיך פֿאַרפֿלאָנטערט

ר׳ יאָסל, איך מוז אויסגיסן פֿאַר אייך מיין האַרץ. גאָט אַליין און איר וועט מיך פֿאַרשטיין. צווישן אונדז רעדנדיק, וואָס זיינען דאָס פֿאַר אַ מענטשן די פֿאַקיטילאָווער, ריינע סקאָטינעס. צי ווייסן זיי, וואָס מיר טוט ווי אין איטלעכער ריפּ, און וואָס איך האָב אויסגעליטן? אַז מען ליגט נישט ביי אונדז טויט־קראַנק, און דער פֿעלדשער קומט נישט, און עס שטייען נישט אַ שאָק סלאָיעקלעך און פֿלעשלעך אויפֿן טיש און מען האַלט נישט שוין ביי דער קבורה, גלויבט מען נישט אַז מען איז קראַנק און מען דאַרף שוין אָנהויבן זאָגן תהילים... גייט מען אָבער אַרום, דאַכט זיך, געזונט און מען האַנדלט און מען קומט אַריין אין בית המדרש און מען רעדט מיט אַ מענטשן, מיינען זיי, אַז עס ׳גייט אייך גאָרנישט אָפּ, נאָר דאָס ביסל פּרנסה. וואָס איז שייך, וואָס דען קען אַ ייד האָבן אין זינען און׳ וועגן וואָס קען ער זיך דאַרן דעם קאָפּ, אַז ניט וועגן פּרנסה?

אויף צו־להכעיס האָב איך יאָ פּרנסה, און אַז איך וויל, פֿעלט מיר גאָרנישט. דאָס הייסט פֿעלן פֿעלט מיר אַ סך: אַ געזונט ווייב. מיינע איז, לא עליכם, אַ חולנית שוין צען יאָר. זי גייט אַרום און קאָכט אַ ביסל און שטריקט אַ זאָק, אָבער ניט איין ביין איז ביי איר גאַנץ. געקומען איז דאָס ביי איר פֿון אַ קימפּעט... דאָס ערשטע יאָר האָט דאָס מיר געריסן ביים האַרצן און איך האָב איר געשטופּט גאַנצע צענערלעך, אַבי זי זאָל עפּעס טאָן. דערנאָך האָט מיך דאָס אָבער אָנגעהויבן צו אַרן... פֿאַרוואָס זאָל גראָד זי נישט ווערן געזונט און תמיד קרענקען? ווייס איך, אַזאַ זאַך ווערט נמאס...

וואָס־זשע טוט גאָט, קומט צו פֿאָרן מיינע אַ פּלימעניצע, אַ ווייבל, אַ שטיקל עגונה, און בלייבט ביי אונדז צוויי וואָכן. אויף איין מאָל וואַקסט אויס אַ מענטש ביים טיש מיט אַ פּאָר רויטע באַקן און אַ געזונט שטיק — און גאָרנישט... איך זיץ און לעפֿל די זופּ, ס׳דערקוטשעט מיר עפּעס... צוגעלאָזט איז זי אויך צו מיר אַ ביסל; איך וואָלט געגעבן

מי יודע וויפֿל, אַז זי וואָלט געוועזן מיינע. מיינע איז אָבער קראַנק, און דאָס איז אַ קרובֿה און מען טאָר נישט. אַ ייד טאָר נישט אַנרירן אַ פֿרעמדע נקבֿה און פֿאַר איין ריר איז צען יאָר גיהנום. וואָלט זי זיך אויפֿגעהויבן און וואָלט אַוועקגעפֿאָרן... איך וואָלט געדאַנקט גאָט. זי פֿאָרט אָבער נישט, און מיר דערקוטשעט עס אין האַרצן ביז צום שטאַרבן.

אַוועקגעפֿאָרן איז זי שוין. אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט. איר פּנים האָט זיך מיר איינגעפֿרעסן אין האַרצן, ווי אַ שד. מאָלט איך אויס, אַ ייד ווי איך פֿון איבער פֿערציק יאָר, און קיינער וואָלט אויף מיר אַזוינס נישט געגלויבט. און איך גיי אַרום האַנדל, קויף פֿאַרקויף, און האָב עפּעס אין זינען, וואָס דער רוח ווייסט דאָס. אַז מיינע וואָלט דאָס געוואוסט, וואָלט זי געשטאָרבן פֿון שרעק! און ס'רובֿ, אַז עס דערגייט מיר, גלוסט זיך מיר איר צו זאָגן: פֿאַרוואָס ביסטו נישט ווי יענטע? יענטע איז, ווי איר פֿאַרשטייט, די פּלימעניצע. איך בייס מיר אין מויל און זאָג מיר: ביסט דאָך נישט קיין קאָוואַל צי אַ באַלמעלאָכע. אין בית המדרש האָסטו אַ שטאָט אין שפּיגל. שעם זיך פֿאַר זיך אַליין. און איך שעם זיך גאָרנישט, און איך טראַכט נאָר פֿון יענער. אַן אַנ־דערער וואָלט נישט געסמעיעט דאָס צו זאָגן און וואָלט זיך צען מאָל אָפּ־געביסן די צונג, אָבער איך דערצייל איך אַלץ. איך האַלט דאָס נישט מער אויס. טאָג און נאַכט טראַכט איך אַלץ פֿון יענער. וואוהין איך גיי, שטייט זי מיר פֿאַר די אויגן; איך זאָג איך, אַז איך גיי נישט אַראָפּ פֿון זינען איז דאָס אַ נס.

דער דאָרפֿס־ייִד

וואָרט אין וואָרט נאָכנאָטירט

ר' יאָסל, איך קאָן גאָרנישט רעדן. קענען קענט איר מיך גוט. אַ ייִד בין איך, און גלאַט אַזוי, אַ פּראָסטער. ערגעץ־וואו בין איך געבוירן. מיין טאַטן האָט מען גערופֿן יאַנקל. אַוואו האַלט איך? אַז דער קאָפּ דרייט זיך מיר. איר פֿאַרשטייט, אַז דאָס לשון קלעפּט זיך מיר נישט אויף ייִדיש, אַז מען איז שטענדיק צווישן גויים, פֿאַרגעסט מען אָפֿילו דאָס ביסל עבֿרי. נעכטן איז צו מיר געקומען דער פּריסטאַוו. — אַ קלייטל האָב

איך, האָלט אַ ביסל דיאַגאַט, צוקער, בראַנפּן אין אַ פלאַש, אַ שטריקל, אַ טשוואַק, גאַרנישט, ס׳ציקעט זיך... איר זעגט אַפּנים פון זייערע לייט, וואָרים איך זע, איר גאָלט די באָרד... וואוינען וואוין איך אין אַקסאַנינע, קינדער האָב איך נישט, אויך מיט יענער האָב איך נישט געהאַט קיין קינדער. זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, ביי אייך אין יענע מקו־מות זיינען דאָך אויך פאַראַן דערפער, טאָרן דאָרט וואוינען יידן? ווילט איר מיך אויסהערן? האָב איך אייך שוין געזאָגט ווי איך הייס? בן ציון הייס איך, בן ציון קאַזאַנקאָוו — אַזוי חתמע איך זיך. אַ נכתב בין איך פון קאַמענעצער גובערניע, מילא, אַז איך האָב ניט קיין קינדער, האָב איך מיך געטרעשעט, נישט צו האָבן קיין קינדער. איר מוזט דאָס פאַרשטיין, היינט איז דינסטיק, יאָ, אייערנעכטן איז ביי מיר געווען דער פריסטאַוו. איך וויל אייך עפּעס זאָגן, פאַזוואָליעט מיר זיך אַ ביסל אָנידערצוזעצן, איר ווייסט: די פיס. איר האָט אייך דאָ אָפּגעדונגען אַ גוט שטיבל ביי חיימען, נעכטן האָט מיר אַ כפרהניק געזאָגט, אַז עס וועט זיין מלחמה, איר מוזט דאָס אוודאי וויסן. נו, וויל איך אייך דערציילן מיט אַ טאָלק. פאַרוואָס בין איך צו אייך גע־קומען? אַז איך האָב געהערט, אַז איר זענט דאָ, האָב איך מיר געזאָגט: אַי, ווינאָוואַט. איך האָב געהערט, אַז איר וואוינט נאָך ערגעץ ווייטער פון רוסלאַנד און דאָרטן זיינען אַלע מענטשן דייטשן, ווייס איך, אַז איך בין געקומען צו אייך, האָב איך מיר געטראַכט, איר זענט דער מענטש, וואָס קען געבן אַן עצה. איר פאַרשטייט: זי, אַ יידענע, וויל אַ קינד און זי דאָקטערט זיך ביי פעלדשערס און ביי טאָטערס. די אויגן זיינען איר שוין שיער אויפגעפּרעסן פון די קרייטעכצן און געוויכערטע קוילן. פריער איז געווען אַ גויה אַ מכשפה, און זי האָט געזאָגט, אַז איך מוז אויך טרינקען פון אַ מין; דערנאָך האָט דער רוח אונטערגעטראָגן אַן אַנדער מין שלאַק, אַ טרעפער אויף קאָרטן. האָט קיין פאַריבל נישט, טאָמער קען איך ביי אייך קריגן אַ גלאָז וואַסער צום טרינקען. קכי, קכי, קכי. (ער פאַרהוסט זיך).

איך וויל אָנהויבן פון אָנהויב, נאָר איך זע, אַז איר האָט נישט קיין צייט, וואָרים איר קוקט אויפן זייגער... איך בעט אייך נאָך אַ מינוט־קעלע. ביי וואָס בין איך געבליבן? איר פאַרשטייט, אַז איך הויב אָן צו רעדן, ווער איך ווי זאַמעשאַיעט. דער קאָפּ, דער קאָפּ, איר ווייסט נישט, וואָס מיר קומט אַריין אין זינען, אַז איך זע אייך דאָ זיצנדיק,

און איך קען אייער טאַטן. עפּעס אַמאָל, צוריק מיט פֿערציק יאָר, בין איך אויך געווען אַ ייִנגל. יענע יאָרן, ווער האָט געהאַט מחשבות? וואָס־זשע האָב איך אייך געוואָלט דערציילן? איך זע, מען סודעט זיך פֿון מיר. נעם איך זיך צו איר: זאָג אויס, וואָס האָט איר אויסגעטראַכט, וואָרים ווען נישט, צעברעך איך דיר די ביינער! זאָגט זי, זי טוט עפּעס... מילא, אַז דו טוסט — טו, אָבער וואָס וויל דער בחור? ער איז אַ שטיק רופֿא. אַ רופֿא איז ער, אַ רוח אין זיין טאַטנס טאַטן און אין זיין מאַמעס מאַמען! הערט מיך אויס ר׳ יאָסל, האָט קיין פֿאַראיבל נישט, אַז איך זאָג צו אייך יאָסל. ביי וואָס בין איך געבליבן! אַז דער פּריסטאַוו איז געקומען צו מיר, האָב איך צו אים געזאָגט, טו מיט מיר, וואָס דו ווילסט. דער מענטש האָט צוגעגנבעט די לעפֿל און די בעכערלעך, געזאָגט האָט ער, אַז ער מוז זיי האָבן, כּדי זיי צעשמעלצן אינאיינעם מיט בליי און דאָס טעפּל אַריינשטעלן אין בעט אַריין צוקאָפּנס... אַז דער פּריסטאַוו איז אַוועקגעגאַנגען, גיב איך מיר אַ קלער, טאָמער איז גאָרנישט גוט, אַז איך האָב אים אַלץ דערציילט. מילא ער, דער בחור, קען פֿוילן אין אָסטראָג, אָבער זי וועט דאָך זיין זאַמעשאַיעט. זיך גיין לאָדן מיט זיי און האָבן צו טאָן מיט זיי! אָבער וואָס זאָגט איר צו דעם גנב? דאָקטערט און דאָקטערט, און צום סוף לאָזט זיך אַרויס אַזאַ מאָשענסטווע. לעפֿל פֿון ריינע זילבער, וואָס איך האָב זיי שוין צוואַנציק יאָר, ווילט זיך אים זיי צעשמעלצן מיט בליי. אַזאַ מאָשעניק. די גאַנצע וועלט איז גאָלע מאָשעניקעס. גלויבט קיינעם נישט, ר׳ יאָסל!

אַ ציגאַר

יאָסל שמעונס בין איך. דערמאָנט איר זיך נאָך? בין איך דאָך געזעסן נעבן אייער רבין, אַז איר זענט נאָך געגאַנגען אין חדר. די צייט לויפֿט! עס קומט מיר אויס, ווי עס וואָלט דאָס געווען נעכטן, אַז איר האָט נאָך געלערנט ביי למכן; און איך האָב נאָך געזאָגט צו אייך „דו". מיין ווייב לייצע, זאָל זי האָבן דעם ליכטיקן גן־עדן, זי האָט געהאַט אויגן. זי פֿלעגט מיר תּמיד זאָגן: דו וועסט זען, אַז פֿון יאָסלען דעם רבס וועט נאָך אַרויסקומען אַ גרויס, און אַצינד זיצט איר אין פּרייסן, אין דער ווייטער מדינה, און מיר זיצן דאָ און בידעווען... דעמאָלט, נאָך איידער איר זענט אַוועקגעפֿאָרן, זיינען געווען גאָר אַנדערע יאָרן. היינט

דריי זיך יאָ, דריי זיך נישט, געלט וואַקסט שוין נישט מער ווי אוגער־קעס. איך וואָלט געוואָלט זיין אַ בעלן צו וויסן, אויף וויפיל זיצט איר דאָרטן אַ חודש? אַז איר ווילט זיין אַ גוטער, טאָ גיט מיר אַ ציגאַר טיטון. טאָמער ווילט איר מיך ערגעץ שיקן, וועל איך באַלד גיין. עס וועט ביי מיר זיין אַ כבוד, אַז איר וועט מיך מטריח זיין. גלויבט מיר, אַ פּועל־בטל בין איך נישט. אָבער ביי אונדז איז היינט נישטאָ וואָס צו טאָן; און טו אַפילו יאָ, לייגט מען צו.

איז דאָס אָבער אַ ציגאַר, וואָס איר האָט מיר געגעבן! אַזוינס האָב איך נאָך קיין מאָל נישט געראויכערט. איך מוז אים אויסרויכערן אינגאַנצן, ניין — איך וועל אים נישט אויסרויכערן אינגאַנצן און אָלע־מען ווייזן, וואָס איר האָט מיר געגעבן. איך וועל אים אַרומטראָגן ביי מיר כל־ימי.

פון טעפּ צו פּראָסע

איר פרעגט מיך, צי איך האָב קינדער? איר מאַכט אַוודאי הוזק פון מיר. אַכט קינדער האָב איך מיט לעבן און געזונט. איינע איז אויס־געגעבן, דאַנק גאָט. מיין איידעם איז אַ קירזנער און הייסט אייזיק. נאָך איר האָב איך צוויי יינגלעך, וואָס לערנען זיך ביידע פאַר סטאָליאַרעס. ווידער אַ מיידל פון צוועלף יאָר, נעבעך טויבלעך און הערט נישט גוט; און נאָך פיר פּיסקליאַטעס, קליינוואַרג! איך אַליין האַנדל מיט טעפּ און שטיי אויפן מאַרק. עשירות זעט מען נישט דערפון, אָבער עס ציקעט זיך... דער גוי איז היינט נישט דאָס וואָס אַמאָל, און דער פּריץ, אַז ער קויפט פאַר זיבעציק קאָפּיקעס און גיט אַ קערבל, שעמט ער זיך נישט צו נעמען סדאַטשע, ווי פריער... אַז איך וואָלט געהאַט געלט און וואָלט געקענט האַנדלען מיט פּראָסע, וואָלט איך אַצינד געקאָנט עפּעס אָפּלייגן. איך זאָג אייך, ר׳ יאָסל, אַז איר וואָלט דאָ געבליבן, און וואָלט געוואָלט מאַכן אַ ביסל געלט, וואָלט איך אייך געקענט געבן אַן עצה: קויפן פּראָסע... וואָס קוקט איר מיך אָן? איר אַליין באַדאַרפט נישט צוצולייגן קיין האַנט. איך קען אייך ברענגען תיכף דריי ייִדלעך, וואָס זאָלן פאַר אייך טאָן...

אײדעמס

שמעיה ראובן נחמן פייסיס בין איך. אָט־דאָס וואָלט איך אייך גע־וואָלט דערציילן. איך בין עפּעס אייערס אַ פּאַניע־בראַטשע? אַ ייד בין איך, ווי אַלע יידן. אַז איר ווילט, פֿאַרשטיי איך אַ ביסל אין אַלעמען; אָבער, אַז דער קאָפּ איז דערשלאָגן... וואָס זאָגט איר, וועט זיין אַ געראָטן יאָר? איך זאָג אייך, ר׳ יאָסל, מען קאָן דאָס גאָרנישט וויסן. גייט שוין יאָ אַ רעגן, גייט עס דערנאָך נישט; איז שוין יאָ אַ גרויסער יאַריד, וויל דער פּויער זעכציק קאָפּיקעס אַ פּוד, כאָטש גיי שריי דיר אויס די קישקעס. אַזוי לעבט מען אָפּ די יאָרן, איך בין שוין קרוב לחמישים. פֿאַרוואָס איך בין צו אייך געקומען? איר ווייסט נישט? גלאַט אַזוי; איך האָב נאָר געוואָלט מיט אייך שמועסן און אייך דערציילן. נישט דאָ געדאַכט, איז ביי מיר אַ טאָכטער אַראָפּ פֿון זינען, שוין לאַנג. אַז עס איז באַשערט אַן אומגליק, העלפֿט נישט. מיינט איר, אַז דער רופֿא ווייסט עפּעס? איך ווייס שוין מער פֿון אים. לאָמיר זיך נישט נאַרן, וואָס איז היינטיקע צייטן דער מענטש? אַז מען לעבט שוין יאָ, שטראָפֿט גאָט. אַז מען האָלט שוין ביים איבערקערן די קעשענע, פֿאַלט אַרויס דער לעצטער זעקסער און קאַטשעט זיך און קאַטשעט זיך. צו וואָס־זשע טויג אַלץ? אין די ספֿרים קען איך נישט לייענען. איר ווילט וויסן דעם תּכלית? אָט נעמט אַ פֿיש און צעהאַקט אים אויף פּיצלעך. איך זאָג אייך, ס׳איז גאָרנישט...

ווי אַזוי ס׳איז געקומען מיט מיין טאָכטער? גאָרנישט, אַז דאָס אומגליק איז געשען פּלוצים. דאַכט זיך אַ געזונט ווייבל. דער מאַן איז אַפֿילו אַ ירא־שמים און אויסגעטונקען אין יחוס, אָבער אַ נהרג על פּחות משווה פּרוטה. ווייס איך, מען זאָגט, איר איז דאָס געקומען פֿון אַ קימ־פּעט, דאָס הייסט, דאָס קינד האָט זיך באַלד אָפּגעטראָגן. אַז שלמה המלך האָט געזאָגט: ורחמיו על כּל מעשיו. מילא קראַנק זיין פֿאַרשטיי איך, אָבער אַזוי זיך מוטשען! מיר ביידע, איך און מיין ווייב, האָבן שוין נישט קיין כּוחות. ער איז אַוועקגעפֿאָרן און לערנט זיך דערוויל שחיטה. וואָס־זשע זאָלן מיר טאָן? פֿאָרט אַ טאָכטער, אַ צער בעלי חיים.

וואָס־זשע וויל איך פֿון אייך? אַן עצה וויל איך אייך פֿרעגן. פֿאַר־שטייט איר, ביז פֿון העמד קענען מיר אונדז אויך נישט אויסטאָן, ס׳זיינען דאָ נאָך קינדער... מען זאָגט, ס׳זיינען דאָ הייזער, וואו מען נעמט

אַזוי׳נע אַן, עפּעס אין ווינציצע׳ ווייס איך. ס׳איז אַוודאי אַ ווייטאָג. אַ טייל זאָגן, פֿאַרט מיט איר קיין אַדעס.

איך וויל אייך עפּעס זאָגן, אַז דער מענטש גיט אַ טראַכט, האָט ער נישט וואָס צו פֿאַרלירן, סיי אויף דער וועלט, סיי אויף יענער וועלט. אַז מען זיצט דאָ אָפּ די יאָרן אין קרענק, וואָס־זשע איז די פּעולה פֿונעם גאַנצן? זיך אָפּגעמוטשעט, נישטאָ קיין געלט, נישטאָ קיין נחת פֿון קינדער און נאָך אַזעלכע עגמת־נפֿשן. וואָלט איך איר געוועזן חתונה געמאַכט מיט אַ פּראָסטן יידן, — אויף השגחה זאָל מען נישט רעדן. אָבער איך זאָג אייך, אַלע די, וואָס זיי זיינען גאָט אין ציצית, זיינען גוט פֿאַר זיך, פֿאַר אײדעמס זאָל זיי קיין ייד נישט קענען...

דער בעל מחבר

אַז איר וואָלט געוועזן אַ גוטער, וואָלט איר מיר דערקלערט דעם ענין פֿון גלגלים. די זון איז דאָ בייטאָג, די לבנה — ביינאַכט, די שטערן זיינען גאָר אַן אַ שיעור... אַמאָליקע יאָרן זיינען די גדולים געוועזן גרויסע תּוכנים, די היינטיקע לומדים קענען קוים חשבון. פֿאַרוואָס גייט רעגן, פֿאַרוואָס וואַקסט דאָ ווייץ און דאָ קאָרן? אַ דאָס איז טאַקע דער ענין פֿון דער טבע. און אַלע זשוקלעך און משה רבינוס פֿערדעלעך, וואָס זיי קריכן אַרום, צו וואָס טויגן זיי? אַלע חכמות משיג צו זיין איז גאָרנישט פֿאַר אַ ילוד־אשה. טוט מען זיך אַריין אין די ספֿרים, זעט מען, אַז זיי אַלע זיינען געוועזן גרויסע בעלי מוחות און מענטשן מיט קעפּ. זאָגט מיר, איך בעט אייך, איך האָב געהערט, אַז איר האָט אויך געשריבן ספֿרים, איר זענט דאָך אָבער גאָרנישט פֿרום: אונדזערע חכמים האָבן אַלע געהאַט רוח־הקודש און אַז זיי האָבן עפּעס געזאָגט, איז דאָס געוועזן, ווייל זיי האָבן געהאַט דעם וויטן קוק... וואָס־זשע וויל איך מיך מיט אייך מישב זיין? עס האָט זיך מיר פֿאַרגלוסט צו מאַכן אַ ספֿרל אויף חקירה. אַז איר וואָלט געוואָלט דאָס איבערלייענען! דרוקן קענט איר עס אַוודאי ערגעץ אין ווילנע, צי אין בערדיטשעוו. אַז בסך־הכּל, טראַכט איך ביי מיר, אַז דו וועסט דאָס אָפּדרוקן, קענסטו נאָך אַריינפֿאַלן אין גאוות. אָבער טשיקאַווע איז טאַקע צו זען פֿון זיך אַ ספֿרל. אַן אַנדערן וואָלט איך דאָס נישט געזאָגט, אייך — יאָ. מיינט איר, אַז ביי אונדז אין שטעטל פֿאַר־שטייט עמיצער עפּעס, כאָטש אַ שטיקל אבן־עזרא צי אַ רד״ק — אסור!

זאָגט מיר, איך בעט אייך, איר וואוינט דאָך אין בערלין. מילא, די יידן רעדן דאָרטן דייטש. אָבער די גויים, וואָסער לשון רעדן זיי? איז ביי זיי אויך אַלץ אויף רוסיש? וואָס ביי מיר בלייבט אַ קשיה, איז, וואָס דאָרטן זיינען אויך די גויים מחבר ספֿרים. מילא, אין דעם רמב״מס ציַיטן זיינען געווען די טבעיים, אריסטו למשל. אָבער היינט? — אַז איר וועט איבערלייענען מיין ספֿרל וועט איר זען, ווי אַזוי איך טייטש אויס דעם פּסוק; כאיל תערוג על אפיקי מים. טאָמער, מיינט איר, איך וויל עס דרוקן אָן הסכמות? אַז איר וואָלט נישט געווען אין גאַנצן פֿון זייערע לייט, וואָלט איר מיר געקענט עפּעס אויפֿשרייבן. וואָס־זשע אַרט מיך אייער דאָקטער? פֿאַר מיר זענט איר נאָך עד־היום יאָסל דעם רבס.

איציקל

איציקל בין איך, איציקל וואָלפֿס. דאָס הייסט איציקל האָט געהייסן איר טאַטע, מיין ווייבס. איר הערט מיך? ווי איך בין אַ ייד מיט באָרד און פּאות, אַז איך האָב אייך, ר׳ יאָסל דערזען, האָב איך מיך אָנגעהויבן צו שלאָגן אָשמנו. אַז מען זעט איינעם ערשט נאָך צען, מוז מען דאָך מאַכן אַ ברכה, איז דאָס נישט אַזוי? אָקאָרשט, מיינט איר, איך בין אַ פּראָסטאַק און פֿאַרשטיי גאָרנישט אין דעם; אַז איך אָבער לאָז מיך צו צו אַ מענטשן, האָט ער פֿון מיר הנאה. ווייסט איר, אַז איר זענט נישט געווען אין דער היים האָט מיך אַ פּור איבערגעפֿאָרן; אַ יאָ, מען על־טערט זיך. איר דערמאָנט זיך גאָרנישט וועגן מיר, חידושט מיך אַפֿילו. איר זענט אָפּנים שוין פֿון זייערע, ווייט מאַכט ווייט. אַ שטייגער וואָלט איך געוואָלט וויסן, וואָס זיינען ביי אייך די עסקים אין יענע לענדער? יידן זיינען דאָך דאָרטן אויך פֿאַראַן. ווי הייסט, פֿאַרוואָס זאָלן דאָרט נישט זיין קיין יידן? אַז ברוך השם זיינען מיר אַלע איינ־איינעם. איך זע, איר קוקט מיך אָן און גלויבט מיר נישט. פֿרעגט ביי אייער טאַטן אויף מיר. כ׳לעבן, אַז איך זאָג׳ איז געזאָגט, און אַז איך רעד, איז גערעדט. וואָס וויל איך דען פֿון אייך, קענט איר ראַטשילדן? טאָמער וואָלט ער מיר געגעבן שי״ן קערבלעך נישט אויף אייביק נאָר אויף אויסצוצאָלן. אַז ער האָט ממון קורח, און איך האָב גאָרנישט. אַז ער נעמט זיך פֿאַר אַלע יידן, איז פֿאַרוואָס פֿאַר מיר נישט? איציקל איז

טאַקע איציקל און זיין נשמה איז אויך נישט פֿון קלאַטשע. אַז איר וואָלט מיר דאָס אויפֿגעשריבן. — טאָמער נעמט ער מיך אָהין קיין אַרגענטינע. אַז פֿאָרן פֿאָר איך באַלד, ווי איך שטיי און גיי. זאָגט מען מיר: האָק האָלץ, האָק איך האָלץ; טראָג שטיינער, טראָג איך שטיינער; אַבי פֿאַר־דינען. זעט איר, איך טראָג אַ קאַפּאָטע פֿון צוואַנציק גראָשן אַן אַרשין שוין יאָרן, מער באַדאַרף איך נישט פֿאַר זיך; מפֿרנס זיין דאָס ווייב, דאָס יאָ, צו געבן די קינדער ברויט, יאָ. וואָס האָבן זיי געזינדיקט? גיין, איר ווייסט נישט, ווי מען לעבט אַצינד ביי אונדז.

אויף הוצאות

אַז איך וואָלט געווען אַליין אַ באַלעבאָס, וואָלט איך אפֿשר געווען אַ ביסל בעסער; אָבער אַז מען איז ביי דער שוויגער, צוויי מכשפֿות אין איין שטוב, זי און מיינע! טאָמער מיינט איר, איך טו נישט אַקוראַט, וואָס זיי ווילן, צי גאָר ליידיק גיין. גלויבט מיר, איך טו אַלץ און גיב אויף אַלץ אַכטונג, אָבער גיי, טרעף זיי צו! אַן אמתער בלבול, זאָג איך אייך, ערגער ווי ביים ערגסטן מלמד אין חדר... קינדער האָט מען עטלעכע. ביי אַלעמען בין איך די ניאַנקע. ברכות לייגט מען אין מיר אַריין געגנוג. אַ רוח אין דיין טאַטן און אין דיין טאַטנס טאַטן. אויס־געריסן זאָלסטו ווערן, פֿאַרשרפֿעט זאָלסטו ווערן, המגס מפּלה זאָלסטו האָבן; זאָלסט דיר צעברעכן הענט און פֿיס און זאָלסט גיין אויף קוליעס. איך זאָג אייך, דאָס איז נאָך גאָרנישט. אַז זיי הויבן אָן צו שעלטן, גייט עס ווי אַ זאַווערוכע, אויף קיין יידישער שטוב נישט געזאָגט געוואָרן; אַז מען האָלט דאָס אויס, איז מען שטאַרקער פֿון אייזן.

כ׳בעט אייך, ר׳ יאָסל, טאָמער וואָלט איך אַוועק אין יענע מקומות? ר׳ באַראָן הירש, לעבט ער נאָך? די ציונים טוען אויך עפּעס? דאָס איז אָבער אַ מין זאַך, וואָס מען שטעלט דערביי איין דאָס לעבן. געלט גיבן זיי? אַז נישט געלט, טאָ וואָס דען? זענט איר פֿון זייערע, איך וואָלט געוואָלט מיט אייך שמועסן. מאָנטיפֿיאָרי, זעט איר, דאָס איז געווען אַ ראָיעלע זאַך, דעמאָלט צי ניקאָלאַיס ציַיטן, היינט פֿאָרט דער עולם קיין אַמעריקע. אַז איר וואָלט געווען אַ גוטער, וואָלט איר ביי זיי גע־קענט פּועלן, אַז זיי זאָלן מיר געבן אויף הוצאות. די מכשפֿות וואָלט איך געלאָזן דאָס בעטגעוואַנט און וואָלט זיי געלאָזן אויף אייביק אַ פֿייג...

פֿונעם האַרצן

קינדער

וואָס איך האָב אויסגעליטן, קאָנט איר זיך גאָרנישט אויסמאָלן. איר ווייסט נישט, וואָס דאָס הייסט אויסהאָדעווען אַ זון, און געבוירן האָב איך אים מיט אַ שווער געמיט, און דערנאָך, אַז דו מיינסט, אָט־אָט און דו דערלעבסט שוין פֿון אים נחת, גייט ער אַוועק אָן אַ זייט... אַמאָל פֿלעגן כאָטש אַזוינע ווערן אַפּיקורסים. אין ספֿרים האָבן זיי געקוקט אַלץ ווי די אַנדערע. נאָר זיינען דאָס געווען אַנדערע מינֵי ספֿרים. מילא, דאָס איז אויך נישט גוט. בין איך דאָך אָבער אַ מאַמע; איך ווייס, אַז ער קומט און טאָלקעוועט מיר אָן און זאָגט מיר: די נייַע ספֿרים מעג מען אויך גלויבן, זיי זיינען דאָך געשריבן פֿון גרויסע מענטשן מיט וואַזשנעם שכל און נישט גלאַט פֿון פּוסטעפּאַסניקעס. אַצינד אָבער איז די גאַנצע אַפּיקורסות קעגן דעם גובערנאַטאָר, און איר ווייסט מיט וואָס דאָס שמעקט... האָב איך ביי אים געבעטן רחמים: נשמהניו, האַרצעניו, מיש זיך נישט און וויל נישט מאַכן בעסער די וועלט. אָבער ער זאָגט, איך וויל זיך אומברענגען פֿאַרן רוב, גייסטו נישט מיט מיר, ביסטו נישט מער מיין מאַמע. מאָלט אייך אויס מיין שרעק, אַז איך דערהער אַזעלכע רייד. איך מיין, ער איז אַראָפּ פֿון זינען.

עפּעס אַ מין באַרישניע פֿלעגט קומען צו אים אָפּגעשוירן די האָר און אַ כעסנטע. אַז זי האָט גערעדט וועגן גובערנאַטאָר, האָט זי געקלאַפּט אין טיש. זייערע רייד איז גאָרנישט געווען צו פֿאַרשטיין און תמיד הער איך די טשודנע ווערטער „מעקאַמיע", „קאָנאָמיע". און גאָרנישט די טבע פֿון אַ מיידל מיט אַ יינגל... דערנאָך איז מען געקומען און מען האָט ביי מיר אויפֿגעריסן די פּאָלן. געפֿונען האָט מען נאָך אַ פּאָר ביכלעך, און בלעטער, אָבער ביידע האָט מען אַוועקגענומען. אימת מות איז אויף מיר געפֿאַלן. איר טאַטע, אַ כהן און אַ שטילער כעסן, איז געוואָרן קראַנק. איך אַליין בין געפֿאָרן זיך סטאַרען. געפֿאַלן בין איך זיי צו די פֿיס און געקושט די הענט: לאָזט מיר אַרויס מיין זון.

נאָך זעקס חדשים האָט מען אים טאַקע אַרויסגעלאָזן. דאָס מיידל נאָך פֿריער, איר וואָלט געזען, ווי זיי ביידע האָבן אויסגעזען. זיך איבער־געביטן דאָס פּנים און די אויגן אַריין טיף אין קאָפּ. דאָס מיידל האָט מען אָועקגעפֿירט צו אַ קרוב. איך ווייס נישט, וואָס פֿון איר איז געוואָרן. מיין זון קרענקט און איך מוז מיט אים פֿאָרן זאַגראַניצע דאָקטערן זיך. אויב איך קען, צי נישט, איך מוז...

דער נייער דור

שטעלט איך פֿאָר מיין צער און מיין עגמת־נפש. איין זון, דאָס גאַנצע לייב און לעבן, און טוט מיר אָן אַזוינע צרות. איך האָב מיך ביי איך געבעטן, ווי ביי אַ גזלן: וואָס אַרט דיך, אַז זיי שלאָגן זיך דאָרט אַרום? אָבער ער זאָגט: מאַמע, דו פֿאַרשטייסט דאָס נישט. מיר זיינען דער נייער דור, מיר מוזן גיין מיט קולאָקעס און מאַכן אַ נייעם טאָלק. ביי אונדז טאָר נישט זיין קיין חילוק צווישן אָרעם און רייך, צווישן ייד און גוי, אַלע מענטשן זיינען גלייך! איר הערט ווערטער? און דאָס זאָגט ער נישט, ווייל עס איז אַזוי געדרונגען פֿון דער תורה; פֿאַרקערט, ער האָט פֿיינט די תורה, ער האָט פֿיינט יידישקייט, און כאָטש ער זאָגט מיר דאָס נישט און שאַנעוועט מיך, ווייס איך דאָס. ער וואָלט אפֿשר אַליין גאָרנישט געוועזן געגאַנגען אין די דרכים, אָבער אַז ער קומט זיך צו־נויף מיט זיינע חברים, נאָך אַזעלכע יונגען, און זיי לייענען איינאיינעם אַזוינע מיני ביכלעך, וואָס דאָרט ווערט אַרויסגעדרונגען, אַז איטלעכער, וואָס האָט מזומנע צען גילדן און גיט זיי נישט אַוועק אויף דעם כּלל, איז אַ גנב, אַז איך האָב אַ שטוב און פֿאַרדינג און נעם דירה־געלט, בין איך פּאָדלע־שבפּאָדלע, און יענער, וואָס האָט געדונגען די שטוב, און צאָלט נישט, איז דער צדיק. איך זאָג איך, זיי צו הערן, ווי אַזוי זיי שמועסן און מאַכן פֿון דער גאַנצער וועלט אַ תל, קערט זיך איבער דער מוח. און דאָס איז נישט גלאַט גערעדט, נאָר טאַקע געטאָן: נעמען אומברענגען אַ מענטשן, וואָס האַלט נישט פֿון זייער דרך, איז ביי זיי אַ מיצווה. איך וואָלט דאָס אַליין נישט געגלויבט, אַז ס'קענען זיין מענטשן מיט אַזוינע מיני דעות און נאָך דערצו ביי יידן. וואָס איך האָב מיט אים אַלץ צעטענהט און געווײנט, געפּרוּווט מיט גוטן און מיט בייזן! אַז

ער זאָגט מיר, אַז זיין זאַך איז אים טייערער פֿון זיין אייגענער מאַמען...
זאָגן, זאָגט ער, אַז איך האָב דיך ליב, איז דאָס גאָר עגאָאיזם און דאָס
איז די טבע פֿון איטלעכן באַשעפֿעניש; אָבער דער מענטש מוז זיין פֿריי...
אַז איך און ער רעדן מיר גאָר אויף צוויי באַזונדערע לשונות, איך הויב
נישט אָן צו פֿאַרשטיין, וואָס ער טאָלקעוועט מיר און מיר דאַכט זיך, אַז
דאָס איז די אמתע משוגעת.

מילא, אַז דאָס האָט זיך אַלץ נאָך אָפּגעטאָן אין שטוב, האָב איך
זיך געהאַלטן. וואָס זאָל אַ מאַמע טאָן אַז איר קינד איז אַראָפּ פֿונעם דרך
הישר? ס׳איז פֿאָרט איר קינד און האָט געזויגן פֿון איר ברוסט...

אָבער דערנאָך האָט זיך דאָס אָנגעהויבן ביי זיינע חברים און ביי די
טאָוואַרישטשעס. דערנאָך זיינען געוועזן נעכט, וואָס ער פֿלעגט נישט קו־
מען אַהיים... אַמאָל זיינען זיי געקומען שפּעט אין דער נאַכט און האָבן
עפּעס פֿאַרגראָבן אין קעלער... איר קענט אייך אויסמאָלן ווי מיר איז
געווען אויפֿן האַרצן. געזאָגט האָב איך צו מיר, דאָס וועט נישט האָבן
קיין גוטן סוף. און כך־הווה! אין אַ מיטוואָך זיינען געקומען דריי סאָטס־
קיס און האָבן אָנגעהויבן צו זוכן. איר האָט געדאַרפֿט צו זען, ווי אַזוי זיי
האָבן געזוכט, אַריינגעקוקט אין איטלעכן ווינקעלע און אַלץ דורכגע־
טאַפּט, וואָס זיי האָבן נאָר דערזען. דערנאָך זיינען זיי געגאַנגען אין
קעלער, איך האָב זיי נאָך געמוזט האַלטן דאָס ליכט...

אַ גאַנצן דרוק האָבן זיי געפֿונען און ביכלעך און געדרוקטע פּאַפּירן.
מיין זון האָבן זיי געשמידט אין קייטן, און מען וויל מיר נישט זאָגן,
וואָס עס וועט זיין מיט אים.

איר ווייסט נישט דאָס האַרץ פֿון אַ מאַמען. איך וועל שיער נישט משו־
גע פֿון ווייטאָג און פֿון צער. פֿאַרוואָס מוז דער גורל פֿאַלן גראָד אויף
מיין זון? איז דאָס נאָך קאַרג פֿאַר יידן, אַז זיי זיינען תּמיד אין גלות,
מוזן זיי זיך נאָך אָנהויבן מישן און נעמען אויף זיך אַזוינע פּעק...
זאָגט מיר, וואָס זאָל איך טאָן? ווי אַזוי קען מען אַרויסנעמען מיין זון?
גאָטעניו, וואָס האָסטו מיך אַזוי געשטראָפֿט?

זי וויינט.

עקשנים

יאָ, מיט קינדער האָט מען ביי אונדז אַ סך צו זינגען און צו זאָגן.
איר ווייסט נישט, וואָס פֿאַר אַ דור עס איז היינט געוואָרן. איך בין אייך

שוין מוחל, אַז זיי זיינען קלִיגער פֿון טאַטע־מאַמע און זיי קענען אַלץ און ווייסן אַלץ; אָבער זיי זיינען גאָר קלִיגער פֿאַרן מיניסטער אַליין, און אַז מען וואָלט זיי אַוועקגעגעבן די ממשלה, וואָלטן זיי אַלץ געמאַכט אַ סך בעסער... ווער רעדט היינט פֿון משה רבינוס תורה, צי פֿון דער גמרא. וואָס זנאַטשעט ביי זיי די גאַנצע יידישקייט קעגן דעם, וואָס עס שטייט אין זייערע ביכער... און עקשנים זיינען זיי און בעלי־גאווהס, דאָס קענט איר אייך גאָרנישט אויסמאָלן. פּרואווט זיי זאָגן אַ וואָרט, פּרואווט זיך צו מישן אין זייערע עסקים, וועלן זיי אייך אויס־דראַפּען ביידע אויגן. דער נגיד — זאָגן זיי — ציט אַרויס דאָס בלוט פֿון איטלעכן. אַי־וואָס, ער פֿאַרדינט? דאָס איז אַלץ מאַשענסטווע! און דער, וואָס טראָגט וואַסער, איז אַ סך לייטישער פֿאַרן גביר. די קעכין מוז גיין שיין אָנגעטאָן און פֿון דער נגידיתטע מוז מען אַראָפּ־רייסן די צירונג און זי נאָך גוט אויספּאַטשן. איר הערט ווערטער!

אַן אַלמנה בין איך, בין איך מיר געזעסן אין קלייט און האָב שווער געאַרבעט. און אַז איך האָב זיי אויפֿגעהאָדעוועט, האָט זיך ביי אונדז אָנגעהויבן אַ צייט מיט שקאָלעס און מיט לערערס. איך אַליין אין האַרצן האָב דאָס נישט געוואָלט, אָבער זאָלן לייט נישט זאָגן, אַז איך וויל נישט, אַז מיינע קינדער זאָלן זיין געלערנטע; און געטראַכט האָב איך מיר, אַז ער, דער מאַן מיינער, וואָלט געלעבט, וואָלט ער אפֿשר אויך גע־האַלטן מיט זיי, וואָרים אים האָט דאָס אַ ביסל געצויגן צו די היינטיקע. מילא גוט, לערנט אייך קענטעניש. דאָס הייסט, טאָג און נאַכט זיצן אין קלייט און צאָלן: צאָלן שכר לימוד, צאָלן לערערס, צאָלן פֿאַר ביכער, צאָלן פֿאַרן מונדיר.

מילא, לערנט און לאָזט מיך לעבן. האָב איך אַ יינגל פֿון זעכצן יאָר, אַ פּייערקאָפּ איז דאָס, מסוכן נפֿש, און וואָס ער זאָגט, ברענט אין אים, און אַלץ פּונקט קאַפּויער ווי ביי אַ מענטשן איז דער גלאַטער שכל. מאָלט אייך אויס, אַז איך האָב זיך געקריגט מיטן משרת, אַ פּאָדלער מענטש, וואָס איך האָב אים אויסגעהאָדעוועט פֿון דער צייט, אַז ער האָט נאָך נישט פֿאַרשטאַנען פֿון דאַנען אַהין, און אַצינד לקחנט ער. מוז ער נישט קומען דער בכור מיינער, און זיך נישט אָננעמען פֿאַרן משרת־יונג. איר הערט אַ מעשה! איך זאָג אייך, אַז איך בין נישט אַראָפּ פֿון זינען, איז דאָס געווען אַ נס. אַקיצור, איך האָב פֿאַרקויפֿט אַלץ מיט כּל ולך און קלייב מיך אַריבער אין אַן אַנדער לאַנד. מניה

וביה האָט מען זיי אַלע אַרויסגעוואָרפֿן פֿון שקאָלע, גאָט זאָל מיר נאָר געבן כּוח, אַ יידענע איינע אַליין אין מיינע יאָרן. און אַז מען האָט שוין אַ ביסל געלט, איז וואָס? אָבער גיי, הויב אָן אין דער פֿרעמד אַ ניי לעבן!

פֿון דאָרטן

אַליין בין איך אַ ניישטעטער, פֿרום איז מען ביי אונדז נישט. און פֿאַנאַטיזם איז אויך נישטאָ. ביי אונדז זיינען אַלע אויפֿגעקלערטע. ביי מיר אַליין גייען די קינדער אין גימנאַזיע. אַ יינגל פֿון פֿערצן יאָר אין פֿערטן קלאַס, און אַ מיידל פֿון פֿופֿצן יאָר אין פֿינפֿטן קלאַס. מיט מיינע קינדער רעד איך רוסיש. איר קענט נישט מער רוסלאַנד. דאָס איז נישט מער דאָס לאַנד, וואָס עס איז געווען פֿאַר צוואַנציק יאָר. ביי אונדז איז היינט אַ געבילדעטע וועלט מיט ביכער, און מען פֿאַרשטייט, וואָס מען לייענט. פֿון פּאָליטישע עקאָנאָמיע ווייסט מען אויך און מען ווייסט, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. איך מוז אייך זאָגן, אַז מיינע קינדער האָבן באַזונדערע ספּאָסאָבנאָסטן.

איך זאָל זאָגן, אַז עס האָט מיר ביי אונדז עפּעס געפֿעלט, קען איך נישט. מיט מיין ענערגיע האָב איך געקענט פֿירן אַ שטוב, און גאָט זיי דאַנק, מען האָט געלעבט ווי לייט. זומער־לעב פֿאַרנאַכט איז מען זיך צונויפֿגעקומען און מען איז אַרויסגעגאַנגען גולאַיען, ווייבער און מאַנסביל אינאיינעם.

וועט איר זיך וואונדערן, וואָס איך טו אַצינד און פֿאַרוואָס איך פֿאָר אַוועק פֿון דאָרטן? נישט די פּאָגראָמען און נישט די שרעקעניש האָבן מיך פֿאַרטריבן, נאָר מחמת די קינדער בין איך אַוועק. איר פֿאַרשטייט, מיין לעבן העגנגט נאָר אָן די קינדער. און איך אַליין, אַז איך וואָלט נאָך געווען אַ כאַלאָסטאָי, וואָלט איך אויך געוואָלט שטודירן. זאָל איך איצט לאָזן מיינע קינדער זיך איבערפֿירן פֿון דער רעוואָלוציע, און אײדער איך זאָל זיי דערציען, אַז זיי זאָלן אָנקומען אין אוניווערזיטעט, זאָל מען זיי פֿון מיר אַוועקנעמען און מען זאָל זיי פֿאַרשיקן? האָב איך געזאָגט: ניין, מיינע קינדער זאָלן נישט האָבן דעם סוף...

פֿון שווערע צייטן

קינות

דער צעטל פֿון קאָלאָראַש

אין איטלעכער דראָמע געפֿינט זיך אַ בלעטל נאָכן שער־בלאַט, וואָס דאָרטן שטייען פֿאַרצייכנט די אַלע פּערזאָנען, וואָס טרעטן אויף אין דער דראָמע, און ווי אַזוי זיי הייסן. געוויינטלעך ווייסט מען נאָך גאָרנישט פֿון דעם צעטל אַליין, איידער מען האָט נישט געלייענט די דראָמע. דער נאָמען פֿון אַ מענטש זאָגט אונדז נאָך גאָרנישט פֿון זיין לעבן, און מען ווייסט נאָך נישט פֿון דעם, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. אָבער עס זיינען פֿאַראַן יחידי סגולה פֿון משוררים, פּאָעטן, וואָס ביי זיי ווייסן מיר שוין באַלד פֿון די נעמען, וואָס דאָס זיינען פֿאַר אַ מענטשן. לייענט נאָר איבער דעם צעטל פֿון פּערזאָנען אין אַ דראָמע פֿון מעטערלינקן און זעט דאָרט שטיין: עס טרעט אויף אַ פֿרעמדער מענטש, — גיט עס אַ צאַפּל אין אונדז: ווער איז דער פֿרעמדער? עפּעס מוז אין אים עפּעס זיין, וואָס געפֿינט זיך נישט אין ס׳רוב מענטשן; און מיר הויבן אָן מורא צו האָבן פֿאַר דעם פֿרעמדן מענטשן. עפּעס זאָגט אונדז דאָס האַרץ, אַז מען שמועסט דאָ פֿון אַ מוראדיקן צער...

שיקט אַריין אַ שרייבער פֿון שטאָט אַ צעטל, אַ קורצן, טרויעריקן צעטל פֿון די דערהרגעטע אין קאָלאָראַש בשעת דעם פּאָגראָם און וואָס מ׳האָט זיי מקבר געווען אויפֿן דאָרטיקן בית־עלמין. אַזעלכע מיני צעטלען האָבן מיר געלייענט אַ סך, און נישט אין „שבט־יהודה״ פֿון די אַמאָליקע צייטן, נאָר אין די צייטן פֿון בימים האלה ובזמן הזה. הונ־דערטערוויז האָבן די קאָרעספּאָנדענטן איבערגעציילט די נעמען פֿון די הרוגי ישראל. וואָס זאָג איך הונדערטערוויז, לאין מספר! און איטלעכע שטאָט האָט זיך געבראַכט איר חשבון פֿון די הרוגים, און דאָס ציילט מען מיט טרוקענע ציפֿערן. נשמות פֿון מענטשן, וואָס זיינען צעבראָכן געוואָרן אין מיטן פֿון זייער לעבן, ווערן באַרעכנט מיט ציפֿערן... אָבער דער קאָרעספּאָנדענט רעכנט נישט אַזוי פּראָסט, ווי אַלע זיינע חברים. נעבן

איטלעכן הרוג שטעלט ער אַוועק צוויי ריגנגעלעך און צווישן די האַלבע רינגעלעך פֿאַרטייטש ער קורץ, ווער איז דאָס געווען, וואָס אויף אים איז נגזר געוואָרן דער גזר מן השמים...

איינער פֿון די הרוגים אין דער שטאָט (דער צווייטער אינעם צעטל), וואָס מען האָט זיי דערהרגעט אין מיטן העלן טאָג, וואָס זיי האָבן זיך דערויף נישט געריכט און נישט געזאָגט קיין ווידוי און וואָס אַפֿילו אַ שעה פֿאַרן טויט האָבן זיי נישט געוואוסט, אַז זיי דאַרפֿן שטאַרבן, און דאָס נישט פֿונעם מלאך־המות, וואָס שווענקט כאָטש אָפּ דאָס מעסער, — ניין, מחיות רעות בדמות אדם, — איינער פֿון אָט־די, וואָס אויף זיי זיינען מקויים געוואָרן אין איין מינוט די ארבע מיתות בית דין, איז געווען אליעזר דייטש, און די דריטע דערהרגעטע הייסט יענטע דייטש, און ביי יענטע דייטש מאַכט דער שרייבער אַ פּאָר האַלבע רינגעלעך און שרייבט צווישן זיי אַריין: אליעזרס ווייב. איר פֿאַרשטייט: שטאַרבט דער טאַטע, בלייבט די מאַמע פֿאַר די קינדער; שטאַרבט די מאַמע — בלייבט דער טאַטע. דאָ איז אָבער געווען: ואשכל גם שניהם ביום אחד. נאָך נעכטיקן טאָג זיינען זיי געזעסן אינאיינעם, אליעזר דייטש מיט זיין ווייב יענטע, אינאיינעם מיט זייערע קינדער, און אויפֿן אַנדערן טאָג איז שוין די מוראדיקע שרעק אין שטאָט, און ווי די בייזע וועלף האָבן זיך די באַנדעס געוואָרפֿן אויף יידן, פֿאַרברענט זייערע הייזער, גע־רויבט און געפּלינדערט זייער פֿאַרמעגן, דערהרגעט און פֿאַרוואונדעט הונ־דערטער מענטשן. וואָס זאָל איך מאַריך זיין? ס'איז געקומען פֿאַרנאַכט, זיינען שוין די קינדער פֿון אליעזרן און יענטען, ווי נאָך אַ סך אַנדערע קינדער, געוואָרן יתומים, אָן אַ טאַטן און אָן אַ מאַמען און די שטאָט קאָלאַראַש איז חרב ונחרב...

דער פֿערטער וואָס איז דערהרגעט געוואָרן, הייסט דוב בערקאָוויטש, און דער קאָרעספּאָנדענט פֿאַרטייטשט אין אַ פּאָר האַלבע רינגעלעך: אַ גביר, וואָס איז געווען באַוואוסט מיטן נאָמען בערל ליבעס אויף דער גאַנצער סביבה. אליעזר דייטש איז געווען אַ ייד אַ באַלעבאָס, אַן ערלעכער מענטש, וואָס איז זיך נאָכגעגאַנגען זיינס; אַזוינע ווי ער זיינען געווען די דערהרגעטע: דוד פֿינקעל, יעקב קרימער, יוסף דאָמייער, אַברהם מאָגינשטיין, אַברהם פּאַוויס, לויטער יידן, וואָס האָבן אפֿשר געהאַט חיונה און דאָס איז נישט אָנגעקומען גרינג; בערל ליבעס אָבער, דאָס איז געווען דער גביר נישט פֿון דער שטאָט אַליין, ניין, דער גביר

פון גאַנץ בעסאַראַביע, אַ ייד, וואָס האָט געהאַט אַ סך ווייַנגערטנער און קעלערס און קעלטערס, אַ ייד, וואָס הונדערטער מענטשן, יידן און גויים, האָבן אַרום אים געלעבט. דאָס איז נישט געפּלאַצט איין סטרונע, דאָ איז צעריסן געוואָרן אַ שטיק לעבן פון אַ שטיק מדינה. נישט איין מענטש איז געוואָרן דערהרגעט, נאָר ביי הונדערטער מענטשן, וואָס האָבן פון אים געלעבט, זיינען אָפּגעהאַקט די קעפּ...

אונדזער קאָרעספּאָנדענט טוט ווייטער אַ צייל: ברײנע גאָרבערענד. ברײנע גאָרבערענד איז דערהרגעט געוואָרן, ברײנע גאָרבערענד פון דער קישינעווער גאַס, און תּוך כּדי דיבור רופט ער אויס דעם נאָמען יוכבד, אַ מיידל פון צוועלף יאָר, גאָרבערענדס אַן אייניקל איז דערהרגעט געוואָרן. און ווייטער ציילט ער: שמואל קייזער, שמואליק קייזער, אַ ייִנגל פון פיר יאָר איז געוואָרן דערשטיקט, דערהרגעט און דערקוועטשט; אלקנא לאַמס אַ קינד, זלמן סיפּיטענינס אַ קינד, משה טשירלאַנס אַ קינד, מיכאל שניידערס אַ קינד — רבונו־של־עולם, אלה הצאן מה חטאו?

און ווייטער לייענען מיר: אַלטער גײלמאַן מיט זיין ווייב (ביידע זיינען פאַרברענט געוואָרן, מען האָט נאָר געבראַכט צו קבורה זייערע ביינער). דרייסיק יאָר האָבן זיי געלעבט אינאיינעם און מיטאַמאָל — אַזאַ טויט! האָט איר געהערט אַזאַ מין צאָל: פיר פאַרברענטע יידן, וואָס מען האָט זיי נישט דערקענט, מען האָט זיי אַלעמען מקבר געווען אין איין קבר. די האָר שטעלן זיך אויפן קאָפּ. — אַ הרוג: נתן משה בראַכטמאַן (געבראַכט פון דאָרף פיטישען). — אַהרון קיציס ווייב (געבראַכט שוין אַ טויטע פון דאָרף האַראַדיטשע), און אירע אַ שכנה פון אייגענעם דאָרף, אַהרון היסטאַריקערס ווייב, אויך אַ טויטע. אויך די דערפער מוזן זיך מצטרף זיין צום מנין...

מיר לייענען ווייטער: לייב וואָלשינעצערס ווייב, אַ יידענע פון פערציק יאָר און אַ מאַמע פון פינף לעבעדיקע קינדער, און אירס אַ מיידל, אַ דערוואַקסן מיידל, גאָרנישט: אותה ואת בניה ביום אחד, און דער הימל, וואָס פון דאָרט האָט מען אַנגעזאָגט, אַז מען טאָר דאָס נישט, שעמט זיך אויך נישט.

מילא, די הרוגים: צבי צילמאַן, קענען מיר, זעליג גרינבערג קענען מיר, אָבער דאָ לייענען מיר נומער 17: אַ פרעמדער ייד, און אין נומער 51: אַ פרעמדער מענטש. אַ פרעמדער ייד! אַ פרעמדער מענטש! ווילד־פרעמדע, געלאָזן די זייעריקע אין דער ווייטער וועלט און אַראָפּגעקומען

קיין קאַלאַראַש, כּדי צו שטאַרבן אַ מיתה משונה. פאַרוואָס? פאַרוועןַ?

ווייטער לייענען מיר: נעסי, אַ ווייבל (געווען צו גאַסט ביי איר טאַטן ישכר אַסנעס). ישכר אַסנעס איז איינער פון די לייטישע באַלע־באַטים אין שטאָט און תמיד גיט ער זיך אָפּ מיט קרובים. נעסי איז זיין ברודערס אַ טאָכטער און וואוינט נעבן דובאָסאַר און איז געקומען קיין קאַלאַראַש צו גאַסט, זיך אויסצורוען; אין דער היים איז געבליבן דער מאַן, און די קינדערלעך בענקען און וואַרטן שוין, אַז די מאַמע וועט קומען און ברענגען מתּנות, און — טויט, טויט, טויט... נישטאָ קיין מאַמע, נישטאָ קיין מתּנות! קדיש קאָנט איר זאָגן, איר קינדער, ווען איר וועט ווערן עלטער.

און נאָך שטייט אין צעטל: דערהרגעט געוואָרן אַ ייד (געווען ביי זיין איידעם צוגאַסט, ביי דוד זאַלעזניק). נאָך לאַנגע יאָרן איז אַ ייד גע־קומען צו די קינדער געוואויר ווערן און זיך געקויפּט דעם טויט.

וואָס זאָל איך ווייטער אויספירן? פינף און פופציק הרוגים און דערשלאָגענע רעכנט אונדז אויס דער קאָרעספּאָנדענט. פינף און פופציק לעבנס פון מענטשן, וואָס אָן זיי האָבן געהאָנגען הונדערטער נפשות, זיינען פלוצלינג אונטערגעהאַקט געוואָרן מיט אַזאַ אַכזריות. פינף און פופציק דראַמעס, שוידערדיקע דראַמעס, האָבן זיך אָפּגעשפּילט פאַר אונדזערע אויגן, און דאָס גאָר אין איין שטאָט, און דאָס איז נאָך כּטיפּה מן הים קעגן דעם, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אַנדערע יידישע שטעט, און מיר לעבן, און מיר לעבן, און מיר קאָנען נאָך לעבן...

פון פאַר עטלעכע יאָר צוריק

בילדער פון אויסוואַנדערער

אַ ווייבל אין אַ ציצן קליידל

זי: מיינט איר, אַז מען וועט אונדז לאָזן ווייטער פאָרן?
איך: פאַרוואָס זאָל מען אונדז נישט לאָזן?
זי: אַ קשיה אויף אונדזער מזל.
איך: פאָרט איר שוין לאַנג?
זי: וואָס איז שייך לאַנג? אַז מען פאָרט קיין אַמעריקע ציילט מען נישט די טעג.
איך: האָט איר דאָרט קרובים?
זי: אַ האַלבע שטאָט פון אונדז איז שוין לאַנג אין אַמעריקע.
איך: איז דאָרט גוט?
זי: וואָס איז שייך גוט? אַבי מען ווייסט כאָטש, אַז מען איז זיכער מיטן לעבן.
איך: וואָס־זשע מיינט איר, ס'וועט שוין קיין מאָל נישט ווערן בעסער?
זי: ווער שמועסט פון בעסער. מען האָט נאָר מורא, ס'זאָל נישט ווערן ערגער...

אַ יידענע מיט אַ מיידעלע

זי: קען איך דאָ פאָרן ווייטער מיט אַ האַלבן בילעט?
איך: ניין, דאָ מוז מען האָבן אַ גאַנצן.
זי: שונאי ישראל!
איך: איז דאָס אייער מיידעלע?
זי: יאָ, נאָך דריי שטייען ביי די קלימעקעס.
איך: איר האָט נישט קיין מאַן?
זי (גיט אַ זיפץ): מיין מאַן איז אומגעקומען...
איך: פאָרן פון אייער שטאָט אַ סך מענטשן?
זי: מיר פאָרן פיר סעמעיסטוועס. זעקס זיינען געפאָרן איבער ברעמען.
איך: זיינען דאָס אַלץ אַרעמעלייט?
זי: רייכע פאָרן נישט קיין אַמעריקע, נאָר קיין זאַגראַניצע.
איך: וואָס וועט איר דאָרטן טאָן מיט אייערע קינדער?

זי: ווייס איך, מען קען דען טראַכטן, אַז מען פֿאָרט מיט פֿיר קינ־דער און אַלע זיינען נאָך קליין און ווייסן נישט אַפֿילו, אַז עס פֿעלט זיי אַ טאַטע.

איך: גאָט וועט אייך שוין העלפֿן. ער איז דאָך דער אבי־יתומים.

זי: יאָ, יתומים זיינען היינט ביי אים קיין מיוחסים נישט...

אַ מיידל פֿון אַ יאָר ניינצן

זי: האָט קיין פֿאַראיבל ניט. וועט מען אונדז דאָ איבערלאָדן די זאַכן?

איך: דאָ איז שוין נישט מער קיין גרענעץ און מען קוקט נישט מער.

זי: אָבער אין האַמבורג ביים שיף, מען זאָגט, אַז מען פֿאַרברענט דאָרט אַ סך זאַכן.

איך: מען פֿאַרברענט נאָר דעמאָלט, אַז עס גייען אַרום קראַנקהייטן.

זי: צו אונדז טשעפּעט מען זיך און מען זוכט תּמיד. איר ווייסט נישט, וואָס פֿאַר אַ צרות מיר האָבן. גאָט זאָל שוין העלפֿן, אַז מיר זאָלן שוין קומען אַהין.

איך: פֿאָרט איר גאַנץ אַליין?

זי: וואָס הייסט אַליין? עס פֿאָרן אפֿשר זיבעציק יידן, ווייבער און קינדער און מיידלעך.

איך: האָט איר נישט קיין קרובים דאָ מיט אייך?

זי (מיט אַ זיפֿץ): נאָך פֿאַר זעקס וואָכן האָב איך געהאַט אַ טאַטן און אַ מאַמען.

איך: און ברידער האָט איר אויך נישט?

זי: איין ברודער איז געהרגעט געוואָרן אין דער מלחמה, אַן אַנדערער איז געוועזן פֿאַרשיקט, איז ער דאָרט געשטאָרבן.

איך: וואָס האָבן אייערע עלטערן געטאָן, אַז זיי האָבן געלעבט?

זי: זיי האָבן געצייט תּכריכים (זי שפּאַרט זיך אָן אויף אַ זאַק מיט זאַכן און עס רינען איר די טרערן).

אַ ווייבל אין אַ שאַל

זי (האַלב פֿאַרחלומט): איז דאָ פּרייסן?

איך: יאָ.

זי: און ליבעק איז נאָך אויך פּרייסן?

איך (נישט טראַכטנדיק): יאָ.

זי: און אַוואו הויבט זיך אָן אַמעריקע?

איך: איבערן ים.

זי: מען מוז נאָך אַפּנים לאַנג פאָרן.

איך: יאָ, נאָך לאַנג.

זי: איך האַלט דאָס קוים אויס, עס טרייסלען מיר די ביינער, אַז איך מיין, איך וועל צעשאָטן. בין איך דען געוואוינט צו פאָרן? וואָס האָב איך באַדאַרפט צו זאָרגן, אַז מיין מאַן האָט געלעבט און איך בין מיר געזעסן אין דער היים און האָב נאָר געהאַט אין זינען די שטוב.

איך: איז אייער מאַן שוין לאַנג געשטאָרבן?

זי: שוין דער אַנדערער חודש.

איך: האָט איר קינדער?

זי: מען איז געבליבן אַליין ווי אַ שטיין.

איך: און וואָס וועט איר טאָן, אַז איר וועט קומען אַהין?

זי: וואָס אַלע יידישע קינדער טוען. איך וועל פרואוון פאַרדינען.

איך: וועט איר שוין דאָרטן בלייבן אין אַמעריקע?

זי: צו ווען זאָל איך קומען צוריק? אַ טאַטן האָב איך נישט, אַ מאַמען האָב איך נישט. דעם מאַן האָט מען מיר אַוועקגענומען. קינדער האָט אונדז גאָט נישט געגעבן. צו ווען זאָל איך זיך אומקערן, צו די קברים?...

פֿון איין צוג צום אַנדערן

אַנדערע בילדער

אַן אַלטע יידענע

— ניין, נעמט מען מיך, אַן אַלט מענטש, און מען שלעפּט מיך קיין אַמעריקע! טאָמער ווייסט איר, וואָס טויג מיר דאָס גאַנצע פֿאַרעכץ און אַזוי ווייט איבערן ים. אַז זיי אָבער, די קינדער, גייען אַהין און אַליין ווילן זיי מיך נישט לאָזן. איך בעט זיך ביי זיי: גזלנים, לאָזט מיך דאָ, לאָזט מיך שוין אויסלעבן דאָס ביסל יאָרן, ביז איך וועל שטאַרבן און מען וועט מיך לייגן נעבן דעם מאַן מיינעם, עליו־השלום! וואָס זאָל מען אָבער טאָן? איך בין נישט די ערשטע און נישט די לעצטע. אין דער היים בין איך אַלע אין דער פֿרי אויפֿגעשטאַנען און געגאַנגען דאַווענען, דאָ אין וואַגאָן קען מען דען אַרויסנעמען אַ סידור? איך זאָג מיר: רבונו־של־עולם! דו פֿאַרשטייסט אַוודאי וואָס דו טוסט, אָבער פֿאַרוואָס גיסט דו תּמיד אויס דיין צאָרן אויף יידן?

מען איז געזעסן און מען האָט געהאַרעוועט און געהאַט דאָס שטיקל ברויט; איר ווייסט, ווי עס קומט היינטיקע צייטן שווער אָן. און אַצינד מוז מען גיין אין אַ ווייט לאַנד. און מען זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, קען מען דאָרט אָפּהיטן יידישקייט, ווי ביי אונדז אין שטעטל, וואָס מען האָט זיך נאָך געשעמט פֿאַר דעם און פֿאַר דעם און וואָס איך האָב געהאַט די דעה. אָבער דאָרט, אַ לאַנד, וואָס עס וואוינען אינאיינעם טויזנטער מענטשן, דער איז פֿון דאָרטן, און דער איז פֿון דאָרטן. פֿאַרדינען מוז מען. און אַז עס קומט, חלילה, אויס צו אַרבעטן אום שבת... ניין, איך וויל דאָס גאָרנישט אויסמאָלן. און פֿונדעסטוועגן פֿאַר איך מיט זיי, אַ ברירה האָב איך?

אַ פֿאַרוואָגלטע

קיין גאַנצן אבר האָט מען נישט, פֿאָרן פֿאָרט מען שוין דעם פֿינפֿטן טאָג. איין קינד ביי דער ברוסט, צוויי פּיסקלאַטעס, איינס פֿון דריי יאָר און איינס פֿון פֿיר, אַ צווילינג פֿון צען — אַ יינגל מיט אַ מיידל — און אַן עלטער יינגל פֿון דרייצן יאָר. צוזאַמענגעקוועטש איז מען אין וואַגאָן

ווי אין אַ שטייג. מען קען זיך נישט אָנשפּאַרן אויף אַ מינוט און זיך אַ ביסל אויסרוען, און כאַפּט מען שוין אַ דרעמל זיצנדיק, הויבט דאָס קליינע אָן צו שרייען, דאָס קינד צופּט מיך ביים קלייד, דאָס קריגט זיך מיטן אַנדערן, און קומט מען צו אַ סטאַנציע, וואו מען מוז אַריבערגיין אין אַן אַנדער וואַגאָן, הויבט מען זיך אָן שלעפּן מיט די קלימעקעס. דאָס ביסל בעטגעוואַנט פּירט מען מיט זיך און מען האַלט זיך מיט דעם קליינטשיקן אויפֿן האַנט. עס איז שיער צום דול ווערן, און דאָ האָט מען נאָך אַזוי פֿיל צו פֿאָרן ביז האַמבורג און פֿון דאָרט מיטן וואַסער. איך זאָג איך, ווי איך האַלט דאָס אויס, איז מיר אַליין אַ חידוש. יאָ, אַז מיין מאַן וואַלט געלעבט, וואָלט איך אפשר גאַרנישט באַדאַרפֿט צו פֿאָרן קיין אַמעריקע. געאַרבעט האָט ער אין אַדעס אויפֿן טאַלטשאַק און האָט מיר געשיקט געלט, און כאָטש עס איז נישט געווען קיין סך, האָב איך מיך דאָך געקענט מפרנס זיין. מוז ער אָבער אָוועקשטאַרבן — זי הויבט אָן צו כליפּען — אויף יום טוב פֿלעגט ער קומען אַהיים. פֿערצן יאָר זיינען מיר געזעסן אינאיינעם, רבונו־של־עולם, וואָס האָסטו גע־וואָלט פֿון מיר האָבן, דו האָסט גענומען מיך און דו האָסט מיך צעבראָכן אויף שטיק שטיקלעך...

אין איילעניש

זייט אַזוי גוט און זאָגט מיר, אָוואו פֿאַרקויפֿט מען דאָ בילעטן? איך בין אין איין איילעניש. האָב איך נאָך צייט? מאָלט איך אויס: איך האָב שוין צוויי מאָל פֿאַרשפּעטיקט דעם פּאַיעזד און אין קאַטאָוויץ בין איך געבליבן אויפֿן וואָקזאַל אַ גאַנצע נאַכט — אַז דער קאָפּ איז אַזוי צערודערט. זאָגט מיר, וואוהין מוז איך דאָ גיין: רעכטס צי לינקס? אויף יענער סטאַנציע האָב איך געמוזט גיין גאָר הינטן אויף טרעפּ דורך אַ מין קעלער, אַז ס׳זיינען דאָ אומעטום טויזנטער וועגן, און דאָס לשון פֿאַרשטיי איך אויך נישט. איך דאַנק גאָט, אַז איך זע אַ יידן, וואָס איך קען מיט אים רעדן יידיש.

איך זאָג צו איר:

— איר האָט נאָך צייט, דער פּאַיעזד קיין ברעמען גייט ערשט אָפּ אין דריי שעה אַרום.

— וואָס? אין דריי שעה? ווייסט איר דאָס זיכער? טאָמער זייט איר זיך חס ושלום טועה? איך בעט אייך, ווייזט מיר, וואוהין איך האָב דאָ צו גיין און ציילט מיר אויס דאָס געלט, וואָס איך האָב צו באַצאָלן פֿאַרן בילעט. אַז זיי זאָגן טאָלער און מאַרק און איך פֿאַרשטיי נישט וויפֿיל דאָס איז. זאָגט מיר, וואָס לייענט מען דאָ אין די צייטונגען, וואָס עס טוט זיך ביי אונדז... גאָט צו דאַנק, אַז איך האָב מיך כאָטש אָריבערגעפּעקלט לעבעדיקערהייט מיט די קינדער.

זי גיט זיך אַ כאַפּ.

אַוואו זיינען זיי? אַ דונער האָט מיך דערשלאָגן! איך האָב זיי געלאָזן דאָרטן שטיין ביי די פּעקלעך. און אַצינד ווייס איך נישט מער וואו זיי זיינען געבליבן. לאָזט מיך, איך מוז זיי גיין זוכן. טוט אַ קוק, אָט דאָ זע איך זיי שוין, זיי שטייען ביי אַ סלופּ. איך זאָג אייך, מען פֿאַרלירט פּשוט דעם קאָפּ, אַזאַ מענטש ווי איך, וואָס איך בין קיינמאָל נישט אַרויסגעפֿאָרן פֿון אונדזער שטעטל, מוז אַצינד מאַכן אַזאַ מהלך־רב.

קיין לאָנדאָן

איך פֿאָר דאָס צו מיין טאָכטער קיין לאָנדאָן מיט דער קליינער מיינער. מיין טאָכטער איז דאָרט נישקשה. זי איז געווען ביי אונדז אַ שניידערקע און האָט נישט געקענט קיין סך פֿאַרדינען; דאָרט זיינען גאָר אַנדערע מדינות מיט אַנדערע מיני פֿאַרדינסטן... איך, אַן אַלט מענטש, בין געבליבן מיט דער קליינער אין דער היים. מיין טאָכטער האָט זיך אַפֿילו ביי מיר געבעטן: פֿאָר מיט, מאַמע; און איין גאָט ווייסט ווי ס'איז מיר אָנגעקומען שווער די פּרידה פֿון אסתרן, אַזוי הייסט די עלטערע מיינע, אָבער וואָס זאָל איך פֿאָרן אין אַ מקום, וואָס אונדזערע אבות אבותינו זיינען דאָרטן נישט געווען? דאָ האָט מען באַקאַנטע און שכנים און אויפֿן פֿעלד ליגן די קרובים... אַ שטיקל קליטל מיט צעלניק האָב איך אויך. יוכבדל, די קליינע, העלפֿט אַ ביסל צו, מען זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, אַן אַלמנה האָט אַלץ אויף זיך צו טראָגן. ס'ציקעט זיך. וואָלט דער מאַן מיינער געלעבט — ס'ווייזט זיך ביי איר אַ טרער אין די אויגן — וואָלט געווען אַנדערש; מוז ער באַקומען אַ ראַק אין האַלדז און אָוועקשטאַרבן. אויסגעכאַפּט איז ער געוואָרן צו

זעקס און דרייסיק יאָר. מילא, אַז גאָט האָט מיך געשטראָפֿט און לאָזט מיך לעבן...

און דאָ הויבט זיך אָן ביי אונדז אַ גערודער: מענטשן לויפֿן. ווער האָט אין זינען פּרנסה צי אַ מעמד, דאָס קליטל מיינס האָט מען מיר צעבראָכן. אַ גליק נאָך, וואָס מיין טאָכטער האָט מיר געשיקט אויף הוצאות. אַזוי פֿאָר איך איצט אויף דער עלטער אין אַ ווייט לאַנד און מוז פֿאָרן איבערן ים. דער אויבערשטער זאָל מיך כאָטש ברענגען אַהין בשלום.

עמיגראַנטן

פּ׳ברענט

און איר מיינט, אַז איך ווייס ווי אַזוי איך בין אַוועק? פֿרעגט מיך בחרם. גאָרנישט: יידן לויפֿן, לויף איך אויך. פֿון פּרנסות איז שוין גאָרנישט צו רעדן, אָבער דאָס נאַקעטע לעבן וויל מען ראַטעווען. איך אַליין — באָך זנאַיעט! אַז איך וויל, פֿאַרלאָז איך מיך אויף גאָט, אָבער דאָס ווייב און די קינדער — אַפֿילו מלחמה האַלטן אויך נאָר סאָלדאַטן, ווי זאָגט מען, הנשים והטף בלייבן אין דער היים; דאָ אָבער גייט דער שונא אויף אַלעמען, טאַקע להרוג ולהשמיד את הכּל, אויסהרגענען די יידן און זיי פֿאַרטיליקן מיטן שורש... איר פֿאַרשטייט, יענע צייטן זיינען אויך געווען גזרות אויף יידן און מען איז גענוג געוואָרן פֿאַרשוואַרצט און אויסגעריסן, אָבער מען האָט זיך פֿאָרט געהאָלפֿן; איז אָנגעקומען אַן אוקאַז, איז מען געפֿאָרן זיך סטאַרען... דער פּריסטאַוו, דער איספּראַווניק און ביז אַרויף האָבן זיי אַלע ליב דאָס קערבל, מען קען זיך כאָטש אויסקויפֿן דאָס לעבן... דאָ אָבער קומט מען אין מיטן העלן טאָג און מען שלאָגט און מען הרגעט, או די סאָטסקיס שטייען און קוקן און עס אַרט זיי גאָרנישט. עפּעס זאָגט מען, מיר מוזן נאָך אַ מאָל שווערן אין שול, אַז מיר וועלן זיין טריי דעם קייסער! צי מאַכט מען נישט זיינעטוועגן אַ הנותן תשועה אַלע שבת פֿאַר מוסף? אָבער דאָרט אין דער עיר־מלוכה מוזן זיי דאָך אויך זיין מענטשן, און אַז מען קוילעט אונדז, איז דאָס אַ פּראָסטע רציחה און אַזאַ אכזריות, וואָס מען זעט דאָס גאָרנישט אויף דער גאַנצער וועלט.

איר פֿאַרשטייט, ביי אייך, זאָגט מען, האָט מען אויך פֿיינט יידן, און אַז עס איז זיי שוין גוט און זיי האָבן יאָ אַ מעמד, האָבן זיי צו ליידן פֿון אַנטיסעמיטן. מילא, זאָלן הינט בילן, יידן מוזן דאָך געדענקען, אַז מען איז אין גלות... אָבער אַזוי ווי ביי אונדז, וואָס מען איז נישט זיכער מיטן לעבן? געזונטע מענטשן מאַכט מען פֿאַר קאַליקעס; מענטשן, וואָס האָבן אָפּגעהאָרעוועט יאָרן אויף אַ שטוב און אויף אַ קלייט, זיי מאַכן אָרעם ביז אויפֿן העמד! און פֿרעגט: פֿאַרוואָס? פֿאַרוועו? וואָס האָט די ממשלה פֿון דעם, אַז הונדערטער שטעט ווערן בדיל־הדל? עפּעס קומט דאָך דער מדינה אויך אַרויס אַ שאָדן, אַז דער פּרט האָט נישט; געמט

מען דאָך בלעטלעך אויף אַ קלייט ביי זיי און שטייער צאָלט מען זיי אויך. דער גאַנצער ענין איז אַזוי פריקרע, אַז מען מוז זאָגן, אַז סיידן גאָט האָט אונדז געשטראָפט. פרום איז מען טאַקע נישט, איר ווייסט, ווי יידן פירן זיך אַצינד ביי אונדז, מען זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, אָבער חייב־מיתה איז מען אויך נישט, און אַז מען קען נישט אַזוי האָבן אין זינען דאָס דאַווענען צי דאָס לערנען, מוז מען שוין באַצאָלן מיטן לעבן, מיט ווייב און קינדער? עפּעס מוז דאָך גאָט זיין אַ בעל־רחמים און פאַרוואָס לאָזט ער תּמיד אויס דעם כּעס צו די יידן? די גויים לערנען דאָך אַוודאי נישט און דאַווענען אויך נישט.

פון חקירען זיך קומט אָבער קיין סך נישט אַרויס. אַ־דאָ בלייב איך שטעקן אין פּרייסן. ס'איז נאָך אַ גליק, אַז מען האָט מיך דורכגעלאָזן איבער דער גרענעץ. געקאָסט האָט עס מיך געגנוג: דאָס לעצטע געלט. איך פרעג אייך, ווער האָט היינט אין זינען, אַז מען פאָרט אַוועק פון רוסלאַנד, זיך צו באַוואָרענען מיט פּאַפּירן? און וואָס האָט ער, דער זשאַנדאַר, שוין דאָ אין פּרייסן, אַז איך האָב דאָרט גענומען אַ פּאַפּיר און דאָרט באַצאָלט? אָבער אומעטום איז מען גלייך, ווי איר זעט מיך לעבן... ביי אונדז האָב איך געמיינט, אַז דאָ גייט מען מיטן קאָפּ אַראָפּ. וואָס זע איך אָבער? אויך קלייטן מיט מענטשן און מען קויפט, און געלט איז דאָ אויך אַ מטבע, און איטלעכער נעמט, אַז מען גיט נאָר. — יידן דערקענט מען אַפילו נישט, אָבער ביי אונדז אין די גרויסע שטעט, דערקענט מען זיי אויך נישט. ווי זאָגט דער פּסוק: סדנא דארעא חד הוא, אומעטום איז איין וועלט. דער עיקר איז אָבער, אַז דאָ טשעפּעט מיך קיינער נישט, און כאָטש איך גיי אַרום אין דער לאַנגער קאַפּאָטע, זאָגט מיר קיינער נישט אַ וואָרט. אַפילו דער פּאָליציסט אויף דער גאַס רעדט מיט מיר אַזוי, אַז איך פאַרשטיי, און אַז איך פרעג אים, זאָגט ער צו מיר: גייט אַהין, גייט אַהער.

איר פאַרשטייט, איך האָב געפרעגט, אַוואו איז דאָ די יידישע געמיינדע, וואָרים מען האָט מיר געזאָגט, אַז זיי געבן בילעטן קיין האַמבורג און אויף אַ שיף. איר מעגט מיר גלויבן — דאָ גיט ער אַ זיפץ — ביי אונדז בין איך קיין מאָל נישט אָנגעקומען צו לייטן, אָבער אַז איך פאָר מיט אַ ווייב און מיט פיר קינדער און אויפן גרענעץ האָבן זיי מיר אַוועקגענומען פינף און זיבעציק קאָרבן, וואָס־זשע זאָל איך טאָן? מוז מען אַוועקלייגן דעם יחוס און זיך אַליין לאָזן העלפן. קום איך צוגיין

אַהין אין דער געמיינדע, לאָזט מען מיך פריער שטיין אפשר אַ האַלבע שעה, דערנאָך הייבט ער אויף דעם קאָפּ און פרעגט מיך, וואָס איך וויל? און איידער איך ענטפער נאָך, נעמט ער אַרויס אַ מטבע און וויל מיר געבן... איך כאַפּ צו די האַנט ווי אַן אָפּגעבריטער: אַזוי בין איך נאָך ביי מיר נישט געפאַלן, איך זאָל נעמען אַ נדבה. און אַז איך פּרואוו אים דאָס צו זאָגן, הערט ער שוין גאָרנישט, גראַבט איין דעם קאָפּ און שרייבט. איך שטיי מיט אַ שברון־לב, עפּעס פיל איך, אַז דער גאַנצער ענין דאָ איז בזוי פאַר מיר. איך וויל אים נאָך עפּעס זאָגן און קען נישט, איך וויל גיין און קען נישט, שטעלט איך פאַר, אַ ייד ווי איך, פון פינף און פערציק יאָר, און ווען איך וואָלט מיך נישט געשעמט, וואָלט איך מיך צעוויינט. און אַזאַ הונט, אַ גלות, און דאַכט זיך אַ ייד אויך און זיצט נאָך אין קהל. אַפילו דער פּרעדיקער אַליין אין דער דייטשער שול ווייסט אויך אַז עס שטייט געשריבן: „ואהבתם את הגר"...

ניין! איך זאָג אייך, צו זיין אין אַזאַ מעמד אין דער פרעמד, ווי איך, מיט אַ געזינדע, און נישט צו וויסן, ווי אַזוי זיך צו רירן, באַדאַרף מען קיינעם נישט מקנא זיין. מילא, אין גאַליציע, אַז מען בלייבט און מען קען נישט פאָרן קיין אַמעריקע, קען מען דאָרט אַליין טאָן מסחר. דאָ אָבער לאָזט מען נישט בלייבן, און ווען אַפילו איך בלייב יאָ, ווייס איך גאָרנישט, וואָס מען הויבט אָן צו טאָן. דאָרט אין אַמעריקע האָב איך קרובים, דאָרט ווייס איך, אַז איטלעכער, וואָס האָט הענט און וויל אַרבעטן קומט צו אַ תכלית... אַ שוועסטערקינד מיינער, אַ יונגערמאַן, האָט מיט מיר אַפילו געפּרואווט אַ שמועס טאָן וועגן „ציוניות", אָבער זאָגן זאָגט ער: פאַר לעת־עתה קיין אַמעריקע, דאָרט זיינען אויך דאָ חברה ציונים; פאָרן פאַר איך שוין, אָבער דאָס איז די קשיה: ווי קום איך אַהין? אפשר קענט איר מיר געבן אַן עצה, איר זענט דאָך אַן אונדזעריקער, איך האָב געהערט, אַז איר זענט פון אונדזערע מקומות...

אימה ופחד

אַליין בין איך פון אַ קליין שטעטל, נעבן פאַליניצע. געשלאָגן ידן ביי אונדז אַליין האָט מען אַפילו נישט געשלאָגן, אָבער דער אימה ופחד, דער שרעק! איר אין אייער שטוב, ווי איר זיצט דאָ און שרייבט, קאָנט

איך דאָס גאָרנישט אויסמאָלן, וואָס דאָס הייסט, אַז אַלע שעה קען זיך אויפֿעפֿענען די טיר און זיך אַ שיט טאָן אַ פּאָר צענדליק שיכּורע גויים און איך אַלץ צעברעכן און צערייסן און מאַכן אַ תּל פֿון אַלעמען. מילא, איר זענט אַ מאַנסביל, אָבער וואָס טוט מען מיט ווייב און קינדער? ביי אונדז אין אַ סך שטעט האָב איך געהערט, האָבן יידן אויך געפּראוווט שיסן. איר ווייסט, מיט וואָס דאָס שמעקט... איך ווייס, פֿאַר צוואַנציק יאָר האָט מען געמאַכט אַ פּאָגראָם אין שטאָט. עס האָט זיך דאַן אָפּגעטאָן אין אונדזער קאַנט אַ זומער כּסדר, אָבער וואָס איז דאָס קעגן היינט? דעמאָלט איז מען כאַטש אַרויס מיטן נפֿש, ווי זאָגט מען: הרכוש קח לך! אָבער נעמען אויסהרגענען יידן, אַזוי ווי מען הרגעט פּשוט אין אַ מלחמה, און דער שונא, וואָס אים הרגעט מען, איז נישט דער טערק, צי דער גרעק, נאָר דער ייד, דער ייד, וואָס זיצט אין קלייטל צי אין שטוב און האָט נישט אָנגערירט קיינעמען...

אַ פּאָר שקצים זיינען ביי אונדז דאָ, לייִדיקגייערס, און זיי האָבן דאָס אַ פּאָר וואָכן כּסדר געפּיקט אין קאָפּ, אַז מען גיט יידן ראַוונאָפּראַוויע. אַ טייל האָבן זיך גאָר צונויפֿגענומען און האָבן געזאָגט, אַז יידן מוזן מאַכן סאָבראַניעס... איך ווייס, וואָס עס האָט זיך ביי אונדז אָפּגעטאָן דעם ווינטער, און דאָס איז נישט אַ חברה „אהבת־ציון“ ווי די ציונים צי ווי די „דורשי שפֿת עבר“, נישט יונגעלייט, וואָס פֿריער האָבן זיי געהאַלטן דעם „המליץ“ צי דעם „הצפֿירה“, ניין, דאָס זיינען בחורים, וואָס זיי רעדן זיך איין, אַז זיי וועלן גיין מיט קולאַקעס. — וואָס זאָל איך אייך זאָגן, טאַקע דערפֿאַר אַליין האָבן מיר נאָך טויזנט מאָל מער מורא געהאַט. איר פֿאַרשטייט, דער שכל פֿונעם פֿריערדיקן יידן איז געווען, זיך נישט צו מישן: מיר זיינען ביי זיי און מיר מוזן דאַנקען גאָט, אַז זיי לאָזן אונדז לעבן און טשעפּען אונדז נישט, זיינען מיר דאָך דער מיעוט און זיי זיינען די רבים... צו וואָס זאָל איך אָנהויבן משׁשת ימי־בראשית, צי אַפֿילו פֿון טיטוסן, איר ווייסט דאָך, ווי אַזוי יידן זיינען געווען דאָס כּפּרה־הינדל פֿון תּמיד אָן און וואָס עס שטייט אין אונדזערע קינות און אין די סליחות... גאָרנישט, דער לאַנגער גזר־דין און יידן מוזן ווערן פֿאַרשוואַרצט, וואָרים, וואָרים אַזוי שטייט עס געשריבן... קומען זיי און זאָגן ראַוואָנפּראַוויע און יידיש בלוט גיסט זיך טייכנווייז.

איר קענט באַפּאָלי און באַלטע? צוויי שטעטלעך נעבן אַן אַנדער, ווי צוויי שוועסטער מיט שיינע הייזלעך; עס איז געווען אַ דערקווי־

קעניש אַהין צו קומען און צו זען, ווי אַזוי יידן זיצן זיך דאָרט און האָבן שיין פּרנסה. — האָט מען דאָס עוקר מן השורש געווען, און ביידע שטעט האָט מען אָנגעצונדן און פֿאַרברענט. אומאַן קענט איר אַוודאי, וואָס דאָרט האָט זיך אָפּגעטאָן אין דער אַלטער און אין דער נייער שטאָט! מען דערציילט זיך אָן ביי אונדז, ממש מעשה גאָנטע און כמעלניצקי און דער סוף וועט זיין אַ נייער כ׳ סיוון און אַ גרויסע מוראַדיקע יללה...

איך אַליין פֿאָר קיין אַרגענטינע. מיינער אַ שוואָגער איז שוין דאָרט לאַנג, און כאָטש תּחילת האָט ער געשריבן, עס גייט אים נישט אַזוי פֿויגלדיק און האָט אַלע מאָל געצויגן פֿון מיר אַ דרייערל און אַ פֿינפֿערל, שרייבט ער מיר אַצינד: קום אַהער. אויף הוצאות האָב איך דאַנק גאָט, וואָרים איך האָב פֿאַרקויפֿט וואָס איך האָב געהאַט, אַפֿילו די פֿעדערן; אָבער טראַכטן טראַכט איך מיר, וואָס וועט זיין דער תּכלית פֿון אונדז יידן? זעט איר, איר זענט אַ געלערנטער, און איך ווייס, אַז די געלערנטע האָבן אַ סך מחשבות און זיי קאָנען אַרויסדרינגען, אָבער אין האַרצן פּיקט עס. איר פֿאַרשטייט, דאָס בין איך דאָך נישט איך אַליין, נאָר דער כּלל. דעם כּלל יידן איז היינט שלעכט, מוראַדיק שלעכט, און איך ווייס נישט, ווי עס וועט גיין ווייטער. יאָ, אַז עס וואָלט אויפֿגעהערט דער גלות און מיר זאָלן טאַקע זיין ביי אונדז, וואָלט אונדז געווען בעסער, אָבער ווי אַזוי וועט ער אויפֿהערן, אַז גאָט וויל נישט? פֿון דער גאולה רעדט מען אַזוי גרויס, זינט דער גלות האָט זיך אָנגעהויבן.

אַ צייט, וואָס בערב זאָגט מען: מי יתן בוקר, און וואָס איין טאָג ווייסט מען נישט, אויב מען וועט דערלעבן אַן אַנדערן! איר פֿאַרשטייט, אויף יידן זיינען מיטאַמאָל אָנגעשטאַנען חיות רעות. דאָס איז נישט ווי בשעת המן מיט אחשוורושן, וואָס מען האָט געשריבן צו אַלע מדינות, אַז מען זאָל שלאָגן יידן און דערנאָך איז געקומען אסתּר און מען האָט זיי שוין מער נישט געשלאָגן. דאָ האָט מען אָנגעהויבן שלאָגן נאָך איידער מען האָט זיך געריכט, און מרדכין האָט מען אויך געשלאָגן; אַפֿילו ליבערמאַנען און אפרתין, די גרעסטע אדירים, האָט מען נישט געשאַנעוועט, און וואָס זאָל איך, כאַצקל שמעונס, זאָגן.

איר זאָגט, אַז איר ווילט וויסן פֿון אונדזער שטאָט פּאָדראָבנע. פּאָדראָבנע ווייס איך נישט. עס איז ביי אונדז אין שטאָט געווען אַזאַ שרעק,

אַז אַלץ ביי מיר אין קאָפּ האָט זיך אויסגעמישט! איר ווייסט נישט, וואָס דאָס הייסט: זיצן אין שטוב און אַלע מינוט געבן אַ קוק, צי מען גייט שוין; די גוים מיט די גראַבליעס און מיט די שטיקער אייזן זייגען שוין טאַקע געווען אין מיטן מאַרק. ווי אַזוי מען האָט זיך ביי אונדז אויסגעקויפּט פון זיי און עס איז נישט געקומען צו אַ פּאָגראָם, ווייס איך עד־היום נישט. מיך אַליין, וואָס איך גיב מעות־חיטין אַלע יאָר אַ קערבל, האָט דאָס געקאָסט אַ גאַנץ צענערל, דער פּריסטאַוו האָט געריסן פון טויטע און פון לעבעדיקע.

וואָס האָב איך גיך געוואָלט פרעגן, צי מען פאָרט פון אַמעריקע קיין אַרגענטינע אויך איבערן וואַסער? איר פאַרשטייט, אַרגענטינע איז נאָך פון יענער זייט אַמעריקע. פאַרוואָס דער באַראָן הירש האָט זיך אַזוי ווייט פאַרקליבן, ווייס איך עד־היום נישט. מילא, זאָל זיין אַרגענטינע, ווי דערלעבט מען שוין אַהין צו קומען און אויסצורוען די מידע ביינער; שוין פיר וואָכן אַז איך בין פאַרוואָגלט מיט אַ ווייב און מיט פיר קינדער! דער עלטערער מיינער האָט געדינט און איז געווען אין דער מלחמה אין מאַנדזשוריע און איז נהרג געוואָרן, (ער גיט אַ כליפּ) פרעגט מיך נישט בעסער וועגן יאָסלען. דאָס האָט מען אונדז אַוועקגענומען אונדזער לעבן, איר וואָלט זען אַ יונג, אַז גאָט און לייט האָבן מיך מקנא געווען, מוזן זיי אָנהויבן מלחמה האַלטן מיט יאַפּאַניע און מיר אַוועקנעמען מיין זון, און דעם שכר דערפאַר, איז צו נעמען דעם קלימעק און גיין אויף דער עלטער קיין אַרגענטינע. וואָלט איך דאָס כאָטש געווען געטאָן מיט צוויי יאָר צוריק, אַז איך האָב זיך ביי אים, מיין זון, געבעטן רחמים: קום.

האָט קיין פאַריבל נישט, אַז אַ ייד רעדט זיך אויס דאָס האַרץ פאַר איך. איר האָט דאָך אויך אַ יידישע נשמה און איך זע אין איך, אַז עס דערבאַרעמט איך ביז צום האַרצן.

מיט לײדיקע קעשענעס

ווי איר קוקט מיך אָן, ווי איך שטיי דאָ פאַר איך מיט די ליידיקע קעשענעס, אַ דאָס איז מיין גאַנץ פאַרמעגן. אַפילו דעם טלית און תפילין האָב איך נישט פאַספּעיעט אַריבערצופּעקלען. איר ווייסט נישט, וואָס

עס הייסט גנבענען דעם גרענעץ און פּאַפּירן האָב איך אַזוי פֿיל־צו ווייזן, ווי דעם ווייבס כּתובה... יאָ, אַז זי וואָלט אַצינד געלעבט! מוז זי זיך ראש השנה פֿאַרקילן און שטאַרבן, און דעם זון מיינעם, וואָס איך האָב אים נאָך נישט אויסגעגעבן, האָט מען מיר דערהרגעט צו אַכצן יאָר! ניין, איך זאָג אייך, ביי אונדז איז אַצינד געוואָרן די אמתע ארץ הדמים. פֿון פּרנסות איז שוין גאָרנישט צו שמועסן, אַז זיי זיינען שוין לאַנג נישטאָ... ווי איר זעט מיך אָן, האָב איך מיך אויפֿגעהויבן און געזעגנט מיט רוסלאַנד אויף אייביק, כאָטש דער עולם שמועסט ביי אונדז, אַז עס וועט נאָך קומען אַ צייט און עס וועט ווערן אָרדענונג. איר פֿאַרשטייט, דער פּריסטאַוו ביי אונדז איז סיי־ווי־סיי אַ סוקין־סין; אָבער איצט, זינט עס האָט זיך ביי אונדז אָנגעהויבן צו רודערן און דער עולם רעדט שוין, אַז באַלד וועט שוין גאָר קיין פּריסטאַוו נישט זיין, איז ער געוואָרן נאָך אַ סך ערגער... איר קענט נישט פֿאַניען, וואָס דאָס הייסט מיט אים צו האָבן צו טאָן, אַז אין אים צעקאָכט זיך די רציחה, און דעם יידן האָט מען אַלעמאָל פֿיינט, און בפֿרט נאָך אַצינד.

איר פֿרעגט מיך, וואוהין איך פֿאָר, וואוהין פֿאָרט אַ ייד? קיין אַמעריקע. אויף הוצאות האָב איך אַפֿילו נישט קיין פּיאַטאַק און די קאָרטע אַליין אויפֿן שיף, האָט מען מיר געזאָגט, קאָסט זעכציק קאָרבן. אָבער איך ווייס, אַז אין עטלעכע וואָכן אַרום וועל איך שוין זיין אין אַמעריקע; איך ווייס דאָס אַזוי זיכער, ווי איך ווייס, אַז איך בין אַצינד ביי אייך אין שטוב. יידן פֿאַרלאָזן נישט, און גאָט איז תּמיד דער עוזר בשעת צרה. אי, וואָס וועל איך טאָן אין אַמעריקע? פּאַפּיראָסן וועל איך מאַכן. איר פֿאַרשטייט, מיין יינגל, דער, וואָס איז בשעתן מאַני־פֿעסט דערהרגעט געוואָרן פֿון אַ פּיסטאָל, האָט זיך געלערנט צו מאַכן פּאַפּיראָסן און האָט שוין געהאַלטן ביי פֿאַרדינען פֿיר רובל די וואָך. איך אַליין האָב דאָס אַפֿילו נישט געלערנט, אָבער איך האָב זיך גוט צוגעקוקט ווי מען מאַכט דאָס, און אויגן האָב איך, און אַ גרויסע קונץ איז דאָס אויך נישט. אין אַמעריקע וועל איך מיט דעם אָנהויבן, וואָ־רים אַרומגיין מיטן קעסטעלע און איטלעכן בעטן, ער זאָל ביי מיר קויפֿן אַ פּעקל שוועבעלעך צו שוואוואַקס, איז נישט פֿאַר אַ יידן אין מיינע יאָרן, דאָס פּאַסט פֿאַר אַ יינגל. מען זאָגט, אַז אין אַמעריקע צאָלט מען נישט אויפֿן רובל, נאָר אויפֿן דאָלאַר און דאָס איז אַ סך מער.

איך פֿרעגט מיך, פֿאַרוואָס איז מיין יינגל דערהרגעט געוואָרן? פֿאַרוואָס? אַט הערט־זשע. איך האָב אים טויזנט מאָל געזאָגט: מיש זיך נישט, יאַנקל, וואָס אַרט עס דיך אַז מען שלאָגט זיך דאָרט אַרום מיט די שרי־מלוכה. ער איז אָבער געזעסן און האָט געטאַלקעוועט, אַז אַצינד הויבט ער אָן צו אַרבעטן זעקס אַזייגער אין דער פֿרי און הערט אויף קעגן צען ביינאַכט און אַמאָל זיצט ער ביז עלף און ביז צוועלף און נעמען נעמט ער פֿינף און זעכציק קאָפּיקעס אַ טאָג, וועט דאָך זיין אַ סך בעסער, אַז ער וועט אַרבעטן נאָר אַכט שעה אַ טאָג און וועט שוין צו מנחה־צייט אויפֿהערן און וועט נעמען אַ רובל אַ טאָג. זאָג איך צו אים: זיי וועלן זיין משוגע, אַז זיי וועלן דאָס וועלן. זאָגט ער: זיי וועלן מוזן דאָס וועלן. איך האָב שוין געוואוסט, אַז דערפֿון וועט נישט אַרויסקומען קיין גוטס. אָבער גיי, היינטיקע יאָרן זאָגן עפּעס אַ דער־וואַקסן קינד.

ויהי־היום, איז אָנגעקומען פֿון פּעטערבורג דער פּאַפּיר וועגן מאַני־פֿעסט. אַ טייל האָבן געזאָגט, אַז פֿון אַצינד אָן וועלן יידן נישט מער דאַרפֿן דינען. אַ טייל האָבן געזאָגט: פֿאַרקערט, יידן וועלן אַצינד זיין גלייך מיט אַלעמען און עס וועט גאָרנישט זיין קיין חילוק צווישן ייד און גוי. מילא, דאָס ערשטע, וואָס עס הויבט זיך אָן, איז צו מאַכן אַ מאַניפֿעסטאַציע און גיין איבער דער שטאָט מיט פֿאָנען און אַ חופּה, איר וואָלט דאָס צוגעזען, עס איז געווען ווי מען גיט אַ נייעם ספֿר אין שול אַריין... און מיינער איז אַוודאי דערביי. איך אַליין בין זיך מיר גע־בליבן אין דער היים, איך בין נישט קיין גרויסער מאמין אין פּעטער־בורג, און אַפֿילו, אַז אַ מלאך פֿון הימל וועט קומען און וועט זאָגן: ליהודים היתה אורה און דאָס איז געקומען פֿון זיי, וועל איך אים נישט גלויבן.

איך וויל אייך דערציילן בקיצור. פֿון טאַנצן האָט זיך אויסגעלאָזט אַ שלאָגן, דאָס הייסט, מען האָט אָנגעהויבן צו שלאָגן יידן, און אַז יידן האָבן געפּרואווט געבן צוריק, האָט מען אָנגעהויבן צו שיסן. דערהרגעט זיינען געוואָרן דריי יידן, אַ קליין קינד און מיין יינגל. מיט פֿינף קרבנות האָט מען באַצאָלט פֿאַר דעם פּאַפּיר: אַ קרבן עולה און אַ קרבן חטאת און אַ קרבן אשם; דאָס איבעריקע קען איך אייך נישט אויסרעכענען. און איך, בערל פּאַדוצער, וואָס איך האָב אַפֿילו נישט אַ שטאָט אין שפּיגל אין קלויז, מוז אויף מיין חלק אַליין געבן אַ גאַנצן קרבן.

אַ ייד פון אַמאָל

געהאַלטן האָב איך די מיל אין אַ דאָרף נעבן כאַנאַראַד פערצן יאָר כסדר, און גאָט האָט געהאָלפן, אַז עס איז געגאַנגען תמיד גוט. תמיד האָב איך געהאַט, וואָס צו מאָלן, און כאָטש איך האָב דעם פּריץ פון דער מיל געצאָלט אַ גוטן מקח, איז מיר נאָך געבליבן גענוג פאַר מיר און פאַר אַנדערע. איך האָב נישט געהאַט ליב צו לעבן פאַר זיך אַליין און תמיד איז ביי מיר געווען אַן אָפן הויז פאַר אַלע, וואָס פאָרן דורך און פאַר די טוחנים אַוודאי. איר קענט פרעגן אין שטאָט און אין דאָרף, אויב ס'איז דאָ איינער, וואָס זאָל זיך באַקלאָגן אויף מיר, אַז איך האָב אים אָפּגעזאָגט אין אַ טובה. איך בין געווען גלייך גוט סיי צו יידן סיי צו גויים. און מיין ווייב, עליה־השלום, אַוודאי; זי איז געווען דער אמתער מזג־טוב, און איך ווייס, אַז דאָס האָט זי מיך אויך געמאַכט פאַר אַ גוטן מענטשן. אַלע גויים פון דאָרף זיינען געווען פאַר איר די כפרה. יעדנטע פון דער מיל איז זיי געווען אַ סך טייערער ווי די פּריצה, ביי יעדנטען האָט מען תמיד געקאָנט באָרגן אָן פּראָצענט. אַז אַ גוי האָט זיך צע־שלאָגן מיטן ווייב, האָט זי געמאַכט שלום און זיי ביידן איינגערעדט מיט גוטן. קראַנקע האָט זי געגעבן רפואות, און האָט זי נאָר געוואוסט, אַז עס איז אַ סכנה, האָט זי געגעבן געלט און מען האָט געשיקט נאָכן דאָקטער. איר קאָנט אייך נישט אויסמאָלן, וואָס דאָס איז געווען פאַר אַ מענטש. אַ גאָלדן האַרץ! היינט איר צניעות, און ווי זי האָט דאָס גע־קאָנט רעדן צו אַ מענטשן מיט אַן אָנגעווייטיקט געמיט. אַז זי פלעגט קומען אין שטאָט, איז מען געלאָפן צו איר פון אַלע זייטן, גבאים פון חברות, גבאיטעס און גלאַט אָרעמע לייט. עס האָבן זיך גאָר געפונען מענטשן פון די נגידים, וואָס האָבן געזאָגט, אַז זי וועט מיך מיט איר פּזרנות מאַכן פאַר אַן אָרעמאַן, אָבער איך האָב פון זיי געלאַכט. איך האָב געוואוסט, אַז צו גאָט דערלייגט מען נישט, אַז פון געבן און העלפן מענטשן אין נויט ווערט מען נישט בדלות. ווער איז געווען גלייך צו מיר! אַז עס איז געקומען אַ שבת צי אַ יום־טוב, און גאָט האָט מיר געהאָלפן, אַז עס האָבן זיך ביי מיר אָפּגעשטעלט אַ פּאָר אורחים, צי אַז איך האָב גאָר געהאַט ביי מיר אַ מנין, וואָס האָט מיר דעמאָלט גע־פעלט? טאָמער איז דאָס טאַקע געווען די עבירה, אַז עס איז מיר גע־גאַנגען צו גוט. אין גאָט האָב איך אַוודאי נישט פאַרגעסן. אָבער איך ווייס,

דער אָרעמאַן, דער מענטש, וואָס האָט אַ גרויסע צרה, טוט דאָך גאָר אַן אַנדער מין געוויין פֿאַר גאָט. ביי מיר איז געווען זומער און ווינטער זומערדיק אויפֿן האַרצן; מען איז געגאַנגען שלאָפֿן רואיק, מען איז אויפֿגעשטאַנען אינדערפֿרי רואיק. יאָ, וואָס האָב איך געהאַט אויסצו־בעטן ימים־נוראים? אַ כתיבה וחתימה טובה האָט מען מיר תמיד גע־געבן, און איך האָב געמיינט, אַז עס מוז שוין אַזוי זיין.

נאָך דעם לעצטן ראש השנה, אַז איך האָב געזאָגט: „מי בחרב״! האָט עס אין מיר געגעבן אַ ריס. בין איך משוגע? אַ זון אין סאָלדאַטן האָב איך נישט, ביי אונדז זיינען די גוים אַזוי רואיק, אַז זינט איך געדענק, האָב איך נישט געהערט, אַז עמיצער זאָל נהרג ווערן. אָבער דער „מי בחרב״ איז מיר געלעגן ווי אַ שטיין אויפֿן האַרצן, און אַפֿילו שפּעטער, אַז איך בין געקומען פֿון שול אויף דער סטאַנציע, בין איך געווען מרה־שחורהדיק, ווי עס איז גאָרנישט מיין שטייגער. מיינע האָט מיך אַפֿילו געפֿרעגט, וואָס איז מיט מיר. איר פּנים אין ווייסן זיידענעם טיכל האָט געלויכטן ווי די זון.

שטעלט אייך פֿאָר, מען קומט צופֿאָרן אַהיים, עס ווערט אַסיען און מען פֿילט מיטאַמאָל, אַז עס איז אַ שווערע צייט. קיין צייטונגען לייענט מען ביי אונדז נישט, אָבער אין וואָלאָסט ווערט מען אַלע מאָל געוואויר: גוים גייען אַרום און רעדן, זיי האָבן צו ווייניק ערד. אַז מען גיט זיי יאָ ערד, אַז מען גיט זיי נישט, אַלע זיינען זיי צערודערט. מיינע שקצים אַליין און די אַרבעטער אין מיל זעען אַנדערש אויס ווי תמיד. איך ווייס נישט וואָס, אָבער מען פֿילט, אַז דאָ וועט עפּעס קומען.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? תּחילת האָט מען זיך גענומען צום פּריץ — אַ הונט איז ער געווען, דאָס קאָן מען נישט לייקענען, און אַפֿילו היינט, אַז אַ גוי האָט ביי אים געגנבעט האָלץ אין וואַלד, האָט ער נאָך געקאָנט אים אַנידערלייגן און אַריינצײלן אים צוואַנציק פּרוטיעס אויפֿן הוילן, אַז עס האָט געשפּריצט דאָס בלוט. דעם פּריץ האָט מען חרב ומוחרב געמאַכט, אָנגעצונדן דעם פּאַלאַץ, פֿאַרברענט דעם טויג, און ער אַליין איז אַנטלאָפֿן. דערנאָך האָט מען זיך גענומען צום ייִדן... פֿון מיין שטוב און וואָס איך האָב געהאַט, איז נישט געבליבן קיין שריד ופּליט, אין דער מיל האָט מען איבערגעשניטן אַלע רימענס, פֿון די רעדער אַרויסגעריסן די ציינער, אויפֿגעהויבן די זאַסטאַווקעס און אַרויס־געלאָזט דאָס וואַסער, און מיין ווייב, מיין גוטע, טייערע יענטע, וואָס

איז מיר געווען אַלץ אין דער וועלט, — קינדער האָבן מיר נישט גע־האַט — האָט מען דערהרגעט... דריי וואָכן נאָך דער קבורה בין איך אַרומגעגאַנגען ווי משוגע און נישט איין מאָל האָב איך מיך געוואָלט וואַרפֿן אין וואַסער, אָבער אַצינד, אַז עס איז געוואָרן פֿינצטער ביי אַלע ייִדן, ביי מיר און ביים גאַנצן כּלל, זאָגט גאָט: דווקא לעבן!

אַ תּל

איך בין אַליין פֿון האָראָדיטש, בין איך. אויפֿגעהאָלטן האָב איך מיך אין קיעוו, אַז מען האָט מיך נאָר געלאָזט. צו דער צייט פֿון דער מהפּכה איז געווען אַ נס, בין איך נישט געווען, אָבער דערנאָך — איר קענט קיעוו, דעם קרעשטשאַטיק און אַפֿילו דעם פּאָדאָל, ס'איז דאָך עפּעס אַ שטאָט, וואָס עס לוינט זיך אַהין צו קומען, און אַ קערבל פֿאַרדינט מען דאָרט אויך גרינג און בכלל די קיעווער מענטשלעך, און דאָ קומט מען אין דער אייגענער שטאָט, וואָס האָט פֿריער געזונגען אומעטום, און עס איז חושך־מצרים — צעבראָכן די גרויסע קלייטן און די הייזער, אויס־געהרגעט אַ פּאָר הונדערט מענטשן און געמאַכט אַ תּל פֿון מיליאָנען. אַפֿילו די גרעסטע גבירים האָבן זיי אויך געוואָלט מאַכן צו אָרעמע לייט. איר ווייסט נישט, וואָס עס האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטאָן. דאָס איז געווען ממש חורבן־ביתר. דריי טעג און דריי נעכט האָט מען געאַרבעט, און אַ גוי, וואָס אַז מען כאַפּט אים ביי אַ גנבה, גייט ער אויף דריי חדשים אין טורמע, האָט געקוילעט און געראַבעוועט אין מיטן העלן טאָג, פֿראַנק און פֿריי און דאָס איז געווען מותּר, ווי מען מעג אויפֿהייבן אַ שטיקל פּאַפּיר פֿון דער ערד.

און אַז מען נעמט קלערן ביי זיך, ווי אַזוי דאָס איז געקומען, ווייס איך אַליין נישט. געסטראַשעט ייִדן האָט מען שוין פֿון לאַנג, און נאָך בשעת דער מלחמה האָבן אַלע געוואוסט, אַז פֿאַר אונדז וועט זיך דאָס נישט גוט אויסלאָזן. איר ווייסט דאָך, ייִדן זיינען תּמיד דער שעיר־המשתּלח, סיי אַז מען געווינט, סיי אַז מען פֿאַרלירט, מיר מוזן צאָלן ביידע צדדים.

ווי איר זעט מיך, בין איך אַ ייִד, וואָס האָט אין זיבען לויטער גע־שעפֿט און כּל־ימי בין איך אין דער פּראַקטיקע און לאָז מיך נישט אַריין אין חקירות צי אין מי־יודע וואָס, אָבער אָט דאָ זאָג איך מיר, אַז אין דעם

שלאָגן יידן פֿון תּמיד אָן אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים און וואָס עס הערט גאָרנישט אויף, זאָג איך מיר, מוז ליגן עפּעס אַ זאַך, וואָס אונדזערע אינ־טעליגענציע וואָלט דאָס באַדאַרפֿט געבן צו פֿאַרשטיין... אַוודאי איז ביי יידן ראשית כּל פּרנסה, וואָרים אָן פּרנסה קאָן מען נישט באַשטיין, אָבער אַ גאַנצע אומה מוז דאָך עפּעס האָבן, וואָס זאָל זי אָפּהיטן... עס מוז דאָך אַמאָל שוין קומען אַ צייט, אַז מיר זאָלן נישט באַדאַרפֿן אָנקומען צו זיי און אַלץ זיין נכנע צו זיי. ווי איר זעט מיך לעבן, אַפֿילו אַ גביר איז אַלץ דער עבד נכנע צום גובערנאַטאָר, עס איז נישטאָ קיין איינציקער ייד אין דער וועלט, וואָס זאָל נישט באַדאַרפֿן דעם שוץ פֿון זיי. וואָס־זשע איז דאָס פֿאַר אַ תּכלית, פֿרעג איך אייך.

נייך, איך נעם אייך אַוועק צו פֿיל צייט, און טאָמער זיצט איר דאָ און לאַכט אין האַרצן פֿון אַ געשעפֿטס־ייד, וואָס קריכט אין אַזעלכע הויכע ענינים; אָבער גלויבט מיר, אַז ווען מיר וואָלטן געקאָנט שרייבן און גוט אויסטאָלקעווען אַ געדאַנק, וואָלט מען געזען, אַז אַ ביסל מחשבות האָבן מיר אויך, כאָטש מען איז נאָר אַריינגעטאָן אין מסחר און מען האָט נאָר אין זינען דאָס קערבל...

איר קענט נישט דעם יידן, וואָס האַנדלט. מען לויפֿט דעם גאַנצן טאָג אַרום ווי אַ פֿאַרסמטע מויז. דער קאָפּ דאַרט און אַלע אברים הפּנימיים טראַכטן אַלץ ווי אַזוי צו פֿאַרדינען דעם פֿינף־און־צוואַנציקער. ווער האָט צייט צו עסן, צו דאַווענען, צי אַפֿילו אַ רייד צו טאָן מיט אַ קינד, אַז מען איז אין דער היים? עס איז שטענדיק אין קאָפּ ווי אַ מיל, און תּמיד האָט מען מורא, טאָמער סטאַיעט נישט קיין וואַסער און עס בלייבט שטיין די מיל... און פֿונדעסטוועגן, קומט די מינוט, וואָס מען גיט אַ טראַכט וועגן כּלל־יידן און מען וואָלט אַוועקגעגעבן אַלץ אין דער וועלט, אַבי מען זאָל קאָנען האָבן אַן עצה פֿאַר דעם כּלל־יידן...

אַ דעראַזשנער

אַ דעראַזשנער בין איך פֿון נעבן מעזשבעזש. איר קענט אונדזערע שטעטלעך אין וואָלין? דאָס איז נישט אייער קאַנט. ביי אונדז איז נישטאָ דער קאָרן און דער ווייץ, ווי ביי אייך; דער גוי איז ביי אונדז אַ דער־שלאָגענער און גרויסע נגידים, ווי ביי אייך, זיינען ביי אונדז אויך

נישטאָ. גאָרנישט. מען זיצט אין דער אָנגעשטאָפּטער שטאָט און מען מוטשעט זיך און מען ציט דאָס ביסל חיונה. מען ציט! אַ לעבן איז דאָס! וואָלטן ביי אונדז נישט געווען די לאַגערס מיט די סאָלדאַטן, וואָס מען קאָן דערביי האַלטן אַ קלייטל צי אַ שטיקל טשאַינע, וואָלט מען גע־קאָנט צען מאָל אין טאָג שטאַרבן פון הונגער. און האַלט איך שוין יאָ אַ קלייטל, האַלט חיים אויך, און יוחנן אויך און איטלעכער ייד אין שטאָט און מען רייסט ממש דעם ביסן פון מויל. עס איז גאָרנישט קיין חידוש נישט, אַז זינט די לעצטע יאָר צעפּאָרט זיך דער עולם קיין אַמע־ריקע; עס פאָרט ווער עס קען נאָר און ווער עס האָט נאָר אויף הוצאות. די שטעטלעך ווערן נאָך מער פּוסט. ווער האָט היינט אין זינען זיצן און לערנען, צי גאָר נעמען אַן איידעם אויף קעסט, וואָס זאָל זיצן און לערנען? די קענער גייען היינט אויך אַרום און האָבן נישט וואָס צו טאָן. וואָס זיינען דאָס אַמאָל געווען פאַר אַ צייטן! וואוהין איז דאָס אַלץ אַהינגעקומען? אָבער ווער האָט צייט צו טראַכטן, אַז דער קאָפּ דאַרט און מען זיצט און מען קוקט אויס דעם גאַנצן טאָג אויף אַ קונה, אַז די אויגן קריכן שיער פון קאָפּ, און דאָ האָט מען דערוואַקסענע קינדער, עס גייט אַ סדרה אַ שידוך טאָן מיט אַ מיידל, באַוואָרענען אַ ייִנגל, און אייגנס האָט מען נישט קיין מזומנע צען גראָשן. ווען איר וואָלט היינט אַריינגעפאָרן קיין דעראַזשנע, די שיינע שטאָט מיט די טייכן, וואָלט איר זי נישט דערקענט: דער געלער ליים פון די הייזער איז אָפּגעפאַלן, עס איז נישטאָ פון וואַנען זיי צו פאַרבן, אַ סך צעבראָכענע דעכער און עס איז נישטאָ פון וואַנען זיי צו פאַרריכטן. מען גייט אָנגעטאָן, אַז אַמאָל וואָלט מען זיך געשעמט אַזוי צו ווייזן אויפן גאַס. אַ שטאָט פון גאָלע עניים און אביונים, און עס איז נישטאָ קיין איין מענטש, וואָס מען זאָל אים אַ ביסל קאָנען מקנא זיין און זאָגן: אָט־דער איז אַ מוצלח. איט־לעכער טראָגט זיך אַרום מיט אַ שטיין אויפן האַרצן. אין קלויז און אין די בתי־מדרשים איז פּוסט, אַפילו חדשות קריכן שוין אויך נישט אין קאָפּ... וואָס האָט מען שוין דערפון, אַז עטלעכע יונגעלייט האָבן ביי אונדז אַמאָל געשמועסט פון ציוניות? גיי, נעם דעם קבצן און פאָר אַוועק קיין ארץ־ישראל און נעם דאָרט חלוקה, און היינט גיט מען שוין דאָס אויך נישט... איר קאָנט אייך גאָרנישט אויסמאָלן, וואָס פאַר אַ שברון־לב עס האָט זיך ביי אונדז אָנגעקליבן. אַמאָל האָט מען כאָטש געקאָנט האָבן בטחון און האָפנונגען: איז דאָס יאָר געווען שלעכט, האָט מען

געהאַפּט, אַז דאָס אַנדערע יאָר וועט זיין בעסער, און געזען האָט מען טאַקע אַז גאָט פירט. היינט וואָס איז צו האָפן? פון וואַנען זאָל ווערן בעסער? און מיט יידישקייט גייט עס אויך באַרג אַראָפּ... ווער פילט היינט דעם טעם פון אַ מיצווה ווי אַמאָל? ווער האָט היינט אין זינען יראת שמים? אַז עס קומט אַ פּאַקן־טרעגער, פאָרט ער צוריק אַוועק מיטן פּעקל... עס זאָל זיך עמיצער קויפן אַ ספרל, אַ סידור, ארבע כנפות מאַכט מען פון ציץ, אַבי נישט צו קויפן קיין גרייטן. וואו זעט מען היינט עס זאָל עמיצער האָבן אין זינען זיך מאַכן אַ שיינע סוכה צי קויפן אַ שיינעם אתרוג? אַפילו צום רבין פאָרט מען שוין אויך נישט. און ווער שמועסט פון געבן מעמד־געלט, און זיי מוזן שוין אויך אָנהויבן פאַר־משכונען דאָס זילבער; צו האַלטן פערד האָבן זיי שוין לאַנג אויפגעגע־הערט. יאָ, איר ווייסט נישט, וואָס עס טוט זיך ביי אונדז: מתים, כולנו מתים, לעבעדיקע מתים גייען אַרום אין די גאַסן. די קלייטן זיינען אַ בית־עולם, נישטאָ קיין סחורה, נישטאָ קיין קונים, פשוט מען פאַלט אויפן פנים, יונג ווי אַלט, דער סוחר ווי דער באַלמעלאָכע, קיינער האָט נישט וואָס צו טאָן און אַלע גייען אַרום מיט ליידיקע הענט.

און שטעלט איך פאַר, אַז אַפילו דאָס פאַרגינט מען אונדז אויך נישט. האָט זיך אָנגעהויבן ביי אונדז אַ צייט פון פאָגראָמען, מען שלאָגט יידן, און מען הרגעט, און מען נעמט זיי צו דאָס לעצטע! וואָס ביי אונדז איז שוין דאָ צוצונעמען, מ׳שטיינס געזאָגט, אָבער ווי אַ קללה האָט זיך אויף אונדז אויסגעגאָסן. טאָמער איז מען נאָך געזעסן אין אַ ווינקל און געהאַט וואו אָנצושפּאַרן דעם קאָפּ, איז דאָס שוין אויך נישטאָ. פאָרט אַריין אין אַזאַ שטעטל, וואָס איז צעראַבעוועט געוואָרן, און גיט אַ קוק. צעבראָכן די הייזער, אַ טייל פאַרברענט, נישטאָ קיין גאַנץ בענקל, נישטאָ קיין קישן. מענטשן לעבן אויף די גאַסן מיט ווייב און קינדער, און עס איז ווינטער, ס׳פרירט. קליינע קינדער ביי דער ברוסט האָבן נישט וואָס צו זויגן. איך זאָג איך, מען מוז האָבן אַ האַרץ פון שטיין דאָס צוצוזען און נישט אַראָפּ פון זינען פאַר צער. רבונו־של־עולם, וואָס ווילסטו פון אונדז יידן האָבן?

היפוכים

און ווען איך זאָל לעבן טויזנט יאָר און האָבן טויזנט צונגען און זיבן טאָג און נאַכט און איך דערציילן, בין איך נישט אומשטאַנד אייך אויסצומאָלן, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט און איבערגעליטן די לעצטע פּאָר חדשים, זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן צו רודערן מכּח סוואָבאָדע און מכּח רעוואָלוציע. שטעלט אייך פֿאָר, אַ רוֹאיקע צייט, און מען געפינט אַ הרוג אויפֿן שליאַך, וואָס עס טוט זיך דעמאָלט אָפּ מיט קאָמיסיעס און מיט סלעדאָוואַטיעלס אַ יאָר כּסדר. און אַפֿילו ביי אַ גנבה צי גלאַט אַזוי ביי אַ דיעלע. מען גייט פֿון איין אַדוואָקאַט צום אַנדערן, פֿון איין סוד צום אַנדערן, און דאָ ראַבעוועט מען און מען הרגעט און מען צינדט אונטער און עס איז גאָרנישט. דער פּריסטאַוו איז קיין פּריסטאַוו נישט און דער איספּראַווניק איז קיין איספּראַווניק נישט, זיי האָבן אויך מורא! און באַסיאַקעס, וואָס באַפֿאַלן אַ קלייט, נעמען צו די סחורה און דאָס געלט, און דעם באַלעבאָס דערהרגענען זיי, — זיי גייען אַרום פֿראַנק און פֿריי. האָב איך אַ קלייט און מען האָט מיך נאָך נישט באַראַבעוועט, קומט מען צו גיין און מען הייסט מיר צומאַכן די קלייט, און נישט אין אַ חגא, נאָר אין אַ פּראָסטן מיטוואָך, און דאָס קומט אָן נישט פֿון סטאַן, נאָר פּשוט צוויי יונגען פֿון אַ חברה. האָט איר אַזוינס געהערט, אַז מיין משרתל, וואָס איך האָב אים נישט געזשאַלעוועט אַ פּאַטש, אַז ער האָט פֿאַרדינט, און תּמיד האָט ער אָפּגעווישט די ליפּן, רעדט אַצינד צו מיר, ווי אויב ער איז דער באַלעבאָס; איך בלייב זיצן אין קלייט ביז צען אַזייגער און ער גייט שוין אַוועק זעקס אַזייגער און זאָגט: גענוג געאַרבעט! און גיי שאַף אים אָפּ, בין איך נישט זיכער מיטן לעבן. ממש עולם הפּוך מבּית ומבּחוץ. די מענטשן זיינען נישט די מענטשן, וואָס זיי זיינען געווען נאָך צוריק מיט אַ פֿערטל יאָר, און אין דער מדינה גייט אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ.

מאָלט אייך אויס, היינט איז מען אַ שררה און מאָרגן נישט. אין דער עיר המלוכה שלאָגט מען זיך אַרום אין די הויכע פֿענצטער און די שיטה איז קיין שיטה נישט. היינט הייסט מען שיסן און מאָרגן זאָגט מען צו גאָלדענע בערג. האָלט מען מלחמה, איז מען נישט מנצח, און אין אָדעס שיסן גאָר די שיפֿן אויף דער שטאָט. איך פֿרעג אייך, ווער קאָן אין אַזאַ צייט לעבן, ווער קאָן טאָן מיסחר, צי עמעצן באָרגן געלט, צי גאָר געבן

אַ קינד לערנען, אַז מען לייגט זיך שלאָפֿן, ווייסט מען נישט צי מען וועט נישט ווערן באַפֿאַלן ביינאַכט און ווערן פֿאַרשלעפּט אין טורמע. איך זאָג אייך, משוגע קאָן מען ווערן און דאָ מוז מען לעבן, וואָרים דאָס קליינ־וואַרג ווייסט נישט פֿון קאָנסטיטוציע און פֿון פּראָוועס און שרייט: ברויט!

דער סוף

און וואָס מיינט איר וועט זיין דער סוף מיט אונדז יידן? איר זענט דאָך אַ געלערנטער און האָט אַוודאי געטראַכט וועגן דעם. פֿאַרקערט, זאָגט מיר, לאָמיך הערן. מען זאָגט, יידן האָבן שוין אַזאַ מזל צו זיין תּמיד דער השה לעולה, אָבער דאָס קאָן דאָך נישט זיין דער תּירוץ אויף דער קשיה. אַ פֿאָלק זאָל ליידן תּמיד פֿון טויזנטער יאָרן, זאָל ליידן ווי קיין שום אומה ליידט נישט, און דערפֿאַר אַליין האָט מען אונדז גע־געבן די תּורה און מיר היטן אָפּ די מצוות! קאָנט איר דאָס פֿאַרשטיין? קאָנט איר דאָס משיג זיין, אַז דערפֿאַר, וואָס איך בין אַ ייד, שטיי אויף אין דער פֿרי און וואַש מיך, דאַוון, מאַך המוציא פֿאַרן עסן און בענטש, אַרבעט שווער און צאָל שכר־לימוד, גיב געלט פֿאַר דער קלויז און צרכי־הקהל — איך וויל מיך נישט איבערנעמען, איך בין אַ ייד און היט אָפּ יידישקייט, ווי ווייט מען קאָן — איז דערפֿאַר מוז איך אָפּקומען, פֿאַר־לירן מיין קלייט און מיין שטוב און אַלץ וואָס איך האָב, און נעמען דאָס ווייב און די קינדער און לאָזן זיך אין דער וועלט. וואָלט דאָס מיט מיר אַליין פּאַסירט, וואָלט איך געזאָגט, אַז איך האָב פֿאַרזינדיקט; אַפֿילו עס וואָלטן געמעגט קומען נאָך גרעסערע צרות, וואָלט איך געווען מקבל באהבה דעם גזר־דין און וואָלט נישט געסמעיעט צו זיין קובל קעגן גאָט; בין איך דאָך אַ בשר־ודם, וואָס ווייסט נישט זיינע דרכים, און אַז ער שטראָפֿט מיך, מסתּמא ווייסט ער פֿאַרוואָס. אָבער, אַז נישט איך איינער, נאָר דער כּלל, און דאָס איז נישט נאָר אין אונדזער צייט אַליין, נאָר אין אַלע דורות און אין אַלע צייטן האָט מען געשלאָגן יידן, אַפֿילו אין די צייטן פֿון דעם אַר״י און פֿון אַלע גרויסע צדיקים און גדולים, וואָס זאָל דאָס הייסן? פֿאַרוואָס קומט דאָס דעם כּלל ישראל אַזוי אָפּצו־קומען? גאָט האָט אונדז אויסדערווײלט און אונדז געגעבן דאָס לאַנד

כּנען און מיר זיינען אין גלות. און וואָס הייסט גלות? עס איז אַ לעבן ווי אין דער תּוכחה.

און איר וועט מוזן פֿרעגן, ווי אַזוי קום איך, אַ פּראָסטאַק, צו פֿרעגן קשיות אויף גאָט, ווײַל איך איך זאָגן. איך מיין אַוודאי אייך נישט צו טרעפֿן: אַז איר וואָלט געזעסן אַצינד ביי אונדז און עס וואָלט אייך חרוב געוואָרן אייער שטוב און איר וואָלט געמוזט נעמען דעם שטעקן אין האַנט אַריין, וואָלט איר אויך געפֿרעגט... דער מענטש איז שוין אַזוי באַשאַפֿן, אַז כּל־זמן עס טרעפֿט אים נישט אַליין און זיין הויט איז נאָך גאַנץ, מיינט ער, אַז אַלץ איז אַ מקרה און עס וועט דורכגיין. שטייט מען אָבער בתוך הגולה און מען פֿאָרט צווישן די צעראַבעוועטע וואַגאָנעס מיט מענטשן און מען זעט דעם עלנד און מען איז אַליין אַן אבר פֿון דעם עלנד, דעמאָלט פֿרעגט מען און פֿרעגט מען... טאַקע אין דעם וואַגאָן אַליין כאַפּט מען אַרויף אויף זיך דעם טלית און תּפֿילין און מען טוט אַ דאַוון, און אַ ייִנגל שטעלט זיך אַוועק נעבן דיר און זאָגט קדיש נאָך אַ דערהרגעטן פֿאָטער: יתגדל ויתקדש שמיה רבא! ווי זאָל מען זיך נישט צעוויינען און אַ שריי טאָן צו גאָט: רבונו־של־עולם, פֿאַרוואָס האָסטו אונדז אַזוי געשטראָפֿט...

נאָך דער שרפֿה

וואָס עס הערט זיך

איר פֿרעגט מיך, וואָס עס הערט זיך ביי אונדז? וואָס זאָל זיך הערן? צרות. יידן האָבן צרות. יאָ, אין צרות זיינען מיר קיין מאָל נישט געווען אָרעם. דערפֿאַר זיינען מיר טאַקע די בני־אברהם־יצחק־ויעקב. אָבער דאָס, וואָס מיר לעבן איבער אַצינד, איז ערגער ווי אַלץ. איר פֿאַרשטייט, אַפֿילו מיט צוויי יאָר צוריק, אַז עס האָט געברענט און יידן האָבן זיך געשטעלט אין פֿייער אַריין און געשלאָגן האָט מען אונדז מכות־רצח, האָבן מיר נאָך אַלץ געהאַט אַ תקווה. אַז עס זיינען געקומען מענטשן און האָבן אונדז געטאָלקעוועט, אַז מיר האָבן ביד, אַז עס זאָלן אויף איינמאָל אויפֿהערן די גזרות; אַז ווען ביז אַצינד האָבן מיר רק מורא געהאַט און געקראָכן איטלעכן טשינאָווניק אונטער די נעגל, זאָלן מיר גאָר ווייזן, אַז אַ ייד איז אַ מענטש... און געשטופּט האָט מען אונדז צעטלעך אין האַנט, און רעדעס האָט מען אויך געהאַלטן, און נישט מגידים אין קלויז, נאָר פּראָסטע יונגען, און גאָר מיט אַנדערע מיני פּיסקעס... ווי איר זעט מיך, האָב איך מיין גאַנץ לעבן נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָס הייסט פּאָליטיקע. געוואוסט האָב איך נאָר, אַז עס קומען גזרות אויף יידן, איז שלעכט, איז דאָ ישועות אויף יידן, איז גוט. פּרנסה און מזל איז גאָר אַ גוטע זאַך. אַרבעטן ווי איך דרייסיק יאָר אויפֿן מאַרק און קוים וואָס מען לעבט. אָבער לאָזט אונדז לעבן. ניין, הויבט זיך אָן אַ מלחמה, פֿאַרדינט האָט מען גאַרנישט, און דערנאָך הויבט זיך אָן די מהפּכה. אין אַלע גרויסע שטעט איז אָן איבערקערעניש. ביי יידן הויבן זיך אָן פּאָגראָמען און מענטשן שרייען נאָך אין די גאַסן: יצאנו מעבדות לחרות!

און מיינט איר, איך בין געווען בעסער? איך אַליין בין אַריינגעשפּרונגען אין שטוב און שריי צו מיין ווייב: וואָס זיצסטו דאָ? מען מוז טאָן. כאַפּ אַ שטעקן צי אַ זאָסטוף. איר זעט מיין נאָז, נאָך עד־היום האָב איך אָט דעם סימן אויפֿן נאָז.

געפּרוּווט האָב איך נאָך צו בלייבן צוויי יאָר כּסדר. רוּאיקער איז געוואָרן. אָבער איך זע, אַז דאָ וועט שוין נישט זיין קיין תּכלית. שווער אויפֿן האַרצן איז מיר. צו פּופֿציק יאָר הייב איך זיך אויף און גיי און גיי...

קוקט מיך אָן

ווי איר קוקט מיך אָן, ווי איך בין אַ גרויסער ייד, מיט מיין פּנים און מיט מיינע פּלייצעס. מאָלדאַווער יידן זיינען נישט פון קלאָטשע, און איר ווייסט, אַז ביי אונדז האָט מען דאָס גוטע גלאָז ווייך און די פּעטע מאַמאַליגע, און מיר האַלטן פון דעם. קודם־כּל איז צו לעבן ווי אַ מענטש און צו עסן ווי אַ מענטש, און מיר האָבן פיינט זיך אָפּצונאַרן מיט אַ הערינג ווי די ליטוואַקעס, צי מיט קאַשע, ווי די פּוילישע. אָוודאי לערנט מען ביי אונדז גאָר ווייניק תּורה, און עס איז נישט ביי אונדז ווי אין יענע מקומות, אָבער גלויבט מיר, דער גראָבער יונג איז אויך אַ ייד... ביי אונדז זיינען צוויי סאָרטן גוים, מאָלדאַוואַנעס און רומענער, און ביידע זיינען זיי נישט קיין גוטע פריינט דעם יידן, און מיר זיי האָבן אויך נישט אַזוי מסוכּן ליב... וואָלטן זיי אונדז לכל הפּחות געלאָזט צו רו און וואָלטן זיי געוואוסט, אַז כאָטש מיר זיינען יידן, בני־ישׂראל, איז אונדז מאָלדאַוויע אַזוי טייער ווי זיי, וואָלט געווען גאָר אַנדערש. אַרבעטן האָבן מיר ליב, און אַזעלכע פויגלען, ווי אין די אַנדערע לענדער, וואָס גייען אַרום און לעבן פון דער לופט, זעט איר ביי אונדז נישט. אונדזער־רער אַ ייד, אַז ער מאַכט אַ ברכה, דאַנקט ער גאָט פאַר די צוויי הענט, וואָס ער האָט אים געגעבן, און מיט זיי האָט ער ליב צו אַרבעטן, צו פלאַנצן וויינגערטנער, צו בויען הייזער, צי אַפילו אויסצולייגן אַ שאָסיי... דער חיות פון אונדז איז דער כּוח, און אונדזער כּוח איז נישט ווייניקער ווי זייער כּוח און מיר קאָנען אונדז פאַרמעסטן מיט אַלעמען.

און דאָך האָט מען אונדז געשלאָגן, איך שעם מיך פאַר זיך אַליין, ווי אַזוי עס איז געקומען מיטאַמאָל די אימה־ופּחד. איך מיט מיינע דריי זין, מען האָט אונדז צעטריבן, און זיי זיינען אויך נישט קיין לײדיקגייערס. דריי גבורים זאָג איך אייך. און אַצינד מוזן מיר גיין אין דער פרעמד און זיך זוכן אַרבעט...

נישט קיין יחיד

איך בין דאָ אָוודאי נישט קיין גאַסט און אַ יחיד בין איך אויך נישט, וואָס לאָזט זיך אַוועק פון דער היים. וואָס זאָג איך, לאָזן! דער עולם לויפט נאָך עד־היום פון רומעניע און בעסאַראַביע קיין אַמעריקע און פון אונ־

דזער לאַנד אַוודאי. תּחילת איז מען געלאָפֿן אָן קעפּ, אַצינד איז מען זיך מישב און מען זאָגט: פֿאַר, אַנווערן וועסטו אַוודאי נישט. על־כּל־פּנים ביזטו כאָטש זיכער מיטן לעבן. און גיט מען אַ קלער צוריק, דאַכט זיך, אַז אַלץ וואָס מען האָט דאָ נישט־לאַנג איבערגעלעבט איז שוין געווען זייער לאַנג, טאָמער גאָר אין די טעג פֿון די מחברים פֿון די סליחות; וואָרים ווען עס וואָלט געווען אמת, אַז מיר האָבן דאָס אַלץ איסגעהאַלטן, וואָס עס שטייט געשריבן פֿון שפּאַניע און פֿון די גזרות, וואָלט מען געקאָנט אַראָפּ פֿון זינען.

זאָג איך צו מיר: גיי, בערל! דעם עצם יידן קאָנסטו נישט העלפֿן, וואָרים דו געהערסט נישט צו די גרויסע. באַוואָרן זיך צוערשט דיך אַליין מיט דיין ווייב און מיט דיינע קינדער. אַז מען טרעפֿט אַ גרוב אויפֿן וועג, וואָס מען קאָן אין איר אַריינפֿאַלן, קאָן מען אַפֿילו אַרויפֿלייגן אַ ברעט און פּרוואון אַריבערגיין, אָבער נאָך בעסער איז צו זוכן אַן אָרט, וואו ס'איז גאָר נישטאָ קיין גרוב...

איך רעד דאָ צו אייך נישט מיט רעטענישן. איר זייט אַ מענטש מיט שכל און איר וועט מיך פֿאַרשטיין. אַז רומעניע צי אַן אַנדער לאַנד וואָלט געווען אונדזערס און מיר וואָלטן זיך נישט אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו באַקומען פֿאַר אונדז גאָר ארץ־ישׂראל, וואָלטן מיר געמוזט זיך מקריב זיין, כּדי צו מאַכן דאָ אַ טאָלק. אָבער אַז מען וויל נישט בלייבן דאָ, און סיי־ווי־סיי, אַז מיר העלפֿן יאָ, האָט מען אונדז פֿיינט און מען רודפֿט אונדז, פֿאַרוואָס זאָלן מיר טאָקע שפּרינגען אין פֿייער אַריין?

איר וועט זאָגן, אַז דאָס וואָס איך זאָג, איז סאַמאָלוביע. יאָ, סאַמאָלוּביע וואָלט דאָס געווען, אַז איטלעכער פֿון אונדז וואָלט נאָר געהאַט אין זינען זיך אַליין און זיין ווייב און קינדער, און וואָלט לחלוטין פֿאַרגעסן וועגן דעם כּלל. אָבער אַזוינע יידן זיינען גאָר נישט דאָ. וואָרים תּמיד ליידן מיר אינאיינעם און ראַטעווען זיך אינאיינעם.

היינט

איך מוז אייך זאָגן, היינט איז ביי אונדז אַ סך ערגער ווי אַמאָל. איינגעמאַכטס מיט סמעטענע האָט מען ביי אונדז קיינמאָל נישט געגעסן, דאָס באַדאַרף איך אייך נישט צו זאָגן. אָבער מען האָט געלעבט: איט־

לעכער האָט זיך געטאָן זיינס. דער באַלמעלאָכע האָט געטאָן זיין מלאָכה. דער איידעלער איז געזעסן און האָט געלערנט און דער היינטיקער האָט זיך עוסק געווען אין ציוניות. אַ טייל זיינען גאָר אַוועקגעפאָרן צו די חובבי־ציון, און געשמועסט פון לשון־קודש האָט מען אויך. האָט מען דען פון אונדז פאַרלאַנגט אַ סך? גאָרנישט, אַ נדבה, אַ שקל איין מאָל אין אַ יאָר, און מען זאָגט נאָך, אַז יידן זיינען אַ נאַציע.

און אַז מען האָט געלייענט די בלעטער, האָט מען געהאַט רעיונות. עפּעס האָט מען אויסגעטאָלקעוועט אַז יידן זיינען אַן עם, און אַז אַן עם מוז האָבן אַ לאַנד, וואָרים דאָס געהערט צו אַ נאַציע. אַזוי האָט מען אַלץ אַרומגעקלערט, און מען האָט געקענט מיינען, אַז פאַר אונדז וועט אויך קומען אַ צייט...

בקש יעקב לישב בשלווה, איז אויף אונדז געקומען די רוגזה פון עשיו, און טאַקע הידים ידי עשיו, און נישט טאַקע גזרות נאָר געזאָגט מיטן מויל. יידן קוילעט מען און מען שלאָגט זיך אַרום וועגן נייע דעות, וואָס קערן זיך אַזוי אָן צו די אַמאָליקע ווי קאַשע מיט באָרשט. איר וואָלט גע־מעגט הערן ווי די דאָזיקע לייט האָבן אויסגעטייטשט די תוכחה, וואָס האָט זיך אויף אונדז אויסגעגאָסן. ניין, ברידערלעך, זאָג איך מיר, פון אַזאַ פלאַנטער וועט נישט אַרויסקומען קיין גוטס.

פאַרוואָס

איר פרעגט מיך, פאַרוואָס איך גלויב נישט אין דער גובערנסקער אופראַווע און פאַרוואָס זאָל מען נישט האָבן די תקווה, אַז עס וועט ווערן בעסער? אָבער אַז איך וואָלט געהאַט די תקווה, וואָלט איך אַצינד נישט געווען אויפן וועג קיין אַמעריקע און וואָלט נישט געזעסן ביי אייך אין שטוב...

איר פאַרשטייט, אַז איך האָב אַ שטוב און דער דאַך איז צעבראָכן און עס רינט אַריין, אַז עס גייט אַ רעגן. און דאָ איז מיין ווייב נאָך אַ קימפעט און ווערט קראַנק, דאָס קליינע קינד, אַ ווערעמל, פאַרקילט זיך און מאַכט אַ שטאַרב. און איך זע, אַז ס'איז געקומען אַ צייט צוצודעקן דעם דאַך און אַלץ צו פאַרריכטן. איך הויב אָן אונטערצומוירען די ווענט און צוצודעקן דעם דאַך מיט נייעם שטרוי, און באַלד האָב איך שוין אַ

שטוב, וואָס מען קאָן אין איר וואוינען. טו איך אַזוי, בין איך אַ מיושב־דיקער מענטש; ווײל איך אָבער אויף איינמאָל אַראָפּרייסן די גאַנצע שטוב און הויב מיר אָן צו זאָגן, אַ שטוב מיט אַ דאַך פון שטרוי טויג נישט, עס מוז זיין אַ בלעכערנער, מיט פּאַדוואָנגע פּענצטער און מיט לאָדן. ווענט פון ליים טויגן אויך נישט, עס מוז אַלץ זיין געמויערט; און טו איך אַ קלער, וואָס טויג מיר די שמאָלע גאַס, פאַרוואָס נישט די ברייטע; אַזוי קומט דער יצר־הרע און מאָלט מיר אויס אַ שפּאָגל־נײַ נגידיש הויז, אַ הויז מיט דינסטן, מיט וכל מאמינים שהוא, און בסך־הכל איז דאָס אַלץ אַ חלום...

אַז די בעלי־האופראוע וואָלטן כאָטש געוואָלט ביי אונדז מאַכן אַ שטיקל טאָלק, אַז מען זאָל נישט רייסן קיין נאָלאָגן, אַז איטלעכער מענטש זאָל זיך קאָנען טאָן זיין מסחר און מען זאָל אים נישט דערקוטשען! און פאַר־וואָס נישט? מען הערט דאָך, אַז אין אַנדערע מדינות לעבט מען מיט חסד. ווילן זיי אָבער מען זאָל אין איין טאָג אויסבויען זיי פּיתום מיט רעמסס. קאָרג איז זיי אַ ביסל צדק און יושר אין די פּריסוטסטוויעס? ניין, זיי ווילן איינפירן אַזאַ מעמד, וואָס עס זאָל נישט זיין קיין חילוק צווישן אָרעם און רייך, צווישן דעם פּריץ פון דער אימעניע און דעם קוטשער, וואָס טרייבט אָן די פערד, עס זאָל אַפילו נישט זיין קיין חילוק צווישן אַ זכר און אַ נקבה... ווי זאָגט דער פּסק: התחת אלהים אנוכי? זיי ווילן בטול מאַכן השגחת־הבורא און ווילן אויף איינמאָל מאַכן משיחס צייטן, כאָטש ער איז נאָך נישט געקומען...

און מיר יידן, לעקישעס, מוזן תּמיד זיין די ערשטע, וואָס גייען טאַנצן אויף אַ חתונה, וואָס חתן־כּלה קערן זיך לחלוטין נישט אָן מיט אונדז, און עס איז נאָך אַ סברה, אַז זיי וועלן זיך גאָרנישט נעמען.

איידער אַרויסקוקן אויף די דאָזיקע ישועות, וואָס זיי זיינען בסך־הכל אַ ברכה־לבטלה, פאָר איך מיר אַפּ אין אַן אַנדער לאַנד, וואו מען האָט נישט אין זינען אַזעלכע חלומות און מען בריט זיך נישט אָפּ אויפן הייסן.

אַ שטיל יידל

ווי איר זעט מיך, בין איך זיך אַ שטיל יידל, קיינמאָל האָב איך זיך נישט געמישט אין זייטיקע ענינים און איך האָב אַפילו קיינמאָל נישט געהאַט קיין צייט צו טאָן אַ טראַכט מכּוח זאַכן, וואָס זיינען נישט שייך

צו מיין פרנסה. איר פֿאַרשטייט, קיין ממון־קורח האָב איך נישט און מזומן קיינמאָל נישט אַ זעקסער. גאָרנישט, מען דרייט דאָס רעדל. און צום דרייען מוז מען צולייגן דעם גאַנצן מוח. אַלע טאָג הייסט דאָס טראָגן די משא און ווייטער שטופּן. אַזוי האָב איך מיר אָפּגעלעבט פֿערציק יאָר און האָב מיר געטאָן מיינס.

הויבט זיך אָן ביי אונדז אַ נייע סדרה. תּחילת, אַז מען האָט בלויז געשמועסט פֿון מלחמה, האָט מיך דאָס אַזוי געאַרט ווי דער פֿאַראַיאָריקער שניי. איין מאָל אין פֿערציק צו פֿופֿציק יאָר מוז דאָך זיין אַ מלחמה, און דערנאָך מאַכט מען שלום און ס'איז אויס מלחמה... אַי, וואָס מען מיינט מיך און מען נעמט מיר אַוועק מיין זון? העלפֿט גאָט, אַז ער האָט זיך אויסגעדרייט אַ פֿינגער און איז פּטור פֿון דינען... דאַכט זיך איז אַלץ גוט. פּלוצלינג הויבט מען אָן צו שלאָגן יידן און טאַקע דאָ אין דער היים, נישט דאָרטן, וואו עס איז געווען די מלחמה. איר פֿאַרשטייט אַן עסק! און אַז עס קומט אַזוינס אויף איינמאָל, איז דאָס נאָך ערגער ווי נישט צו האָבן פּרנסה צי אַפֿילו חלילה גיין אין די הייזער...

אַזוי האָבן מיר זיך ביידע אויפֿגעהויבן, איך און מיין זון, און מיר זיינען אַוועקגעפֿאָרן. זיינען מיר געקומען קיין לוואָוו, זיינען מיר דאָרט געבליבן שטעקן אַ גאַנץ יאָר. אַצינד שרייבט מען אונדז בריוולעך פֿון דער היים: קומט צוריק; די זאַווערוכע איז אַריבער. אָבער אַפֿילו אין מיטן זומער וויל איך אויך נישט צוריק...

כּי־יביאך

והיה־כּי־יביאך, בין איך געוואָרן אָנצוהויבן צו רעדן מיט אַ פּסוק. ביי אייך, זע איך, זיינען דאָ אַ סך ספֿרים. מיך פֿרייט, אַז איך זע אַ גמרא אין אַ שאַפֿע. האָט נישט קיין פֿאַראיבל, אַז איך וועל צוגיין און גרייפֿן אַ קוק... האָט מען מיר געזאָגט, גיי צום דאָקטער וואַרשאַווסקי, בין איך אַהער געגאַנגען. טראָגן טראָג איך מיט זיך פּאַפּיראָסן, און דאָס טאָר מען נישט דאָ אָן אַ בלעטל. אַזוי גיי איך אַרום נאָר צו דאָקטוירים און נאָך צו איידעלע מענטשן, בין איך כאָטש זיכער, אַז מען וועט מיך נישט מסרן. אַ שאָד וואָס איר רויכערט נישט, און איך קאָן ביי אייך נישט לייזן. אָבער פֿונדעסטוועגן, גלויבט מיר, אַז איך פֿריי זיך, וואָס איך בין געקומען צו

איך. אפנים איר זייט נישט אַ דאָקטער פון קראַנקע, ווארים אַ דאָ זע איך בײַ איך רמב״מס. פריער, איידער מיינע קינדער זיינען אויסגעוואַקסן און איך האָב נאָך נישט געהאַט דעם גרויסן עול אויפן קאָפּ, פלעג איך נאָך אַליין זיצן שבת און לערנען, אַצינד האָב איך שוין אַלץ פאַרגעסן... אַליין בין איך פון פוילן, איך זאָל זאָגן, איך בין אַ ניזק פון די פּאַגראָמען, וועט דאָס זיין אַ דבר־שקר. און פונדעסטוועגן בין איך פאָרט אַ ניזק. די פרנסות זיינען אַצינד ביי אונדז דערשלאָגן; אַז פרייסן וואָלט מיר נישט אָפּגענומען די פּאַפּיראָסן, וואָלט איך מיט מיין ווייב און זייט די קינדער געמעגט אויפהענגען די ציין אויפן וואַנט.

אל תשליכינו לעת זקנה, בעט אַ ייד צו סליחות. עפּעס איז ביי יידן די לעצטע צייט געוואָרן אַ מוראדיקע קאַלטקייט. ביי די חסידים אין די קליינע שטיבלעך איז לפלוג דער חיזוק נאָך אַ חיזוק; קוקט מען אָבער אַריין טיפער, האָט דאָס שוין נישט מער דעם טעם פון פריער. און די נייע דורות, זאָל גאָט שומר און מציל זיין! ווי עס האָט זיך די לעצטע צייט אַלץ איבערגעביטן, פון שוואַרץ איז געוואָרן ווייס און פון ווייס — שוואַרץ. נישט די בני־תורה און נישט די נגידים האָבן די דעה, נאָר די פּראָסטאַקעס. נישט דער וואָס האָט חתונה געהאַט און טראָגט שוין דעם טלית, הויבט אָן צו זאָגן, נאָר דווקא די יינגלעך. קיינמאָל וואָלט איך ניט געגלויבט, אַז אַזוינע מיני פּאַריאַדקעס וועלן ביי אונדז זיין.

כ׳לעבן, ס׳איז אַ שאָד וואָס איר רויכערט נישט, אַז איר וואָלט גע־רויכערט און וואָלט ביי מיר געקויפט אַ מאה פּאַפּיראָסן, וואָלט ביי מיר געוועזן זייער אָנגעלייגט. נישט וועגן די פּאָר מאַרק, נאָר דער כבוד, אַז אַזאַ מענטש ווי איר רויכערט מיינע פּאַפּיראָסן.

אַ הייזעריקער

זייט מיר מוחל, איך בעט איך, אַז איך רעד אַזוי שטיל, איך בין לא־עליכם שוין הייזעריק דרייצן חדשים; אַ טייל זאָגן, ס׳מוז זיין די לונג. אַ דאָ אויף דער לונג, טוט מיר אָבער נישט וויי. איך בין כל־ימי דער להיפוך פון אַ קראַנקן. אַצינד בין איך אָבער אויף דער אמתן נישט געזונט. און אין די פיס פיל איך זיך אויך מיד. זייט אַזוי גוט און פאַר־וואַליעט מיר זיך אָנידערזעצן (ער הוסט).

יאָ — זאָגט ער, אַז ער האָט אַ ביסל אָפּגעדעכעט — מילא אַז מיר איז פֿריקרע, איז קיין חידוש נישט. אַז מען לויפֿט אַרום ימים־ושנים, און ווינטער אָן אַ בורנוס! אָבער אַפֿילו געזונטע קאָנען אויך ביי אונדז קראַנק ווערן. פֿריער, אַז עס איז געווען שלעכט, האָט מען געהאַט בטחון, און זיינען אָנגעשטאַנען אויף יידן גזרות, האָט מען זיך געסטאַרעט און זיי זיינען בטל געוואָרן. אָבער וואָס מיר האָבן אַצינד דערלעבט, איז אַ סך ערגער ווי גזרות... מילא געזונטע מענטשן פֿאָרן קיין אַמעריקע. דאָרט, זאָגט מען, שאַרט מען גאָלד; און טאַקע אַלע, וואָס זיינען נאָך פֿריער אַוועקגעפֿאָרן שיקן זייערע ווייבער געלט. אָבער איך בין אַ קראַנקער ייד. פֿאָרן אַהין האָב איך נישט אויף הוצאות. און אַז איך וואָלט שוין יאָ געהאַט אויף הוצאות, לאָזן זיי דאָרט מיך נישט אַריין.

איך דאַנק אייך זייער פֿאַר אייער גוטסקייט, ס'איז נישט נויטיק. טאָמער האָט איר פֿאַר מיר אַן אַלטן בגד? (ער הוסט).

פונעם רייזע־ביכל

מאַמעס

זי האָט זיך פאַר מיר פונאַנדערגעוויינט, אַז עס האָט געריסן דאָס האַרץ. גאָטעניו, פאַרוואָס האָסטו מיך אַזוי געשטראָפט? אַוודאי איז מען אַ בשר־ודם, זינדיקן זינדיקט דער מענטש, אָבער האָב רחמנות אויף דעם נפש, פאַרוואָס ווילסטו אויסגיסן דיין גאַנצן צאָרן! נעם די מוטער און לאָז דאָס קינד, נאָ דיר אָוועק דאָס לעבן מיינס, אָבער לאָז אים זיין אַ ייד. נײַן! היינטיקע יאָרן איז נישטאָ מער קיין רבונו־של־עולם, די מענטשן זיינען לויטער רשעים און האָבן אַ האַרץ פון אַ שטיין, כאָטש רעד צו זיי און וויין, כאָטש צי זיך אויס און פאַל צו די פיס. גאָרנישט, זיי ווילן נישט הערן... עס גיסט זיך בלוט און מען זיצט זיך קאַלט און מען עסט דעם אָנבייסן. אין בית־מדרש איז מען דער שיינער ייד און מען שאָקלט זיך ביים דאַווענען, יום־כיפור טוט מען תשובה און מען בעט גאָט, קומט מען אָבער אין דרויסן — איז מען אַ גזלן... איך זאָג אייך, איך האָב שוין קיין כוח נישט צו וויינען. וואו איר ווילט נאָר, בין איך אויסגעוווען! מיך אַליין וואָלט איך מפקיר געווען: וואָס איז דאָס גאַנצע לעבן, מ'שטיינס געזאָגט! אָבער אים, מיין בלוט און פלייש, דאָס איינציקע וואָס איך האָב! וויפיל טרערן האָב איך אויף אים פאַרגאָסן, אײדער איך האָב אים דערצויגן! און אײדער איך האָב דערלעבט אים צו מאַכן פאַר אַ שטיקל מענטש, זיינען מיר צען מאָל די אויגן אויסגעקראָכן פון קאָפּ. אַ סדרה פון צוואַנציק יאָר, דאָס איז זיך גלאַט געזאָגט, אָבער גיי צייל טאָג פאַר טאָג, וואָך פאַר וואָך, חודש פאַר חודש, יאָר פאַר יאָר און אַזוי כסדר.

די הויט האָב איך פון מיר געצויגן און אים מגדל געווען. איר ווייסט, היינטיקע יאָרן, ווי מען מוטשעט זיך געַנוג אַן אויפן שטיקל ברויט און ווי עס קומט אָן שווער. געהאָרעוועט האָב איך ווי אַן אייזל בייטאָג און ביינאַכט: פליקן פעדערן איז פליקן פעדערן, נייען און נייען, גע־לאַטעט זעק, געמאַכט ביי יענעם אָבדירקעס, אַ ניאַנקע געווען ביי פרעמ־דע קינדער, אַפילו דעם צעבער ביי יענעם אַרויסגעטראָגן, אַבי איך זאָל האָבן פאַר אים. איך אַליין וועל מיך באַגיין די גאַנצע וואָך מיט טרוקן ברויט און וועל מיך קיינמאָל נישט קלאָגן. אַן אָרעם מענטש, ווי איך

בין: טאַמער האָב איך נישט פאַרדינט קיין בעסערס ביי גאָט, אָבער פאַר אים מוז זיין דאָס ביסל וואָרעמס און דאָס שטיקל פוטער מיט קוילִיטש. מיין זון איז מיר טייערער ווי כאַצקלס זון און ווי דעם גרעסטן נגידס קינד. און אַז איינער וועט זאָגן, ער דאַרף עס נישט האָבן, וועל איך אים אויסדראַפּען די אויגן.

אַ קלייניקייט, אַ מאַמע! צי בין איך געזעסן אַ מינוט ליידיק און האָב מיר פאַרגונען אַ מינוט אָפּצורוען? אָדער צי האָב איך געוואָלט, עס זאָל אים עמעצער עפּעס שענקען, אָדער גאָר פרעמדע זאָלן מיר געבן? אַ וויאָרסט האָב איך געקאָנט גיין צופוס, אָבי אַליין צו פאַרדינען דעם גראָשן אַפילו אינעם גרעסטן רעגן, ווינטער אויפן מאַרק האָב איך אָפּ־געפרוירן די פינגער.

אַז מען האָט קיינעם נישט און מען איז עלנד ווי אַ שטיין! ער, דער מאַן, האָט מיך פאַרלאָזן. מיין הירשל איז נאָך דעמאָלט געווען אַ קינד ביי דער ברוסט. גאָט, דו ביסט אַן עדות, דו קענסט מיינע שבתים און מיינע ימים־טובים; ביינאַכט יאָר צו זיין אַן עגונה אויסגעוויינט האָב איך די אויגן. אַז עס איז נישטאָ, אַז די ערד נעמט צו, איז עפּעס אַנדערש: אַ מת פאַרגעסט מען, אָבער אויף אַ לעבעדיקן, אַז מען זיצט ביי דער אַרבעט ביינאַכט און מען הויבט זיך אָן צו דערמאָנען, איז אַ ווייטיק... אַוודאי האָב איך געפּראָוווט אויסצורייסן אים פונעם האַרצן און האָב מיר געזאָגט: לעב פאַר אים, פאַר דעם קינד, דער מאַן איז נישט ווערט דו זאָלסט זיך מצער זיין. גאַרנישט: האָט ער מיך פאַרלאָזן און איז אַוועק, אַפילו דאָס בעטגעוואַנט האָט ער מיך געגנוויט צו פאַרזעצן... זאָל איך אויף אים רעדן שלעכטס? ער איז פאָרט דער טאַטע פון מיין קינד און איז מיין מאַן, ווער ווייסט וואו ער קאָן אַצינד זיין און צי ער לעבט? געזוכט האָב איך אים געגנוג און עס איז מיר נמאס געוואָרן זוכנדיק, אַנ־דערטהאַלבן יאָר זיינען מיר געזעסן אינאיינעם, מילא, מען איז געגנוג געשטראָפט אויף דער וועלט. וואָס־זשע טוט גאָט? טאַמער האָב איך גע־האָט אַמאָל אַ גוטע מינוט, לאָזט דער קהל צושרייבן צו מיר נאָך אַ זון. עפּעס אַ טעות איז אַריינגעקומען אין דער מעטריקע. אַ פגירה אין זייערע ביינער מיט זייערע מעטריקעס. דערווייל מוז מיין קינד, חס־ושלום, נאָך פאַרלירן די לגאָטע! איין אויג אין קאָפּ און אַלץ וואָס איך פאַרמאָג אויף דער וועלט. דאָס האַרץ צעגייט מיר שיער פאַר ווייטיק און פאַר כעס! האָט איר שוין אַזוינס געהערט, מען זאָל זיך אָנזעצן אויף אַ מאַמען

און אָוועקגעמען איר קינד? מילא, דעמאָלט, אין ניקאָלאַיס צייטן, זיינען געווען פּראָסטע ראַזבאַיניקעס, און אַז מען וויל זיינען דאָס געווען גזרות אויף יידן און מען האָט טאַקע גוזר־תּענית געווען און די מאַמעס האָבן זייערע קינדער געקאָנט באַהאַלטן; היינט איז אָבער אַלץ פּאַפּירן: פּאַ־פּירן אַהין, פּאַפּירן אַהער. קום איך צום סטאַנאָוואָי, הייסט ער מיר ברענגען פּאַפּירן, וויל איך גיין אין דער דומע, טרעבעוועט מען פּאַפּירן, און דאָס קאָסט געגנוג אָפּ. אויף גאָלע מאַרקעס האָב איך שוין אויסגעגעבן אַן עשירות, אָבער ווער רעדט וועגן געלט! ביזן העמד וועל איך מיך אויסטאָן, אַבי צו ראַטעווען מיין זון. איך וועל מיך פֿאַרקויפֿן אויף דריי יאָר. נעמט מיך צו אַ טויטע, אַ לעבעדיקע, אַבי גיט מיר, ממזרים, צוריק אָפּ מיין זון!

אַז זיי זאָגן אָבער, אַז זיי זיינען גאָרנישט שולדיק און שווערן זיך אָפּ דאָס געביין; זאָגן זאָגן זיי, עס איז עפּעס פֿון זיך אַריינגעקומען — קומען זאָל אויף זיי המנס מפּלה, גאָט דערבאַרעמדיקער און האַרציקער! עס האָט זיך פֿאַרשריבן, פֿאַרשרייבן זאָל מען זיי אין בויך, רבונו־של־עולם! אָבער עס שטייט דאָך פֿאַרט אַזוי, און דאָ רופֿט מען שוין מיין זון. האָט מען מיר געזאָגט, אַז צען יידן וועלן גיין שווערן, אַז איך האָב נאָר איין זון, וועט עס אפֿשר זיין אַ פּעולה. איך טראַכט אַצינד אַריבערצופֿאָרן אין אויעזד צום מאַרשאַל, אַפֿילו צום קייסער אַליין וואָלט איך געגאַנגען. וואָס הייסט: עפּעס איז שוין גאָרנישט דאָ קיין רחמנות אויף דער וועלט. עפּעס וועט מען מיר אָוועקנעמען מיין לעבן און גאָרנישט? (זי וויינט).

אָי, אָי, גאָט, וואָס האָסטו געוואָלט פֿון מיר האָבן? שטייט ביי דיר דען ניט געשריבן פֿון צער־בעלי־חיים? עס לויפֿן אַרום אין שטאָט אַזוי פֿיל יונגאַטשעס, מוז גראָד מיין זון אַריינפֿאַלן אין דעם אומגליק! טאָמער האָב איך מיר דערלעבט צו געבן אַ טראַכט, אַט־אַט וועט קומען די צייט אים חתונה צו מאַכן — איך ווייס, מען איז דאָך אַ מענטש — מוז דער רוח אָנטראָגן די אופּראַווע מיט אירע מעטריקעס, ס'זאָל זיך מעטריקען ביי זיי אין האַרצן און אין די אויגן, און וואו זיי וועלן זיך קערן און ווענדן, אַז דער גיהנום איז נאָך קאַרג פֿאַר אַזוינע. בי איך דען אַזאַ מרשעת, איך זאָל רעדן אויף מענטשן שלעכטס? אָבער איך זאָג אייך, דער גלות און אַלץ וואָס יידן האָבן אויסצושטיין איז אַלץ דורך זיי, אין זייער בלוט וואָלט איך מיך נישט געקאָנט קילן, אַט די הולטאַיעס און די ימח־שמוניקעס.

מילא אַז מען נעמט אים, נעמט מיך אויך, נעמט אַ מעסער און קוי־לעט אונדז ביידע און לאָז זיין אַן עק. איך זאָג אייך, ר׳ יאָסל, איך ווער שיער משוגע, טראַכטנדיק; נעכט שלאָף איך נישט, און אַז איך גיי נישט אַראָפּ פֿון זינען איז אַ נס.

וואָס־זשע וואָלט איך געוואָלט פֿון אייך בעטן, פֿאָרט מיט מיר אַריבער קיין אומאַן; פֿאַר געלט וואָלט איך קיינמאָל נישט אָנגעקומען צו קיין מענטשן, אָבער איר האָט דאָך ליב מצוות, און איר קאָנט אייך צען מאָל קויפֿן עולם הבא און ראַטעווען אַ מאַמע. איטלעכן אבר וועל איך אייך אויסקושן. איך האָב געננוג קוראַזש און איך בין גרייט אויף אַלץ, אָבער איר זענט פֿאָרט אַ מאַנסביל, נעמט זיך אָן פֿאַר אַן אַלמנה־חיה, ר׳ יאָסל! עס גיסן זיך ביי איר די טרערן.

אַ שווער האַרץ

טויזנט יאָר זאָלט איר לעבן. איך בין נאָר אַ יידענע און ווייס גאָרנישט, אָבער מיין האַרץ פֿירט מיך צו אייך. גאָטעניו, פֿאַרוואָס האָסטו מיך אַזוי געשטראָפֿט? אַ זון האָב איך איינעם. די אויגן זיינען מיר אַרויס ביז איך האָב אים דערלעבט צו זען געזונט. נישט דאָ געדאַכט, שטאַרבן זיי מיר קליינערהייט. געהאָרעוועט האָב איך ווי אַן אָקס מיינע גאַנצע יאָרן. ער, יחיאל, אַ שקראַב, גיב איך אים אַ העמד אויף שבת, איז ער צופֿרידן און זאָגט זיך ווייטער זיין תּהילים. זאָל ער זאָגן. מיין זון, ר׳ יאָסל, וואָלט איר געזען. אַ יונג איז דאָס מיט ביינער. אַ גאַנצן וואָגן קאָן ער אייך אויפֿהייבן, ווי אַ קנויל. ער איז שוין אַ טאַטע פֿון דריי קינדער. אַ ליכ־טיק ווייבל, ווי גאָלד. — די לייט שאָקלען מיטן קאָפּ. זי איז אַ שטילע און רעדט נישט. איך, אַ מאַמע, וויין, וויין אויף זיי ביידע. מוז זיך אים פֿאַרגלוסטן צו . . . ווייס איך, באַדאַרפֿן באַדאַרף ער עס נישט, גאָט זיי דאַנק; צו וואָס האָט ער דאָס געטאָן? איך שיק אים עסן אויף אַ גאַנצע וואָך. ער זיצט דאָרט מיט נאָך אַ יידן. יענער פֿאַר אַ מלאכהלע; אויף אים האָט מען דערלאַנגט, אַז ער האָט געגנבעט פֿערד. טאָמער ווייסט איר צו וואָס האָט דאָס אים געטויגט? אַז ער האָט תּמיד קיין עין־הרע פֿאַר־דינט אַ שיין קערבל. די קינדערלעך, ס׳איז ממש אַ מחיה זיי אָנצוקוקן מיט דער מאַמען, אַזאַ יאָר זאָל איך האָבן, גיי ריכט זיך אויף אַ מאַן. איז

ער דען געווען אַ שלעכטער? אַז ער האָט זיך ליב צו שלאָגן, נישט ווייל ער איז אין כּעס, נאָר אַזוי זיך. צו איר איז ער געווען ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. געקומען איז ער, איידער דאָס אומגליק איז געשען, צוויי אַזייגער און האָט צו מיר געזאָגט: מאַמע איך פֿאָר אַוועק, גיב אַכטונג אויף ריקלען. איך קען אים. אַז אים ציט דאָס האַרץ נאָך איר. היינט מוז ער נעבעך זיין אַליין אַ שיין שטיקל צייט, אפֿשר אַכצן חדשים, אפֿשר נאָך מער; ער האָט דאָ אויף זיך „דיעלעס״. זאָגט מיר, וואָס זאָל איך, אַן אָרעמע מאַמע טאָן? אַלע וואָך שיק איך אים צוויי לאָבן ברויט, אַ פּעקל דאַרע קישקע און אַן אַכטל טיי. שבת נודיעט אים, זאָגט ער. וואָלט ער כאָטש געקאָנט שרייבן, ריקל קאָן דאָס, ער קאָן אָבער אַפֿילו נישט לייענען. אין חדר האָב איך פֿאַר אים געצאָלט, אָבער קיין שרייבער איז ביי אונדז דעמאָלט נישט געווען.

ר׳ יאָסל, צי קענט איר מיר נישט אויפֿשרייבן אַ בקשה צום קייסער? מען זאָגט, אַז עס זיינען פֿאַראַן מענטשן, וואָס זיי קאָנען דאָס. איך בין שוין אויסגעווען ביי גוטע יידן, איך גיב זיי תּמיד אַ קערבל. אַז איך וואָלט געקאָנט אַרויסנעמען מיין זון! כּל־ימי וואָלט איך געדאַנקט גאָט, פֿריער גאָט, דערנאָך אייך. פּועלט ביי זיך און טוט עס. אַז איך וואָלט נישט געהאַט קיין שלאָפֿע פּיס, וואָלט איך אַליין אַהינגעגאַנגען און גע־רעדט; אַ מאַמע האָט אַ שווער האַרץ.

זי וויינט.

די וועלט איז גרויס

איר דערקענט מיך גאָרנישט? קוקט מיך אָן, ר׳ יאָסל. ווער וואָלט דאָס געגלויבט? אַז אייער מאַמע האָט געלעבט, האָט זי געוואוסט ווער חיה־רבקה איז. דעמאָלט ביסטו נאָך געווען אַ קליין יינגל. אַז עס לייגט זיך מיר גאָרנישט אויף דער צונג צו זאָגן אייך „איר״. איך האָב אַפֿילו געוואָלט, אַז מיין שלום זאָל גיין צוזאַמען מיט דיר, אינאיינעם אין חדר. אַציגד האָט איר אַ שם, אויף מיינע קינדער געזאָגט געוואָרן, און אויף אַלע, וואָס איך ווינטש זיי גוטס. אַז מיין שלומען וואָלט איך אויך געלערנט; ער האָט זיך פֿריגאָטאָוועט און האָט געקאָנט אַריין אין צווייטן קלאַס, אין אומאַן איז ער אויך געווען און איך האָב אים געדונגען קעסט אין דער נייער

שטאָט... איר קענט לאַדיזשענקע? אַז איך קום פונעם דאָרף אין שטאָט, הער איך אַלץ; חיה־רבקהס זון קאָנטשעט, חיה־רבקהס זון גייט אין די קלאַסן! דעם מאַן מיינעם קענט איר? אַ פלאַטשיקער און ערלעך, איך זאָל האָבן אַזאַ יאָר, אָבער פאַרדינען פאַרדינט מען נישט. איר פאַרשטייט, אַז מען האָט נישט קיין גנביש פּנים און מען איז נישט צען מאָל מאַשעניק, עסט מען סעראַוועטקע, און נישט קיין פּוטער. איך, אַ יידענע, אין די מילן קריג איך אַמאָל אַ מעסטעלע ווייץ, צי האָבער, דער גוי ווערט אַלץ קליגער און מען טאָר אין דאָרף גאָר נישט וואוינען און עס איז אַ סברה, אַז דאָס אַלץ האָט מען אויסגעטראַכט, כּדי דער אוריאַדניק זאָל אַלע מאָל נעמען אַ קערבל, און ער איז נאָך דער גוטער און מען מוז זיך נאָך מיט אים זדראַסטעווען...

וואָס־זשע האָב איך געוואָלט דערציילן? אַז מיין שלום איז אַראָפּגעקומען און האָט געזען ווי אַזוי איך מאַטער זיך מיט דעם אַלטן טאַטן זיינעם, האָט ער געזאָגט: מאַמע, איך וויל נישט מער שטודירן! און גייט אַוועק צו אַ קאַוואַל און לערנט זיך מעכאַניקע... דעם בוך האָט ער אַפילו באַהאַלטן און געטראָגן אַ היטל מיט אַ לעדערנעם דאַשעק. איך זאָג אייך, אַ פאַלנער היינטיקער! זאָל איך זיך שעמען, אַז מיין זון ווערט אַ באַלמעלאָכע? ס'איז דאָך אַן אַנדער דור מיט אַנדערע מיני השגות! אַז איר זענט אַ רבס אַ זון און זענט אַליין אַ דאָקטער און וואוינט גאָר אין פּרייסן. מיין שלום איז אויך געווען אין פּרייסן, נעבן ווין, דערנאָך איז ער אַוועק קיין ענגלאַנד מיטן וואַסער... איר פאַרשטייט, אַז ער האָט דאָ אויסגעלערנט און האָט נישט געהאַט וואָס צו טאָן. חתונה האָט ער שוין אויך געהאַט און האָט שוין צוויי קינדער, זאָלן מאריך־ימים זיין, און האָט נישט דעם פאַרדינסט, וועדליק זיין וואונטש און איז אַ בריה אין זיין זאַך. עפּעס האָט מען דאָך דעם יידישן קאָפּ מיט קאָנען רעכענען, און מען קאָן מיט אַ קויל מאַכן אויף פּאַפּיר „ריסאַווניקעס״, ווי איר זעט מיך לעבן, אַז דער מוח טראַכט כּסדר! און דאָ איז אים אין אַלקער צו ענג און געקומען פון דער אַרבעט, אַראָפּגעוואָרפן דאָס אויסגעשמירטע רעקל, זיך אָפּגעוואַשן מיט זייף און זיך אָנגעטאָן פון קאָפּ ביז די פיס אַנדערש. מען זאָל דאָס אָנהויבן צו דערקענען אויף זיין פּנים, אַז ער האָט היינט געקאָוועט רעדער.

און זעט איר, אָט־דאָס האָט אים נישט געהאַלטן אין דער היים. דער קאָפּ טראָגט... אַז מען זאָגט, אַז עס זיינען פאַראַן ערטער, וואו מען

פֿאַרדינט זעקס רובל אַ טאָג, און דאָ פֿאַרדינט מען עס נישט אַפֿילו אין אַ חודש. אַי, דאָ ביסטו אינאיינעם מיט דער מאַמען, און כאָטש פֿרום ביסטו נישט, אָבער אַז עס קומט ימים־נוראים פֿאַרסטו אויך אין שטאָט אַריין? אַז ער אָבער האָט זיך איינגעעקשנט, ער מוז קיין ענגלאַנד. מילא ענגלאַנד לאָז זיין ענגלאַנד, לאַנד איז לאַנד, גאָט איז דאָ אומעטום, אָבער שלום, זונעניו, שרייב אַ בריוול, כאָטש איין מאָל אין דריי חדשים! דאָס ווייבל איז אַוועקגעפֿאָרן צו איר טאַטן, איין קינד איז ביי איר און איינס איז ביי מיר... איר זאָלט זען קינדער! אָבער איר פֿאַרשטייט, אַז דער טאַטע איז נישטאָ אין דער היים... איך האָב אַנדערע זאַכן אין קאָפּ, איידער נאָכלויפֿן דעם אייניקל! און זי, די מאַמע, איר פֿאַרשטייט, איז נישט אַקוראַט געזונט... און אַזוי שוין תּמיד נאָך פֿון מיידלווייז... שיקן שיקט ער איר אַמאָל אַ ביסל געלט און דאָס גייט אַוועק צו אַלדע רוחות אויפֿן דאָקטער. אַז הויבט דערמיט אָן! מיר האָט ער אויך אַמאָל געשיקט אַ פֿינפֿערל אויף פּסח. דערנאָך, אַז עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ צייט, איז אָנגעקומען אַ קאַרטע פֿון אים. אַ שאָד, וואָס איך האָב זי נישט ביי זיך. דומה־למלך, זאָג איך אייך, גאַרנישט צו דערקענען! אַז יידן גאָלן זיך דאָרט די בערד! דער עלטערער זון מיינער, נתן, איז נאָך פֿון יענעם דור, אַ כּשר קינד — דער פֿאָטער! אָבער עס גייט אים נעבעך שלעכט און האָבן האָט ער זעקס קינדער. עס רייסט דאָס האַרץ, אַ מאַמע! העלף, העלף, און אַליין האָט מען אויך נישט פֿון וואַנען.

איך וויל אייך עפּעס זאָגן, איך בין נאָר געקומען צו אייך, כּדי איך צו זען. געהערט האָב איך, אַז איר פֿאַרט שוין אַוועק, האָב איך מיר געטראַכט: גיי אַריבער און זע יאַסלען. איר זענט געקומען צו אייער אַלטן טאַטן זיך זען? שיין פֿון אייך! אייער מאַמע האָט נישט געהאַט די זכיה דאָס צו דערלעבן... פֿאַרשטייט גאָטס דרכים און ווי אַזוי ער פֿירט די וועלט... דאָ שטיי איך אַזוי און קוק אויף אייך: אַז גאָט וואָלט מיך געבענטשט מיט אַזאַ זון! איך זאָג אייך נישט קיין חניפֿה. אַז מען רעדט אַזוי פֿיל פֿון אייער לשון־קודש... דאָ אַ דאָקטער, כאָטש ער איז אַ ייד, איז אַ פּראָסטער גוי. וואָלט מיין שלום געווען אין דער היים, איך ווייס, אפֿשר וואָלט מיר נישט געווען אַזוי שווער, יונג בין איך שוין אויך נישט. פֿופֿציק יאָר און צוויי פֿאַמיליעס אויף זיך. און די כּוחות דינען אויך נישט ווי פֿון אַמאָל. אַמאָל גיב איך אַ טראַכט: ווער ווייסט צי דו וועסט דיין שלומען נאָך זען... (זי ווישט זיך די אויגן). איר פֿאַרשטייט, אַ מענטש;

צי בין איך שולדיק, אַז מען מוז אויף דער עלטער אַנקומען צו יענעם? קיין נדבות נעם איך נישט, אָבער אַז איר וואָלט מיר געקאָנט העלפֿן מיט אַ קערבל! שיקן שיקט ער שוין לאַנג נישט. איך בעט אייך צען מאָל איבער, אַז איך רעד צו אייך אַזוי. איר זענט דאָך אַן אונדזעריקער, גאָט זאָל אייך באַצאָלן. אַז איך וועל אַמאָל שרייבן צו שלומען, מוז איך אים שרייבן וועגן אייך; אָבער צי זיצט ער אין אויף איין אָרט? אַצינד איז ער שוין גאָר אין אַפֿריקע... אַז די וועלט איז גרויס...

אויף דער עלטער

יאָסל, דו דערקענסט מיך גאָרנישט? איך בין דאָך דיין רביצין. ווי לאַנג איז דאָס, אַז דו ביסט געגאַנגען צו אונדז אין חדר, אַ יאָר צוואַנציק מסתמא. מיין יואל איז שוין דרייצן יאָר עליו־השלום. ווער האָט זיך דעמאָלט גערעכט אויף דיר, אַז דו וועסט ווערן אַ דייטש! מיר האָבן געמיינט, אַז דו שניידסט זיך אויף אַ רב אין בערדיטשעוו. ביסטו ביי זיי כאָטש אַ ראַבינער? אַ ייד ביסטו דאָך נאָך און האָסט נישט פֿאַרגעסן אונדזער שטעטל, ניין! ניין! ווי אַזוי גאָט פֿירט די וועלט: זיצסטו דאָ אַן אַ היטל און איך קום צו דיר און זע אָט יענעם יאָסלען, דאָס וואויל ייִנגל מיט פּייקעלעך. ביסט מיר שוין, דאַכט זיך, געווען אַ חתן ביי אַ גביר; וואַרפֿסטו אַוועק אַלץ, גיסט אָפּ דעם קורס און קומסט אַראָפּ אַ פֿאַרטיקער דאָקטער. און מיין יואל שטאַרבט און איך בין אויף צרות. דו געדענקסט נאָך מיין שטוב מיט דער קלייט? אַלץ האָב איך זיי אַוועקגעגעבן. וואָס באַדאַרף אַ יידענע ווי איך? אַצינד האָב איך חרטה. אָבער וואָס העלפֿט דאָס מיר? די וועלט איז שוין אַזוי, אַז מען פּלאָגט זיך אַן מיט קינדער, און דערנאָך פּלאַגן זיי די עלטערן. שטייט דאָך געשריבן אין דער תורה די מצווה פֿון כיבוד־אב־ואם, און דאָס מוז מען מקיים זיין, און מיינע פֿאַרגינען נישט דער מאַמען דעם לעפֿל יויך... מילא ער, דער איידעם מיינער, איז דאָך בסך־הכל אַ פֿרעמדער, און אַז איך וואָלט נישט געהאַט דעם איידעם, וואָלט איך געהאַט אַן אַנדער איידעם. אָבער זי, די טאָכטער מיינע, בתיה, דו קענסט בתיהן? וואָס פֿאַר אַ וואויל מיידל דאָס איז געווען און אַ בנעימותדיקע, און ווי זי איז געהאַנגען אַן דער מאַמען. האָט זי אָבער אָנגעטאָן דאָס טיכל, איז זי גאָר געוואָרן אַן אַנדער מענטש.

מאָל דיר אויס מיין ווייטיק: עס איז מיין שטוב, עס איז מיין טיש און מיינע בענק; איך האָב געגעבן די איבערבעטן און די קאָלדרעס וכל המלבושים. עס איז נישטאָ אַ טעלערל אין שטוב, וואָס איז נישט מיינס. און געלט האָבן זיי מיך אויך גענוג אָפּגעקאָסט; און איך, די מאַמע, צו די עלטערע יאָרן, בין שוין איבעריק. איך שעם מיך צו זאָגן, אָבער איך ווייס, זיי ווינטשן מיר, איך זאָל זיין דאָרט, וואו דער טאַטע ליגט. און די אייניקלעך, זיי לאַכן אויך פון אַן אַלטן מענטש.

מילא, די עבירה בין איך דיר שוין מוחל. היינט האָט קיינער נישט קיין מורא פאַר גאָט, אַפילו די פרומע און אַפילו די, וואָס זאָגן אַז דו ביסט אַ גוי. אָבער איך בין דאָך די מאַמע, וואָס האָב זי געטראָגן אונטערן האַרצן און וואָס איך האָב זי געהאָט, און דעמאָלט האָט יואל, עליו־השלום, נאָך נישט געהאַט קיין שם, און די קלייט איז געווען אַט נאָר־וואָס, אָן קונים און אָן סחורה און אָן לייב־און־לעבן. וואָס האָב איך געהאַט צו ליידן מיט דער פראַקלאַטע! דאָ די דאַר, דאָ מאַזלען, דאָ פּאָקן און דערנאָך, אַז זי איז געוואָרן אַ גרויס מיידל, מוז מען דאָך תמיד האָבן אין זינען קליידער און שמאַטקעלעך און היטעלעך. און דעם רבין דיינעם געדענקסטו, און דו פאַרשטייסט מסתמא, ווי איך האָב געמוזט זיך רייסן מיט אים וועגן איטלעכער זאַך. און דערנאָך די התונה! ווער האָט דאָס געזען ביז דעמאָלט ביי אַ מלמד אַזאַ התונה. און אַצינד, צאָלן זיי מיר אָפּ אַלץ מיט פּראָצענט. אַפילו דעם אויוון לאָזן זיי ביי מיר נישט הייצן. איך זאָג אייך, איך קום אום! די גאַנצע וואָך לעב איך נאָר פון אַ שטיקל בולקע און אַ ביסל קאַליש, וואָס איך קאָך מיר אַליין, און אַז עס קומט שבת, און איך וויל עסן מיט זיי ביי איין טיש, ווי אַ מענטש, מוז איך געבן צושטייער...

טאָמער קאָנסטו אים רופן צו דיר, יאָסל, און זיך מיט אים דורכשמועסן? פאַר אַ דייטש האָבן זיי מורא דאָס קדחת, און אַ ביסל וועט ער זיך שעמען. מען זאָגט, אַז דו ווילסט, קאָנסטו שרייבן אין די בלעטער. איך זאָג דיר, איידער צו האָבן אַזוינע קינדער, איז שוין בעסער גאָרנישט צו זיין קיין מאַמע!

זאָג־זשע מיר, איך בעט דיך, טראָגט דאָס אַ סך איין, די דאָקטעריי, וויפיל האָט מען דערפון אַ חודש? האָב מיר קיין פאַריבל נישט, אָבער באַטש איך בין אַלט און שטיי שוין, ווי מען זאָגט, מיט איין פוס אין קבר — איך וויל אָבער נאָך נישט שטאַרבן, כדי נישט צו מאַכן זיי קיין פרייד,

— בין איך פונדעסטוועגן טשיקאווע צו וויסן, צי דו האסט בעסער געמאכט, וואס דו ביסט נישט געווארן ערגעץ א גרויסער רב. איך האלט דיך נישט פאר קיין נאר און איך ווייס, אז דו וועסט נישט שטודירן אומזיסט. עולם־הבא וועסטו אוודאי נישט האבן דערפון. טא האב כאטש די וועלט. גלויב מיר, איך גין דיר דאס. ווען יואל וואלט געלעבט וואלט ער מיט דיר א שמועס געטאן אין לערנען, כדי צו זען, צי דו האסט נאך נישט אלץ פארגעסן. רבונו־של־עולם! איך זע דיך נאך, ווי דו זיצט ביים טיש פארטראכט ביי דער גמרא. דעמאלט האב איך מיר געזאגט: אט־דער קוקט ערגעץ אנדערש... יואל איז געווען דער גרויסער למדן, ווי דו ווייסט, אבער ער איז געווען א פלאטשיקער, און האט נישט געקענט זיינע אייגענע תלמידים; אבער איך האב געהאט אויגן...

און פונדעסטוועגן, ווען איך וואלט געהאט נאך א מיידל חתונה צו מאכן און דו ביסט, ווי איך הער נאך א בחור, וואלט איך זי דיר בעסער געגעבן ווי פיניען, דעם אידעם מיינעם, דעם שייגעץ. וואס האב איך פון זיינע צוויי פאר תפילין, אז ער איז א הונט! אוודאי וואלט עס געווען גוט, אז דו זאלסט יא א ביסל דאווענען, אבער ביי אזעלכע מענטשן, ווי דו, קאן מען כאטש אויסרוען. טרייפות וועט מען נאך ביי דיר נישט עסן, אזוי וויט ביסטו נאך נישט אוועק; איך זע עס ביי דיר אן די אויגן, אז דו ביסט נישט א שונא פון יידישקייט.

ווי לאנג ווילסטו נאך בלייבן ביי אונדז? ווי געפעלט דיר היינט שעפעטיוקע? עס איז ביי אונדז א סך געווארן אנדערש, אבער אין תוך גענומען — ניין, בעסער צי מיך נישט ביי דער צונג: איך וואלט געקאנט דערציילן דיר א סך פון אונדזערע שעפעטיוקער; מעגסט דאנקען גאט, אז דו וואוינסט אין פרייסן, וויט פון דאנען. ווייסטו, עס ווילט זיך מיר גארנישט גלויבן, אז דו ביסט אט דער יאסל פון אמאל. זאג מיר דעם אמת, פלעגסט זיך דערמאנען אמאל אויף דיין רבין און אויף דער רביצין דיינער? דו ווייסט, ווי ליב מיר האבן דיך געהאט! אי איז דאס א וועלט, צו וואס דער מענטש קאן דערלעבן. וואס איז דאס לעבן וואס איך פיר? מען שלעפט זיך ארום און די אייגענע קינדער איז מען נמאס...

אַ וועלט איז דאָס

איך האָב שוין חתונה געהאַט. מיין מאַן איז אַפּילו געווען אַ פּראָסטער, אָבער אַן ערלעכער. פֿון אָנהויב איז ער מיר געווען נישט שטאַרק געפֿעלן, נאָכדעם שוין יאָ אַ ביסל; און ער הענגט אָן מיר און גיט מיר אָפּ כּבֿוד — איך קאָן אײַך גאָרנישט אויסמאָלן, ווי אַזוי ער האָט מיך אָפּגעהיט, אין דער פֿרי די מילך און גלאַט אַזוי, אַלץ. — געזעסן זיינען מיר אין אַ דאָרף נעבן אַ זאַוואָד. מוז ער אָבער גיין דינען. אַי האָט ער געוויינט, אַז ער איז אַוועקגעפֿאָרן; איך האָב אַפּילו נישט געוויינט, אָבער מיין האַרץ איז מיר געווען דערשראָקן; אויף פֿינף יאָר גייט ער, און איך בלייב איינע אַליין. — אומעטיק איז מיר געווען. די גאַנצע וואָך איז מען פֿאַרטראָגן, אָבער שבת, פֿרייטיק־צו־נאַכטס, אַז אַ מאַנסביל אין שטוב איז עפּעס אַנדערש... און דער זומער, אַז עס הויבט אָן צו ווערן וואַרעם. אַז איך בין געווען אַ מיידל, פֿלעג איך מיך לייגן אויף דעם גראָז. פֿאַרנאַכט אין דרויסן איז דאָס אַ מין טראַכטן מיט זיך, ניין, איך קאָן דאָס נישט אַזוי אַרויסרעדן; אַז עס פֿאַרגייט די זון איז אַלץ אַנדערש, ווי זאָל איך דאָס זאָגן... איר קענט אים, ר׳ יאָסל, ער איז געווען אַמאָל איירער אַ באַקאַנטער. שור הייסט ער. קומט ער צופֿאָרן אין אונדזער דאָרף, אַ פּאַדריאַדטשיק איז ער געווען, אַ מענטש אין אַ קורץ רעקל און מיט רויטע באַקן, ווי אַ גוי. ער איז מיר גאָרנישט געווען געפֿעלן, בשעת ער איז אַריינגעקומען צו מיר אין קלייטל. אַ קונה מוז מען אָבער באַדינען. ער זאָגט צו מיר: שיינע־רעזי, דו ביסט שיין; איך האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן איך בין געוואָרן אויף אים אין כּעס. אַז ער איז אַוועקגעגאַנגען, טראַכט איך מיר, ווי אַזוי שעמט ער זיך דאָס נישט? אויף דער אמתן אָבער איז מיר זיין צורה געבליבן אַ ביסל אין קאָפּ. גראָד דעם אייגענעם טאָג האָב איך געוואַשן טיכלעך; אַז די וואַש־שיסל איז געווען פֿול מיט מולינעס האָב איך מיר געטראַכט: אַזאַ מאַן איז נישט קיין פּראָסטער. ווען ער איז דאָ, שמועסט ער מיט זיין ווייב. אַז דו וואָלסט געווען נאָך אַ מיידל און ער נאָך אַ בחור, וואָלט ער דיך גענומען. דערנאָך, האָב איך זיך געגעבן אַ כאַפּ, אַז דאָס וואָס איך טראַכט, איז נישט גוט. דערווייל האָב איך געקאָכט וועטשערע, די יויך איז געווען אַ גוטע. אָט־אַזוי זיץ איך זיך און טראַכט: פֿון ישראלן (מיין מאַן האָט געהייסן ישראל) האָסטו שוין לאַנג נישט געהאַט קיין בריוול; אַז ער וואָלט געווען אין דער היים,

וואָלט ער געזעסן נעבן דיר, אַצינד זיצט ער דאָרט און שלאָפט אויף דעם טאַפּטשאַן. אַז אַן אַנדערער וואָלט געווען מיין מאַן... שור טראָגט לאַנגע שטיוול, ווי אַ פּריץ; לאַנגע שטיוול האָב איך ליב. אין דער פרי בין איך אויפגעשטאַנען מיד. איך נעם מיר די ציקאָריע אין קלייט אַריין, שור איז דאָ און זעצט זיך נעבן דער סטאָיקע אויף אַ בענקל. ער נעמט מיך אָן ביי דער האַנט און זאָגט צו מיר: שיינע־רעזי, איר געפעלט מיר, איך האָב אַפילו אַ ווייב, אָבער אַז איר וואָלט מיך גענומען, וואָלט איך זיך מיט איר געג'גט. איך בין שיער געשפּרונגען פון דער הויט; אָבער אַז עס איז באַשערט — איך בלייב זיצן און זאָג גאָרנישט...

ער איז אָפּגעזעסן ביי אונדז אין דאָרף דריי חדשים — גאָט זאָל מיר דאָס מוחל זיין. מיין מאַן איז געווען אַ גוטער. ער האָט מיר געגעבן גט און האָט געוויינט. ער איז דעמאָלט געקומען פון דער סלוזשבע אַהיים אויף צוויי חדשים. איך זאָג דיר — האָט ער צו מיר געזאָגט — אַז ער וועט דיך נישט נעמען, אַ הולטאַי איז ער און נישט מער. — ער האָט געהאַט רעכט, מיין מאַן; איך זיץ שוין ניין יאָר אַ גרושה און מוטשע זיך. שור לעבט נאָך עד־היום מיט זיין ווייב. דאָס יאָר האָט ער חתונה גע־מאַכט אַ מיידל, דריי יאָר נאָך דעם פלעגט ער נאָך קומען צו פאָרן אין דאָרף און רעדן מיט מיר. — אַז עס איז שוין אַזוי געקומען, וואָס זאָל איך טאָן? אַז איך האָב אים נאָך דעם באַגעגנט אין ניקאָלאַיעוו אין אַ שטוב, האָט ער מיך נישט דערקענט.

יאָ, אַ וועלט איז דאָס!

אַ משונה ייִנגל

זי האָט שטאַרק געכליפּעט: גאָטעניו, פאַרוואָס האָסטו מיך אַזוי גע־שטראָפט? ווען נאָך האָב איך אויף דער וועלט אַחוץ אים? מיין מאַן איז נישטאָ, מיין שטוב איז אָפּגעברענט, קיין טאַטן האָב איך נישט, קיין מאַמען האָב איך נישט, איך בין עלנד ווי אַ שטיין, ווער באַדאַרף צו וויסן פון אַן אַלמנה מיט איר ביסל אָרעמקייט. מילא דאָס אָרט מיך נישט; אַז מען האָט ברויט, אַפילו פּיסנע, איז שוין אויך גוט; אַ העמד אויפן לייב האָט מען אויך. אָבער ער, מיין בן־יחיד, איין אויג אין קאָפּ, וואָס פאַר אַ צרות בין איך פון אים אויסגעשטאַנען, ביז ער האָט אָנגעהויבן גיין

און רעדן. דאָס קינד האָט געהאַט די דאַר, אַזוי האָט מען געזאָגט, ווייס איך? פֿון דעמאָלט אָן איז ער געווען געזונט און שטאַרק, אָבער ער איז נישט ווי אַלע מענטשן. אין חדר וויל ער נישט גיין, דעם רבין האָט ער פֿיינט און קאָן קאָן גאָרנישט, אַפֿילו דאַווענען קאָן ער נישט. דעם מאַרך פֿון די ביינער צי איך פֿון מיר, ביז איך באַצאָל פֿאַר אים שכר־לימוד, אָבער ער איז אַקוראַט ווי מען וואָלט אין אים אַריינגעטאָן אַ כּישוף. ער הערט מיך נישט און פֿאָלגט מיך נישט. מאַמע — זאָגט ער — דאָס לערנען אין חדר מאַכט מיך דול, אַלץ: ויאמר, ויאמר, דאָס וואָרט מאַכט אַזוי און יענס וואָרט מאַכט אַזוי. — וואָס דען ווילסטו? — מאָלן וויל איך, גיב מיר אַ פּען, אַ שטיקל קויל, צי קרייד. — ביסט משוגע? אַז ער הערט מיך אָבער גאָרנישט. מילא, זינגען האָב איך געהערט, עס איז אַזוינס דאָ, אָבער מאָלן — וואָס איז דאָס פֿאַר אַ זאַך? אים אָבער, אַז עס פֿאַרווילט זיך, העלפֿט גאָרנישט. ער באַמאָלט דעם טיש, די ווענט; באַקומט ער אַ מעסער, גראָבט ער אין דער ערד אָדער ער שניצט. אַמאָל ווערט ער גאָר פֿאַרפֿאַלן, נעם איך אים זוכן און געפֿין אים: ער ליגט זיך אויפֿן גראָז און קוקט. — הויב איך אָן צו שרייען; שטיי אויף! — ניין, איך וויל נישט. — פֿאַרוואָס ווילסטו נישט? — איך קאָן נישט אַוועקגיין, דער הימל איז אַזוי שיין, ער איז אַזוי רויט, קוק זיך נאָר איין, מאַמע. — האָט איר געהערט? אַט־אַזאַ משוגענער! אויף איטלעכן בוים קלע־טערט ער, אויף איטלעכן וואָגן שפּרינגט ער. איינמאָל זאָגט ער צו מיר: מאַמע, איך וויל גיין באָרוועס, אַלע באַשעפֿענישן גייען אויך באָרוועס און טראָגן נישט קיין שיך.

פֿרום איז ער גאָרנישט, שוין פֿון קינדווייז אָן נישט. אַז קיין טאַטע איז נישטאָ! מאַך מיר, זונעלע, קידוש, — אַז ער קען גאָרנישט. די שכנות טייטן אויף מיר מיט די פֿינגער. זאָגט מיר, ר' יאָסל, וואָס זאָל איך טאָן? צי בין איך דען נישט אַ מאַמע ווי אַלע?

זי צעוויינט זיך.

אַז עס איז באַשערט

אַלדע בייזע חלומות זאָלן זיך אויסלאָזן צו זיין קאָפּ! האָט איר אַזוינס געהערט? אַ ייד קומט צו פֿאָרן און קאַנטשעט מיט מיינעם אַ געשעפֿט. האָבן מיר אים געבעטן קומען? אַז ער איז אָבער דאָ און זאָגט: קויפֿט

האַלב אומזיסט, איז פאַרוואָס זאָל מען נישט קויפן? אַז עס איז באַשערט.
— קומט כאַצקל שפיגלס, אונדזערער אַ שכן, און וויל אויך, מילא: האָט דערהערט נאָך איינער׳ נאָ דיר אויך. אַז אַלע האָבן זיי דערויף שכל. פאַרדינען איז גוט, און פאַרדינען אַ סך, איז נאָך בעסער: איטלעכער מענטש איז ביי גאָט אין האַנט. אַי, טאָמער איז די גאַנצע סחורה גאָר געגנבעט? איך זאָל אַזוי וויסן פון שלעכטס, אויב מיר האָבן געוואוסט דערפון. שוין צוואַנציק יאָר ווי מיר האַנדלען מיט דער וועלט. טאָן אַ יידן אַ היזק, אסור! איך וויל אייך דערציילן בקיצור. דערווייל זיצט מיין מאַן שוין אַ האַלב יאָר. שרייבעכצן אַהין און אַהער, און אַדוואָקאַטן און געלט פליט. זאָל שוין נעמען אַ סוף! דערווייל איז אַ שטוב, קינדער באַדאַרפן אויך, און מען מוז נאָך צאָלן פאַר זיי שכר־לימוד... מילא, אַ חרפה אַן אַ זייט, מיילער האָבן צינגער און רעדן אויף איטלעכן, אויך אויף אייך הינטער אייערע פלייצעס, אָבער אַן עק זאָל עס נעמען. איך בעט אייך, איר זענט דאָך אַ קלוגער מענטש, גיט מיר אַן עצה, וואָס זאָל מיין מאַן זאָגן אין סוד? זאָל ער זיך מודה זיין? אַמאָל איז דאָס גוט. זאָל ער זיך לייקענען? אַז דער ייד איז גאָרנישט דאָ! אַ שרייבעכץ האָבן מיר אויך נישט געמאַכט; אַז מיין מאַן גלויבט אין איטלעכן. איך זאָג צו אים: הערשל. צו וואָס טויגן דיר די עסקים? ער אָבער איז אויך גערעכט: אַז פון וואָנען זאָלן מיר נעמען? הייַנטיקע יאָרן וואַרפט מען נישט פון הימל; אַז מען שלאָגט אָפּ אַ פּרנסה, האָט מען טאָקע נישט. איך שווער אייך: איך בין גאָרנישט שולדיק. ווען איך ווייס, אַז די מעשה לאָזט זיך אַזוי אויס, וואָלטן מיר זיך צו דער סחורה נישט צוגערירט, אַפילו ווען מען זאָגט מיר צו גילדערנע בערג. רבונו־של־עולם! צי וועלן מיר רייך ווערן? נאָר פּרנסה ווילן מיר האָבן, ברויט פאַר די קינדער...

אַלטע דורות

עס האָט מיך אַ ריס געטאָן אין האַרצן. איך זע דאָס קינד קרימט זיך. משולמל, זון מיינער, וואָס איז דיר? ער פאַרהוסט זיך און ווערט רויט. אַז איך האָב זיך באמת דערשראָקן. איך הויב אים אָן צו טרייסלען בייַם קאָפּ, טאָמער וואַרגט ער זיך. אַ מאַמע, אַ ווייטאָג איז צו מיר! די יינגלעך האָבן דיר עפּעס אַרייַנגעשטעקט אין מויל? ער שרייט: יאָ. פאַרשרפעט

זאָלן זיי ווערן מיטן רבין אינאיינעם. ווייז אַהער, מיין קינד. אַ חדר איז דאָס, קראַנק איז מען השגחה צו געבן אויף די קינדער. ריווצע, שריי איך צו דער דינסט, גיב אַהער וואַרעם וואַסער, אַ טיכל, אַ האַנטעך, אַז זי איז גאַר אַוועק צו אַלדע רוחות! הייניטיקע צייטן דינסטן! סקאַצל קומט! מעניע, דאָס עלטערע מיידל מיינס, איז אַריינגעקומען. וואָס שטייסטו ווי אַ קלאָץ? לויף אַריבער נאָכן רופֿא! מאַמע, מען האָט מיר גאָרנישט אַריינגעשטופּט אין מויל. וואָס דען, אַן אַנדער קינד וועט דאָך אַ מאַמען זאָגן. כיליק האָט מיר אַריינגעשפּיגן אין מויל. — סטייטש, ווי מיר געשען, וואו איז זיין מאַמע, די הולטאַיקע, די אויגן וועל איך איר אויסרייסן, פֿאַרשיווע איינע. הערשל, וואו שטעקסטו צום רוח? דער מאַן מיינער, איך בעט איבער אייער כבוד, אַ טאַטע איז דאָס, נישט פֿאַר קיין ידן געדאַכט. אַט־דאָס בין איך געקומען צו אייער טאָטן. אַ רב אין שטאָט מוז דאָך אַכטונג געבן און נישט אַריינגעמען די תלמוד־תורה־יינגלעך דאָרט, וואו עס גייען די באַלעבאַטישע קינדער. צאָלן צאָלן מיר געגוג. נעמט איך צו אַ בעלפֿער און לערנט מיט זיי עברי. — אַז איר פֿאַרשטייט מיך נישט. אַפּנים, זענט איר דער דייטש. ביי אונדז זיינען נאָך די אַלטע דורות.

ווי מען לעבט

פיר שעה גיהנם

שטיקער פלייש זיינען פון מיר געפאלן, איך האב נאך געהאלטן אין צעשניידן דעם לעצטן פונט הייזון און אין וועגן אים אין לויטן און אין האלבע לויטן, כדי צוצוגרייטן אויפן יאריד. קומט צו פארן א פריצל רייטנ־דיק און וויל האבן א גאנצן האלב־פונט הייזון; וואלט ער געקומען כאטש א האלבע שעה פריער, איידער איך האב נאך צעשניטן דאס לעצטע! אבער אצינד, וואס מאכט מען? זאגן אים — ניין? איר פארשטייט אליין, אז אזעלכע קונים וואקסן נישט אויס פון דער ערד, און אז גאט שיקט אזוינעם צו, מוז מען שפרינגען אפילו אין פייער, כדי צו טאן זיין רצון. א גליק, אז ער האט באדארפט האבן נאך אין ערגעץ, האב איך צו אים געזאגט: פריצל, איר קאנט איך טאן אייערס, און איך וועל דערווייל צוגרייטן פאר אייך, און אז איר וועט פארן צוריק, וועט איר עס שוין קאנען מיטנעמען, ווארים צו וואס באדארפט איר זיך ארומטראגן דער־מיט? איך ווייס אליין נישט, ווי אזוי איך האב עס געקאנט גאר אים זאגן, בשעת איך האב דאך געוואוסט, אז איך האב שוין גארנישט מער דעם גאנצן האלב־פונט הייזון. איר ווייסט, איך זאג קיינמאל נישט קיין ליגן, און שאטן קאן עס אויך. — מילא, צוגעזאגט, מוז מען זען קריגן הייזון, עפעס לעבט מען דאך צווישן יידן! נאך איידער דער פריץ האט זיך אויס־געדרייט מיטן פערד, נעם איך די פיס אין די הענט און לויף צו יענטען: יענטעניו, נשמהניו, הארצעניו, לייט מיר א האלב פונט הייזון; נאך היינט אויף דער נאכט באדארף מען מיר צו ברענגען פון אומאן הייזון; איך האב מיטגעגעבן שואלן. זי קוקט מיך אן און שווייגט; אפנים, זי הויבט זיך אן צו שלאגן מיטן יצר־הרע, זאל זי זאגן: „ניין", איז וואס הייסט: ווי איז מען דאס אזוי שלעכט און טוט נישט יענעם א טובה אין א נויט? און זאגן „יא" — לאזט איר נישט דאס הארץ, ווארים למאי זאל זי מיר העלפן, ווען זי ווייסט גוט, אז איך באדארף עס טאקע האבן? בכן זאגט זי זיך פאוואלינקע: איך וועל זען, אפשר האב איך נאך. פון מיר פאלט די נשמה און זי האט צייט. ווייס איך — זאגט זי — איך האב, דאכט זיך, שוין אלץ פארקויפט. אט־אזוי רעדט זי צעקראכן. אוודאי מוז איך פון איר לויפן צו עטלען און צו היהן און צו שמואלן און צו נחמנען, און קיינער האט

נישט... איך בעט זיך ביי זיי רחמים: איך וועל צאָלן ווי דער בעסטער קונה, אַבי פֿאַרקויפֿט מיר; און זיי הויבן אָן מיך אויסצופֿרעגן, אַ נעכ־טיקער טאָג. פֿון מיר צאַפּט זיך דאָס בלוט, און ווען איך וואָלט מיך נישט געשעמט פֿאַר גאָט, וואָלט איך זיי אַ שפּיי געטאָן אין פּנים אַריין און אויס־געזאָגט, וואָס אין דער קאָרט. פּלוצים דערמאָן איך מיך, עפּעס דאַכט זיך, ביי מיר אין קעלער אינעם לינקן קעסטל מוז נאָך זיין אַ האַלב פֿונט הייון. איך לויף אַהיים און שפּרינג אַראָפּ פֿון די טרעפּ האַלב־טויט, האַלב־לע־בעדיק און הויב אָן צו זוכן פֿון אונטן און פֿון אויבן, אַפֿילו דעם דנאָ האָב איך איבערגעקערט. מאָלט איך אויס מיין עגמת־נפֿש, ס׳איז נישטאָ, און נישטאָ, כאָטש גיי צערייס זיך... און דאָ האָב איך מיר געטראַכט, אַז ווען איך האָב אַפֿילו נישט איבערגעלאָזן אין קעסטל דעם האַלב־פֿונט הייון, מוז זיין אַ נס און עס מוז זיך פֿאָרט געפֿינען. וואָס הייסט, דער אויבערשטער וועט אויף מיר נישט האָבן קיין רחמנות און וועט מיר נישט העלפֿן אין אַזאַ שעה? איך גיב נאָך אַ לויף צו שואלן, אפֿשר האָט אים גאָט אַריינגעשיקט אין דער דעה צו קומען פֿריער. דערווייל האָב איך אַלץ מורא, טאָמער וואַרט שוין דאָס פּריצל ביי מיר אין דער היים, אַ שיין פּנים וועט דאָס האָבן!

אין מיטן פֿאַלט מיר איין, אַז דו ביסט שוין יאָ געווען אין קעלער, פֿאַרוואָס האָסטו נישט אַריינגעקוקט אין דעם אַנדערן קעסטל, וואָס איז ביי דער וואַנט? וואו איז געווען דיין שכל? איך לויף ווי משוגע ווידער אין קעלער אַריין, שכנים הויבן שוין אָן צו קוקן און זיך וואונדערן. אַ גנבה האָב איך דאָרטן אַוודאי נישט באַהאַלטן. אָבער לייט האָבן אויגן און טרויען דיר נישט פֿון דאַנען אַהין. אַוודאי איז דאָס צווייטע קעסטעלע געווען ליידיק, און מיין גאַנצער בטחון הענגט אויף אַ האָר, טאָמער גע־פֿין איך נאָך אין שאַפֿע. איך מאַך אויף די שאַפֿע און גיב אַ קוק, אַ לאָך איז מיר אַריין אין האַרצן: די קאַץ האָט זיך אַריינגעכאַפּט און האָט מיר חתונה געמאַכט אַ טעפּל שמאַלץ, גענדזענע, ערשט אייערנעכטן געפּרעגלט און מיר נישט פֿאַרגונען. מילא, ווער האָט צייט זיך אָפּצועסן דאָס האַרץ וועגן דעם שמאַלץ, אַז דאָ שטייט מען פֿאַר אַזאַ זאַך. דער זייגער שלאָגט דריי, אָנבייסן צו עסן האָב איך אַפֿילו שוין צוויי מאָל פֿאַרגעסן: ווער האָט אין זינען צו עסן? מיר דאַכט זיך, אַז איך וואָלט מנדר געווען צען תע־ניתים, אַבי עס זאָל זיך באַלד עפֿענען די ערד און עס זאָל אַרויסשפּרינ־גען אַ האַלב־פֿונט הייון, דאָס וואָלט ביי מיר געווען דער בעסטער אוצר.

און דאָ בין איך שוין מיד פון יסורים און פון לויפעניש, איך ווייס אַליין נישט וואָס מען טוט פון עגמת־נפש. און איך בין אַלץ אין כעס אויף מיר אַליין: מוז מיך דער רוח אָנטראָגן צו צעשניידן די גאַנצע היזון און אַפילו איין האַלב־פונט היזון נישט איבערלאָזן אַ גאַנצן. איך זאָג אייך, שרה־ריזוע, איך האַנדל שוין מיט היזון דריי און צוואַנציק יאָר, אַזאַ טאָג האָב איך נאָך נישט געהאַט. מאָלט אייך אויס דעמאָלט מיין פּאַלאַזשעניע, זאָל קומען דער פּריץ און זאָל זאָגן, אַז איך האָב אים געהאַלטן צום נאַר, אַז ביי מיר, חנהן, האָט ער נישט געקראָגן, וואָס ער האָט באַדאַרפט? בעסער וואָלט איך מיך באַגראָבן לעבעדיקערהייט, איידער מען זאָל אַזוינס זאָגן אויף מיר. מילא. טענה אַהין, טענה אַהער, לויף, זוך, בעט רחמים, כאַטש האַק דיך און בראָק דיך, אַ גאַנץ האַלב־פונט היזון איז נישטאָ! פערציק האַלבע לויט און גאַנצע לויט זיינען דאָ און ליגן פאַר מיר אויפן טיש און ברענגען מיך אַריין אין כעס. הלוואַי וואָלט איך זיי געקאָנט צוזאַמענ־קלעפּן, איז נישטאָ דערצו קיין עצה? איך זעץ זיך אַנידער אויפן באַנק־בעטל און דער קאָפּ איז מיר וויסט. נאָך אַ גליק, אַז דער מאַן מיינער איז היינט אַוועקגעגאַנגען אין מיל אַריין; וואָלט ער געווען אַצינד אין דער היים, וואָלט איך מיין ביטער האַרץ אויסגעלאָזט צו אים, מוז זיך מיר אַזוינס טרעפן! עס זיינען פאַראַן טעג, וואָס עס ליגן ביי מיר די פונטן און די האַלב־פונטן און נישט איין לויט פאַרקויף איך, און היינט מוז עס אויף צו־להכעיס זיין קאַפּויער! איך זאָג אייך, שרה־ריזוע, אַז מען האָט נישט קיין מזל, איז מען נישט ווערט אַז די ערד טראָגט. ווער איך קאַרג פאַרשוואַרצט און האַרעווע נישט גלייך מיט דעם מאַן מיינעם אויף פּרנסה? איך זאָל זאָגן, אַז איך דערלייג? איר ווייסט, מען ציט די חיונה, און חתונה געמאַכט קינדער האָט מען אויך. אָבער, אַז עס איז אויף איין מאָל טייערער געוואָרן היזון אין אומאַן, און איך האָב נישט געוואוסט און האָב פאַרקויפט דריי פונט צו דריי גראָשן אַ האַלבן לויט, בשעת איך וואָלט דערפאַר געקאָנט נעמען צו פיר גראָשן, אַי, האָט מיר דאָס ווי געטאָן! און יענע, די גזלנים, האָבן אונטערגעשיקט צו מיר און אויסגע־קויפט דאָס לעצטע פונט היזון צום אַלטן מקח. אַ דונער האָט מיך דער־שלאָגן, אַז איך האָב דאָס דערהערט. טוט אייך אַ רעכן: פיר פונט היזון, אויף איטלעכן לויט אַ גראָשן. עס איז מיר געווען ערגער, ווי ווען איך וואָלט צען מאָל אָנגעוואָרן פון קעשענע, און היינט גלאַט דער עגמת־נפש, אפשר צוויי חדשים כסדר האָב איך מיך געגעסן און געגריזעט. און דאָ, אַז

גאָט האָט מיר צוגעשיקט אַ פּריצל, מוז עס אַזוי זיין! גאַטעניו, איך פֿאַל, איך גיב אַ קוק אין פֿענצטער, דאָס פּריצל פּאַרט צו מיר רייטנדיק און מאַכט מיטן בייטשל; ער איז שוין ביי דער שטוב, איך וויל אַנטלויפֿן, וואָרים איך האָב נישט די העזה אים צו קוקן אין פּנים אַריין. ער איז אָבער שוין דאָ; איך זאָג אייך, די מינוט האָט מיך אָפּגעקאָסט אַ האַלב לעבן. וואָס־זשע טוט גאָט? גיט ער מיר אַריין אַן עצה און איך זאָג: פּריצל, אָ־דאָ האָב איך אייך צעשניטן דעם האַלבן פֿונט הייוון. צי דאַרפֿט איר עס דען האָבן אויף איין מאָל? ווען די פּאַני פֿאַרשפּאָרן צו צעשניידן. איך וויקל אים איין אַלץ אין ריינע ווייסע פּאַפּיר און מיינע הענט ציטערן; ער נעמט אַרויס דעם טייסטער און באַצאָלט און דאַנקט. אַזאַ מזג, איך וואָלט אים געקאָנט קושן די הענט פֿאַר זיין גוטסקייט; טרערן זיינען מיר אַריין אין די אויגן פֿאַר פֿרייד. איך זאָג אייך, שרה־ריווע, איך בענטש נאָך עד־היום דעם בורא, וואָס ער האָט מיר דעמאָלט צוגעשיקט אין מויל אַריין די ווערטער, אַזוי צו זאָגן, און עס האָט געפֿירט צום גוטן. אָבער וואָס איך האָב אין די פֿיר שעה איבערגעלעבט, דאָס קאָנט איר אייך גאָר־נישט אויסמאָלן.

שרה

צרות מיט געלט איז נישט אַזוי שלעכט, אָבער צרות אָן געלט... אַ יידענע מיט דריי קינדער און מיאוס, ווי איך בין! דער מאַן מיינער האָט מיך פֿיינט געהאַט, און איך אים, ביז ער האָט חתונה געהאַט מיטן מלאך־המוות און מיך איבערגעלאָזן מיט אַנדערטהאַלבן קישן און דריי זעקסער במזומנים. צען יאָר האָב איך געהאָרעוועט און פֿאַרדינט און אָפּגעלייגט אַ גילדן צו אַ גילדן און דאָס ערשטע קערבל שוין געגעבן אויף פּראָצענט און אַ באָרג מיט חובות אָפּגעצאָלט און אַלץ אין שטוב — אָנגעהויבן פֿונעם טאָפּטשאָן — געקויפֿט ניי. געשענקט האָט מיר אוודאי קיינער נישט. מען קאָן מיך און מען ווייסט, אַז שרה צאָלט.

און ווער האָט דערצויגן די קינדער? ווער האָט זיי געמאַכט מיט לייטן צוגלייך? ווער טראַכט מכּוח אַ תּכלית פֿאַר זיי? איך, איך! אַז זייער טאַטע איז געשטאָרבן, זיינען זיי געווען אויסגעדעוועט, הויט און ביין, און היינט קוקט נאָר אָן: פּיסקעס מיט באָקן, ס'איז דאָ אויף וועמען צו קוקן. יאָ,

צוערשט ווערט מיר געזונט, קינדער, זשאַלעוועט נישט דער מאַמעס שמאַלץ און באַקומט פּנימער, ווי מענטשן. געלט איז דאָ פֿאַר איטלעכן, אַז שרה וועט טאָן אַ שידוך מיט אַ קינד, וועט זי ציילן אויפֿן טיש. ביי מיין טאַטן האָב איך דאָס אַוודאי נישט געלערנט, וואָרים ער איז געווען אַ קבצן פֿון קבצן־לאַנד און האָט אין זיין לעבן נישט געזען אַזוינס, וואָס מען רופֿט אָן געלט, און אַז דער מאַן מיינער וואָלט געווען געלעבט, וואָלט מיך אויך אפֿשר געהאַט דער גוטער יאָר. ער האָט אַזוי געקאָנט פֿאַרדינען, ווי איך קאָן מיר היינט אָנטאָן אַ שטריימל און ווערן אַ גוטער ייד. אַז עס איז געווען אַ גאָרנישט, גלאַט אַ גאָרנישט, און כּלומרשט טוט מען זיך אַלע יאָר אַ הוסט, וואָס שמעקט מיט טשאַכאָטקע.

איך הויב מיך אָן צו דערמאָנען ווי אַזוי מיר האָבן אונדז גענומען. איך אַ מויד ביי שלושים, מיט אַ פּנים ווי אַ ריבאייזן און ער אַ פּועל־בטל. עפּעס האָט ער געוואָלט זיין אַ מלמד, צי אַ שמש, צי אַ בעדער, — זיי וואָס דו ווילסט. אַבי זיי! — אָבער נאָר נישט אַ גאָרנישט, מילא נדן האָב איך אים געגעבן אַ מכּה, נו, ער איז שוין אַ היפּש שטיק יאָר טויט און איך רייד נאָך אַלץ אויף אים, עפּעס האָט דער מענטש אַ גאַל. זאָל איך זאָגן, הלוואַי וואָלט איך אים גאָרנישט געווען דערקענט? ביין! דאָס נישט, וואָרים השגחה שטייט דאָך געשריבן... דער מאַמען זיינער האָט זיך גאָר פֿאַרגלוסט און זי האָט מיר אָנגעהויבן צו זאָגן שטעכווערטלעך נאָך דער חתונה; מיט דער האָב איך באַלד געמאַכט אַ סוף. מיט מיר זיך אָנהויבן: צען מאָל אַ רוח אין איר טאַטן אַריין; האָט אַזאַ זון, וואָס איז נישט ווערט קיין צוויי גראָשן, און איז נאָך ביי זיך אַ מיוחסת... היינט אָבער, אַז זי קומט אָן צו מיר און איך וואַרף איר צו אַ ביסן, שווייגט זי; און אַז עס אַרט זי, ווען זי זעט ביי מיר אַ פֿולע שטוב, זאָל זי צעזעצט ווערן קוקנדיק. אַוודאי האָב איך מיך נישט וואָס צו באַקלאָגן זיך; איך ווייס, אַז איך האָב עס געבראַכט צו אַ שטיקל טאָלק און אַז דאָס האָב איך צו פֿאַרדאַנקען מיינע הענט, און אַז ביי מיר אין קאָפּ איז אויך נישט פּוסט. ווי איר זעט מיך, בין איך מיר אַ יידענע, וואָס ווייסט נאָר פֿון האָרעוואַניע; אמת, געלערנט האָב איך קיינמאָל נישט, אָבער די וועלט קאָן איך און אויערן האָב איך, און אויגן האָב איך, און הערן הערט מען, און זען זעט מען אומעטום.

איך זאָג אייך, לאַכט נישט פֿון אַ יידענע! איך קאָן מיר איטלעכן אין שטאָט און ווייס מיר, ווי עס שטייט מיט מיינע יונגען, און אַז איינער

האַלט ערשט ניין חדשים פֿאַרן אַנזעץ, זע איך עס שוין תּיכּף ביי אים אויפֿן שפּיץ נאָז. און אַז מען רעדט וועגן גאָט און מען פֿאַרדרייט מיט די אויגן, פֿאַרשטיי איך שוין וואו דער שוך קוועטשט... און אַז איינער קומט און טראַכט ביי זיך מיך אָפּצונאַרן, איז ער שוין אָנגעקומען צו שרהן! געלט גיב איך נישט אויף אַ יחוס און אויף באָרג אויך נישט, וואָרים, אַז איינער קומט און וויל לייען געלט, קאָן ער שוין האָבן אויף דער דעה נישט צו וועלן באַצאָלן, און פֿאַרוואָס זאָל ער יאָ וועלן? גיט ער אָבער, מחילה, אַ משכּון, וואָס איז ווערט פֿינף מאָל אַזויפֿיל וויפֿיל איך גיב אים, און דער משכּון בלייבט ביי מיר, ביי מיר פֿאַרשלאָסן אין קאַסטן, און דער שליסל איז ביי מיר, מוז ער וועלן באַצאָלן, אַ ברירה האָט ער?

ווי איר קוקט מיך אָן, האָב איך נישט איינמאָל געהאַט וואָס אויסצו־שטיין. מיינט איר אַז גנבים האָבן זיך נישט מישב געווען און מיר נישט געוואָלט אַלץ אַרויסטראָגן ביינאַכט? איר קאָנט שמעונקען? האָב איך אָבער דערהערט און בין אין איין העמד אַראָפּגעשפּרונגען פֿון בעט און זיך גענומען צום בחור. די יינגסטע מיינע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און האָט אָנגעהויבן צו שרייען, שכנים זיינען אַריינגעלאָפֿן דערשראָקענע און האָבן געטראָפֿן אונדזביידע זיך ראַנגלען. שמעונקען האָט מען מקיים־פּסק גע־ווען, אַז ער האָט נאָך עד־היום צו געדענקען.

און אַז מען מסרט מיך אַ ביסל אונטער און דער סאָטסקי קומט און הייסט זיך וויזן דעם קופֿערט, גיב איך אים אַ האַלב קערבל און אַ ווינק אויף נאָך אַ האַלבן און ער איז גלייך ווי איבערגעביטן. און אַז דער פּריסטאַוו האָט געשיקט מיך רופֿן און האָט נישט געזשאַלעוועט און האָט געזאָגט, איך זאָל אים געבן אַ צענערל, האָב איך מיך גאַרנישט געשעמט און אַרויסגענומען אַ פֿינפֿערל. אַפֿילו דער מלאך־המות אַליין זאָל קומען, וועל איך נישט בטל ווערן פֿאַר אים. נאָר איינס האָב איך קיין חשק נישט, אַז איך וועל שטאַרבן: מען זאָל מיך נישט ווידער ברענגען אינאיינעם מיט מיין מאַן, און איז ער אַ שמש אין גן־עדן, צי אַ תּהלים־זאָגער — אַ קשיה אויף אַן ערלעכן יידן! — דינג איך מיר ליבערשט אָפּ אַ ווינקעלע אין גיהנום. נישקשה, דאָרט זיינען אויך פֿאַראַן מענטשן, און אַז עס ברענט, נעמט מען אַ דייזשקע וואַסער און מען גיסט זיך אָפּ.

יאָ, איר האָט צו טאָן מיט שרהן. אַז אייער מאַמע, די רביצין, האָט און אַז פֿאַר איר, אַז זי האָט נאָר באַדאַרפֿט, האָב איך יאָ געהאַט דאָס נאָר געלעבט, האָט זי פֿון מיר געהאַלטן, און האָט געוואוסט ווער איך בין,

דרייערל אַ גמילות־חסד. אַז איר ווילט, לייענט מיר איבער אַט־אַ דעם וועקסל. מיינט איר, אַז איך ווייס נישט פֿונעם קורס און קען נישט אַלץ באַרעכענען? איך ווייס אויך, אַז עס זיינען דאָ צייטונגען און אַז איר לייענט זיי...

די עגונה

האָב איך צו איר געזאָגט: קער אום מיין קינד די ק״ן קערבלעך, וואָס איך האָב איר געגעבן אין נדן, און גיב איר אַרויס די הלבשה און לאָז זיין אַן עק; האָט ער צו מיר געזאָגט: שווער, איך הער אייך מיט אייער רעדן פֿאַר אַ פּיאַטאַק. טענה איך און בעט זיך ביי אים רחמים: בערל, האָסט שוין גאַרנישט קיין יושר, גייען מיר צו מענטשן, אַז דו ווילסט. אַדרבה, טאָמער ביסטו גערעכט! איז גיי, רייד מיט אַ הולטאַי! ווער איז מיר שולדיק, אַז איך האָב גענומען מיין טאָכטער און זי אַריינגעגעבן אין אַזוינע הענט. איר האָט געדאַרפֿט זען זי צו דער חתונה, אַ ליכטיק ווייבל, וואָס מען האָט אין איר צורה נישט געקאָנט אַריינקוקן פֿאַר שיינקייט און בטבע אַ מזג־טוב און אַ גוטס. אַז עס גיט זיך איין, געראָט עס שוין אין אַלעמען! אַז ער איז נישט ווערט איר פּיאַטע: אַ מענטש, וואָס האַלט זיך שטענדיק קליגער פֿון דער גאַנצער וועלט און וואו ער רירט זיך צו, דערלייגט ער, און פּרוּווט אים עפּעס זאָגן, ווערט ער אייך גלייך אָנגעצונדן און דערצו נאָך אַן עקשן, און אַ ביטערער יונג, און גייט אַרום תּמיד אָנגעבלאָזן. פֿאַר אים יוצא זיין קאָן קיינער נישט.

תּיכּף אַז ער האָט אַרויסגענומען דאָס געלט און איך האָב געזען, ווי אַזוי עס צערינט ביי אים פֿון חודש צו חודש און ער הויבט נישט אָן צו האָבן אויף דער מחשבה, ווי אַזוי עס איז מיר שווער אָנגעקומען, האָב איך געפּרוּווט אַ רייד צו טאָן מיט אים, ווי מען רעדט מיט אַ קינד: טו אַזוי און אַזוי און דו וועסט קומען צו אַ תּכלית. איז ער אָבער אַן עקשן: ווייל מען זאָגט אים, טוט ער דווקא קאַפּויער, ווי דער עכטער צו־להכעיסניק. דערוויילע האָב איך דאָך נאָך קינדער, האָב איך געמוזט אַראָפּנעמען די האַנט פֿונעם האַרצן און האָב געמוזט צוזען, ווי ער קייעט איין פֿינפֿערל נאָך דעם אַנדערן, און מען עסט שוין גאָר אַ פֿרעמד קערבל... איך פֿרעג מיך אַליין, וואו איז געווען מיין קאָפּ צו טאָן אַט־דעם שידוך. דוכט

זיך, איך האָב נישט ליב מיך צו איילן; פֿאַרקערט — איטלעכע זאַך איבערלייג איך מיר צען מאָל, איידער איך טו. אָבער אַז עס איז באַשערט אַן אומגליק, נעמט גאָט אָפּ דעם שכל.

געסוחרט האָט ער, אַז ס'איז געווען אַ חרפּה, און אַז ער פֿלעגט קומען אַהיים, איז ער נאָך דער פּריץ און וויל דעם גוטן אַנבייסן, און ווען נישט צו דער מינוט, איז ער מלא־רציחה. דעם גאַנצן טאָג טוט זי זיך מאַרדע־ווען אין אַלקער אַן אַ ברעקל מענטשן; און אַז ער זאָל דאָס האָבן פֿאַר איר אַמאָל אַ גוט וואָרט! פֿאַרקערט, אַז זי דערגאַדזשעט אים נישט אַ ביסל און עס איז נישט אַזוי אַקוראַט, קאָן ער זי מאַכן פּונקט גלייך מיט דער בלאָטע. איר זאָלט הערן ווערטער, וואָס אַ ייד פֿאַרגינט זיך צו זאָגן צו אַן אייגן ווייב, און נאָך אַזאַ ווייבל, וואָס אַן אַנדערער, אַז ער וואָלט זי געהאָט, וואָלט ער זי געטראָגן ממש אויף די הענט! איך זאָג אייך, דאָס האַרץ צעגייט זיך אין מיר, זיך דערמאָנענדיק.

און אַז עס פֿלעגט איר דערנעמען ביז צו דער לעבער און זי פֿלעגט קומען צו אונדז מיט פֿאַרוויינטע אויגן, האָט מען נאָך געמוזט איר אויס־רעדן... איר ווייסט, היינטיקע יאָרן איז נישט אַזוי גרינג. אַ גרושה איז נישט קיין מיידל און געפֿינט נישט לייכט קיין בעלנים. פֿונעם נדן איז שוין נישטאָ קיין זכר. אַ קינד איז אויך נישט קיין גרויסע מעלה צו אַ שידוך, מיטן אַנדערן איז מען פֿאַרגאַנגען אין טראַגן... אַוודאי רייסט אונדז דאָס האַרץ צו זען ווי זי ליידט נעבעך ביי אים און האָט ביי אים אַזאַ לעבן, אויף אונדזערע שונאים געזאָגט געוואָרן! אַוודאי האָט זי פֿאַרדינט בעסערס, אָבער אַז גאָט האָט געוואָלט, מען זאָל מיט איר אַזוי אַריינפֿאַלן! וואָס זאָג איך אַריינפֿאַלן, נעמען לעבעדיקערהייט און באַ־גראָבן, — און אַזאַ גאָלדן קינד, וואָס אַז זי איז געווען אַ מיידל האָט זי געשיינט ווי די זון.

און שטעלט אייך פֿאָר, דער אייגענער מענטש נאָך קנאַפּע פֿיר יאָר; אַזוי פֿאַרוואָגלט און אַזוי פֿאַרשוואַרצט און אַזאַ יוגנט! זאָל איך זאָגן, אַז ער האָט זי פֿיינט געהאָט? פֿאַרקערט, נאָך דער חתונה איז ער נאָך איר אויסגעגאַנגען און דערנאָך, — אַלע מאָל קילער! האָט איר געהערט, אַז אַ יידן זאָל דאָס אייגענע ווייב ווערן נמאס? און אונדז איז ער בפּועל־ממש אַ דם־שונא און וואָלט נישט געקאָנט זיך קילן אין אונדזער בלוט: די קאָפּאָטע האָט מען אים געקוילעט! און אַ גאַנץ יאָר איז ער געזעסן ביי אונדז אויף קעסט, און האָט געגעסן אונדזער ברויט. איך זאָג אייך, עס

איז גאָר אַן אַנדער וועלט! און איידער צו האָבן אַט־אַזאַ נחת פֿון קינדער איז שוין בעסער גאָרנישט צו האָבן קיין קינדער. וואָס האָב איך פֿון מיין לעבן? געהאָרעוועט האָב איך אַלע יאָרן און אַלץ פֿאַר זייערטוועגן, פֿונעם מויל האָט מען אָפּגעשפּאָרט, אַבי זיי חתונה צו מאַכן מיט לייטן צוגלייך. מילא זי, די עלטערע טאָכטער מיינע, פֿון דער וויל איך שוין גאָרנישט רעדן. איר מאַן איז אויך אַ גרויסער כּלבֿ, אָבער זי האַלט מיט אים. אָבער די ייִנגערע העגנט אָן אונדז און וואָלט זיך פֿאַר טאַטע־מאַמע געקאָנט אָפּהאַקן די פֿינגער, מוז זי קריגן פֿאַר אַ מאַן אַזאַ גאָרנישט!

ניכאַי וואָלט ער כאַטש געווען אין דער היים. דעם עיקר האָב איך פֿאַרגעסן צו דערציילן: דער מענטש איז דאָך גאָרנישט דאָ, ער איז אַוועק און האָט זי געלאָזט אַן עגונה שוין אַכט חדשים. איינמאָל אַ שבת־צו־נאַכטס איז יוכבֿד, די טאָכטער מיינע, געקומען צו לויפֿן אין איין יאָמערן. איך און די מאַמע: אַ דונער האָט אונדז דערשלאָגן, וואָס איז געשען, טאָכטערוניו? עס איז אָבער פֿון איר נישט אַרויסצובאַקומען קיין וואָרט, זי וויינט און גראָבט איין דעם קאָפּ אין אַ באַנק־בעטל. מיר זיינען אויסער זיך: טאָכטער־לעב, דערצייל דאָך, וואָס האָט ער דיר געטאָן? זי כליפּעט און הייבט אָן איבעראַנייס צו וויינען אויפֿן קול. מיר שטייען און ווייסן נישט וואָס צו טאָן, דאָס ווייבל עקט זיך. איך נעם דעם בורנוס און וויל גיין צו אים פֿרעגן; טוט זי אַ כאַפּ: טאַטע, גיי נישט צו אים, ער איז אַ רוצח! איך הער זי נישט און לויף. די אויגן וועל איך אים אויסרייסן. קום איך אַהין, איז פֿינצטער אין אַלקער; אין אַ שעה אַרום קום איך ווידער און עס איז נאָך אַלץ פֿינצטער. די גאַנצע נאַכט, ער איז נישטאָ, אין דער פֿרי — ער איז אַלץ נישטאָ, און אַזוי דעם גאַנצן טאָג. מען עפֿנט אויף די טיר, ער האָט צוגענומען דאָס ביסל צירונג און אַלע גוטע זאַכן און איז אַוועק, און זי זיצט נעבעך ביי אונדז. מען האָט מיר געזאָגט, אַז ער מוז זיין אין אַרגענטינע. אפֿשר קאָנט איר שרייבן אויף די בלעטער...

פֿאַרזאָרגט

וואָס־זשע האָב איך געזאָלט טאָן, איך פֿרעג אייך. קומט צו פֿאָרן אַ זון אַנדערטהאַלבן יאָר נאָך דער חתונה און זאָגט: מאַמע, איך וויל נישט וואוינען מיטן ווייב. איר פֿאַרשטייט דאָך, דער קאָפּ האָט מיר גענוג

געדאַרט, ווי דערלעב איך אים חתונה צו מאַכן אַזוי ווי איך וויל, און ווי עס קומט אים, און איך האָב טאַקע געטראָפֿן מיטן שידוך און האָב געהאַט נחת, לאָזט זיך אָבער אויס גאָר אַט־אַזאַ מעשה. און דאָ האָט מען שוין אַ קינד, אַ יינגל. ערשט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק בין איך געפֿאָרן אויפֿן ברית, און אַצינד פֿאַרגלוסט זיך אים גאָר אַוועקצופֿאָרן. זונעניו, פֿאַרוואָס ווילסטו נישט זיין מיט פּערלען? — זי איז מיר נמאס. — ווער איך שוין אין כּעס: וואָס הייסט „נמאס”, שייגעץ איינער! אַ יידיש ווייבל ווערט דען נמאס? וואָס האָסטו צו איר? וואָס גייט איר אָפּ? אַי, זי איז נישט אַזוי שיין, וואוהין זאָלן אַהינקומען די נישט־שיינע? אַז גאָט וועט איך העלפֿן, און איר וועט קומען צו אַ מעמד, וועט זי שוין זיין שיין. ווען נישט חלילה דאָס, העלפֿט שיינקייט אויך נישט. — מאַמע, זי איז שלעכט, זי דערגאַדזשעט מיר נישט, זי טוט שטענדיק מיר אויף צולהכעיס. זאָג איך טאָג, זאָגט זי נאַכט. זאָג איך אַזוי, זאָגט זי פּונקט קאַפּויער. איך קאָן נישט אָנקוקן איר פּנים מיטן שפּיציקן נאָז. מילא פֿריער, אַז זי האָט נאָך נישט געהאַט דאָס קינד און זי איז נאָך נישט געוועזן אַזוי דאַר, האָט מען נישט געזען, היינט קערט זי מיר איבער די גאַל.

— אַי, קינד איינער, זאָג איך צו אים, ווער קוקט אויף דעם? דער עיקר איז פּרנסה און עפּעס אַ מסחר. אַז דו וועסט האָבן אין זינען אַ קערבל, וועסטו נישט האָבן אין זינען קיין נאַרישקייטן. אַזאַ נאָז, צי אַזאַ נאָז, דאָס איז אַלץ בלאָטע. דער עיקר איז, אַז מען איז אָנגעקומען אין אַ גוטן אָרט. גיב אַ קלער וועגן אונדזער פּאַלאַזשעניע, ווי אַזוי מיר זיצן אויפֿן טרוקענעם, און באַרעכן נאָר, אַז איר טאַטע איז, קיין עין־הרע, אַ ייד מיט אַ שטוב און מיט צוויי קלייטן, אַ ייד, וואָס האָט שפּע, אָט וועסטו אַליין זען, אַז עס איז נאַריש אַוועקצוואַרפֿן אַ שמאַלץ־גרוב און קומען צו מיר. וואָס קאָן איך דיר געבן? פֿריער האָסטו נישט געזען קיין בעסערס, און ביסט נישט געוווען געוואוינט צו פֿויגל־מילך, אָבער אַצינד, נאָך אַנדערטהאַלבן יאָר קעסט, און נאָך אַזוינע קעסט! ניין, שמעון, מאַך זיך נישט נאַריש און פֿאָר צוריק, פֿאָר צוריק, נאָך איידער עס וועט זיין צו שפּעט. מיינסטו, אַז זיי וועלן דיך ווען, אַז זיי וועלן זען, אַז דו קווענקלסט נאָך! וואָס פֿאַר אַ מענטש ביסטו? איידער אָנצוהויבן צו טראַכטן אַ תּכלית, און זען צו ווערן אַ מענטש, הויבט דיר אָן נישט צו געפֿעלן דיין ווייבס נאָז. פּראָסטע משוגעת! אַ יונגערמאַן מיט זעקס הונדערט קערבלעך נדן און מיט הלבשה און מיט ספֿרים, זיצט זיך אין דריי חדרים, ווי אַ מלכות,

אין דער פרי צוגעטראָגן די ציקאָריע, נאָכן דאַוונען — דעם גוטן אָנ־בייסן, און וואַרמעס און טיי און וועטשערע מיט פליישׁ! וואָס ווילסטו נאָך? ווען האָסטו ביי מיר אַזוינס געזען? עס האָט זיך דיר אַפילו נישט געקאָנט חלומען פון אַזוינס. און אַצינד הייבט זיך אָ יונגערמאַן אויף און פאַרלאָזט אַלץ. וואָס וועט מען ביי אונדז אין שטעטל זאָגן? מען וועט מיינען, דו ביסט אַראָפּ פון זינען. גיי אַריבער צו יאַנקל דעם נגיד און פרעג אים, צי ער קאָן דיר אַצינד אויסצאָלן מזומנע זעקס הונדערט קערבלעך, און דיר האָט מען דאָס אויסגעצאָלט אויפן טיש. ניין, שמעון, צו דעם וואָס דו טוסט, מוז היינט זיין תמוז. — אָבער מאַמע, זאָגט ער, איך האָב זי פאַרט פיינט, איך קאָן זי נישט אָנזען, וואָס טויג מיר די ציקאָריע, אַז זי געפעלט מיר נישט. — דאָס קומט אַלץ פון דעם, וואָס דו טוסט גאָרנישט, טו עפּעס, וועסטו נישט האָבן אין זינען קיין פוסטע מחשבות. זאָגט ער: וואָס הייסט פוסטע, איך מוז דאָך מיט איר שטענדיק זיין, און דאָס קאָן איך נישט. איך האָב מיך געפּרואווט צוגעוואוינען צו איר, אָבער איך קאָן מער נישט, גלויב מיר: איך קאָן נישט, אַפילו דאָס קינד איז מיר אויך נישט ליב, כאָטש עס איז מיין קינד, ווייל אַלץ וואָס עס קומט פון איר איז מיר נישט ליב. מיט אירע העוויות האָט זי מיר זיך אַזוי איינגעגעסן, אַז אַפילו, אַז זי זאָגט גלייך, ווייזט זיך מיר אויס, אַז דאָס איז קרום. מילא, אַז זי זיצט אַזוי אין אַן אויסגעשמירט קליידל און זויגט דאָס קינד, זאָג איך מיר, לאָז זיך מיר דאַכטן, אַ דינסט. צי אַן אַם; אָבער, אַז זי טוט זיך אָן אין זיידנס מיט די ווייסע בענדלעך און מיט פערלמוטערנע קנעפּלעך מיט די בראַשקעלעך און טשעפּקעלעך און גיט זיך נאָך אַ שמיר דאָס פנים מיט קרייד, איז דאָס פשוט אַ פאַרזעעניש! זאָג איך: אַי, אַי, מיין זון, רעד נישט אויף אַ יידישער טאָכטער! וואָסער יידיש ווייבל טוט זיך שבת נישט אָן, אַז זי האָט נאָר וואָס. אַן אַנדערער וואָלט זיך געפרייט, אַז זי האָט אַזאַ הלבשה און אַזאַ צירונג, און ביי דיר איז אַלץ אַ חסרון. אַ חסרון, די כּלה איז צו שיין. — מאַמע, דו קאָנסט מיך און דו ווייסט, אַז איך בין נישט קיין הולטאַי און וויל נישט דווקא אַ שיין ווייב, אָבער איך וויל אויך נישט קיין מיאוסקייט! איך וויל, אַז ווען איך זיץ ביים טיש, זאָל איך קאָנען קוקן מיין ווייב אין פנים אַריין און נישט פאַרדרייען מיט די אויגן. איך וויל אַ ווייבל, וואָס זאָל האָבן אַ יידיש האַרץ און זאָל מיך נישט נודזשען שטענדיק מיט שמאָכטעס. איך וויל האָבן אַ ווייב, וואָס איך זאָל זיך קאָנען מיט איר ווייזן פאַר מענטשן. דו האָסט

פֿאַר מיר גוט אויסגעזוכט, נישטאָ וואָס צו רעדן, און איך גיי נאָך צו דער חופּה און פֿאַרלאָז מיך אויף דיר.

זעט איר, אָט דאָס האָט מיך שטאַרק פֿאַרדראָסן. מילא דו האָסט מחלוקת מיטן ווייב און ציסט ביים שטריק נאָך דער חתונה, דאָס טוען אַלע יונגעלייט, אָבער גיין האָבן טענות צו דער מאַמען, אַז זי האָט אים אונטערגעפֿירט, דאָס האָט מען נאָך נישט געהערט זינט די וועלט איז באַשאַפֿן. פֿרעג איך איך, פֿאַר וועמען האָב איך דאָס געטאָן? צי האָב איך דאָס געטאָן פֿאַר מיינעטוועגן? אַ יאָר כּסדר בין איך געפֿאָרן אָנקוקן כּלות. איז אַז דער קרן איז טאַקע נישקשה און עס איז טאַקע אַ שיין מיידל, איז נישטאָ קיין זעקסער. וואָס־זשע טויג מיר דאָס פּנים? איר ווייסט נישט ווי איך בין געוועזן אָפּגעהיט און ווי איך האָב אומעטום נאָכגעפֿרעגט. וואָלט ער, דער מאַן מיינער, נאָך געלעבט, וואָלט די אַחריות געווען אויף אים, אַזוי איז אַלץ אויף מיר. איך קאָן מיין שמעונען, אַ ריין און ציכטיק ייִנגל, ריין דערצויגן, כאָטש ער איז ביי מיר נישט גע־זעסן אויף שמאַלץ און אויף פּוטער. איך האָב אים נישט געקאָנט געבן, וואָס ביי לייטן באַדאַרף אַזאַ ייִנגל האָבן. האָב איך מיר געטראַכט: ביי יחיאל פּאַסטערנאַק, אין אַכרימאָוו, וועט ער האָבן אַלץ און איך האָב עס טאַקע געטראָפֿן. געסילוקט דעם גאַנצן נדן און נישט געפּרואווט אַראָפּרייסן, הלבשה פֿאַרן חתן אויך און מתנות. איך שעם מיך צו זאָגן, אַ נאַקעט ייִנגל האָט מען אים גענומען. אַפֿילו דער סורדוט, וואָס אַצינד איז ער אין אים געקומען צו פֿאָרן איז אויך זייערער. וואָס־זשע זאָל איך מיך איבערנעמען? וואָס האָב איך, אַן אַלמנה מיט ליידיקע הענט, געקאָנט טאָן בעסער? נו, טראַכט איך מיר, האָב איך אים, דאַנק גאָט, פֿאַרזאָרגט אויף אייביק. קומט ער גאָר און זעצט זיך אַנידער דאָ און וויל נישט צוריק, כאָטש הרגעט אים. גיט מיר אַן עצה, וואָס זאָל איך טאָן?

פֿונעם פֿריילעכן צום אומעטיקן

אַז גאָט האָט מיר געהאָלפֿן, אַז כ׳האָב דערלעבט חתונה צו מאַכן מיין נחומען, בין איך געוועזן איבערגליקלעך. האָט איר אַ השגה? שטעלט איך פֿאַר אַ ייִנגל פֿון אַכצן יאָר און נאָך נישט קיין חתן! ביי לייטן האָט מען שוין אייניקלעך; אַז מיין מאַן האָט מיך גענומען, בין איך אַלט געווען

אפֿשר פֿערצן יאָר. יאָ, יענע יאָרן, דאָס איז געווען אַן אַנדער מין וועלט מיט אַנדערע מיני מענטשן. צי האָט מען דעמאָלט באַדאַרפֿט אַזוי פֿיל האָבן ווי היינט? אַז מיין טאַטע, עליו־השלום, האָט חתונה געהאַט מיט מיין מאַמען, און מען האָט אים געגעבן פֿופֿציק רענדלעך נדן, איז דאָס געווען אַן עשירות, די גאַנצע הלבשה איז באַשטאַנען פֿון פֿיר העמדער, צוויי פּאָר תחתונים און אַן אַטלעסענע קאַפּאָטע מיט אַ ראַזעוואָלקע אויף שבת און אַ פּראָסטע קאַפּאָטע אויף אין דער וואָכן, און מען האָט דאָס אָפּגעטראָגן ימים ושנים. היינט אָבער הויבט זיך אָן אַ צעטל: דריי פּאָר אַזעלכע הויזן און דריי פּאָר אַזוינע, און זשילעטקעס טאַקע פֿון דעם אייגענעם מין אָדער פֿון אַנדערע מינים, צוויי טוץ אונטערהעמדער און איין טוץ איבערהעמדער און איטלעכעס העמד קויפֿט מען אַוודאי נישט פֿאַר קיין זעקס גראָשן. פֿופֿצן רובל אַ טוץ, צי גאָר אַכצן. היינט שטיוו־לעטן און ציזמעס און נידעריקע שיך און טיפֿע קאַלאָשן, און זאָקן מוזן זיין פֿאַבריטשנע. וואָס דער שוואַרצער סורדוט אַליין האָט מיך אָפּגע־קאָסט, זאָל איך עס פֿאַרדינען אין איין וואָך! און אַ בורנוס אויף ווינ־טער געשטעפּט אויף זייד, און אַ פּאַלטן אויף זומער, און היינט אַ סור־דוט אויף אינדערוואָכן, און נאָך אַ סורדוט און רעקלעך און שלעיקעס און מאַנישקעס, דרייערליי היטלען. ס'איז נאָך געווען אַ נס, אַז איך האָב ביי אים אָפּגעדונגען די שליאַפּע; דערפֿאַר האָב איך געמוזט צוזאָגן, נייען די גאַנצע הלבשה ביי פּיצין, כאָטש ער נעמט צוויי מאָל אַזוי פֿיל ווי אַברהם. אָבער אַז קינדער שפּאַרן זיך איין! האָב איך מיט אים אַ רעד געטאָן פֿאַרקערט: אַז נישט מער קיין שליאַפּע, טאָ לאָז כאָטש מאַכן אַ זיידענע קאַפּאָטע אויף יום־טוב. אָט דאָ האָב איך אָבער גוט געטראָפֿן: וואָס, בין איך אַ רבס אַ זון? און איך ווייס גוט ווי אַזוי עס וואָלט אים געקליידט. איך זאָג אייך, אַזאַ זוהן, אַזאַ שיינעם חתן, ווי איך האָב אים געפֿירט צו דער חופּה, האָט מען נאָך נישט געזען. אַ מלכות! און די כּלה? בעסער פֿרעגט מיך גאָרנישט: שוין ביי די תּנאָים איז זי מיר נישט געפֿעלן, אָבער האָבן האָט זי אַכט הונדערט רובל נדן, און דער מחותן איז אַ בעל־יכולת, אַ ייד פֿון אַ גאַראַלניע און דערצו נאָך אַ קלייט. וואוהין דען זאָל איך אויסגעבן מיין נחומען?

מיינט איר, אַז איך בין יוצא געווען? לייענט זיינע בריוולעך: מאַמע, דאָס פֿעלט מיר נאָך, יענס קויף מיר נאָך. שיק מיר צוויי האַלדז־טיכלעך און נאָך אַ פּאָר שיך, רויטע. בין איך געקומען צו פֿאָרן אַהין אויף שבת,

איז מיר פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן. אַז די מאַמע איז נישטאָ דערביי, טוט מען אָן אַ שליאַפּע, און איך האָב דאָך געֿרעדט דריי חדשים. ער זאָגט, אין באַקי גייען אַלע אַזוי. אַזאַ פֿאַרשייטע שטאָט! און דער שווער איז אויך דאָ און האָט נישט קיין שליטה ביי זיך אין שטוב. איך האָב אַפֿילו פֿאַרשטאַנען, אַז איר, דער שנור מיינער, איז צו שווער דער פֿאַריק אויפֿן קאָפּ. די יפֿיפֿיה, אַז זי וואָלט נישט געווען מיין זונס ווייב, וואָלט איך זי פֿיינט געהאַט ווי אַ שפּין. ער זאָגט צו איר: ליובעניו, האַרצעניו, און זי ווערט פֿאַר אים די כפּרה. אַ חידוש: אַזאַ...

נעם איך אים אָן אַ זייט און זאָג צו אים: זונעניו, האָסטו זי ליב! זאָגט ער: יאָ, מאַמע, און ווערט דערביי רויט. מיינט איר, איך גלויב אים? פֿונדעסטוועגן קאָן איך נישט זאָגן, אַז עס פֿרייט מיך נישט, אַז איך האָב אים שוין חתונה געמאַכט און אַזוי באַוואָרנט. מען היט אים דאָרט אָפּ ווי דאָס אויג אין קאָפּ און איר זאָלט זען אַ שטוב, און ווי מען פֿירט זיך דאָרט. וואָס אַרט מיך אָבער פֿאָרט? אַז אים אויסגעהאָדעוועט האָב איך און אַצינד קלויבן זיי דעם נחת און איך מוז זיצן דאָ און טראַכטן. דעם גאַנצן טאָג טוט מען און מען איז צעטראָגן, אָבער אַז עס קומט די נאַכט און מען זיצט און מען האָט נישט וואָס צו טאָן, נעם איך אַרויס די בריוולעך און לייען....

אויף איר פּנים קייקלט זיך אַ טרער.

אַן אמתער משומד

עס איז אַ ווייטיק אין האַרצן: אַ יונג, דאָס זיבעצנטע יאָר. אַזעלכער ביי לייטן איז שוין אַ שטיק מענטש. מען העלפֿט פֿאַרדינען, מען לערנט צו ביסלעך. היינטיקע יאָרן מוז איטלעכער שוין באַציִטנס האָבן זיך אין זינען. ביי מיר דאַרף אָבער אַלץ זיין מיטן בוידעם אַראָפּ. אויסגעהאָדעוועט האָב איך אים אַ ריכטיקן בופֿלאָקס. זיצט אויף מיין קאָפּ און וויל נישט איינטונקען די הענט אין אַ קוואָרט וואַסער, כאָטש גיי רייד אויס די גאַל. שלאָפֿן שלאָפֿט ער ביז ניין אַזייגער און אַז מען וואָלט אים נישט אַראָפּגעשלעפּט מיט געוואַלד דאָס איבערבעט, וואָלט ער געקאָנט אַפֿליגן דעם גאַנצן טאָג און וואָלט זיך נישט גערירט. האָט אַזויגער עפּעס אַן עול? האָט ער אַ געפֿיל צו אַ מאַמען וואָס ווערט אויסגעריסן?

האָט ער זיך אַמאָל אַנידערגעזעצטביים טיש און געגעסן ווי אַ מענטש, און זיך נישט געטשעפּעט? איך ווייס גאָרנישט ווי אַזוי אַזוינער האָט זיך געקאָנט צו מיר נעמען. איר זאָלט אַנקוקן מיינע מיידלעך, צוויי האָב איך ביז הונדערט יאָר, ווי די טייבעלעך, שטיל און בנעימותדיק. מיינט איר, איז ער צו זיי ווי אַ ברודער באַדאַרף זיין? דעם גאַנצן טאָג מוזן זיי נעבעך מאָרדעווען זיך אין שטוב — איך מוז דאָך פאַרדינען און זען צו ציען דאָס שטיקל ברויט — און אַז ער קומט אַהיים, דערוועגן זיי זיך נישט אויפצוהייבן דעם קאָפּ קעגן אים. עפּעס אַ קלייניקייט, אַז אין אים צעקאָכט זיך דער כּעס! פאַר דער קלענטסטער זאַך איז ער גרייט אויף אַלץ. ווער שמועסט שוין פון דאַווענען, לייגן תּפילין, צי טראָגן ציצית! אַז ער קאָן אייך נעמען דאָס פליישיקע מעסער און שמירן פּוטער, גראָד ווייל ער ווייסט, אַז דערמיט עקט זיך מיין לעבן. בעסער וואָלט ער שוין געווען אויסגערונען אין מיין בויך, איידער אַזוינס אויסצוהאָדעווען. נאָך אים האָב איך געהאַט אַ יינגל, שמואליק, דאָס איז געווען נאָך מיין גוסט, ווי די איבעריקע קינדער; מוז ער זיך פאַרקילן און אָוועקשטאַרבן צו זעקס יאָר, און אָט דער, וואָס צען מאָל אין טאָג בעט מען אויף אים דעם טויט, מוז לעבן. גיי פרעג ביי גאָט אַ קשיה!

איך זאָג אייך, איך האַלט דאָס נישט מער אויס. מילא אים האָב איך שוין איינמאָל מפקיר געווען. זאָל אויף אים קומען אַן אויסכּאָפּעניש, אַ גוי איז נישט מיין זון. אָבער ער לקחנט. מיינט איר אפשר פינף קאָ־פּיקעס, צי צען? ער באַראַבעוועט מיך! וואָס ער פּאַפּאַדעט אין די הענט, נעמט ער, אַפילו אַ גאַנץ קערבל, און פאַר דריי וואָכן אַ דריי־ערל, און מיר דאַרט און טריקנט דער קאָפּ איידער מען פאַרדינט עפּעס. איך האָב געמיינט, דער רוח נעמט מיך שיער צו פון צעזעצעניש! און אים זאָגן, מיט אים זיך אָנהויבן!...

און גייט פרעגט, צו וואָס באַדאַרף אַזוינער געלט! קריגט ער ביי מיר נישט אַלץ? האָט ער אַפילו נישט זיין טיטון? די מיידלעך, ביי לייטן וואָלטן שוין געמעגט זיין כּלות, גייען אַרום אין ציצענע קליידלעך און האָבן אַפילו אויף שבת נישט אַ שטיקל וואָלנס, אַ רעכטס. פון וואַנען זאָל איך נעמען? אַז אויף מיר איז די גאַנצע שטוב און דער מאַן מיינער איז אַ קלויזניק און פאַרדינט נישט אויף זאַלץ און ברויט! זאָל איך גיין דוט, צי די שטיוול, צי דער קאַשקעט, איז נישטאָ קיין תּירוץ. עס אויסגנבענען אַ קלויסטער? אַז אים געפעלט חס־ושלום נישט דער סור־

מוז זיין אַלץ. און מיכל מיינער הייבט זיך אויף און גייט גאָר אַוועק אין בית־מדרש, אַזוי טוט ער שוין צוואַנציק יאָר. אפשר וועל איך דורך דעם האָבן אַ שטיקל עולם־הבא, פּטור — אַז איך וועל קומען אַהין, וועלן זיך נאָך געפינען גענוג חטאים...

מילא, וואָס מען באַראַבעוועט און באַגזלט מיך, וועל איך שוין פאַרטראָגן; אָבער לאָז מיך כאָטש זיין זיכער מיטן לעבן. נישט איין מאָל האָט ער געזאָגט, אַז אויב איך וועל אים אַריינברענגען אין כעס, וועט ער אונטערצינדן די שטוב. אויף אַזוינס איז אַלץ צו גלויבן, און חברים האָט ער זיך אויסגעזוכט, איינער בעסער פאַרן אַנדערן; נעכטן האָב איך אים מיט נאָך אַזאַ צאַצקע באַגעגנט גאָר פאַרן רייטנדיק אויף אַ פערד. איך האָב געמיינט, אַז איך באַגראָב זיך לעבעדיקערהייט.

און אַז ער ווערט גאָר משוגע, נעמט ער אַ האַק און קאָן אייך צעהאַקן אַ גאַנצן סאַזשען האָלץ, און אַז איך באַהאַלט נישט די האַק, וואָלט ער זיך אַנידערגעשטעלט פאַר דער שטוב און צעהאַקט דאָס גאַנצע האָלץ. טאָן עפּעס רעכטס, דאָס איז ביי אים נישטאָ, אָבער אויף אַזעלכע עסקים איז ער גראָד אַ בעלן. איינמאָל האָב איך מיך מישב געווען און געשיקט אים צו אַ פעטער אין אַ וואַלד. ער איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר פופצן. צוערשט באַקום איך אַ בריוו: דיין זון איז צום וואַלד ווי געבוירן. אויף מיר האָט זיך אָנגעצויגן אַ נייע הויט און איך האָב אויפגעהויבן די הענט צום בורא און האָב געדאַנקט גאָט. מסתמא האָב איך נאָך זכות־אבות און זיי האָבן זיך אָנגענומען פאַר מיר. אין פיר וואָכן אַרום, איך הויב אויף די אויגן: מיין בחור איז דאָ. עפּעס האָט אים דער פעטער געזאָגט אַ קרום וואָרט, האָט ער אים געשטעלט אַ פייג און אויפגעהויבן די פּיס און מאַרש. אַ גאַנצן טאָג איז ער געגאַנגען, און גענעכטיקט האָט ער אין וואַלד. ביי אים מורא האָבן! פון דעמאָלט אָן האָב איך שוין גאָרנישט קיין שום האָפנונג און אַלע טאָג ווערט ער ערגער, אָן אמתער משומד אין שטוב און תמיד נייע צרות. פאַר זיך אַליין שעם איך זיך אַזוינס אויסצורעדן. די דינסט האָב איך געמוזט אָפּשאַפן.

זי נעמט אַרויס דאָס טיכל און ווישט זיך די אויגן.

דינען

מאַלט אײַך אויס מײַן ווײטאָג, דינען וויל ער. זאָג איך צו אים: עס איז אַן עבירה, אַז אַ יונג ווי דו מיט פּלייצעס זאָל דינען. האָק דיר אָפּ אַ פֿינגער — ביסטו פּטור. צי האָב איך דיך אויסגעהאָדעוועט פֿון יע־נעמסוועגן און צי האָט דער קייסער קאַרג סאָלדאַטן אַחוץ דיר? וואו האָט מען אַזוינס געהערט, אַז אַ מענטש זאָל נישט פֿאָלגן אַ מאַמען אין אַזאַ זאַך. איז ער אָבער אַן עקשן. איך וויין אויף אים און קלאָג אויף אים און לאָז אים נישט צו רו בײַטאָג און בײַנאַכט. אַפֿילו אַ טויטער וואָלט אויפֿ־געשטאַנען פֿון קבר, אַז מען וואָלט צו אים אַזוי גערעדט. און דער איז האַרט ווי אַ שטיין. אין אַנדערע זאַכן קאָן איך אַפֿילו נישט זאָגן, אַז ער האָט מיר דערקוטשעט; פֿאַרקערט, תּמיד פֿאָלגט ער מיך, און וואָס איך זאָג צו אים איז געזאָגט, אָבער אין דער זאַך איז אין אים אַרײַן דער רוח און ער זאָגט: מאַמע, איך בין געבוירן געוואָרן מיט צען פֿינגער און וויל נישט אָפּגעבן קיין איינעם. איר הערט דיבורים! דרײַ יאָר דינען און אויסגעריסן ווערן און גאָר עסן טרייפֿע איז בעסער. ער מיינט, דאָרט אין דער קאַזאַרמע וועט מען אים צוטראָגן דער מאַמעס מילך און וואַ־רעמס. וואָס־זשע אָרט דיך, אַז דו וועסט פֿאָלגן אַ מאַמען? איך וואָלט מיר פֿאַר אים געלאָזט אָפּשנײַדן אַלע מײַנע גלידער, און ער וויל פֿאַר מיר גאָרנישט טאָן. און פֿאַר וועמען וויל איך דען דאָס? צי וויל איך דאָס פֿאַר מיר? עס איז דאָך אַלץ נאָר פֿון זײַן טובה וועגן. אָבער אַז ער האָט זיך אײַנגעשפּאַרט, קאָן קיינער נישט העלפֿן.

קיין אַדעם

אַפֿילו אײַנגעמאַכטס עסט זיך אויך צו. אָבער אים גלוסט זיך תּמיד זינגען און מאַכן מיטן גראַם. מילא אַ קעכין זינגט אַ לידל, צי אַזוי אַ שאַלטעק, אַ שנײַדערל; אָבער אַ לײַטיש ייִנגל און אַ טאַטנס אַ קינד! און הערט ער עמעצן זינגענדיק, עקט ער זיך. ס׳איז גאָרנישט פֿון אים אויס־צוהאַלטן, פֿונעם זינגען און פֿונעם טרילערן. אויף אַ פֿײַפֿל פֿײַפֿט ער ווי אַ שייגעצל, און פֿײַפֿט אויך מיטן מויל. איך זאָג אײַך, וואָס איך האָב פֿון דעם אויסצושטיין, קאָנט איר גאָרנישט משיג זײַן. איך בין אַ מאַמע,

וואָס וואָלט געקראָכן אין פֿייער פֿאַר איר קינד און איך וואָלט געוואָלט מאַכן מיין קינד פֿאַר אַ לייט. מוז אים אַריין אין מוח אַזאַ מין שגעון... און אַזוי נישט איין יאָר און נישט צוויי, אַז עס ווערט אים גאָרנישט נמאס. איך פּרואוו מיט גוטן און מיט בייזן, און עס העלפֿט אים ווי אַ טויטן באַנקעס. און איך זאָג איידי, אַ קול האָט ער יאָ. וואָלט ער גע־וואָלט כאָטש ווערן אַ חזן. קיין סך ברכה איז אין דעם אויך נישטאָ. אָבער גוט, ווער; ניין, דאָס וויל ער נישט. ער זאָגט, ער וויל אַוועק קיין אָדעס און דאָרט, זאָגט מען, זיינען דאָ טעאַטערס. איך בין שיר געפֿאַלן פֿון שרעק. אַדעס? ווער האָט עס געהערט אַדעס? ווער האָט עס געהערט, אַז אַ לאַדיזשענער ייִנגל זאָל זיך אַליין אַוועקלאָזן קיין אַדעס? אָבער ער האָט זיך איינגעעקשנט! איך ווייס אַליין נישט וואָס מען טוט. גראָד ביי מ׳יר מוז זיין אַזאַ אַבשיקעניש...

שמועסן

אויף קאַטאָוועסן און אויף דער אמתן

אַ כלה מיט צוויי חתנים

אַ־דאָס האָט מיר אַמאָל אַ לערער דערציילט פֿון זיך. געמיינט האָט ער דערמיט ביי מיר נושא־חן צו זיין. ער איז אַ גאַנצער יאַ־טעבע־דאָם פֿון צוויי רובל אַן אוראַק, און רופֿט זיך באָריס מאָיסעיעוויטש זילקאָווסקי.

אַזוי ווי איינער פֿאָרט אַריין מיטן דישעל, האָט ער ביים ערשטן פּאַ־פּיראָס אָנגעהויבן: דאָס האָט זיך געטראָפֿן אין אַ שטאָט, וואָס איך קאָן זי. דאָס מיידל האָב איך אויך געקאָנט; זי איז געווען אַ שוואַרץ־חנעוודיקע און איז אַלעמען געפֿעלן; מיר אויך אַ ביסל. מיין טאָוואַרישטש סימ־כאָוויטשן, — שוין גאָרנישט צו זאָגן. ער איז אָבער בטבע אַ גרויסער שלימעזאַלניק אין ענין ליבע. פֿונדעסטוועגן הערט ער נישט אויף אַלעמאָל צו מאַכן אַ התחלה. אַז ער האָט אַלע מיידלעך ליב, וואָס ער דערזעט, נאָר ער קאָן ביי זיי קיינמאָל נישט דערגיין קיין עק. זאָגט ער עפּעס, לאַכן זיי. און אַז ער קומט שוין יאָ אויף אַ שטיקל לאַד, קערט מען איבער דעם שמויס, און ער איז פֿון יענער זייט טיר... אַלעמאָל מיינט ער עס אין האַרצן אויף דער אמתן און ער טראַכט ביי זיך: עס איז סקוטשנע, אַז מען האָט נישט וועמען ליב צו האָבן. טאָ גיי־זשע און טו גלאַט אַזוי אַ שידוך! איז ווי פּאַסט דאָס עפּעס היינטיקע צייט? האָט ער שוין יאָ איינע ליב, וויל זי גאָרנישט. זאָגן זאָגט זי דאָס אַפֿילו נישט אַזוי אַקוראַט; פֿאַרקערט, בשעת זי זידלט זיך מיט אים, בעט זי אים, ער זאָל צו זיי קומען; קומט ער, איז מען דאַכט זיך פֿריילעך: מען גיט זיך אַ דריי, אַ שפּרונג. אָבער דאָס האַרץ זאָגט, אַז דאָס מיינט מען גאָר־נישט אים... אַי, פֿאַרוואָס אַן אַנדערן יאָ און אים נישט, אַ־דאָס איז טאַקע אַ גרויסע קשיה. און ווען ער פֿלעגט צו מיר אַריבערקומען נעמען אַ בוך, האָט ער ליב אין דעם דאָזיקן וואָפּראָס מיט מיר צו רעדן. גאַנ־טשאַראָוו — זאָגט ער — האָט געהאַט אין דעם ענין אַ טיפֿן קוק. זאָג איך צו אים: אַ־דאָס איז דער חסרון, אַז דו וועסט קיינמאָל נישט וויסן, ווען ס׳איז דאָס מאָל. פֿון חקרענען זיך אַהין און אַהער כאַפּט ער זיך ביים לאָפּ: היינטיקן זומער מוז ער ווערן אַ חתן, ווען ס׳זאָל אים אַפֿילו קאָסטן דאָס לעבן. — נו. דו וועסט נאָך דעם ווינטער אויך אָפּלעבן אַ

בחור; אָבער איך בעט דיך, האָב אויף מיר רחמנות און שפּרינג נישט אַריין אין אַ מולטער — אַט אַזוי זיינען מיר זיך צעגאַנגען. איך האָב אים נישט געזען אַ חודש כּסדר. איך האָב מיר אַפּילו געזאָגט: צו וואָס דאַרף איך אים האָבן? אַז ער קומט נישט, זאָל ער נישט קומען.

ער איז אָבער יאָ געקומען. אין דער פֿרי איז דאָס געווען. איך בין נאָך געלעגן אין בעט. ער שפּרינגט אַריין מיט אַ פֿרייד: פֿאַניע זילקאָווסקי, איך האָב שוין! — וואָס האָסטו? — קוק מיך אָן און טרעף! — איך וויל נישט טרעפֿן, אַז דו ווילסט דערציילן. — דו זאָלסט עס טאַקע תּיכּף וויסן, איך בין שוין, כּמעט, ווי אַ שטיק חתן. — וואָס הייסט אַ שטיק? — וואָס איז דאָס פֿאַר אַ שאלה, פֿרעג מיך בעסער וועגן דעם מיידל. — דאָס מיידל איז מסתּמא אַ שיינע. — אַ שיינע! מענטש איינער, אַ קראַסאַוויצע, איך האָב זי שרעקלעך ליב. — איז דאָך גוט — אַ שאלה! — וואָס־זשע טראַכסטו צו טאָן? — וואָס זאָל איך טאָן: איך קום אַלע טאָג אַהין נאָכן עסן און רעד. — וואָס־זשע וועט זיין דער סוף? — דער סוף וועט זיין, איך וועל זי נאָך מער ליב האָבן. איך זאָג דיר, זי איז גאָר אַ וואַזשנע, אַן אַנטיק. — איז זי אַ הויכע? — יאָ — אַ ברונעטקע? — פֿון וואַנען ווייסטו? — ווילסט זי מיר ווייזן? — אַוודאי, אַט־דאָס בין איך טאַקע צו דיר געקומען. — שוין היינט? — פֿאַרוואָס נישט היינט? לאָמיר היינט נאָכן אָנבייסן אַהינגיין. — איך זאָג דיר סימכאָוויטש — זאָג איך צו אים פּלוצלינג — פֿאָלג מיך, נעם מיך נישט מיט... — ביסט משוגע? איך וויל זי דיר אָבער ווייזן. — לאָז זיין אַזוי, אַז דו ווילסט.

דעם אייגענעם טאָג זיינען מיר געגאַנגען אַהין. איך האָב אָנגעטאָן דעם סורדוט. טאַקע באמת אַ שיינע בארישניע... אין דריי טעג אַרום זיינען מיר דאָרט געווען נאָך אַמאָל. די אַנדערע וואָך — שוין אַלע טאָג... מיר דאַכט זיך, זי האָט סימכאָוויטשן גאָרנישט ליב. וואָס־זשע טו איך דאָ? מענטש, אים נישט און דיך יאָ; אַזוי איז די מעשה. דאָס איז גראָד נישקשה. איינמאָל זאָג איך צו רעוועקאַ דאַווידאָוונאַ: וואָס האַלט איר פֿון אים? — גאָרנישט האַלט איך פֿון אים. — וואָס־זשע טויג איך די מחותּנותשאַפֿט? — מחותּנים זיינען מיר גאָרנישט, אָבער, אַז ער קומט און ברענגט מיר ביכער צום לייענען, איז וואָס אַרט מיך דאָס? — ער האָט אָבער אַ גוט האַרץ, איך קאָן אים. — גוט האַרץ, וואָס טויג מיר דאָס, אַז דער גאַנצער מענטש איז בסך־הכּל אַ נאַר! אַזוי זיינען מיר געזעסן און האָבן בנעימותדיק גערעדט. ער איז געווען איבערגליקלעך,

אַז ער האָט געזען, ווי זי געפֿעלט מיר. פֿאַרוואָס נישט? אַ שיין מיידל, נאָך מיין גוסט. וואָס טויג זי סימכאָוויטשן? — איך וויל אייך דער־ציילן בקיצור. נישט ער איז געוואָרן דער חתן, — געשיקט האָט מען צו מיר...

די קליינע השגה

טויזנט יאָר זאָלט איר לעבן, גאָט זאָל אייך העלפֿן, וואוהין איר וועט אייך קערן און ווענדן, איר זאָלט האָבן נחת פֿון אַלע אייערע קינדער און קינדסקינדער, און איר זאָלט אייך עלטערן אין עושר און אין כבוד און זאָלט האָבן גרויס הצלחה! איך ווייס גאָרנישט, מיט וואָס איך זאָל אייך באַדאַנקען פֿאַר דעם וואָס איר האָט מיך דערהאַלטן מיט ווייב און קינ־דער, גאָט האָט אייך צוגעשיקט צו דער צייט, און אַז ער וויל, געפֿינט ער שוין זיין שליח. איך האָב געמיינט, די וועלט איז אויף מיר געפֿאַלן. האָט איר דען אַ השגה, ווי אַזוי איך האָב געבידעוועט? עפּעס אַ קליי־ניקייט, צוויי יאָר זיצן מיט פֿיר קינדער אָן פּרנסה? אויפֿגעגעסן האָבן מיר זיך, איך און מיין ווייב! אַז מען וויל, בין איך געווען גערעכט: מען קאָן דאָך נישט נעמען און זיך צעשניידן אויף שטיקער, אַז עס איז נישטאָ פֿון וואַנען. און אַז מען וויל, איז זי געווען גערעכט: מילא איך בין אַ מאַנס־ביל און גיי אַרום אין גאַס און פֿאַרגעס זיך; זי זיצט שטענדיק אין שטוב און זעט רק דעם דלות. און שכר־לימוד צאָלן, ווי האָב איך דאָס גע־קאָנט, מען זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, קיין גאַנץ העמד אויפֿן לייב. אַז איר וואָלט מיר דעמאָלט נישט געגעבן די שטעל פֿאַר צען גילדן די וואָך ביי אייך אין דער טאַקסע, ווייס איך אַליין נישט, וואו איך וואָלט אַצינד אָנגעשפּאַרט, עס איז מיר אויסגעקומען צו נעמען די טאָרבע און גיין איבער די הייזער, איך און מיין ווייב. צי וויל איך געבן אייך אַ חניפֿה? אָבער איר האָט מיך אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד ביז אין הימל אַריין, אַז איר האָט מיך געשיקט רופֿן און האָט צו מיר געזאָגט: בערל, אַז דו ווילסט, ווער אַ נאמן ביי מיר אין דער טאַקסע. אַז איך וויל! דער־קוויקט האָט איר מיך און בשעת־מעשה אַריינגעטאָן אין מיר אַ נייע נשמה.

אַוודאי, עס איך מיר אָפּ דאָס האַרץ מיט אונדזערע קצבים און איך האָב פֿון זיי גענוג אויסצושטיין די וואָך. אַ חברה גנבים, וואָס קאָנען

אומברענגען אַ מענטשן! דערפֿאַר אָבער, אַז עס קומט פֿרייטיק, ווייס איך, אַז איך האָב מיר מיינס און מאַך מיר שבת במנוחה, און איך אַ שטיקל פֿיש און ווייַן צו קידוש. און ווען האָב איך עס צו פֿאַרדאַנקען? אייך, ר׳ שלמה, יאָ! פֿריער גאָט און נאָכדעם איר האָט מיך אויפֿגע־ריכט. איך ווייס עס און פֿיל עס, וואָס איר האָט מיט מיר געטאָן. קיין מאָל, וועל איך דאָס נישט פֿאַרגעסן, און אַז איך וועל אַפֿילו ליגן שוין אויף דער ערד, און מען וועט מיך באַוויינען, וועל איך אַלץ טראַכטן, וואָס איר, ר׳ שלמה, זענט מיר געווען.

איר ווייסט, איך שאָנעווע נישט דאָס געזונט. שוין אַז עס הויבט אָן צו טאָגן, לויף איך איבער די יאַטקעס און הויב אָן צו וועגן דאָס פֿלייש און לאָז מיך מבוזה און מבזה זיין, איידער עס זאָל איבערגיין אייערס. די פֿינגער וואָלט איך מיר געקאָנט אָפּהאַקן פֿאַר אייערן אַ גראָשן. ביי־נאַכט אַז איך ליג שוין אויסגעטאָן, טראַכט איך אַלץ, ווי היט מען אָפּ אייערס; די שוחטים זיינען אייך כלומרשט גוטע פֿריינט, אָבער וואָס זיי ווינטשן אייך הינטער אייער פּלייצע, מעג זיי געשען. דער רב האָלט אויך נישט מיט אייך, ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, און אין שטאָט זיינען זיי אייך אַלע דם־שונאים, פֿאַרוואָס איר האָט מוסיף געווען אַ גראָשן אויף אַ הון און אַ קאָפּיקע אויף אַ גאַנדז, צי אויף דעם פֿונט פֿלייש. און די אָרעמעלייט — זאָגן זיי — קאָנען שוין גאָרנישט עסן קיין פֿלייש: עס איז גאָרנישט צוצוקומען דערצו. גייז זיי יוצא פֿאַר אונדזערע אַכרימאָוועצ, אַז זיי קאָנען גאָר האָבן טענות, פֿאַרוואָס איר גיט זיי נישט אַרויס דאָס געלט פֿון דער סמעטע אויף דער באָד צי אויפֿן בית־המדרש; צו גע־מען זיינען זיי בעלנים, און אַז עס קומט צו געבן, טראַכטן זיי אויף אייך אויס כל עוונות ופשעים שבעולם. איך שווער אייך, איך האָב אַליין גע־הערט, אַז איינער האָט געזאָגט — פֿרעגט מיך נישט ווער — אַז איר האָט ליב אייער שנור, אַזאַ משוגעת!

זאָל איך מיך גיין קריגן מיט איטלעכן באַזונדער און יענעם פֿאַרשטופּן דאָס מויל? מילא, אַז דו רעדסט, רעד און ווער דערוואָרגן, אָבער אַרן אַרט מיך פֿאַרט; און אַז איך הער, אַז מען רעדט אויף אייך, גיט דאָס מיר אַ שטאָך אין האַרצן. און טראַכטן טראַכט איך מיר: איטלעכער מענטש, וואָס גאָט האָט אים געהאָלפֿן, האָט שונאים און עס מוז אַזוי טאַקע אָפּנים זיין. אַפֿילו איך בין דאָך אַוודאי נישט קיין עושר; אָבער זייט דעם, וואָס איך בין דורך אייך געקומען צו אַ שטיקל מעמד, האָב

איך שונאים, וואָס גינעז מיר נישט דעם ביסן ברויט אין מויל, און אַז זיי וועלן מיט אייך רעדן, ווער ווייסט, וואָס זיי קאָנען אויף מיר אויס־טראַכטן. — אַ קשיה אויף בייזע צונגען? איך זאָג אייך, ר׳ שלמה, איידער זיך אַלץ נעמען צום האַרצן, צי גאָר ווערן אין כּעס און זיך אויסעסן די לונג אויף איטלעכן, צי גאָר גיין אַריינלאָזן זיך מיט יעדן, איז שוין בע־סער, מען לייגט אַריין די האַנט אין בוזעם און מען שטעלט דאָרט זיי אַלעמען אויס אַ פֿייג... האָבן זיי אַ שוואַרץ יאָר מיט זייערע מיילער, און וואָס זיי טשעפּען זיך אָן צו איינעם און הערן גאָרנישט אויף. און אַז איך וויל, הער איך אָט די אַלע רייד ווי דעם פֿאַראַיאָריקן שניי. דער עיקר איז, אַז דער מענטש טוט זיך זיינס, און האָט זיך זיינס. איך שעץ זיך גליקלעך און איך ווייס נישט, מיט וואָס צו לויבן דעם רבונו־של־עולם, אַז איך בין געוואָרן אייערער אַ מענטש און קאָן אייך פֿאַר אַ באַלעבאָס, און איך האָב מיר אַרום אייך מיין חיונה. עס פֿאַלט אויף מיר אַ פּחד, ווען איך הער, אַז אליקום געצלס וויל אייך אויסדינגען די טאַקסע; בעסער זאָל ער צעברעכן הענט און פֿיס, דער הונט! עפּעס נעמט ער זיך אָן דער שטאָטס קריוודע. נעכטן ווי איך זיץ מיר אין קלויז, הער איך ווי איינער זאָגט צום צווייטן — לשון־הרע וויל איך אַפֿילו נישט רעדן — אַז איר האָט אָוועקגענומען ביי אייער יינגערן ברודער די ירושה און האָט זיך נישט געוואָלט סטאַרען, אַז ער זאָל נישט גיין דינען. ווייס איך, אַ נעכטיקער טאָג! ווי איר זעט אויס אין מיינע אויגן, זאָל איך האָבן אַזאַ יאָר.

מיינט איר, אַז איך האָב חס־ושלום עפּעס קעגן דעם. פֿאַרוואָס איר האָט מיר נישט געוואָלט מוסיף זיין אַ האַלבן גילדן די וואָך, אַז עס איז שוין געווען אַריבער דאָס ערשטע יאָר, אַז איך בין ביי אייך? אַוודאי וואָלט מיר דער האַלבער גילדן גוט צו ניץ געקומען, עס ווערט אַלעמאָל אַלץ טייערער און טייערער, אָבער איך זאָג מיר, אַז ווען נישט איר, וואָלט איך דאָך גאָרנישט געהאַט. און שטילערהייט זאָג איך מיר: נישקשה, ר׳ שלמה האָט אַ גוט האַרץ, און אַז ער וויל, איז ביי אים אַ האַלבער גילדן אַ שפּיי, און וואָס איך האָב נאָך פֿאַרט נישט די הוספה, איז אַוודאי־נאָך נישט געקומען די צייט דערצו. איך פֿרעג אייך, וואָס בין איך און ווער בין איך, איך זאָל חס־ושלום זיין אַ מהרהר אַחרי מידתכם? קאָנט איר מיך תּמיד האָבן אין זינען ביי אייערע עסקים, קיין עין־הרע? און אין פֿלוג וויל איך גאָרנישט פֿון אייך, איך וויל נאָר, אַז איר זאָלט לאַנג

לעבן און איך זאָל זיין ביי אייך און אייך זיין געטריי. צו וואָס דען בין איך דאָ? און צו וואָס דען האָט גאָט מיך באַשאַפֿן? דער תענוג, צו זיצן ביי אייך שבת־צו־נאַכטס און צו טרינקען אייערס אַ גלאָז טיי פֿון סאַמאָוואַר! ר׳ שלמה, שיקט מיך אין פֿייער אַריין, שיקט מיך וואוהין איר ווילט, איך בין גרייט צו אַלעמען, אַבי צו טאָן אייער רצון.

שדכנים

דער גוטער יאָר זאָל אייך קאָנען! וואו האָט איר אייך אַרומגעטריבן ביז אַהער? אויסגעזוכט האָב איך אייך, וואו איר ווילט אַליין, ביי חיימען און ביי יאָנקלען און ביי בערלען און ביי איציקן. די פֿיס בין איך מיר אָפּגעגאַנגען און מיין ר׳ נחמן איז נישטאָ, כאָטש עק זיך! איך פֿרעג אייך, אַ ייד אין אייערע יאָרן, וואָס האָלט איר נישט אויס צו זיין אין דער היים? איר טראַכט אַוודאי: וואָס האָב איך פֿאַרלוירן, אַז איך בין נישט געווען אין דער היים? און איר טראַכט גאָרנישט, טאָמער זיינען שוין יונהס מחותנים געקומען נאָך היינט אינדערפֿרי? שטיין שטייען זיי אין ביי ראובן פּעסיס. וואָס קוקט איר מיך אָן? איר האָט היינט גענומען אַ קאַפּעטשקע און פֿאַרביסן מיט נאָך אַ גלעזל בראָנפֿן. יאָ, מאַכט זיך אַ האָרץ! דאַכט זיך, עס האָלט ביי קאָנטשען און עס איז נאָך דאָ געגוג צו טאָן... אַ טאָג האָב איך, אַפֿילו קיין אָנבייסן האָב איך נישט קיין צייט געהאַט צו עסן. וואָס גייט מיר אין זינען? וויל איך לויפֿן צו די מחותנים און דאָרט געבן אַ טאָפּ, טראַכט איך מיר, דו קאָנסט זיי דאָך גאָרנישט, און טאָמער פֿלאָפּלסטו זיך נאָך אויס... אַוודאי שרייב איך די בריוועלעך, אָבער דער געדאַנק איז אייערער, ווי תמיד, און דאָ קאָנט איר די זאַך אַרום און אַרום פֿון אינעווייניק און פֿון אויסנווייניק און איר ווייסט שוין וואו אָנצוהויבן און וואו אויפֿצוהערן. טו איך זיך מיר אַ שפּרונג צו יונהן, זיץ איך אפֿשר אַ פֿערטל שעה און ער זיצט אין הינטערשטן חדר; איך זיץ ווי אויף שפּילקעס און וואָרט שוין ער זאָל אַרויסקומען, ווי מען וואָרט אויף משיחן. מיין יונה קומט אַריין און זאָגט: אַ, בן־ציון, דו ביסט עס. איך זאָג צו אים: ר׳ יונה, ווי הייסט, איר ווייסט גאָרנישט — זיי זיינען דאָך שוין דאָ. ער, געצויגן: אַזוי? — הכלל... דער מענטש איז מיר ווי איבערגעביטן. גאָרנישט צו דערקאָנען, ערשט יענע וואָך איז ער אויס־

געגאַנגען נאָכן שידוך, אַצינד, אַז די מחותּנים זיינען שוין דאָ, מאַכט ער מיט מיר פֿאַניבעריע און ציילט די ווערטער. קומט, אויפֿן וועג וועל איך שוין אייך אַלץ דערציילן. דאָס האַרץ האָב איך מיר ביי אים אָפּגערעדט און ער בלייבט ביי זיינס. זאָג איך צו אים: איר זאָגט אַצינד דאָך גאַנץ אַנדערש, ווי איר האָט ערשט אייערנעכטן צו מיר געזאָגט. זאָגט ער צו מיר: דו ווילסט מיר איינרעדן אַ קינד אין בויך? טענה איך: ס'טייטש, איר האָט מיר דאָך בפּירוש געזאָגט, איך זאָל יענעם אַזוי און אַזוי שרייבן; זאָגט ער: נחמנען האָב איך אָבער גאָר להיפּוך געזאָגט און אים האָב איך געזאָגט דעם אמת. וואו איז נחמן? נחמן האָט מיך אַריינגענאַרט אין זאַק און אַצינד באַהאַלט ער זיך. אַז נחמן וועט קומען, וועט ער פֿון מיר שוין האָבן. איך קאָן נחמנען און נישט דיך. פֿאַרשטייסטו, אָבער נחמן האָט קיין העזה נישט זיך צו ווייזן. איך זע, אַז ער וויל ווערן אין כּעס, וואָרים אַזוי איז אים אויסגעקומען. איך אָבער ווער נישט בטל, רוק צו דאָס בענקל און זאָג: יונה־לעב, זאָגט אַליין, איר האָט זיך גוט אַרומגעפֿרעגט און עס איז אייך און אַלעמען געפֿעלן! געפֿעלן אַהין, געפֿעלן אַהער, ת"ק קערבלעך גיט ער און נישט מער אַ גראָשן, כאָטש שטאַרב, און אַז איר ווילט, מאַכט ער גאָרנישט פֿונעם גאַנצן שידוך: מיט מיין מיידל האָב איך נישט קיין דאגה, זאָגט ער. אָבער גזלן איינער — שריי איך — די מחותּנים זיינען שוין דאָ און זיצן אויף דער סטאַנציע און איר מאַכט עסקים! אַזוי — זאָגט ער — מיך סטראַשעט איר דערמיט? אַז איך וויל, איז ווער האָט זיי געהייסן קומען? מיינעטוועגן קאָנען זיי פֿאָרן צוריק אַהיים, זיי זאָלן מיר געזונט און שטאַרק זיין. הויב איך אָן ווידער מיט גוטן: ר' יונה, האָט דאָך שכל, עס איז דאָך דער בעסטער שידוך פֿאַר אייך און איר מעגט זיך שעצן גליקלעך, אַז אַזוינס האָט זיך אָנגעשלאָגן צו אייך. אַ חתן אַן אַנטיק, גאָט און לייט וועלן אייך מקנא זיין פֿאַר אים, און היינט די משפּחה! (איך האָב דערווייל פֿאַרגעסן, אַז יואלס טאַטע איז אַ שטאַרקער פּראָסטאַק!) צו זיין אַן אייניקל פֿון משולם־זיסי ראָכמיסטריווקער, גייט אויך נישט באָרוועס... ווערט ער אין כּעס אויף דער אמתן: וואָס בין איך עפּעס פֿון הינטערן אויוון? ביי מיר איז אייער גאַנצער יחוס ווערט אַ שמעק טאַבאַק. שיער איז מיר געלעגן אויף דער צונג: אַי, פֿע! וואָרים אין דער אמתן — נעמט ער מיך אָן ביים לאַפּ און זאָגט צו מיר: בן־ציון סערצע, פּוסטע זאַכן. ת"ק קערבלעך גיב איך נדן. אַז איר ווילט,

קאָנט איר אַריבערגיין אַהין און זיי דאָס זאָגן. זאָג איך: וואָס וועלן זיי זאָגן, אַז מען האָט שטענדיק גערעדט פֿון אַכט הונדערט? זאָגט ער: גערעדט איז עפּעס אַנדערש און צוצוזאָגן איז עפּעס אַנדערש און געבן איז ווידער עפּעס אַנדערש... זאָג איך: וואָס-זשע שאַט אייך, אַז איר וועט צוזאָגן מער? שיסט ער אויס מיט אַ געלעכטער און לאַכט נאָך, און איך זיץ און עס פֿאַלן פֿון מיר שטיקער פֿלייש.

אַקיצור, די מחותּנים זיצן דערווייל אויף דער סטאַנציע און וואַרטן. עס איז שוין געווען פֿון דאָרט אַ משרתל אָנצוזאָגן, אַז זיי ווילן זיך נאָר איבערטאָן און אַ ביסל אויסרוען, זיי זיינען געפֿאָרן אַ גאַנצע נאַכט. קליינ־שטעטלדיקע! האָבן קיין שכל נישט צו דינגען אַ ברישקע און קומען צו פֿאָרן ווי מענטשן, מוזן זיי קומען אויף אַ פּראָסטער פֿור מיט גוישע פֿערד. איר קאָנט יונהן, ביי אים איז האָנער! אַז יענע וואָלטן געשפּילט דעם נגיד און אַראָפּגעקומען מיטן קנאַק און גענומען פֿערד פֿון דער פּאָטשט און דער שמייסער וואָלט געווען נישט קיין פּראָסטער גוי, נאָר אַ יאַמשטשיק מיט אַ באַשליק, וואָלט ער קיין צוויי ווערטער נישט גע־רעדט. וואָס מיך אַרט, איז דאָס זיין עקשנות, אַז בסך־הכּל וועט ער אפֿשר אין אַ יאָר אַרום איינלייגן רי״ש און אויף דאָס איבעריקע אַ חתימהלע, וואָס איז נישט ווערט קיין צוויי גראָשן, גלאַט אַזוי נעמען אַ מענטשן און אים אַרויסציען די קישקעס. דעם טאַטנס ירושה דער־לייגט ער אַז ער זאָגט צו...

וואָרט, אַחוץ דעם איז נאָך דאָ אַ קליינער צוגאָב... אַז דאָס משרתל פֿון ראובנען איז אַוועק, האָט זיך יונה אויפֿגעהויבן און געטאָן אַ זאָג: וואו איז אסתּרל? פֿאַרוואָס טוט זיך אסתּרל נישט אָן? פֿאַרוואָס ווייזט זי זיך נישט? שטעלט זיך אַרויס, אַז די כּלה האָט זיך פֿאַרקילט. עס טוט איר וויי דער קאָפּ. שיינע מעשׂיות! מיר קאָנען שוין דאָס, זי וויל נישט גיין אין חדר אַריין! אַי, טאָמער אויף דער אמתן, — וואָס האָט זי נעכטן נישט געהאַט דערצו קיין צייט? מוז עס ביי איר אויסקומען פּונקט היינט, ווי אַן אָפּרעדעניש. יונה שרייט און איז גערעכט: בתיה, וואָס זיינען דאָס ביי דיר פֿאַר אַ מאָדעס? בתיה קומט אַריין, דאָס טשיפּעקל שטייט איר אויפֿן האַלבן קאָפּ, און איז אויסער זיך: דער לעקעך איז נאָך נישט פֿאַרטיק! — אַזוי, זאָג איך מיר, מען האַלט שוין ביים לעקעך, דאָס איז גאָר אַן אַנדער לשון... בתיה אָבער טענהט אירס: דאָס איז נאָך נישט צוגעגרייט, יענס איז נאָך נישטאָ. נאַט אייך אַ שטאָט פּאַקי־

טילאָווע: נישט אַמאָל פֿרישע בולקעס איז צו קריגן ביי דער בעקערקע, פֿאַר אַ הון מוז מען צאָלן ממון קורח. מילא, צאָלן איז צאָלן, זאָל כאָטש זיין רעכטע פֿיש, שרייבט זי נישט קיין תּנאים... יונה רופֿט זי אַוועק אָן אַ זייט און הויבט אָן צו טענהן וועגן אסתרן: וואו איז אסתר? וואָס מאַכט זי פֿאַר אַ העוויות? זי ברומלט עפּעס, וואָס איך פֿאַרשטיי נישט. איך הער אים רעדן: זיינען ביי דיר קינדער, אַז זיי האָבן זייער קאָפּ, זיי גייען גאָר אין זייערע אייגענע דרכים... גיי איך צו און וויל מיך אָנהויבן אַריינמישן, גיט יונה אַ רוף: וואו איז נחמן! נחמנען וואָלט מען אַצינד באַדאַרפֿט צו האָבן! און זי, בתיה, אויך: נחמן איז אַ בריה אין אַזעלכע זאַכן... דער שמש קומט, און מען הויבט אָן אים אויסצורעכענען אַ רשימה; אַ יינגל קומט און שלעפּט אַריין אַ לאַנגע באַנק, אַ געשריי, אַ געפּילדער! און אַלץ: וואו איז נחמן? און איך שטיי דאָ ווי אַ ליימענער גולם. עפּנט זיך אויף די טיר און עס קומט אַריין דער פֿעטער זרח מיט דער ברייטער באָרד: וואָס שרייט איר? קומט און זעצן מיר אונדז צום טיש. ער הויבט אָן צו טרייבן ליצנות: האָט דער חתן כאָטש אַ גאַנצע נאָז, אויף נחמנען אַ קשיה, וואו איז ער דער שובעניק? טאָמער איז גאָר פֿון יענעם צד אויך אַ מיידל? גיט אַהער דערווייל צו ביסלעך בראָנפֿן, וועלן מיר טרינקען לחיים. יונה חזרט אַלץ: וואו איז נחמן? די יונהטע גייט ווידער אַריין און זאָגט: יונה, האָסטו געשיקט נאָך נחמנען? נחמן, נחמן, נחמן, און מיך אַמפּערט מען איבער... האָב איך מיך אַרויסגעכאַפּט און בין געגאַנגען לעת עתּה אייך זוכן.

בדיעבד וואָלט איך געוואָלט וויסן, ר' נחמן, איז דאָרט צווישן יענע מחותּנים אויך נישטאָ אַזאַ מין פֿויגל? טאָמער הויבן זיי אָן זייערס. זיי ווילן, דאַכט זיך, געבן שוין פֿאַר אַ הונדערטער מתּנות. אַז ער אָבער גיט ווייניקער, וועלן זיי אויך געבן ווייניקער. געשריבן האָב איך זיי אין לעצטן בריוול פֿון צוויי: הרבני הנגיד מו"ה יונה און הרבני הנגיד אָצי־קלאָץ, זאָל זיין לכל־הפּחות פֿון צוויי מינים; ווילן זיי דווקא יונהן, מוזן זיי דאָך נאָכגעבן און זיך נישט מאַכן נאַריש. און דעם חתן קאָנט איר? מען זאָגט, ער איז אַ תּמעוואַטער. איר ווייסט, די כּלה איז אַ הייבטיקע... טראָגט ער כאָטש אַ געפּרעסטן קאָלנער? עס וואָלט זאָך געווען גלייכער, אַז איר זאָלט אַריבערגיין אַהין צו יונהן — איך לויף אַריבער צום רב און וויל אים געבן אַ וואונק, ער זאָל דערווייל אַריבערגיין צו די מחותּנים

אַ ביסל שמועסן... אַ דרייערל וועט ער סיי־ווי־סיי נעמען, צי צוויי, קאַליע וועט עס נישט מאַכן.

יאָ, היינטיקע יאָרן קומט גענוג שווער אָן, איידער מען פֿירט צונויף צוויי אינאיינעם. דערנאָך מוז מען ערשט אָנהויבן זיי אויסגלייכן און כסדר רעדן, און מיט די מיידלעך האָט מען אויך צרות. און איידער מען דערלעבט צו זען דאָס מזומן צענערל, האָט מען גענוג שפּיכת־דמים.

מען זאָגט, אַז שדכנות איז אַזאַ מסחר, וואָס מען לייגט אין אים נישט אַריין; אָבער דאָס געזונט לייגט מען אין דעם אַריין.

אַ גוטער ברודער

ישראל, איך וויל דיר עפּעס דערציילן. איז קיינער נישטאָ ביי דיר אין קלייט? איז דיין משרתל אַוועקגעגאַנגען? דו זאָלסט אָבער קיינעם נישט דערציילן. הער אַזאַ מעשה, איך זע, דו שטייסט ווי אויף קוילן. אויף וועמען וואַרטסטו? מיר קאָנסטו זאָגן. וואָס מיינסטו, ישראל, צו פּישל סאָסיס? וועט ער האָבן אַ קיום? אַ מענטש טוט זיך אַ שטעל און פֿאַרקויפֿט אונטערן קרן. ווי איז ביי דיר געווען דער יאַריד? איך קאָן מיך, דאַנקען גאָט, נישט באַקלאָגן, צוויי און דרייסיק קערבלעך איבערגעציילט גלאַט און נאָך עפּעס מינץ. דו וואָלסט געמעגט זען אַ שפּע! קיין הענט האָב איך נישט געהאַט. — אויף צו־להכעיס מוז איך אַצינד האָבן צוויי און זיבעציק קערבלעך. אַזוי איז דאָס; וואָס עס קומט אַריין מער געלט, מוז מען האָבן מער סחורה. — קויפֿסטו נאָך תמיד אין אומאַן ביי היימען אין ראָטהויז? איך האָב מיך פֿאַמעלעך אַריבערגעטראָגן צו קראָנסקען אויף דער ניישטאָט; ביי אים איז אַלץ אָגולנע און ער איז נישט אַזאַ פלוט. אַי, ער שערט זיך די באָרד, דאָס איז נישט מיין באָבעס דאגה. אַזעלכע לייט זיינען רואיקער אין מסחר און זיי באַגייען זיך מיט דיר אויך ווי מיט אַ מענטשן... אַי, חיים מאָנט געלט, אַ פּגירה אויף אים! קאַרג האָט ער ביי מיר איבערגענומען פֿיר יאָר כסדר. אַז איך וויל, קומט מיר נאָך פֿון אים אַרוי״ס. דו וואָלסט געמעגט זען קראָנסקעס צוקער און זיין פּאָפּאָווס טיי. פֿאַר צוויי חדשים קומט איינער און רעדט מיך צו, איך זאָל קויפֿן וויסאָצקיס טיי, מיינעטוועגן זאָל זיין וויסאָצקיס, אַבי עס זאָל שטיין אויפֿגעשריבן פּאָפּאָוו, אָט דאָס רויטע

סימנדל. אָבער וואָס שטייסטו אַלץ ווי אַ קלאָץ און לאָזט נישט אַרויס אַ וואָרט? ווי האָסטו געקאָנטשעט מיט שמחה־ליפען מכוח דעם זאַלץ? איך פֿרעג דיך, ווי לאָזט מען זיך אַריין לכתחילה מיט אַזאַ מענטשן? דו ווייסט, איך בין תמיד אויף דיין זייט... אויך הינטער דיין פּלייצע בין איך שטענדיק פֿאַר דיר, ווי דו זעסט מיך לעבן. נאַפּשיקלאַד, גיב מיר דאָס צו פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס היסטו זיך פֿון מיר? וואָס האָסטו תמיד מורא, אַז מען זאָל פֿון דיר נישט אַרויסכאַפּן דיינס? עפּעס זיינען מיר דאָך אַלע מענטשן; אָבער דו שטייסט און שווייגסט. פֿון דיר אַ וואָרט מוז מען ציען מיט אַן אָפּצווענגע. איך פֿרעג דיך, צי זיינען מיר נישט פֿון תמיד אָן גוטע׳ פֿריינט? קום אַהער און גיב די האַנט... איך זאָג דיר, פֿאָלג מיך, און האַלטן מיר אינאייינעם, וועט אונדז ביידן זיין גוט. אָבער איך זע, דו רירסט זיך נישט. דו ביסט אָפּנים היינט אויפֿגעשטאַנען אויף דער לינקער זייט. אַ פֿלוי האָט דיך געביסן? טרויסט נישט אַ גוטן פֿריינט. אָבער אַ הונט גלויבסטו יאָ. דו מיינסט, איך ווייס נישט פֿון יחיאלן און פֿון שמואלן? האָב נישט קיין מורא: מיך באַדאַרף מען נישט ציִען ביי דער צונג. אַז איך וועל נישט אַכטונג געבן אויף דיר, וועסטו זיין אויף אַ שיינעם דרך. ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן? לאָמיר ווערן דאָס יאָר שותּפֿים אין האַניק, צי מאַכן מיר יד־אחת אין זאַלץ, כּדי מיר זאָלן קאָנען האַלטן קעגן לייבן און פּיניען... אַזעלכע פֿאַרכעס! נעמען מיר צו מיינע קונים און גאַרנישט! טרעף, וועמען איך האָב נעכטן געזען? חיימען, חיים פּיציס. ער גייט זיך אַרום מיטן זאַנטיק און בסך־הכּל זאָגט מען, אַז זיין אַנזעץ איז נישט ווייניקער ווי דריי הונדערט קערבלעך. איך שטיי ביי אים מיט פּופּצן קאַרבן און ער שיקט נאָך אַלץ צו נעמען אויף באָרג. איך זאָג דיר, אַז איך וואָלט נישט געהאַט דעם פּראָסטן גוי, אַן חכמות — מען וועגט אים אָפּ און ער נעמט אַרויס דאָס פֿאַטשיילעכל און באַצאָלט — וואָלט איך געקאָנט שיין אויס־זען. ער און דער הערינג האַלטן מיך אויף די פֿיס. ביי דיר איז אַנ־דערש, דו ביסט, קיין עין־הרע, אַ בעל־שפֿע. פֿאַר מיר וואָלט אפֿשר אויך געווען בעסער, אַז איך וואָלט נישט געהאַט צו פֿיל עסקים. איך זאָג דיר די צאָלעכצן... וואָס ווייסטו פֿון צרות, אַז ביי דיר ליגט נאָך שטענדיק איבעריק. איך קאָן נישט האַלטן דאָס געלט פֿאַרשלאָסן; זעק איז זעק, קוילן איז קוילן, צוקער איז צוקער. אָט וואָס איז מיר איינ־געפֿאַלן: מיין ווייב איז היינט אין דער פֿרי אַוועקגעפֿאָרן קיין אָכרימאָווע

אויף קבר־אבות. טאָ קום צו מיר אויף דער נאַכט, וועל איך הייסן אָנשטעלן דעם סאַמאָוואַר און מיר וועלן זיך זעצן געמיטלעך. קאָנסטו מיר נישט לייען ביז דאַנערשטיק פֿערציק קערבלעך? איך האָב דיר שוין געזאָגט, אַז איך באַדאַרף היינט צאָלן. אַז דו ווילסט, שטיי צו צו מיר אינעם האַניק; וואָס האָסטו פֿון דעם, אַז דאָס געלט ליגט און פֿוילט ביי דיר אין קאַסטן? איך וויל דיך, חס־ושלום, נישט צורעדן, דו קאָנסט מיך: אַ וואָרט איז אַ וואָרט, אַז איך זאָג ביז דאַנערשטיק, קאָנסטו בויען אויף דעם ווי אויף שטאָל און אייזן! אָבער גיי רעד צו דיר, אַז דו שטייסט און קוקסט מיך אָן, ווי איך וואָלט דיר דערציילט באָבע־מעשיות. אַי, אַי, ישׂראליק, דו מיינסט, אַז איך קאָן דיך נישט? איך קאָן דיך ווי אויסגעבאָדן. איך ווייס אַפֿילו וואָס דו טראַכסט אין האַרצן; דו טראַכסט דיר: זאָל איך זאָגן, איך האָב אַצינד נישט קיין פֿערציק קערבלעך, צי זאָל איך זאָגן איך באַדאַרף אַליין האָבן, צי זאָל איך זאָגן: איך גלויב דיר נישט? איז ווי טוט מען דאָס עמעצן אין די אויגן — יאָ, ישׂראליק, דאָס טראַכסטו זיך... אָבער איך בעט דיך, מאַך נישט קיין שהיות און גיב אַהער דאָס געלט. גיב כאָטש אַ פֿינף־און־צוואַנציקער, טאָמער קום איך אויס, אָבער אַ פֿינף־און־צוואַנציקער מוז איך האָבן, ווי איינער באַדאַרף לעבן. איך זאָג דיר, דו וועסט מיך דערהאַלטן ביי דער נשמה, אַז דו וועסט מיר געבן.

אָבער טאָמער ווילסטו, איך זאָל דיר געבן אַ וועקסעלע? ווער האָט דאָס געהערט מען זאָל געבן אויף אַ גמילות־חסד אַ וועקסל? שעם דיך, אַ ייד זאָל נישט וועלן טאָן דעם אַנדערן אַ טובה; אַ שיין פּנים וואָלט געהאַט די וועלט, אַז אַלע וואָלטן געווען ווי דו, און מורא געהאַט אַרויס־צולאָזן אַ גראָשן פֿון האַנט ווי דו. וואָס קוקסטו מיך אָן, אַקוראַט ווי איך וואָלט געווען געהרגעט דעם טאַטן? בין איך אַ גזלן פֿון וואַלד און וויל פּשוט אויסנאַרן פֿון דיר דעם פֿינף־און־צוואַנציקער, כּדי דו זאָלסט האָבן צו דערציילן? זאָג מיר, ווער האָט פֿאַר דיר אָנגערעדט אויף מיר? ווער קאָן רעדן אויף מיר שלעכטס? פֿאַרקערט, פּרואוו איין מאָל און זע, ווי עס איז גאָלע לשון־הרע אויף אַ מענטשן. אַז דיין שטאָט אין קלויז וואָלט געווען נעבן מיינער, וואָלטן מיר געקאָנט תּמיד פּלוידערן; איך זאָג דיר, איך האַלט נישט אויס פֿון מיינע צוויי שכנים, יחיאלן און אַברהמען, אין קלויז. דער קוקט תּמיד ביי קריאת־התּורה אַריין צו מיר אין חומש און דער אין תּהלים, און איך זיץ און האָב נישט מיט וועמען אויסצורעדן אַ וואָרט... איך בעט דיך, ישׂראל, צי מיר

נישט די קישקעס און גיב מיר דעם פינף־און־צוואַנציקער, איך נעם זילבער צי אַפילו קופּער. איך שווער דיר, אַז איך וועל דיר אָפּגעבן דאַנקבערשטיק. דאָס איז ביי מיר הייליק ווי מיינס אַליין. וואָס אַרט דיך, וואָס זיי רעדן אויף מיר, מאַך נישט קיין העוויות און גיב...

ער וויל אַ חלק

כאַפּט דיך דער רוח, וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צו מיר נעכ־טיקן טאָג? ווער האָט דיר איינגערעדט, אַז איך וויל האָבן דיין מיל און קריך דיר אַריין אין גרגרת? דו מיינסט מסתמא, איך בין דיר מקנא, און גיי אַרום טאָג און נאַכט און טראַכט אַלץ, ווי דינג איך אויס ראַובנען די מיל? אַז איך וואָלט געוואָלט דינגען אַ מיל, וואָלט איך געקאָנט האָבן צען פאַר איינע, איז צו וואָס דאַרף איך האָבן פּונקט דיינע? אַי, וואָס דריי איך מיך ביים פּריץ? ראשית, איז דאָס נישט דיין פּריץ, און אַז איך וויל, האָב איך אויך אין אים אַ חלק און בין גאָר מיט אים אַ ביסל אַ מחותן, וואָרים מיין טאַטע האָט געקאָנט זיין טאַטן און האָט ביי אים געקויפט געקויפט גערשטן; און שנית, ווער זאָגט דיר, אַז איך האָב מיך אָנגעהויבן ביי אים צו דרייען? זעסטו, אַז דו וואָלסט געהאַט שכל, וואָלסטו פאַר מיר גאָר קיין מורא נישט געהאַט און געהאַלטן נאָר מיט מיר. מיט וואָס בין איך ערגער פון יאָסל שעיהס, צי פון למכן? היינט איז אַ וועלט, וואָס איטלעכער האָט אויגן, און זעט מען, אַז דו רעדסט מיט פּידאַרסקען, גלוסט זיך אויך אַ רעד טאָן גראַד מיט אים. דעם פּריץ פאַרשליסן אין זיין פּאַלאַץ און באַהאַלטן ביי זיך דעם שליסל קאָנסטו אויך נישט, און חזקה איז היינט נישטאָ. ווי זאָגט מען: אזים קרוב לעצמו, איטלעכער מענטש וויל פאַרדינען און זוכט דעם פאַרדינסט, וואו ער געפינט אים... גלאַט כשר געפינט מען אין ערגעץ נישט. און אַז מען דערגייט צו אַ מעמד פון פּרנסה, מעג מען שוין עסן פון אַ סירכה... פאָלג מיך און מאַך מיט מיר באַלד שותפות, און גיב מיר אַ חלק אין מיל. איך וויל דיר גאָרנישט אויסדינגען. אסור! אָבער שווערן קאָן איך נישט, אַז איינער קומט נישט און דינגט זי דיר נישט אויס. איך זע, דו גלאָצסט אויף מיר מיט די אויגן. באַרעכן, אַז איך בין דיר לחלוטין נישט קיין שונא. נויטן נויט איך דיך נישט, און אַז איך וויל, קאָן איך האָבן אַן

אַנדערע מיל און דיינע אויך. איך לויף דיר נישט נאָך. אָבער באַרעכן אַליין: געלט האָב איך און קרעדיט האָב איך און די טבע מיינע איז נישט קיין שלעכטע. מיט מיר קומסטו תמיד אויס און אונדזערע ווייבער וועלן אויך אויסקומען אינאיינעם. אַצינד זאָג מיר נאָך גאָרנישט און מאַרגן אויך נישט, און איבערמאָרגן אויך נישט, אָבער פֿון היינט אין אַ וואָך אַרום קום איך צו דיר און דו קאָנסט אויף מיר ביי אַלעמען פֿרעגן. שונאים האָב איך אַוודאי, ווער האָט דאָס נישט קיין שונאים? אָבער מורא האָב איך פֿאַר קיינעם נישט. איך רעד מיט דיר, ווי מען רעדט מיט אַ גוטן פֿריינט. ווי זאָגט מען, זאָל עס בעסער זיין בהיתר, איידער באיסור. פֿאַדלע בין איך נישט, און דו וועסט נאָך זען, אַז איך בין אַ סך בעסער, ווי מען זאָגט אויף מיר.

קלאָרע דיבורים

דו הולטאַי, דו ממזר, דו שייגעץ, דו כלב, דו הונט איינער, דו, דו, דו, וואָס האָסטו געוואָלט האָבן פֿון מיין זון? דערטאַפּסט אַ ייִנגל אויף דער גאַס און גיסט אים אַ פּאַטש. פֿאַרוואָס? ער האָט זיך געטשעפּעט צו דעם קדיש דיינעם? זאָלסט האָבן אַזאַ יאָר מיט דיין זונעניו אינאיינעם, דו פֿאַרשיווער איינער, איך וועל דיר געבן, ביי מיר וועסטו שוין אָנקומען. די ביינער וועל איך דיר צעברעכן, זעסט, דאָ אויף דער שטעל, פּאַטש איך דיך אויס; וואָס זנאַטשעסט דו ביי מיר מיט דיין טרייפֿענעם פּרצוף! ווינט ביסטו ביי מיר, פֿאַרשטייסט? אַוועק פֿון דאַנען, וואָרים, ווען נישט, ביסטו נישט זיכער מיט דיין לעבן. קאָנסטו מיך גיין לאָדן. איך וועל דיר ווייזן ווער איך בין און וואָס עס הייסט שלאָגן מיין קינד. וואָס קוקסטו מיך אָן? פֿאַרשטייסט נישט וואָס מען רעדט צו דיר? איך וועל דיר געבן אין מאָרדע וועסטו שוין פֿאַרשטיין, אַזאַ חזיר און אַזאַ אָנזעצער. דו מיינסט, מען קאָן דיך נישט און מען ווייסט נישט פֿון וואַנען עס וואַקסט דיין ווייב? פֿון גנבים! וואָס איז געוועזן דיין טאַטע? אַ מסור! וואָס ביסטו? אַ הונט, וואָס לויפֿט אַרום אויפֿן גאַס; צען מאָל ערגער פֿון אַ הונט ביסטו! די ציין וועל איך דיר אויסברעכן, דו חצוף איינער, דו פֿאַדלע־שבפֿאַדלע, דו ביסט ערגער פֿון אַ גוי און פֿון אַ משומד! האָט איר געזען אַ מענטשן? שטייט דאָ, ווי עס אַרט אים גאָרנישט; ווילסטו אַ ציגאַר טיטון, ברודערניו, פֿיין

און וואויל? פֿרואוו נאָר איין מאָל אָנרירן מיין זון, וועסטו שוין האָבן צו הערן און צו רעדן. אויף פּולווער וועל איך דיך צערייבן, דו וועסט מיך האָבן צו געדענקען לדור־דורות. טשאָרט זנאַיעט, וואָס ביסטו פֿאַראַ מענטש! קוקסט מיר אין די אויגן אַריין און מיינסט איך שמיר דיר פּוטער אויף ברויט? ביי מיר ביסטו שוין ריכטיק אָנגעקומען. איך זאָג דיר: היט די ביינער פֿאַר מיר, מיט מיר זאָלסטו נאָר נישט אָנהויבן, עס וועט דיך קאָסטן דיין לעבן. דאָס שווער איך פֿאַר גאָט!

— האָסט געקאָנטשעט? דאָ האָסטו מיין ענטפֿער: אַ פּאַטש! אַ פּאַטש!

איצי, דער זאָגער פֿון אַלדעם, האָט געכאַפּט פֿון פּיניען צוויי פּעטש.

— וואָס הייסט! — שרייט איצי אויף אַ קול.

— שאַ, שאַ, אַ דאָ האָסטו נאָך איינעם, אַ צוגאָב!

צווישן אייגענע

מיט מאַם

חנה, איך זאָג דיר, דו וועסט מיך אַריינלייגן אין דער ערד מיט דיין אויסברענגעכץ. אַפּילו ווען איך וואָלט געגנוג פאַרדינט, וואָלט מיך אויך געאַרט דיינע קויפּעכצן און דיין פּירעכץ, וואָס דערצו מוז מען האָבן ממון־קורח און צו זיין סענדערל לעווין און נישט יונה שמואלס: אָבער, אַז איך דערלייג, און מיט אַלע אברים הפּנימיים און החיצוניים, מוז איך כּסדר דרייען כּדי צו אַרבעטן! אַז דו ביסט אַ יידענע און האָסט דיר דיינע געגנג: אַז אַלעמאָל איז אַ ניי קלייד און אַלעמאָל דער בת־יחידה דיינער אַ נייע שמאַכטע, מיינסטו שוין אַז דו ביסט דער שני־למלך און ווילסט גאַרנישט וויסן פון קיין שום גרענעץ. איך אָבער מוז צאָלן און זיין פּינקטלעך; און צאָלסטו נישט פּונקט צום טאָג, צעברעכסטו דיר דעם נאָמען און ביסט אויף אייביק אַ שברי־כּלי. איך ווייס: אוודאי מוז מען אַרויסגיין ווי אַ מענטש און מען מוז פּירן אַ שטוב, און נישט איין מאָל מוז מען זיך אַ קניפּ טאָן אין באַק, כּדי מען זאָל אויסזען רויט. אָבער אַלץ האָט זיין שיעור. אַ דייזשקע פול מיט רענדלעך שטייט ביי מיר נישט און די היינטיקע מסחרים זיינען גאָר אויף צו דערלייגן.

מילא פאַר דיר, גיב איך שוין יאָ אויס, אָבער וואָס שטאָפּסטו אַלץ אין די קרובים דיינע? איך זאָל דאַרן דעם קאָפּ און נישט רוען אַ מינוט... וואָרים איך ווייס שוין גראָד, וואָס איז דער טייטש פון געלט, און וואָס עס הייסט געלט, און דעם חילוק פון דעם, אַז מען האָט דאָס נישט, ביז דעם, אַז מען האָט דאָס יאָ, צי אַז עס גיט זיך אַ שאָקל, און מען האָט דאָס שוין נישט מער. און זיי קומען צו דיר, מאַכן אַ קרום פּנים און נאַרן פון דיר אויס אַלץ, וואָס דו האָסט; עס איז מיר אַ גרויסער חידוש אַז דו האָסט נאָך זיי נישט אָוועקגעגעבן דיין צירונג, עס איז נאָך אַ גליק, וואָס פּעסי און חיה און דבורהקע וואוינען נישט ביי אונדז אין שטאָט: אָבער צי מיט זיי ווייס איך כאָטש וואו איך האַלט? אויך פון דאָרט קומט אָן אַלעמאָל אַ בריוועלע...

און דו מיינסט ס'איז ביי מיר אַ קרעניצע? דו מיינטס, וועסט תּמיד אַזוי זאָגן: יונה, גיב, און דיין מאַן נעמט דעם שליסל, שליסט אויף דעם שופלאָד און גיט... האָסטו גאָר קיין רחמנות נישט אויף מיר? צי פאַר־

שטייסטו נישט, וואָס עס קומט אַרויס פון אויסברענגען? צי האָסטו נישט געזען, וואָס עס איז געוואָרן פון הערשלען און פון חיימען און פון יקותיאלן? און ווער איז שולדיק? אַוודאי, גאָט קאָן מען נישט אָנכאַפּן ביי די פּיס, און ווען ער וויל אַרומוואַרפן, וואַרפט ער אַרום, אָבער זיך מאַכן ברייט און זיך פאַרלאָזן אויף ניסים, אַז דאָס געלט וועט שוין תמיד זיין צו דער רעכטער צייט, טאָר מען אויך נישט. און וואָס וויל איך פון דיר? צי וויל איך דיך פאַרשפאַרן אין אַלקער און נישט פאַרגינען דיר דאָס לעבן? דו ווייסט, איך אַליין האָב אויך פיינט קבצנות, און וואו מען דאַרף געבן, גיב איך; איך העלף אַפילו אַ פרעמדן, אָבער אַלץ מוז זיין מיט מאָס, דער עיקר — מיט מאָס!

אסתּר בערלס

אַ קלאָג צו דיינעביינער, וואָס ביסטו פאַר אַ מאַן? גייסט אַרום און טרילערסט און הויבסט נישט אָן צו האָבן אין זינען, אַז מיר דאַרפן געלט אויף האַלץ. אַנדערע מאַנסבילן לויפן און רוען נישט קיין מינוט, און וואו עס איז נאָר דאָ צו פאַרדינען, רייסן זיי ממש פון די דעכער; און נאָר ער האָט רק צייט און טוט גאָרנישט. אַ טאַטע ביסטו, מ׳שטיינסט געזאָגט! כּאַצקעלע גייט מיט אויסגעדרייטע שטיוועלעך, חנהלע גייט אין אַ צעריסן קליידל, אַז עס איז אַ בזיון, און אים זאָל דאָס אָנהויבן צו אַרן! איך דריי מיך אַרום, איך קאָך, איך מעלק, איך ניי, איך פאַריכט — צי האָסטו געזען מיך זיצן איין רגע ליידיק? דו אָבער האָסט צייט צו אַלעמען. גייסטו דאַווענען, איז נאָר געדאַוונט. גייסטו אַריין צו אַ מענטשן, איז איידער אָנצוהויבן גלייך פון עסק, זעצט מען זיך אַוועק שמועסן און מען שמועסט נאָך. וואָס עס האָט ביי יענעם געטראָפן, מוזטו אַלץ דערגיין און אַלץ אויסהערן און עס איז דיר נוגע איטלעכס פּינטעלע. אָבער וואָס אַרט דיך, אַז דיין בהמה גיט נישט קיין מילך, צי פון דער פּסחדיקער דייזשקע איז אַרויסגעפאַלן אַ קליעפּקע; און דאָ מוז איך שטעלן באָרשטש, און האָב נישט קיין קלייען. אַן אַנדערער מאַן שעמט זיך נישט, נעמט דעם זאַק און גייט אין מיל. פאַרוואָס מוז איך דאָס זיין דער עבד כּנעני און דו — דער איידעמל? דאָס ביסל געקעכץ מוז איך דיר צוטראָגן. גאָט זאָל היטן, די זופּ זאָל נישט זיין איבערגעזאַלצן, צי די קאַרטאָפל צו האַרט! צי קאָן איך מיך

אויף אַלץ צערייסן? און שמשון הגיבורס גבורה האָב איך דאָך אויך נישט; דו ווייסט, אַז איך הוסט... צי טוסטו כאָטש אַמאָל אַ פֿרעג: אסתּר, וואָס מאַכסטו? אַ האַרץ האָסטו? און אין שטאָט האַלט מען דיך נאָך פֿאַר דעם גוטן! אַ וועלט: איך און חוה — צוויי שוועסטער! גיי זע ווי חוה לעבט: דער מאַן היט זי אָפּ און טראָגט זי ממש אויף די הענט, און וואָס זי זאָגט, איז געזאָגט, און וואָס זי באַדאַרף צו האָבן, האָט זי; נאָר איך ווער אויסגעריסן מיט דיר! שוין דרייצן יאָר, אַז איך האָב נאָך מיט דיר קיין גוטן חודש נישט געהאַט!

אָט פֿרעג איך דיך אַליין, היינט האָבן מיר פּאָוואָלינקע דינסטיק, מאָרגן איז שוין מיטוואָך און באַלד קומט דער שבת. דאָס ווייסע מעל איז שוין באַלד אויס. און שולדיק בין איך אין אַלע קלייטן! עס ברענט מיר דאָס פּנים צו שיקן נעמען נאָכאַמאָל אויף באָרג. און דו שאָקלסט צו מיטן קאָפּ און טראַכסט זיך: אַ נעכטיקער טאָג; דאָס טענהט זי תּמיד, איך ווייס שוין.

און איך זאָג דיר — און דאָס זאָג איך צום לעצטן מאָל — אַז אויב דו וועסט זיך נישט נעמען אין די הענט און וועסט נישט אָנהויבן עפּעס צו טאָן, נעם איך די קינדער און פֿאָר מיט זיי אַוועק אין אַן אַנדער שטאָט. וואָס האָב איך צוצולייגן, סיי־ווי־סיי בין איך אַן אלמנה־חיה און דער גאַנצער עול איז אויף מיר. דו לאַכסט און מיך שטעכט דאָס ביז אין דער זיבעטער ריפּ, גאַטעניו!

זי וויינט.

די מוטער און די טאָכטער

דו ביסט אַ נאַריש מיידל און פֿאַרשטייסט נישט אַזעלכע זאַכן, כאָטש דו מעגסט זיך האַלטן פֿאַר אַ חכמה! איך בין אַפֿילו נישט קיין געלערנטע און פֿאַר מיר האָט מען נישט געצאָלט די לערערס, און פֿונדעסטוועגן ווייס איך מער פֿון דיר; אַ מאַמע האָט דעם ריכטיקן קוק... דו מיינסט, ער קומט צו דיר גלאַט אַזוי, מיט דיר צו שמועסן פֿון קענטעניש, און איר ביידע זיצט אינאייינעם, דו אַ מיידל פֿון אַכצן יאָר און ער אַ בחור באַלד ניינצן — און גאָרנישט? אַז דו ווייסט, אַז ער קומט פּוצסטו זיך אויס און טוסט אַ קוק אין שפּיגל; וואָרים וואָסער מיידל קוקט נישט אין שפּיגל?

מיאוס ביסטו אויך נישט. און האָט איר אַ וויכּוח און עס קומט אַריין אין אַ רעדעניש, נעמט ער דיך אָן ביים האַנט און דו ווערסט רויט! מיינסטו, איך האָב מורא, אַז ער וועט דיך אַ ביס טאָן? אָבער דער עיקר איז נאָר, וואָס איז דערפון דער תּכלית? נעמען וועט ער דיך נישט. דו ביסט אַ מיידל אָן געלט, און אַזוינער נעמט נישט אַ מיידל אָן געלט. די מאַמע זיינע גרייט זיך צו באַקומען פאַר אים אַ נגידס טאָכטער. אַ האַלבער געקאָנ־טשעטער איז ער, און זיין טאַטע איז נישט קיין אָרעמאַן; פאַרוואָס־זשע זאָל ער טאַקע נישט קריגן די פאַר טויזנט רובל נדן? און מיר קאָנען דיר נישט געבן קיין נדן. דו ווייסט: דיין טאַטע האָט נישט ליב צו קאַרגן; וואָס מיר פאַרדינען, גיבן מיר אויס. פון גרויסן יחוס קומען מיר אויך נישט אַרויס; וואָס־זשע זאָל ווערן פון זיין קומען? און אַכטונג געבן אויף אייך קאָן איך אויך נישט תּמיד, און אַ מיידל מיט אַ בחור לאָזן אַליין פּאַסט אויך נישט. מילא, איך באַדאַרף דיך נישט אָרן. אַז דו זאָגסט, אַז דו האָסט פון זיין קומען הנאה, זאָל זיין אַזוי; לייט! אָבער לייט! לייט האָבן אויגן און זעען, און האָבן אַ מויל און רעדן. און אַז מען רעדט אויף אַ מיידל, איז דאָס גאָר־נישט קיין מעלה צו אַ שידוך...

דו קוקסט אַלץ אַרויף, אָבער וואָס דו ווילסט, וועסטו נישט דער־גרייכן! איז שוין נישט בעסער דו זאָלסט זיך באַצייטנס געוואוינען צו קוקן נידעריקער? פון אַכצן איז נישט ווייט צו נייַנצן, און פון נייַנצן — צו צוואַנציק און צו ווערן אַן אַלטע מויד. איך ווייס: אַזעלכע ווי דו קלייבן לאַנג. אָבער מיינסטו באמת, אַז דאָס, וואָס מען וויל איז שוין טאַקע גוט? פון קענטעינישן קאָן מען נישט מאַכן קיין; און אַז עס איז נישטאָ קיין מזל, העלפט נישט קיין זאַך.

אַז דו וואָלסט געזאָגט יאָ, וואָלט איך געשיקט נאָך אַ שדכן. שפּרינג נישט און קוק מיך נישט אָן מיט אַפאַר אויגן, גלייך איך וואָלט געווען אַ רוצח; איך ווייס וואָס איך זאָג, און איך וועג אָפּ איטלעכעס וואָרט. גלויב מיר, דער שדכן איז אויך אַ מענטש און פאַרשטייט וואָס ער טוט. מיר האָבן שוין געזען, אַז אַ שדכן פירט צונויף צוויי מענטשן, וואָס האָבן זיך פריער נישט געקאָנט און זיי נעמען זיך און זיינען גליקלעך; און פאַר־קערט, פון ליבעס לאָזט זיך אָפּט אויס אַ גרוב. מענטשן, וואָס קיינמאָל האָבן זיי זיך נאָך נישט געזען, אַז זיי קומען זיך צונויף איינאיינעם, זיינען דאָס גאַנץ נייע מענטשע און מען וויל זיך באַקענען און ווערן איינער דעם אַנדערן געפעלן, אָט דאָס ציט און ציט. אָבער אַז מען האָט זיך שוין

טויזנט מאָל געזען חתן־כלה־וויז, און מען קאָן שוין אַלע קאַפּריזן און די נאַטור, און מען האָט שוין גאָר געזאָגט מבינות, ווי מען זאָל זיך פאַר־בארשטן די האָר, און מען איז שוין אינאיינעם געגאַנגען אין קלייט קויפן אַ שמאַכטע... איך זאָג דיר: תיכף נאָך דער חתונה הויבט מען זיך אָן צו ווערן נמאס.

אַוודאי ווינטש איך דיר נישט אַזאַ סוף, אָבער איך האַלט נישט פון ליבעס, און אַפילו אַז עס בלייבט שוין גוט, קאָן מען פון ליבע אַליין נישט לעבן. פאָלג מיך און מאַך אַ סוף צו די נאַרישקייטן. נעם בעסער אַ מאַן מיט פּרנסה און פון דיין מעמד. דו ווייסט, איך וויל נאָר דיין טובה און דיין גליק. דו מעגסט מיר גלויבן, אַ מאַמע איז אַ מאַמע.

מיטן איידעם

הער נאָר צו, משה, מיין נישט, אַז איך ווייס נישט ווי אַזוי דו באַגייסט זיך מיט מיין טאָכטער. אַ פלאַטשיקע איז זי, אָבער אַן ערלעכע און בטבע אַ גוט קינד. זי האָט פון דיר גרויסע יסורים, אָבער זי שוויַיגט און רעדט נישט. זי וועט זיך בעסער אָפּבייסן די צונג איידער צו זאָגן אויף דיר אַ קרום וואָרט. אָבער מיר באַדאַרף מען נישט צו זאָגן... דו פאַרגעסט, אַז זי איז דיין ווייב און האָט פון דיר אַ קינד, און דו הייבסט אויף דיינע אויגן צו אַנדערע... דו וואַרפסט אַ קוק אויף דער דינסט, צי אויף אַ שיינער נקבה וואָס קומט אַריין צו אונדז. און דאָס זיצט ביים טיש און עסט פון מיין ברויט... אַלץ, וואָס דו האָסט אויפן לייב איז מיינס, און וויפיל איר ביידע קאָסט מיך אָפּ, באַדאַרף איך דיר נישט צו דערציילן. זאָג אַליין: וואָס פעלט דיר ביי מיר? איך און מיין ווייב און אַלע אין שטוב האָבן אייך אין זינען. און וואָס פאַרלאַנג איך פון דיר — אַוואָזשאַיע זי! פאַרקערט, גראָד ווייל זי איז נעבעך שטיל און איז אַ ביישנטע, מוזטו זי משמח זיין און מדריך זיין. זי איז צו דיר גוט און פאָלגט דיך; אַי, זי איז נישט אַזוי שיין? מיין ווייב, די שוויגער דיינע, איז אויך נישט שיין און איך עלטער זיך מיט איר; און אַז אַ ווייבל איז שיין, איז זי אַ שלאַק, זי פוצט זיך און ברענגט אויס דעם מאַנס געלט. אַז איך האָב דיך גענומען און בין געקומען צו דיר רעדן, האָב איך געהאַלטן פאַר סאָוועסטנע, דיר אַלץ צו דערציילן. דו קאָנסט לחלוטין נישט זאָגן, אַז מען האָט דיך אָפּגענאַרט און דיך גע־

פירט פאַר די אויערן. און וואָלט מיין טאַכטער אויף דער אמתן געווען אַ פּאַרשוין, ווייס איך גאָרנישט צי איך וואָלט דיך גענומען פאַר אַן איידעם. אַ נאַקעט ייִנגל, אַן אַ טאַטן און מוז גיין דינען. וואָס האָט מיך אָפּגעקאָסט בלויז דאָס סטאַרען זיך, אַז דו זאָלסט נישט דינען, און די יסורים און דער עגמת־נפש! און אַפילו היינט לעבט מען אין איין ציטערניש, טאָמער מסרט מען. קומט דער און ציט פון מיר אַרויס אַ דרייערל, און דער אַ פינפערל, און איך טאָר נישט זאָגן „ניין". דו פאַרשטייסט, אַז דו וועסט דיר נישט נעמען צום האַרצן, וואָס איך זאָג דיר, און וועסט נישט שאַנעווען דיין כבוד און מיין כבוד, נעם איך אַראָפּ די האַנט פון האַרצן און טו אַ שפּיי אויף דיר. מיין טאַכטער וועט נאָך קריגן אַן אַנדערן מאַן, אָבער דו וועסט אַרויס באָרוועס און איבער אַ נייס אָנקומען צו דער מאַמען דיינער.

איך זאָג דיר באַצייטנס, משה, פאָלג מיך און הער צו וואָס אַן עלטע־רער זאָגט. דאָס זאָג איך נאָר פון דיין טובה וועגן. ווילסטו אָפּהיטן דיין ווייב און זיין צו איר ווי אַ ייִד באַדאַרף צו זיין צו זיין ווייב, איז גוט, און מיר רעדן מער נישט פון דעם, וואָס איך ווייס און וואָס דו ווייסט... גייסטו אָבער ווייטער אין דיינע דרכים און פאַרגעסט זיך, ווייס איך שוין נישט, וואו דו וועסט אָנשפּאַרן... ביי מיר ביזטו זיכער, אַז כל־זמן איך לעב, זאָל זיך איינער נאָר דערוועגן אָנצוגעבן אויף דיר. ביסטו אָבער נישט מער מיין איידעם און איך לאָז דיך פריי, כאָטש עס איז מיר אַ האַרצווייטיק, ווייס איך נישט וואָס פון דיר וועט ווערן... דיר דאַרף מען נישט קלאַפּן כסדר אין קאָפּ. דו ווייסט שוין וואָס איך מיין...

צו דער שנור

בתיה, מיין נישט אַז איך קאָן דיך נישט און ווייס נישט דיין טבע פון אינעווייניק און פון אויסנווייניק. ביי דעם טאַטן דיינעם ביסטו נישט געווען דאָס אויבערשטע פונעם שטויסל און מקריב זיין האָט מען זיך פאַר דיר נישט מקריב געווען, אָבער זינט מיין נחמן האָט דיך גענומען און גאָט האָט אים געהאָלפן, ביסטו געוואָרן ביי דיר אַ גאַנצע פּריצה: דאָס שטייט דיר נישט אָן און יענס פּאַסט דיר נישט און דו גייסט אַרויס אין גאַס ווי די גרעסטע נגידיסטע און מיינסט, עס קומט דיר. אַז ער איז אַ שוטה און איז אין דיר פאַרנאַרט, הענגט אַן דיר און גיט דיר אַלץ נאָך, און דו, אַנשטאָט

צו דאַנקען גאָט, אַז דו האָסט אַזוי געטראָפֿן און דו האָסט גאָרנישט קיין דאגות, בלאָזטו נאָך פֿון זיך, מאַכסט קונצן און האָסט נאָך טענות, און קיינער איז קעגן דיר נישט יוצא. דו ווייסט, ווי אַזוי ער האָט דיך ליב. און אַז דו מאַכסט זיך קראַנק — איך ווייס דאָך, אַז עס איז נאָר געמאַכט — צאַפּסטו פֿון אים דאָס בלוט און ער גייט אַרום מיט אַ שווער געמיט. און ווערט דיר נישט גוט, עקט ער זיך פּשוט. צו וואָס מאַכסטו אַזוינע שטיק? פּועלן פּועלסטו ביי אים סיי־ווי־סיי אַלץ, אַפֿילו אַז דו קרימסט זיך נישט. טאָ וואָס־זשע קרעכצסטו און דאָקטערסט זיך? ביי לייטן לעבט מען בשלום און אַלץ גייט אַראָפּ גלאַט, און נאָר ביי אייך מוז מען זיך תּמיד אַריינמישן.

איך בעט דיך, בתיה, וואַרף אַוועק אָט די אַלע משוגעתן... זיי בעסער אַ מאַמע צו דיינע קינדער, און גיב אויף זיי מער אַכטונג. מען זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, דער קליינער מוז מען זען דאָס קעפּל און זי מער צוואָגן. איידער צו זיצן נאַכן אויפֿשטיין אַ שעה פֿאַרן שפּיגל, קוק בעסער אויף די קינדער און גיי טאָקע אַמאָל אין קיך אַריין און אין קאַמער אַריין... איך הער, מען זאָגט, אַז די דינסטן צעטראָגן אייך — פֿאַרוואָס מוז מען דאָס גראָד ביי דיר גנבענען די הינער פֿון שטייג? און האָסטו שמאַלץ, לאָזטו עס שטיין אָפֿן, דער צוקער איז ביי דיר נישט פֿאַרשלאָסן און דו מיינסט, עס מעלקט זיך תּמיד. און וואָס טוסטו, אַז דאָס רעדל גיט זיך אַמאָל אַ דריי אויף צוריק? קיין שונא בין איך אייך נישט, אָבער מען מוז אויף אַלץ פֿאַרקלערן. בתיה, דו מוזט פֿאַרשטיין וואָס עס הייסט צו זיין נחמנס ווייב און ווי אַזוי דאָס צו שעצן.

צו דער דינסט

ביי לייטן אַ דינסט — וואָס צאָלן זיי און וואָס צאָל איך — און ווי מען קומט אַריין אין שטוב, זינגט עס און זאָגט עס אין איטלעכן ווינקעלע. די חדרים זיינען אויפֿגערוימט, דער מעש איז געשייערט, איטלעכע זאַך האָט זיך איר אָרט, אומעטום איז ריין און ציכטיק, נאָר ביי מיר איז אַלץ קאַפּויער! מען איז כּסדר פֿאַרטאָן און קיינמאָל איז מען נישט פֿאַרטיק. אויף אַלץ זאָגט זי: מאָרגן, מאָרגן וועל איך קאָנטשען; און מאָרגן קומט אויס, אַז מען מוז אָנהויבן פֿון אָנהויב. איך פֿרעג דיך: מוז דאָס טישל שטיין דאָ און דאָס בענקל דאָ? וואָס אַרט דיך, אַז אַלץ וועט שטיין אויף זיין

אַרט? און פֿאַרוואָס זעט מען אָן די טעלער, מיט וואָס פֿאַר אַ האַנטעך מען האָט זיי געווישט? צי האָב איך דיר נישט געזאָגט צען מאָל, די לייכטער שטייען אויבן, אויף דער שאַנק, און די לאָמפּ שטייט אין דער פֿאָדערשטער שטוב? קום איך אַריין אין קיך, אַ צרה איז מיר, די שאָלעכץ פֿון קאַר־טאָפֿל וואַלגערן זיך אַרום אויף דער ערד, אַז עס איז נאָך אַ נס אַז מען גליטשט זיך נישט אויס און מען ברעכט זיך נישט אויס אַ פֿוס! די דייזשקע רינט, פֿונעם מילך־טאָפּ איז אָפּגעבראָכן אַן אויער! האַנטשערקעס וואַלגערן זיך אַרום, דאָס שמאַלץ שטייט אָפּגעדעקט און די קאַץ לעקט, און מיך קאָסט דאָס בלוט! פֿאַרוואָס אַרט דאָס דיך נישט? ביסט אַליין אין דער קיך און עס אַרט דיך נישט דער שמאָדער! ביסט, דאַכט זיך, פֿאַרטאָן ביז איבער די אויערן און עס קומט גאָרנישט אַרויס. און נעם איך זיך אַליין צו דער אַרבעט און וויל דיר העלפֿן, קומסטו נאָך און מאַכסט קאַליע, וואָס איך האָב געטאָן. און וואָס מען רעדט און וואָס מען טוט, צי מיט גוטן, צי מיט בייזן, העלפֿט דאָס נישט. שעלטן און שרייען קאָן איך נישט, אָבער לייט קאָנען דאָס יאָ און ביי זיי איז טאָקע אַלץ אַ סך בעסער.

אַמאָל און אַצינד

דער כּלל

איטלעכער ייד, אַפילו אַ פּראָסטאַק, אַ קירזשנער, אַ קאָוואַל, אַ מאַ־ראַטשניק, צי וואָס ער איז, ווייסט ביי אונדז אויך עפּעס פונעם כּלל. ער ווייסט, אַז אַחוץ זיין שטאָט וואו ער וואוינט, ווי טאָקע לאַדיזשענקע, טאַראָוו־צע, טאָלנע, יאַרמעליניעץ און אַדעס זיינען דאָ נאָך אַ סך יידן אין אַלע וויי־טע מקומות. טאָקע אין ארץ־ישראל אויך, און אין אַמעריקע — שוין גאָר־נישט צו רעדן, אויך דאָרטן אין „קירה״ און אין דייטשלאַנד... מאָנטי־פיאָרע האָט געוואוינט גאָר אין ענגלאַנד, אַזש נאָך ווייטער פונעם פראַנ־צויז. דאָרטן זיינען אויך פאַראַן אַ מין יידן. — אַז דער כּלל־ישראל איז געהויבן, איז אַ דאַנק דעם השי״ת, און אַז עס ווערן גזרות אויף יידן, לאָזט מען אַראָפּ דעם קאָפּ. וואָס איז שייך: פּרנסה איז אַפילו דער עיקר, מען מוטשעט זיך טאָג און נאַכט כּדי צו פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט. דער ענין פונעם כּלל איז אָבער אַ זאַך, וואָס איז תּמיד דאָ און וואָס גייט אין האַרצן אַריין, און נישט נאָר דער כּלל פון היינט, נאָר פון אַלע מאָל כּסדר...

אַפילו אַ סעדעכע פונעם מאַרק, וואָס איז אַריינגעטאָן אין אירע עסקים מיט די הינער, קאַרטאָפלעס און ציבעלעס, האָט אויך אַ קוק אין די ענינים. אויך זי ווייסט, אַז עס איז יידן שלעכט און אַז די דורות לאָזן זיך אויס. זי ווייסט, אַז דער טאַלנער, זכרונו־לברכה, האָט זיך שטאַרק געשלאָגן מיטן שר, וואָס האָט דאָרט אויבן געוואָלט מקטרג זיין אויף אונדז פאַרן בית דין של מעלה.

אַפילו לייצי די בעדערקע, וואָס האָט שוין קיין אויגן נישט פונעם רויך און איז אויסגעדווערט, אַז עס איז אַ רחמנות אויף איר צו קוקן, האָט זיך אויך אַ שעה, וואָס טראַכט זיך: וואָס וועט זיין פון יידן? זי טראַכט דאָס איבער אַפילו נישט אַזוי אַקוראַט, אָבער זי דערמאָנט זיך, וואָס איז געווען פאַר צען יאָרן, פאַר צוואַנציק יאָרן, אַז עס איז געווען שפע אומע־טום און מען האָט געזשעבערעט מיט די הענט, און היינט איז דער עולם

דערשלאָגן און עס איז נישטאָ פֿון וואָנען צו לעבן. אַז דער רבונו־של־עולם וועט וועלן וועט ער אויף איינמאָל אויפֿהויבן די יידן. וואָס דען: ער וועט זיי פֿאַרלאָזן? אַז זיי זיינען פֿאַרט זיינע קינדער און ער האָט זיי אַרויס־געצויגן פֿון מצרים! פֿון דעמאָלט אָן זיינען מיר אין גלות. אַזוי שטייט עס געשריבן.

גיב אַ כאַפּ אַ קרעמער אַפֿילו אין רעכטן יאַריד פֿאַר חגאַ, אַז ער איז שטאַרק פֿאַרטאָן אין לייזן און האָט גאָר מורא, מען זאָל אים נישט צע־טראָגן די קלייט, גיב אים דעמאָלט אַ כאַפּ און זאָג צו אים: הערשל, ס׳זיינען דאָ ישועות אויף יידן! וועט ער דיר טאָן אַ שפּרונג: וואָס איז דאָ? זאָג גיכער, עס שטייט שוין אויפֿן בלאַט? — אַפֿילו אַ ייד אַ קבצן, אַן אביון, וואָס גייט אויס פֿאַר אַ זעקסער, וועט דיר אַלצדינג אַוועקוואַרפֿן פֿאַר אַ שטיקל נייעס; וואָס איז שייך, דער כּלל איז עפּעס אַ קאַטאָוועס? פֿאַר זיך אַליין וואָס איז מען? אָפּגעלעבט די פּאָר יאָר און באַגראָבן, אָבער דער כּלל־יידן איז דאָך דאָ תּמיד און באַדאַרף אָפּוואַרטן משיחן. און משיח אַליין, וואָס טוט ער? ער מוז טראָגן אויף זיך אַלע אונדזערע עוונות און כּסדר בעטן גאָט, אַז מיר זאָלן האָבן אַ קיום. אברהם, יצחק, יעקב און אַלע צדיקים זיינען אויך דאָ און זיינען מליצי־יושר, בעת דער שטן איז מקטרג.

גייט אַ ייִנגל אין חדר אַריין, אָרעם און אָפּגעריסן, באָרוועס אין די גרעסטע בלאָטעס, אַז עס איז אַ רחמנות, ווייסט ער שוין וועגן נמרודן און אַמרפֿלן, און איז פֿרעהן אַ דם־שונא, פֿאַרוואָס ער האָט געמוטשעט די יידן און געלאָזט אויסקוילענען אַלע קליינע קינדער.

זיין שוועסטער יוכבדל, אָן אויסגעשמירט מיידעלע, וואָס שפּילט נאָך אין צייכן און קאָן נישט טאָן פֿון דאַנען אַהין, איז שוין אויך געוואויר געוואָרן פֿון משיחן און פֿון די ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.

דאָס וועט אָבער אַלץ זיין אַמאָל, לעת־עתּה ווערט מען פֿאַרשוואַרצט און אויסגעריסן; איך אַליין וואָלט שוין איבערגעטראָגן מיין פּעקל, אָבער דער כּלל, דער כּלל־ישראל...

מחשבות

עס איז דעם כּלל שלעכט, רבותי, מען מוטשעט זיך היינטיקע צייטן, אַז גאָט זאָל זיך מרחם זיין. דאגות און עגמת־נפֿשן גאָר אָן אַ שיעור

און די פּרנסות זיינען אַזוי דערשלאָגן, אַז מען קאָן קוים אויפהייבן דעם קאָפּ. יידן זיינען פון תּמיד אָן געוואוינט אויף זיך צו טראָגן און האָבן אַ דרך זיך דורכצושטופּן אויף דעם עולם מיט קאַשע און קרויט, מיט אַ טרוקן שטיקל ברויט. היינט אָבער ליגט דער ענין טיפער: עס איז בעצם שלעכט. נישט נאָר דער מעמד הפּרנסה, נאָר טאַקע אַלצדינג. אַלע זאַכן, וואָס זיי זיינען געווען אַ חיזוק פאַר יידן, לאָזן זיך אויס און עס איז פאַר די דורות שווער הן אין רוחניות והן אין גשמיות. דער סך־הכּל איז היינט אַ גאַנז? אַנדערער פון אונטן ביז אַרויף, פון יחיאל וואַסערפירער ביז לייב תּנחומס, פון שמעיה ראובנס ביז ראובן גרונמס פון דער פאַן. יידן, בני רחמנים, טוט תּשובה! אַז אויך דאָס איז היינט נישט מער פאַראַן ווי אַמאָל. מען איז אויסגעמאַטערט און מען באַדאַרף זיך אויסרוען, נו, נעם ווידער דעם זאַק אויף די פּלייצעס און גיי, גיי אַהין וואו דיינע אבות אבותינו זיינען קיין מאָל נישט געווען, — גיי פון איין גלות אין אַן אַנדערן.

און דעם ענין גלות גופא איז אַ שווערע זאַך משיג צו זיין. קיינער ווייסט נישט פאַר וואָס עס איז אַזוי, נאָר דאָס ווייסן מיר גראָד, אַז מיר יידן האָבן זיך פאַרזינדיקט און אַז גאָט האָט אונדז געשאַפן, כּדי אונדז צו לייטערן פאַר אונדזערע עוונות. דער אמת איז, אַז עס איז גאָרנישט מער אויסצוהאַלטן, אַז עס דערגייט עד עומקא דליבא, ביז אין האַרצן אַריין. יעקב ברבי משה, טו אויס דעם ספּאָדעק און זאָג דיר, אַז דו ביסט אַ קבצן לדור דורות, שמואל יוכבדס, נעם די טאָרבע און גיי איבער די הייזער.

איר האָט געהערט די מעשה פון דעם בן־מלך מיט דער בת־מלכּה. ביידע זיינען זיי געווען שיין ווי די זון און האָבן געטראָגן די גילדערנע קרוין, אָבער נאָך דעם זיינען זיי פאַרטריבן געוואָרן פון דעם טאַטנס טיש און מוזן קלייבן אין דער פרעמד ביינער... דער נמשל איז די כּנסת־ישראל, גאָטס פאָלק, וואָס ער האָט אויסדערוויילט פון אַלע אומות און זיי אַרויסגעצויגן פונעם לאַנד מצרים, כּדי זיי זאָלן אים דינען... אָט דאָס איז דער תּכלית־הבריאה, ווי אונדזערע חכמים זאָגן אין האַרצן, און ווי יעדער בן־תּורה טראַכט זיך בשעת ער האָט הנאה פונעם ספר, וואָס ער קוקט אין אים אַריין. דער פּשוטער עולם איז אָבער דערמיט נישט יוצא. צרות מוזן אויך האָבן אַן עק. אַז גאָט וויל אונדז שטראָפן זאָל ער אונדז כאָטש געבן אַ מקום מנוחה און נישט לאָזן פאַרשוואַרצן דאָס פּנים אין שכנות.

מזל

אַז אַ ייד שטייט אויף אינדערפֿרי, וואַשט זיך, מאַכט אַ ברכה און נעמט אַרויס דעם טלית־און־תּפֿילין, איז וואָס טראַכט ער זיך? עס איז אים אַ סך בילכער צו גיין אין מאַרק, צי אין קלייט אַריין. אַז דער קאָפּ דרייט זיך אים פֿון וואַנען צו נעמען אַפּצוצאָלן דעם גמילות־חסד, צי גאָר דעם מוטשניק פֿאַר מעל. וואָרים עס איז אַ שטאַרקע סברה, אַז ער האָט שוין דריי חדשים כּסדר נישט געצאָלט. ער איז דאָך אָבער אַ ייד און מוז דאַווענען. זיך קריגן מיט גאָט טויג אויך נישט. אַי, פֿון וואַנען זאָל ער פֿאַרט נעמען? גאַרנישט! און אַז דו טראַכסט, וועט דיר עפּעס העלפֿן? דאַנק דעם אויבערשטן, אַז מען לעבט.

חיה, זיין ווייב, איז אויך נישט פֿון די דאַזיקע, וואָס מען קויפֿט זיי צוויי פֿאַר אַ גראָשן; אָבער אַז דער קאָפּ איז איר תּמיד דערשלאָגן. עפּעס אַ מעשה, קינדערלעך זאָלן לעבן און אַ קלייט. יאָ, אַ קלייט וואָלט שוין געווען נישקשה. דער חסרון איז נאָר, אַז מען מוז וואַרטן אויפֿן קונה מיט לײדיקע קעסטלעך. דער חסרון איז, אַז ווען עס קומט שוין יאָ אַ יידענע עפּעס קויפֿן, האָט זי נישט קיין גראָשן ביי דער נשמה, און מען מוז איר באָרגן ביז דער מאַן אירער וועט קומען צו פֿאָרן. אַי, פֿון וואַנען נעמט מען פֿאָרט, ס'איז דאָך אַ שטוב: דער וואַסערפֿירער טוט זיינס, שטרוי צום הייצן מוז מען אויך האָבן; מיר דאַכט זיך, אַ בלעטל פֿאַרן קלייט גיט מען אויך נישט אומזיסט, און דאָ גאָר שכר־לימוד, פֿון וואַנען נעמט מען דאָס אַלץ? מען נעמט טאַקע נישט! פֿון וואַנען מען לעבט? פֿרעגט מיך בחרם! אָט אַזוי, מען לעבט.

אַן אַנדערע קרעמערקע, אַ שכנה, וואַרט שוין אויך פֿון אינדערפֿרי אויפֿן פּיטשאַטאַק. דערווייל, אַז קיינער איז נישטאָ, נעמט זי אַרויס דעם פֿאַרוואָגלטן „קרבן מנחה" און טוט אַ כּליפּ. מוז איר יאַנקעלע גיין אין חדר אַריין אַן איבערבייסן; עס גייט דער ווינטער און עס איז נישטאָ וואָס אָנצוטאָן; מילא זי, וואָס דאַרף זי, אָבער רבקה, אַ מיידל, היינטיקע יאָרן! וואָס־זשע זאָל זי טאָן, אַז דער פֿעטער בערל האָט גאָר נישט קיין רחמנות. גאָט איז אַן עדות, אַז זי האָט זיך גענוג געשוואַרצט דאָס פּנים.

פֿאַרוואָס — טראַכט ביי זיך לאה, יאָסל־משהס, — פֿאַרוואָס מוז הנה ביילעס טראָגן אַ האַלדז מיט פּערל און זי האָט נישט אַפֿילו קיין וואַטאָווע קלייד? פֿאַרוואָס האָט די שמחהצקע אַ שטייג מיט גענדז, און זי האָט נישט אַפֿילו אַ דרויב? דאָ מישט זיך אַריין איר מאַן יאָסל־משה, וואָס הערט דאָס

און טוט אַ זאָג: אַ יידענע בלייבט פֿאָרט אַ יידענע, לּמאַי האָב איך דיך געגומען און נישט חנהן, וואָס מען האָט זי מיר אויך גערעדט? השגחה! גיט זי אַ כאַפּ: איך זאָג דיר, נאָר מזל מוז מען האָבן, אַז איך וואָלט געהאַט מזל, וואָלט איך נישט געהאַט אַזאַ שלימעזאַלניק פֿאַר אַ מאַן. דו טוסט דען עפּעס? אַז דו גייסט תּמיד נאָר אַרום, און צי טוסטו אַ טראַכט, וואָס וועט זיין דער סוף?

איך בעט אייך, קוקט זיך גוט צו איר צו. אַז אין האַרצן האָט זי נאָר רחמנות אויף אים. צי לויפֿט ער נישט אַרום ווי אַ פֿאַרסמטע מויז און האָרעוועט נישט? דאָס הייסט, ער וואָלט שוין יאָ עפּעס געטאָן, נאָר עס איז נישטאָ וואָס צו טאָן.

וואָס־זשע וועט זיין? וואָס־זשע וועט זיין מיט די קינדער, אַז זיי וועלן אויסוואַקסן? אָט־דאָס זאָגט זיך אַלע טאָג פערל, די געפּאַלענע נגידיתטע — אָן אַנדער פֿאָטער וואָלט געטראַכט אַ תּכלית פֿאַר זיי. אָבער וואָס זאָל מען טאָן היינטיקע יאָרן מיט קינדער, אַז עס איז נישטאָ קיין געלט, און נישט דווקא ביי מיר אַליין, נאָר ביי יענעם אויך נישט, טאָקע ביי קיינעם נישט...

אַז יידן וואָלטן געהאַלטן אינאײנעם — זאָגט צו איר דבורהלע, וואָס איז געקומען אויף אַ ווײלע לייען די זיפּ און געבליבן זיצן און שמועסן — אַז יידן וואָלטן געהאַלטן אינאײנעם, וואָלט אפֿשר געווען בעסער פֿאַר אונדז. וואָס־זשע זאָל מען טאָן? וואָס איז שייך, וואָס מען זאָל טאָן? סטאַרען זאָל מען זיך! — אָט דאָס איז טאָקע, דבורהלע, אַז עס איז נישטאָ קיין מזל.

מזל מוז מען האָבן. שלמה איציס פֿאַרדינט, דוכט זיך תּמיד, אַ שיין קערבל, און אַז עס קומט צום סמיק, האָט ער נישט פֿון וואַנען צו באַצאָלן... פֿאַרקערט, איז יאַנקל משהס שוין צען מאָל בדיל הדל געוואָרן, און ער האָט אַ שטוב מיט כּל־ ולך. איר פֿרעגט קשיות? גאָרנישט! אָט דעם העלפֿט דער רבונו־של־עולם און אָט דעם נישט. מיינט איר, עס איז נישט אַזוי? — אַפֿילו צו גאָט מוז מען האָבן מזל.

גוטע יידן

אַמאָליקע יאָרן האָט דער ענין געהאַט אַ פּנים. דיי זיינען טאָקע געווען די גרויסע צדיקים, די אמתדיקע מיוחסים און אונדזער קרוין. זייער חן,

זייער נעימות, זייער צורה און זייער שיינקייט! זיי זיינען טאַקע געווען די גדולי הדור און האָבן זיך געפֿירט ווי די שררות. און אין אַלץ האָבן זיי געהאַט אין זינען דעם כלל און האָבן שטענדיק געטראַכט ווי אַזוי מתקן צו זיין אונדזערע עוונות. אַז זיי האָבן געבויט הייזער, צי געפֿלאַנצט גערט־נער, צי אַרויסגעפֿאָרן אין קאַרעטעס מיט פֿערד, איז דאָס נישט געווען אַזוי פֿראָסט, נאָר אַ מין אצילות, אַ שארית פֿון אַ זאַך, וואָס פֿאַרבלייבט ביי אַ פֿאָלק, שלא כהתה עינו ולא נס ליחו. און פֿאַרוואָס נישט, יידן, אַז זיי גלויבן אין אַ מענטשן. טוען זיי אין אים אַריין אַ כוח... עס איז געווען אַ מין התחזקות ביי די חסידים, אַז מען איז צוזאַמענגעקומען אינאיינעם. און היינט דער בטחון! די מאמינים האָבן געגלויבט און האָבן זיך מתדבק געווען צו דעם אויבערשטן דורך אמונת חכמים; און אויך אויף די ניט־מאמינים האָט דאָס געמאַכט אַ רושם: עס איז געווען ביי זיי ווי אַ נשמה־יתירה, עפּעס שבתדיקס אינדערוואַכן.

היינט אָבער שטייט דאָס גאָרנישט אויף דער דרגה. די גרויסע צדיקים זיינען נישט מער דאָ, און די קליינע מאַכן זיך אַליין גרויס. מען פֿאָרט נישט מער צו זיי, נאָר זיי פֿאָרן תּמיד אַרום, זיי האַלטן שבת אין די שטעטלעך אויף אייגענע הוצאות און קומען אומגעבעטן. אַז זיי זיינען שוין דאָ, מוז מען צו זיי צוגיין און געבן אַ קערבל. גיט מען אַ האַלבס, שעמט מען זיך נישט זיך צו דינגען מיט דער אָרעמער יידענע, מיט דער סעדעכע, מיט דער בעקערין. פֿאַר נשים גיט מען רפֿואות און מען האַלט זיך אַ יידן, וואָס שרייבט רעצעפּטן... און מיטן פּראָסטן יידן מאַכט מען שותּפֿות, דאָס הייסט, מען זאָגט אים צו שפֿע און דערפֿאַר נעמט מען נאָך עטלעכע קאָ־פּיקעס פֿון יעדן קערבל רווח. אַז אַ רבי דאַרף מאַכן געלט, איז כאַטש גלויב יאָ, כאַטש גלויב נישט. אַז אונטער די אויגן רעדט מען גאָר אויף זיי, און אַז זיי אַליין רעדן גאָר איינער אויפֿן אַנדערן. אַז די אייגענע ברידער, וואָס בלייבן איבער פֿון איין טאַטן אַ רבין, זיינען זיך דם שונאים אויפֿן לעבן און זיי רודפֿן זיך, אַז עס איז אַ חילול השם.

גלויבט מיר, דאָס האַרץ טוט מיר וויי, אַז איך זע, אַז פֿון די, וואָס זיי זיינען געווען ביי יידן אַ שיינקייט, איז אַזוי געוואָרן, אַז מיר האָבן שוין גאָרנישט...

כּלי קודש

שוין דער נאָמען אַליין זאָגט, וואָס זיי זײַנען אונדז געווען אַמאָל. היי־
ליק און ריין ווי גינגאָלד; טאַקע די גאַנצע שיינקייט פֿון שטאָט; טאַקע אַלץ,
וואָס אַ פּראָסטער בשר ודם איז צו דעם נישט זוכה. וואָס איז שייך, איטלע־
כער פֿון אונדז איז כּל ימיו אַרײַנגעטאָן אין זײַנע עסקים און אין אַלע זאַכן
פֿון עולם־הזה; יענע אָבער זײַנען אויסגעטאָן פֿון דעם אַלעם און האָבן אין
זינען נאָר דינען גאָט און לערנען זײַן תּורה. דערפֿאַר האָט זיי טאַקע דער
בורא באַשאַפֿן, אַז זיי זאָלן קונה שלמות זײַן און אונדז ווײַזן דעם דרך...
טוט אָבער אַצינד אַ קוק. גיין גייט מען אַנגעטאָן פּרימער ווי דער פּראָס־
טער עולם און מען האָט אַ פּנים ווי אַ שטיקל שיינע־מורנו. אָבער אין
האַרצן האָט מען אַלע תּאוות. מען האָט ליב דעם קערבל ווי מיר, מען גיט
אָפּ כּבוד דעם עושר ווי מיר, און מען וויל טאַקע האָבן אַ חלק אין דער־
וועלט. דער רבֿ, דער דיין איז נישט מער אַ מענטש, וואָס ווייסט נישט פֿון
צורת מטבע און שטייט נישט אויף די ד׳ אמות פֿון אַ יידענע, נאָר ער
איז שוין אַ מענטש ווי איטלעכער און לעבט פֿון זײַן דיינות ווי פֿון זײַנס
אַ קלייטל... אַז לערנען קאָנען זיי שוין אויך נישט ווי אַמאָל. אַז דער
גאַנצער ענין פֿון פּסקענען שאלות האָט נישט מער דעם טעם... מען
שיקט נאָך די דינסט אַריבער מיט אַ ביינדל, צי מיט אַ ווערעמדיקער לע־
בער, צי ווען די מילך איז אונטערגעלאָפֿן אונטער דעם טאָפּ מיט דער
זופּ, אין האַרצן אָבער איז מען דווקא נישט אַזוי מדקדק. אַ שוחט לעבט
גאָר בשפֿלות און איז זיך מבֿזה און מבוזה פֿאַר אַ פֿערציקער. אַ חזן ווען מען
גייט אַצינד אָן זינגען? שׂכירות צאָלט מען כּלומרשט נאָך אַ ביסל, אָבער
לאָמיר זיך נישט נאַרן, זיי אַלע זײַנען ווי דאָס פֿינפֿטע ראָד צום וואָגן.
— אָט די אַלע זאַכן, וואָס אַמאָל זײַנען זיי געווען דער קיום פֿון אונדזער
אומה, לאָזן זיך אויס.

מסחרים

און די מסחרים גופֿא לאָזן זיך אויך אויס. אַמאָל האָט אַלץ געהאַט זײַן
צורה. מען איז געווען אַ נגיד, ווײַל מען האָט טאַקע געלעבט אין עושר
וכּבֿוד. מען האָט פֿאַרדינט, ווײַל עס איז געווען פֿון וואַנען צו פֿאַרדינען.
דער מסחר איז געווען אַ מסחר און יידן האָבן געטאָן: מען איז געפֿאָרן

קיין לייפּציג, צי קיין יאַרמעליניעץ אויפֿן יאַריד, און טאַקע מיט די גאָלדענע רענדלעך, מען האָט געהאַנדלט מיט פּריצים, וואָס ביי זיי האָט דאָס קערבל גאָר קיין ממשות נישט געהאַט. פֿלודערן האָט מען דעמאָלט געטראָגן פֿון צען גדולים אַן אַרשין, אָבער די קעשענע איז געווען פֿול. שלמה פּייסיס איז נאָך געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ לייבל פֿון זיין עלטערזיידן און האָט זיך נישט געבלאָזן, אָבער אָנגעשטאָפּט איז ער געווען, הלוואַי אויף אונדז געזאָגט געוואָרן. וואָס האָט מען אַמאָליקע יאָרן באַדאַרפֿט? הערינג מיט ברויט, קאָליש מיט שמאַלץ! וואָס איז שייך, אַ ייד מוז עפּעס זיין אַ זולל וסובא? זעט איר, קינדער חתונה מאַכן כּיד המלך — דאָס יאָ, און טאַקע מיט די אייביקע קעסט און איידעמס בני תּורה און פֿון יחוס. איז געקומען צו אַ נדבה, האָט מען אַרויסגענומען צוויי רענדלעך אויף איין מאָל. ווער שמועסט, אַז עס איז געקומען חתונה צו מאַכן אַ יתומה, צי ביי אַ שטאַרקן ווינטער, אַז יידן פֿרירן און האָבן נישט מיט וואָס צו הייצן אין הרובע. און ווער שמועסט, אַז די באָד איז אָפּגעברענט געוואָרן, צי די קלויז, צי אַז מען דאַרף האָבן פֿאַרן כּלל, — שנירט מען אויף דאָס בייטעלע און מען גיט און מען גיט. און פֿאַרוואָס נישט, אַז דער אויבערשטער העלפֿט, אַז דו גיסט היינט אַ צענערל אויף אָרעמעלייט, האָסטו מאָרגן צוויי. גאָט איז אַ בטוח פֿאַר אַלעמען. דער אָרעמאַן האָט אויך זיין שבת און זיין יום־טוב. וואָס איז שייך, אַז יידן האָבן פּרנסה בכּבוד און זיינען ברוך־השם אינאיינעם...

היינטיקע יאָרן איז דאָס נישט אַזוי. די פּרנסות זיינען דערשלאָגן און פֿון אַלעמען ווערט אַ תּל. נישטאָ מער די בתּי־מדרשים, נישטאָ מער דער רואיקער קאָפּ, ריין פֿון דאגות, נישטאָ מער די שטיבלעך מיטן תּיקון, וואָס עס איז קיינמאָל נישט געוואָרן חמצדיק. נישטאָ מער יאָקל ציזיס, וואָס אַז מען איז אַריינגעקומען צו אים, האָט מען זיך אָנגעגעסן מיט וואַרעניעס, אַז מען האָט נישט געקאָנט דעכען. נישטאָ מער די געהויבענע מסחרים און דאָס זשעברען ביי קאָנטראַקטן און אויף טאָרגעס. אַז דאָס טועכץ איז היינט גאָר קיין טועכץ נישט און דאָס פֿאַרדינעכץ איז גאָר קיין פֿאַרדינעכץ נישט, אַז אַלץ, צו וואָס מען נעמט זיך, גייט מען דערפֿון אַרויס בשן־ועין, אַז עס איז שוין גלייכער צו זיצן אין דער היים און צו עסן אַ גרייט קערבל. אַז מען לייט ביי יענעם, איז דאָס לכתּחילה אויף נישט אָפּצוגעבן, אַז מען האָט גאָרנישט, ווען מען ראַבעוועט נישט! מיינט איר, אַז מען איז גלאַט אַזוי אַ ראַזבאָיניק און מען האָט נישט קיין רחמנות

אויף יענעמס געלט? אסור! אָבער פֿון וואַנען זאָל מען נעמען, אַז מען קאָן נישט פֿאַרדינען? די באַלמעלאָכעס גייען אַרום מיט ליידיקע הענט, און צו זיין אַ טרעגער צי גלאַט אַזוי אַ קבצן, דאָס איז שוין אַ זאַך, וואָס איז גאָר מסוכּן.

און נאָך עפּעס: דער עולם צעפּאַרט זיך גאָר. אַז היינט קאָנסטו קיינעם נישט גלויבן פֿון דאַנען אַהין. אַז הערשעלע שמעלקעס האָט שוין יאָ דער־טאַפּט אַ הונדערטער, נעמט ער די פּיס אויף די פּלייצעס און איז שוין אין אַמעריקע. האָט מען אויסגעהאָדעוועט אַ זון, וואָס עס איז שוין צייט אים חתונה צו מאַכן, מאַכט ער אַ שוויג און פֿאַרט אַוועק קיין אַדעס. וואָס־זשע זאָל ער זיצן אין דער היים, אַז עס איז לחלוטין נישטאָ וואָס צו טאָן, אַז אַלץ לאָזט זיך אויס פֿון טאָג צו טאָג. אי, איז דאָך די קשיה, אַז עס איז טאַקע אַזוי שלעכט, טאָ וואָס־זשע וועט זיין דער סוף? אַ דאָס פֿרעגן מיר טאַקע...

שמחות

אַמאָליקע יאָרן האָט דאָס טאַקע געהאַט אַ פּנים. דער לעקעך איז גע־ווען לעקעך, דער בראָנפֿן איז געווען אַ בראָנפֿן, און דער עולם האָט זיך משמח געווען, אַז עס איז געווען דערצו, אַז מען האָט חתונה געמאַכט אַ מיידל, צי אַ ייִנגל, צי מען האָט געמאַכט אַ ברית, אָדער אַ בר־מצווה, צי גלאַט אַזוי אַ שמחהלע — און פֿאַרוואָס נישט? פֿאַרוואָס זאָלן זיך יידן נישט משמח זיין? איטלעכער מענטש האָט קרובים, צי גלאַט אַזוי גוטע פֿריינט. משפּחות זיינען משפּחות; אַז גאָט העלפֿט און מען האָט די שפֿע, איז אַוודאי גוט; טאָמער איז נישט אַזוי, איז נאָך אויך נישקשה, אַז מען איז צווישן יידן. מען פֿאַרלאָזט קיינעם נישט, און אַז מען איז זיך משמח, פֿרייט מען זיך טאַקע ביז טיף אין האַרצן אַריין. יידן זיינען יידן און האָבן דעם בורא, וואָס ער האָט זיי ליב, אַז זיי אַלע זיינען זיינע קינדער, פֿון קליין ביז גרויס. טרינקען לחיים, מאַכן אַ ברכה אויף אַ שטרודל איז גוט. מען האָט הנאה צו רעדן מיט מענטשן און זיין פֿריילעך. אַז דאָרט קאָן מען לויבן די אייגענע קינדער און טאַקע זיך אַליין און ווייזן, ווי מען איז לייטיש אָנגעטאָן, אַז דאָרט רוט מען זיך אויס פֿונעם עול־הפּרנסה און פֿון אַלע דברי־חול. גאָט האָט הנאה, אַז יידן זיינען אינאיינעם און האָבן בטחון,

מען טרינקט טאַקע און מען עסט, אָבער עס איז ניט גלאַט זולל־וסובא; יידן זיינען אינאיינעם... ווער שמועסט אַ זמרל, אַ טענצל מיט דער כלה צי אָן דער כלה. דאָס איז אַ שמחה על־פּי־דין ועל־פּי־טבע.

היינטיקע יאָרן איז אָבער אַלץ נישט אַזוי... אויפֿן קוק איז אַלץ ווי עס איז געווען אַמאָל, אָבער אויף דער אמתן האָט דאָס אַלץ נישט מער דעם אייגענעם פּנים: אַז מען איז יענעם גאָר אַ שונא, בעת מען מאַכט ביי אים קידוש; אַז מען האָט בכלל נישט קיין חשק צו גאָרנישט! נאָר וואָס זאָל מען טאָן, מען מוז גיין. די חתונות אַליין האָבן נישט דעם בליאַסק פֿון אַמאָל; אַז די טאַטעס אַליין האָבן גאָר אַן אַנדער האַרץ בנוגע צו די קינ־דער; אַז די קינדער זיינען גאָר מאָדנע און ווילן גיין אין שליאַפּעס. וואָס מיר טאַטע, וואָס מיר מאַמע, ווער מיר פֿריינט? נאַ דיר אַ האַלב קערבל דרשה־געשאַנק, אַבי טשעפּע זיך אָפּ פֿון מיר. אַי, ווער נויט מיך? גאָר־נישט, זאָל אַ הונט נישט בילן: דער מחותן אַליין איז זיך אויך ניט אַזוי מתגעגע, אַז מען זאָל קומען צו אים. עס פֿאַרשטייט זיך, מען מוז בעטן ראובנען און חיימען און חייקלען, כלומרשט גוטע פֿריינט; אָבער וואָס זיי ווינטשן מיר, זאָל פֿאַלן אויף זייערע קעפּ. און וואָס איז די שמחה: איך מאַך חתונה אַ ייִנגל, אָבער ווי אַזוי מאַך איך?

אָט אַזוי גייט מען צו דער חופּה, דאַכט זיך דער רב איז מסדר־קידושין, קלעזמער זיינען אויך דאָ, צוויי יידן אין ראָזעוואָלקעס האַלטן די אָנגעצונ־דענע ליכט, און אַן אַלטע מומע מאַכט זיך אַ האַרץ און טוט אַ שפּרונג... מען פּויקט, מען גייט צו דער גילדערנער יויך, אָבער ביים טיש זיצנדיק, בשעת מען נעמט דעם לעפֿל צום מויל, טראַכט זיך איטלעכער אין האַרצן, טרעפֿט וואָס? מען טראַכט זיך: עס איז נישט דאָס, וואָס ס׳איז געווען אַמאָל...

השכּלה

אַז היינט איז השכּלה ווי אויסגעוועפּטער וויין. אַז מען מעג שוין גאָר קוקן אין אַלע ספֿרים, און לשון־קודש איז שוין אויך גאָרנישט קיין זינד. אַז די רבנים אַליין לייענען שוין גאָר די צייטונגען. דקדוק איז געוואָרן כּשר לחלוטין און מען לערנט די ייִנגלעך גאָר פֿון מעטאָדעס. אין די גרעסערע שטעטלעך איז שוין דאָ נאָר אַ „חדר־־מתוקן” מיט רוסיש און מיט עברית־

בעברית, און לאַ־די וואָס מען מעג דאָס, איז דאָס גאָר אַ מצווה על־פּי לאומיות ועל פּי חיבת ציון.

די ספּרימלעך אַליין, וואָס אַמאָל זיינען זיי געווען גאָר להשמיד ולהרוג אויף אמונות טפלות און האָבן ליב געהאַט צו שטראָפן יידן און ווען עפּעס נעמען זיי די אויגן, זיינען שוין אויך נישט אַזעלכע עקשנים און אפּי־קורסים צו בייזערן זיך אויף יידן און אָפּצולאַכן פון זייערע מנהגים. אַז זיי אַליין לויבן היינט שוין אַלץ, וואָס פריער האָט מען דערויף זיך גע־ריסן די האָר. דאָוועגען משכילים מנחה — הייסט דאָס, מען מוז נישט זיין אַ יוצא מן הכלל; פאַרקערט, מען מוז זיך אַראָפּלאָזן צום פאָלק און אים נאָכגעבן. פריער האָט מען דאָס אַלץ גערופן: שטריק און שטיינער, וואָס מאַכן אַ שווערן עול אויפן פאָלק און בינדן זיין גייסט, אַצינד הייסט אַלץ קניני־האומה.

יענער היזוק, וואָס איז אַמאָל געווען ביי די אַפּיקורסים, יענע מסירות־נפש און אַלץ, וואָס מען איז זיך מפקיר געווען, כדי צו לערנען חכמות און דווקא נאָכצוגיין נאָך דער אייגענער דעה און נישט צו חנפענען דעם כלל, איז היינט נישטאָ. ווי אויסגעשטאָרבן זיינען אַלע ערלעכע לייט און אַלע גבורים פון דער השכלה און דאָס, וואָס מען האָט גערופן אויפקלערונג. גאָרנישט, אַלץ איז היינט געוואָרן באַלעבאַטיש. אַז היינט האָט מען גאָר־נישט ליב זיך צו קריגן מיט דער וועלט און זיך עקשנען וועגן דעות... אַז היינט זיינען גאָרנישט פאַראַן קיין דעות, וואָס מען האַלט פאַר זיי מלחמה, אַז אַפילו די ציונים אַליין זאָגן נאָך דאָס, וואָס עס געפעלט דעם רוב, און טוען נאָר דאָס, וואָס פאַר דעם קאָן מען ווערן אַ חשוב און באַ־קומען אַן עליה. טאַקע דאָס אייגענע וואָס פריער האָט מען באַגאָסן מיט שפּאָט.

ניין, נישטאָ מער די צייטן פון אַמאָל. אַלץ, וואָס מיר האָבן אַצינד, איז אַפילו נישט ווערט צו ווערן דער אונטערשלאַג פון דעם, וואָס עס איז געווען אַמאָל.

חדרים

דאָס איז גאָר אַ מין בזיון. אַלע זיינען זיי היינט אַן ריח־תורה. גלאַט אַזוי: מען טרייבט צונויף עטלעכע ייִנגלעך אין שטוב, ווייל... ווייל עס איז אַזוי פון תמיד אָן. אַז דער מלמד אַליין גלויבט נישט היינט מער אין

זיין זאַך, און דעם יינגל אַליין איז אַלץ מיאוס־און־מאוס דער עצם לער־נען. וואָס טויג אים דאָס? זעט איר, רוסיש — יאָ, געלט פֿאַרדינען — יאָ. דער פֿאָטער וואָס שיקט אים אין חדר אַריין, וויל אָוודאי, אַז ער זאָל באַ־צייטנס אַוועקוואַרפֿן דאָס לערנען און זיך נעמען צו אַ תּכלית. אַי, צו וואָס שיקט ער אים פֿאַרט אין חדר? גאַרנישט, בערל שמעונס שיקט נאָך אויך זיין יינגל אין חדר און אליקים געצלס אויך, און זיי ביידע, בערל און אליקים, טוען טאַקע נאָך אים ראובנען. אַלע דריי אינאיינעם האַלטן דעם שכר־לימוד פֿאַר אַרויסגעוואָרפֿן; נאָר קיינער וויל נישט מאַכן דעם אָנהויב און אויפֿהערן. אַ ייד האָט נישט ליב צו זיין אַ יוצא מן הכּלל, נאָר ער האָט ליב נאָכצוטאָן, וואָס איינער האָט שוין געטאָן. און אָט אַזוי האַלט זיך נאָך כּלומרשט דער חדר...

און אין די גרעסערע חדרים, וואָס דאָרטן לערנט מען שוין גמרא מיט תּוספֿות און די יינגלעך האָבן טאַקע שכל, איז אָוודאי נישטאָ קיין האַרץ אין אַלעמען. דער מלמד אַליין, ווען ער וואָלט געהאַט געלט און ער וואָלט נישט מורא געהאַט פֿאַר דעם, וואָס די וועלט וועט זאָגן, וואָלט ער זיין אייגענעם זון געלאָזט לערנען אויף אַ רוסישן אופֿן. ער ווייסט, אַז דאָס איז אַ סך געזונטער ווי דער רבינו־תּם און דער רבינו מנחם־פֿון־שאַנץ. אָט אַזוי זיצט מען ביי איין טיש און מען שאַרפֿט דעם מוח און איטלעכער טראַכט זיך: וואָס זיץ איך דאָ? אַפֿילו די, וואָס האָבן שוין גאָר אויסגע־לערנט און זיינען אַצינד יונגעלייט, האָבן שטאַרק חרטה פֿאַרוואָס זיי האָבן די יונגע יאָרן פֿאַרבראַכט אויף זאַכן, וואָס פֿירן נישט צו קיין תּכלית. אַז נאָר אַ קענער האָט היינט אַ ווערט, און אַ מענטש פֿון צוויי קלאַסן איז פֿיל העכער ווי דער למדן. אַז תּורה איז היינט שוין גאָרנישט די בעסטע

רבנים

פֿון דעם וויל איך שוין גאָרנישט רעדן. וואָס איז היינט אַ רב, צו וואָס דאַרף מען אים און וואָס פֿאַר אַ צורה האָט די גאַנצע רבנות? די מופֿלגים, די גרויסע לומדים, און מענטשן מיט קעפּ און מיט שאלות־ותּשובות און טאַקע מיט יראת־שמים זיינען אויסגעשטאָרבן. שטאַרבט איינער, בלייבן דריי זין צו איידעמס, און איטלעכער זוכט זיין שטיקל

חיונה און פון איין גרויסן רב ווערן דריי קליינע רבנימלעך און אלע דריי זיינען זיך איינער דעם אנדערן דם־שונאים, ווילן צוציען צו זיך לייט און חנפענען יעדן שניידער און שוסטער, און דער גאנצער ענין איז א בזיון.

צו וואס דארף מען היינט רבנים? צו דין־תורות, צו אויסגלייכן זיך? אז אלץ דערלאנגט מען היינט אין סוד. אלא וואס, שאלות וועגן פסחדיקן באָרשטש, א בלוטס־טראפן, צי א מילכיקן לעפל וואס איז ארייגעפאלן אין א פליישיקן טאפ... ווער האלט היינט פון את די זאכן? זאגן זאגט מען דאך אפילו נישט און וועגן דעם האלט מען נאך א שטיקל רב, אבער וואס פאר אן ערך האט דאס אלץ? אז דער רב אליין שטארבט נאך א בלאט הצפירה. אז אין שטאט זיינען די משכילים די מאכערס, די ציונים און נישט ער. אז שכירות קריגט ער שוין גארנישט, נאר דאס ביסל, וואס ער האט פון הייוון און ליכט. אז דעם רבס אייגענער זון רעדט שוין שטארק וועגן שטודירן און גלויבט נישט אין דער גאנצער תורה...

אזוי לאזט זיך אלץ אויס ביי אונדז. נישטא מער יענע יארן מיט די תקיפות און מיטן כוח פון למדנות. נישטא מער יענע הייסע רבנים, וואס האבן געדאווענט און געלערנט און האבן זיך עוסק געווען אין צדקה און אין צרכי־העיר.

שוין גארנישט מער דער גאנצער ענין פון רבנות! און אפילו סמיכה, וואס סך־הכל קויפט מען דאס פאר א צענערל, איז חוזק. נאר וואס דען? עס שלעפט זיך, עס ציט זיך נאך אלץ פון אמאל, אז מען עסט אפ פונעם טעפל די אויבערשטע סמעטענע און די אונטערשטע סמעטענע, בלייבט נאך אונטן אויפן דנא א ביסל זויערמילך...

אונדזער מעמד

דריי בריוו

א

איך וויל אויסגיסן פֿאַר אײַך מײַן האַרץ. פֿריער, אײדער איך האָב אָנגעהויבן אײַך צו שרײַבן, איז מיר געווען אַ ביסל גרינגער. אַז דער קאָפּ איז פֿאַרטאָן, האָט מען קײן צײַט נישט זיך צוצוהערן, וואו דער שוך קוועטשט. איך זאָל אַ רעד טאָן מיט אַ שכן, גלוסט זיך אויך נישט, וואָרים יענעמס קאָפּ איז אויך פֿאַרטאָן. אין קלויז זײַנען דאָ די ציונים און אַז דו גיסט זיי אַ שקל, זײַנען זיי אויפֿן זיבעטן הימל און ווילן גאָרנישט מער. ווער שמועסט, אַז מען מאַכט זיך גאַריש און מען טוט זיך אָן אַ שפּילקעלע צי אַ קנעפּל מיט אַ מגן־דוד, איז מען שוין אַוודאי מלא־שמחה. און גיין מיט זיי זיך אַרײַנלאָזן אין אַ חקירה, איז גאָר קײן תּכלית נישט. אַז אַ „רעטש” פֿון נאָרדוי, איך ווייס ווי זיי הייסן אַלע, איז ביי זיי תּורת־משה. און הײַנט האָבן זיי גאָר מאַכערס בתּוך־המדינה גופֿא און דאַרפֿן אין עניני הציוניות נישט מער פֿאָרן קײן זאַגראַניצע... אײנער איז דאָ ביי אונדז, וואָס עד־היום טראָגט ער זיך נאָך אַרום מיט אַ געהיים בריוול פֿון כּהן־בערנשטײנען צי פֿון אוסישקינען, און אַלעמען ווײַזט ער דאָס און איטלעכער מוז אים צוזאָגן, אַז עס זאָל זײַן אַ סוד, וואָרים ס׳איז נוגע אין זײַער אַ וויכטיקער זאַך. וואָס בלײַבט אַ ייִדן ווי איך איבעריק, אויב נישט צו זײַן אַ נחבא אל־הכּלים, און זיך גאָרנישט מישן. עס איז מיר אַ שאָד די צונג און די לונג, און בדיעבד זײַנען מיר שוין אַ שאָד די בײנער. איר פֿאַרשטייט? אַז מען כאַפּט זיך אַרויס אין די ענינים מיט אַ וואָרט, איז מען נישט זיכער מיטן לעבן, בפֿרט נאָך אויב איר פּרוּווט צו זײַן פּוגע הערצלען אַפֿילו אויף אַ האָר, וואָס זיי גלויבן אין אים ווי אין משיחן. איר ווייסט, ייִדן האָבן אַ כּוח און אַז אײנער רעדט, רעדט דער אַנדערער נאָך, און דערנאָך צען און צוואַנציק און מער, און אַלע דערציילן זיי די ניסים ונפֿלאות און די גבורות, און איטלעכער האָט אַליין געזען מיט זײַנע

אויגן און איז דאָס אייך מוסר מיט אַלע סימנים, און דער סוף איז, אַז מיר גייען אויף דער פּאַפּירענער בריק און מיר פֿאַלן אַריין...

תּמיד בין איך געווען אַ שטילער, און אַז עס איז מיר איבערגעגאַנגען די גאַל, האָב איך צוגעביסן מיט די ציין, אָבער זינט איך האָב אָנגעהויבן שרייבן צו אייך און איך זע, אַז איר לייענט און דרוקט מיך, קאָן איך מיך שוין גאָרנישט איינהאַלטן. און איך וויל אַצינד מיט אייך רעדן פּונעם כּלל און פֿון אונדז אַלע.

אַז די פּרנסות זיינען דערשלאָגן, אַז מען האָרעוועט און מען האָרעוועט און מען קומט נישט צו קיין שום מעמד, איז שוין געננג! ווי זאָגט מען: אַפֿילו פּילניצעס עסן ווערן אויך נמאס, און ווער שמועסט נאָך זויערע קאַרשן. זיך מוטשען כּל הימים און יעדן טאָג זיך דאַרן דעם קאָפּ, פֿון וואַנען מען נעמט אויף מאָרגן און פֿאַרט גאָרנישט האָבן. האָבן אַ ווייב און נישט קאָנען זי מפֿרנס זיין, האָבן קינדער און נישט האָבן מיט וואָס זיי צו דערציען — איז שוין אויך געננג. אָבער דאָס אַלץ בין איך אייך שוין מוחל. וואָס זנאַטשעט דער יחיד, אַפֿילו ווען ער פֿאַלט שוין, צי ער ווערט גאָר אויס־געמעקט מתּחת־השמים. דער כּלל אָבער, דער גאַנצער כּלל יידן, אַן אָרעם פֿאָלק, וואָס איז אָנגעוויזן אויף זאַלץ מיט ברויט און אויף די פּאָר נגידים, וואָס קערן זיך מיט אים אַזוי אַן, ווי איך קער זיך אָן מיט אייער באָבען! דאָס אַרט שוין מער! אַ כּלל מוז דאָך האָבן פֿון וואַנען צו לעבן און נישט צו שנאַפּן פֿון לויטער ווינט. אויך דאָס וואָלטן מיר אַראָפּגע־שלונגען, אָבער וואָס עס דערקוטשעט שוין שטאַרק אין האַרצן און אין אַלע אבֿרים הפּנימיים, איז די דאגה מכּוח דעם עצם יידן, וואָס לאָזט זיך אויס. איר פֿאַרשטייט, יידן האָט מען געשלאָגן און געקוילעט אין אַלע דורות. שטעלן מיר אונדז פֿאָר כמעלניצקיס און גאָנטעס צייטן און גירוש־שפּאַניע און נאָך פֿריער ביז צו טיטוסן. און די סליחות און די יוצרות און די טייכן טרערן, וואָס זיי זיינען דעמאָלט פֿאַרגאָסן געוואָרן. נאָך היינט זע איך מיט די אויגן דעם חורבן בּיתּר און חורבן ירושלים און דעם גלות־בבֿל מיט נבוכדנאצרן, וואָס האָט אויסגעשטאָכן צדקיהון ביידע אויגן... יאָ, יידן האָבן געהאַט צו טראָגן אויף זיך שווערע פּעקלעך, און כאָטש גאָט האָט געזאָגט: בני בכורי ישׂראל, האָט ער אונדז נישט געשאָנעוועט. אויסגעריסן זיינען מיר געוואָרן, פֿאַרשוואַרצט און פֿאַרחושכט אין די אַלע ביטערע גזרות — קוקט אַריין אין שבט יהודה... און פֿונדעסטוועגן איז

דאָס גאָרנישט אַנטקעגן היינט. אַז מען שלאָגט אַ געזונטן עד־למיתה איז דאָס נאָך נישט אַזוי, ווי ווען די כּוחות גייען אויס פון זיך אַליין...

מען ווערט אַלט, פּאַניע אַרויסגעבער, אין איין האַנט האַלט מען אַ שטעקן און אין דער אַנדערער אויך אַ שטעקן. די פּלייצעס איינגעבויגן, קיין איין צאָן נישט אין מויל און איןביידע פיס אַ מיחוש. און שלאָפן קאָן מען שוין גאָרנישט. איר פאַרשטייט, דער עצם ייד איז אַלט געוואָרן. און די שטוב איז נאָך צעבראָכן, אַלע טאָג ברעקלט זיך אָפּ אַ ביסל. מיר זיצן שוין אַן פענצטער און אָן טירן און דאָ פאַלט איין אַ וואַנט און דער ווינט בלאָזט, אַז עס איז צום שטאַרבן...

לא בחידות אדבר, איך רעד דאָ נישט קיין רעטענישן. איר ווייסט דאָס אַזוי גוט ווי איך, דאָס ווייסן אַלע יידן, וואָס ווילן זיך נישט נאַרן און לאָזן זיך נישט נאַרן.

ב

וועט איר ווי אַנדערע יידן מיך פרעגן, פאַרוואָס טאַקע נישט ציוניות? פאַרוואָס זאָל מען זיין קליגער פון דער גאַנצער וועלט? שטייט דאָך געשריבן: אל תפרוש עצמך מן הציבור. אַז צוויי זאָגן שיכור, זאָל מען גיין לייגן זיך שלאָפן, און פאַרוואָס זאָל איך טאַקע נישט גלויבן די ציונים אין אונדזער שטאָט? זיי דערציילן דאָך תמיד, אַז עס טוט זיך צווישן יידן און מען קלייבט געלט פאַר ארץ־ישראל און עס איז שוין דאָ אַ באַנק מיט וועדים, מיט חברות, מיט אַ קאָנגרעס, און מען האָט שוין אַ צייט גאָר געשמועסט מיטן טערק... פאַרוואָס מוז גראָד איך שטיין אָן אַ זייט און מאַכן אַ מסופק־פנים? און אַמאָל, פריער, האָב איך מיר טאַקע געטאָן אַ זאָג: טו, וואָס די אַנדערע טוען, און גלויב אין דעם, וואָס זיי רעדן. פאַרקערט, הויב אויף דעם קאָפּ און זיי זיך אויך מקדיש צו ציוניות. טו, רעד מיט נאָך באַלעבאַטים, זאָלן זיי אויך ווערן ציונים. וואָס מער, איז בעסער, און אַז אַ סך מענטשן זאָלן האַלטן דערפון, אויך די סטאַטעטשנע און די מיושבדיקע און נישט גאָלע יינגלעך, וועט מען אפשר טאַקע קאָנען עפּעס אויפטאָן. און איר קומט אַצינד און טענהט מיט מיר דאָס אייגענע און זאָגט: רעדט ווערטער, פאַרוואָס טאַקע נישט? און דאָ שטיי איך פאַר אייך ווי אַ יינגל, וואָס מען גיט אים אַ פרעג אין מיטן דער גמרא, בשעת ער האָט נאָך נישט אַריינגעקוקט אין רש״י... איך וויל

איך עפּעס זאָגן, איך טו דאָס נישט מחמת צוויי טעמים. ראשית, גלויב איך נישט אַז די אַלע רעדערס און טוערס, אַז זיי מיינען דאָס אויף דער אמתן. מיינען מיינען זיי אַפּילו יאָ, אָבער עס איז אַן האַרץ און אַן געזונט און אַן לעבן. און שנית, גלויב איך נישט, אַז אויב אַפּילו זיי וועלן טאָן מיט חשק, צי זיי וועלן דאָס קאָנען פּועלן אויף דעם דרך, וואָס זיי טוען. דער שכל מיינער זאָגט מיר, אַז אַ שטוב קאָן מען קויפן, צי אַפּילו אַ פּאָסעסיע מיט אַ טייך און אַ וואַלד, אָבער אַ גאַנץ לאַנד קאָן מען נישט קויפן מיט קיין געלט אַליין. אַ לאַנד האָט מען לכתחילה, אָדער מען נעמט דאָס מיט געוואַלד. אין דעם איז אַ סך צו רעדן.

אָבער פון קלערעניש קומט קיין סך נישט אַרויס, דער עיקר איז אַז מען וויל, און וועלן וויל ביי אונדז קיינער נישט. דאָס הייסט וועלן וויל מען יאָ, אָבער ווי איינער וויל מען זאָל אים אַפּשיילן אַן איי און אַריינלייגן אים אין מויל אַריין...

אַז הערצל, להבדיל בין חיים למתים, האָט געלעבט, האָט זיך איטלעכער ציוני געטאָן זיין מסחר און איז זיך נאָכגעגאַנגען אַלעמען, פּונקט ווי דער ניט־ציוני. און דער חילוק איז געווען דער: דער ניט־ציוני האָט געזאָגט: פּה אשב ואקבר, דאָ וואו איך לעב אַליין אַצינד און וואו עס זיינען באַגראָבן מיין טאַטנס ביינער, וועט מען מיך אויך באַגראָבן; און דער ציוני האָט געזאָגט: אַ דאָ אין האַרצן גלויב איך, אַז הערצל וועט אונדז געבן אונדזער לאַנד, והא־ראיה ער גיט שוין, און טויזנטער מענטשן זאָגן, אַז ער גיט, און ער אַליין זאָגט אויך און גלויבט אויך מיט אַלע יידן אינ־איינעם. און דערנאָך, אַז הערצל איז געשטאָרבן, האָט מען אָנגעהויבן צו מאַכן הספדים און מען קויפט זיך זיינע בילדער און מען פּאַסט זיי איין אין ראָמען און זיי הענגען ביי אונדז פּונקט, ווי ביז אַצינד די בילדער פון מאָנטיפיאָרע און באַראָן הירש האָבן געהאָנגען, אָבער וואָס איז דער פּועל־יוצא פון דעם? דאָס פרעג איך אייך.

איר פאַרשטייט, וואָלט איך געזען, אַז אָט די אַלע רעדנערס און שריי־בערס און מאמינים אין ציוניות פאָרן טאַקע אַליין אַרויס קיין ארץ־ישראל און הויבן דאָרט אָן צו טאָן, וואָלט איך געזאָגט: פּרוטה ופּרוטה מצטרפת לחשבון גדול, אָדער וזה המספר מעט יהיה לגוי גדול. פאָרט מען אָבער קיין אַמעריקע צי קיין קאַנאַדע צי קיין אַפריקע, וואו נאָר אַ לאַנד, נאָר נישט קיין ארץ־ישראל. און אַפּילו די ציונים אַליין טראַכטן אויך, ווי אַזוי זאָלן די יידן, וואָס ווילן פאָרן קיין אַמעריקע, קומען אַהין גיך, מען זאָל זיי

נישט אָפּנאַרן אויפֿן וועג, צי חס־ושלום גאָרנישט אַריינלאָזן אין אַמע־ריקע... ובכן זאָג איך מיר, אַז מען הויבט גאָרנישט אָן צו טאָן און מען וויל גאָרנישט אָנהויבן צו טאָן, טאָ ווי אַזוי זאָל זיך דערפֿון עפּעס אויסלאָזן?

ג

אישי הכהן, הער אַרויסגעבער, הערט מיך, וואָס איך וועל אייך זאָגן. דער ציוניות איז געווען אין גאַנצן אַן אמונה־זאַך. יאָ, אמונה האָט אַ שטאַרקן יסוד און אַז מען גלויבט אין גאָט און מען דאַוונט מיט האַרץ און מען טוט וואָס גאָט האָט געהייסן צו טאָן און מען האָט בטחון, אַז ער פֿירט די וועלט, איז דאָס אפֿשר אַ זאַך, וואָס גיט צו כּוח צו לעבן, אָבער אַז מען רעדט און מען חקרנט זיך וועגן אמונה און אין האַרצן איז מען פֿאַרט מסופּק, אָדער גאָר, אַז מען רעדט וועגן דאַוונען, אַז ס'איז גוט צו דאַוונען און אַז אַ ייד באַדאַרף צו דאַוונען און מען מוז און מען דאַרף טאַקע קויפֿן אַ נייעם סידור צום דאַוונען, און מען דאַוונט פֿאַרט נישט און מען הויבט אָפֿילו גאָרנישט אָן צו דאַוונען!...

איר פֿאַרשטייט, אַז מען האָט גערעדט ביי אונדז וועגן שבת און וועגן היטן די מצוות און וועגן יידישקייט, האָט מען טאַקע אָפּגעהיט יידישקייט און מען איז געווען אַ נזהר אין דעם, וואָס מען טאָר נישט טאָן, און פֿאַר־קערט איז מען געווען אַ זריז צו אַ זאַך, וואָס איז אַ מצווה צו טאָן. אַזוי האָט דער כּלל־ישׂראל, וואָס איז תּמיד געהאַנגען אין דער לופֿטן, געקאָנט אפֿשר האָבן אַ קיום. אָבער רעדן פֿון ציוניות און פֿון תּחית־העם און רעדן אויף לשון־קודש, וואָס עס איז נישט געשטויגן און נישט געפֿלויגן, כאָטש מען מיינט, אַז דאָס גיט צו אַ חיזוק, איז גאָרנישט ווערט! איך פֿאַרשטיי, אַז אַן אַלטער פֿאָטער, וואָס האָט שוין אָפּגעדינט זיין ביסל יאָרן און זיצט אויף דער עלטער ביים עין־יעקב צי ביים תּהילים און מעמדות, און האָט חיות ונעם זאָגן, איך פֿאַרשטיי, ווי עס איז אים דאָס ממתיק זיינע אַלטע יאָרן; אָבער אַ יונגערמאַן, וואָס לאַכט פֿונעם טאַטן, און זאָגט: ניין, גענוג שוין לייענען קריאת־שמע און זיצן קוועטשן די באַנק, מען מוז זיך נעמען עפּעס צו טאָן — און הויבט אָן אויסצוטאָלקעווען, אַז דאָס וועט ער טאָן און יענס וועט ער טאָן, און הויבט אָן צו ברענגען ראַיות ברורות, אַז ער מוז עפּעס אָנהויבן צו טאָן נייס, און גייט טאַקע אַריבער צו זיין

חבר און רעדט מיט אים איבער, אַז ער מוז אויך אַנהויבן צו טאָן עפּעס, און דערנאָך קומען צו נאָך איניקע און מען מאַכט סאַבראַניעס. און עס איז שוין דאָ אפשר אַ פערציק צו פופציק מענטשן, און מען פאַרט שוין גאַר אַריבער אין אַנדערע שטעט און מען שרייבט זיך צונויף, הכלל פון הונדערטער שטעט איז געוואָרן אַ חשק צו טאָן און אַלץ מיט דעם אייגענעם לשון. „ולב אלפי צעירים קמו כאיש אחד״ און עס טוט זיך און עס פילדערט זיך אויף די בלעטער: דאָרטן זיינען יענע אויפגעשטאַנען, דאָ אַזאַ מין חברה און דאָ אַזאַ מין חברה מיט „בית מקראס׳, מיט „חדר־מתוקנס״, און דעם סוף ווייסט איר שוין — עס לאָזט זיך אויס אַ בוידעם, אַן אמתער בוידעם! די יונגעלייט האָבן אַזוי לאַנג גערעדט, ביז זיי זיינען אויך געוואָרן אַלט, און דערנאָך נעמען זיי זיך טאַקע אַליין צום אייגענעם מעמדות צי צום תהילים. נאָר אויף דייטש צי אויף רוסיש, צי גאָר צו דער געשיכטע פון תהילים. דאָס רופט מען אַן יודאַאיזם, מען פוצט דאָס אויס מיט אַ נייעם נאָמען! איך פרעג אייך, אַז איך האַלט נישט פון יידישקייט און וויל דערפון גאַרנישט האַלטן, טאָ צו וואָס טויג מיר צו וויסן די געשיכטע פון יידישקייט און דאָס, וואָס אונדזערע טאַטעס האָבן געהאַלטן? אַז דער גוף איז נישט מער דאָ, צו וואָס טויג מיר דער מלבוש? צו וואָס קאָן דאָס מיר העלפן נאָך דעם, ווען איך האָב געזען, אַז דאָס אַליין קאָן מיר נישט העלפן.

זעט איר, אַט־דאָס אַלץ קומט אַרויס פון רעדן, אַז מען רעדט און מען טוט נישט, און מען פאַרדרייט זיך דעם קאָפּ און יענעם דעם קאָפּ און מען פאַרלירט דאָס ביסל יאָרן. איר פאַרשטייט, וואָס עס איז געוואָרן דער סך־הכל פונעם גאַנצן ענין? פריער, איידער עס איז געווען ציוניות, האָט מען כאָטש געקאָנט זאָגן יידן מוסר און רעדן מיט זיי וועגן אַ תכלית... און אַז מענטשן האָבן געזען אַז יידן גייען אונטער, און אַז די קינדער זיינען שוין גאָר אַנדערע מיני מענטשן ווי די טאַטעס, און זייערע קינדער זיינען נאָך מער אַנדערש, האָבן זיי דאָס געזאָגט פראַנק־און־פריי און קיינעם איז לחלוטין גאַרנישט געקומען אויף דער דעה צו לאָזן זיך נאָרן און יענעם צו נאָרן. הייַנט איז עולם־הפוך. ראשית טאָר מען נישט אַ רעד טאָן אויף יידן און מען טאָר זיי נישט זאָגן קיין קרום וואָרט, וואָס עס שטעכט אין האַרצן! פאַרקערט, אַלץ וואָס איז שייך צו יידן, מוז מען לויבן אין טאָג אַריין, און אַלץ זוכן צו פאַרשענערן דאָס, וואָס מיר האָבן פריער קריטיקירט. און שנית נאַרט מען זיך טאַקע אַליין און מען האַלט נאָך פאַר אַ מצווה יענעם צו נאַרן, אַבי מחזק צו זיין. צו אַלטע ווייבער, וואָס זיי האָבן

שוין נישט קיין ציין אין מויל, מוז מען זאָגן, אַז זיי זיינען יונג און שיין; נאָך מער, אַז דער חולה גוססט שוין, רופֿט מען קלעזמער און מען וויל גיין צו דער חופּה. דעם נמשל ווייסט איר אַליין און דאָס ווייסן אַלע, וואָס האָבן נאָך אַ ביסל גאָט אין האַרצן.

דערפֿאַר בין איך אַזוי מרה־שחורהדיק, הער אַרויסגעבער, אין תּנחומין לנפֿשי, און מיין נשמה ווייסט נישט פֿון קיין טרייסט.

נייע בריוו

א

אישי־העורך, הער אַרויסגעבער, לעב! אָט־דאָ נישט לאַנג האָט איינער ביי אייך געשריבן אַן אַרטיקל און האָט געקאַנטשעט מיט די ווערטער: „אַהער אָדער אַהין!” איך מוז זאָגן, אַז דאָס זיינען די דריי ווערטער, וואָס מען מוז זיי אויסרופֿן פֿאַר איטלעכן יידן פֿון תּמיד אָן און בפֿרט אַצינד... מיר יידן האָבן פֿון תּמיד ליב צו זיצן אויף צוויי בענקלעך און זיך שאָקלען אַהער און אַהין... איך פֿרעג אייך, וואָס האָט זיך ביי אונדז נישט אָפּגעטאָן זייט דעם לאומיות און די ציונים און וואָס האָט מען נישט אויסגעדרונגען מן־התּורה ומן־הנביאים ומן־הכּתובים, והן על־פּי־היסטוריה, והן־על־פּי־עקאָנאָמיע און על־פּי־חכמת־הנאַציאָנאַליטעט, אַז מיר זיינען אַ פֿאָלק און מוזן זיין אַ פֿאָלק ביי זיך אין דער היים אין אונדזער אייגן לאַנד, און גענוג שוין גלות און שוואַרצן דאָס פּנים אין דער פֿרעמד... און דאָס איז גאָרנישט אַזוי טיף און נישט אַזאַ האַרבע קשיה, וואָס איז נישט צו פֿאַרשטיין. אַ מענטש איז נאָר דעמאָלט אַ מענטש, ווען ער האָט זיין שטיקל שטוב, אפֿילו אונטער אַ דאַך פֿון שטרוי, אַבי נישט צו זיצן אין שכנות, צי גאָר זיך וואַלגערן ביי יענעם.... דאָס ביסעלע מנוחה און זיין אייגענער באַלעבאָס איז נויטיק ווי לופֿט און מער נאָך ווי עסן. יאָ, אַז מען האָט לחלוטין נישט קיין אייגנס, און מען מוז אָנקומען צו יענעם און זיין ביי יענעם, טייטשט מען דאָס אויס, אַז יענער איז דאָך מחוייב מיך אויפֿצונעמען און דאַרף מיך נישט לאָזן נעכטיקן אויף דער גאַס... איך, וואָס איך האָב נישט, בין דער אייגענער מענטש ווי יענער וואָס האָט יאָ, און די ערד געהערט צום בורא, וואָס האָט זי געשאַפֿן גלייך פֿאַר אַלעמען, און האָט זי נישט געגעבן אין נדן פֿאַר יחידי־סגולה... האָט זיך אָבער

דער אייגענער מענטש צוגעשלאָגן צו אַ שטיקל אייגענער ערד, און דאָס האָט אים געקאָסט געווג מי און בלוט, און עס קומט אַן אַנדערער און וויל אין דעם האָבן אַ גלייכן חלק, ווייסט איר אַליין, וואָס מען זאָגט דעם יענעם. לאָמיר זיך נישט נאַרן: אַז די יידן זיינען געווען אין מצרים און האָבן געאַרבעט פּאַנשטשינע און האָבן געטאָן כּל עבודות קשות, און די מצרים האָבן מיט זיי נישט געוואָלט זיצן ביי איין טיש, און אין מצרים אַליין האָבן זיי אויך נישט געטאָרט וואוינען נאָר אין גושן, האָבן זיי געשריען געוואַלד און אָנגעטאָן מעשים און זיך געבונטעוועט. אַז זיי זיינען אָבער אַרויס פון מצרים און האָבן זיך באַזעצט אין כנען, און דאָס האָט מען זיי נישט געשענקט, נאָר עס זיינען טאַקע געווען שווערע מלחמות; און כאָטש מען האָט גובר געווען דעם פיינט, איז דערביי פאַרגאָסן געוואָרן געווג בלוט און מאַמעס האָבן פאַרלוירן זייערע קינדער, און ווייבער — זייערע מענער און מען האָט שוין געערדט אַנדערע ווערטער... און כאָטש משה, דער אי־דעאַליסט, האָט געוואָלט עס זאָל נישט זיין קיין חילוק צווישן דעם אזרח און דעם גר־תושב, האָט דאָס אים נישט געהאָלפן. קוקט אַריין אין די ספרים, וואָס מען האָט זיי געמאַכט נאָך אים, צי גייט אַריין אין אַ בית־המדרש, וואָס איז דאַכט זיך, אַ בית־אלהים און אַן אַרט, וואָס אַלע מענטשן דאַוונען דאָרטן צו איין גאָט, ווער זיצט אויף די מזרח־ערטער און מאַכט זיך ברייטלעך מיט די איידעמס און מיט די קינדער? טאַקע די, וואָס האָבן אָט־די שטעט! און די, וואָס האָבן נישט קיין שטעט, מוזן נעבעך הינטן אַרום שטיין אויף די פּיס און דאַוונען שטייענדיק...

אין אונדזערע תּפילות און אין אונדזער גאַנצן אופן, ווי מיר זיינען געוואוינט זיך אויסצוטייטשן אונדזער מעמד, האָבן מיר אָנגענומען די שיטה צו גלויבן אין גלות, און אַז אין גלות האָט מען פיינט יידן און מען רודפט יידן, ווייל אַזוי האָט גאָט אונדז געשטראָפט דערפאַר, וואָס מיר האָב קעגן אים געזינדיקט; און ער, כביכול, דאַכט זיך, אַ רחום־וחנון, ווי עס שטייט פיל מאָל געשריבן, איז מיט אונדז נישט קיין מקיל און שטראָפט אונדז שוין טויזנטער יאָרן, און קיינמאָל זיינען מיר פאַר אים נישט יוצא און מוזן נאָך ווערן געשטראָפט און פאַרשוואַרצט, ווייל מיר זיינען זיין פאָלק און מוזן אים דינען און טראָגן אַלץ די פעקלעך פון אַן עם־גולה... דאָס איז דער חשבון פון די אַלטע דורות און יידן האָבן געצאָלט און געצאָלט און אַלץ זיך נישט אויסגעצאָלט; וואָס מער זיי האָבן געצאָלט מיט בלוט און מיט כּל־המיני פאַרוואָגלט ווערן און גזרות רעות וקשות, זיינען זיי גע־

וואָרן נאָך גרעסערע בעלי־חובות... יידן, בני־מאמינים, ווער האָט דאָס גע־געבן אַ טראַכט? ווער האָט זיך דערוועגט צו נעמען דעם צעטל, וואָס עס שטייען אין אים געשריבן די אַלע חשבונות און אַלץ איבערצורעכענען? ווער האָט דאָס געגעבן אַפילו אַ פּיפּס?... און עס איז געקומען דער לאומיות און דער ציוניות, ויהי־אור, און עס איז געוואָרן אַ ביסעלע ליכ־טיק אין דער פינצטער. מען האָט אָנגעהויבן ווערן שטאַרקע אפיקורסים אין דעם גאַנצן ענין גלות און מען האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז דער איינציקער חוב, וואָס מיר זיינען שולדיק, איז טאַקע אונדז אַליין, צו באַ־קומען אַ שטיקל לאַנד און טאַקע נישט זיין אין גלות. פּשוט, קערן מיר זיך אום אַהיים און ווערן מיר צוריק באַלעבאַטים, ווי מענטשן דאַרפן זיין; און דאָרט, אַז מיר וועלן האָבן די מנוחה פון אַן עם, וועט זיך דער אויבער־שטער מיט אונדז איבערבעטן, און דעמאָלט וועלן מיר קאָנען טענהן צו די אומות, אַז זיי זאָלן זיין גערעכט קעגן אונדז. — איר פאַרשטייט, דאָרט ביי אונדז, אַז מיר וועלן האָבן מיט זיי סכסוכים, וועלן מיר זיין גלייך אויף גלייך; דאָ, ביי זיי, זיינען אַלע אונדזערע טענות מעשה אָרעמאַן קעגן אַ רייכן... אויף אונדזער ערד און אויף אונדזער נחלה וועלן מיר ערשט אָנהויבן צו פאַרשטיין דעם ענין פון אַן אומה און וואָס עס הייסט אָפּהיטן זיינס... עס קאָן זיין, אַז עס וועט ביי אונדז זיין אַן ארץ־זבת־חלב־ודבש און עס וועלן קומען אַנדערע אומות און וועלן זיך ביי אונדז באַזעצן, און וועלן אָנהויבן שרייבן אויף לשון־קודש און זיך מישן אין אונדזערע ענינ׳ים, און וועלן טאַקע זיצן אין סנהדרין, וועדליק זייער צאָל וועט באַטרעפן, און אין דעם דעמאָלטדיקן ירושלים וועלן זיי וועלן שבת האַלטן אָפּן די קלייטן, וואָרים זיי האַלטן זייער זונטיק צי זייער פרייטיק, דעמאָלט וועלן מיר ערשט האָבן אַ ריכטיקן קוק אין אַזויגע זאַכן און וועלן מער זיין גע־רעכט הן צו זיך און הן צו אַנדערע.

און איז מען מיט מי געקומען צו אַזעלכע רעיונות מכוח אַן אומה, וואָס איז ביי זיך און נישט ביי יענעם, איז שוין דאָס אַליין גוט און אַ סימן פון גאולה; און כאָטש, מיט די רעיונות אַליין איז מען נאָך נישט יוצא געווען און מען מוז די רעיונות אַרויסברענגען אל־הפועל, איז לכל־הפחות שוין דאָס גוט, וואָס מיר האָבן כאָטש דעם דרך און מיר ווייסן, וואָס מען האָט צו טאָן און וואָס עס גייט אונדז אָפּ... העלפט אָבער גאָט, אַז עס הויבט אָן אַ ביסל צו בלאָזן אַן אַנדער ווינט, איז גלייך אויף דער שטעל ביי אונדז שוין אויסגעוואַקסן אַן אַנדער דרך. רופן רופט ער זיך דרך־הפשרה,

אָבער אין תוך געגומען איז ער ממש קאַפּויער פֿון יענעם דרך, וואָס מיר האָבן תחילת געוואָלט... פֿריער האָט דאָס געהייסן: ווייל מיר ווילן נישט זיין אין דער פֿרעמדע, איז דאָס בעסטע פֿאַר אונדז, מיר קערן זיך אום אַהיים. היינט אָבער זאָגט מען שוין אַזוי: קודם־כל מוז מען זען קומען צו אַ תכלית דאָ אין גלות, אַז מיר זאָלן קאָנען לעבן מעשה לייט; און דערנאָך, ביי מנוחה און גוט פּרנסה, וועלן מיר פֿאַוואָלינקע אָנהויבן טראַכטן מכּוח דאָרטן... און די קלוגיטשקע ביי אונדז, וואָס זיינען בריות אויף מטהר צו זיין אַ שרץ מן־התורה, האָבן אָנגעהויבן צו זאָגן גאָר אַזוינע רייד: איז דער קאָפּ דערשלאָגן, און מען ווייסט נישט וואוהין זיך אַהינצוטאָן, האָט מען דאָך אַפֿילו נישט קיין כּוח צו טראַכטן וועגן אַ תכלית; אָבער אַז דאָ וועלן מיר האָבן וואָס אונדז קומט, און עס וועט אונדז זיין גוט אין אַלעמען און עס וועט זיין ראַוונאָפּראַוויע פֿאַר אַלע מענטשן, וועלן מיר ערשט האָבן צייט צו זאָרגן פֿאַר דאָרט און אַ רעד טאָן וועגן פּאַלעסטינע צי אַנ־גאַנדע... חכמים! איר פֿאַרשטייט, אַז מיר וועלן זיך פּלוצים גטן מיטן ווייב, און מיר וועלן זיך מיט איר מער ניט אָנקערן, און מיר וועלן קיינעם נישט האָבן וואָס זאָל דערוויל פֿאַר אונדז זאָרגן, מאַכן דעם אָנבייסן און גיין אין מאַרק: בקיצור, מיר וועלן זיין בבחינת כּאַלאָסטאָי, וואָס מוז אַליין האָבן אין זינען די שטוב, ווי אַזוי וועלן מיר דען קאָנען האָבן דעם רואיקן מוח, כּדי צו טראַכטן וועגן חתונה האָבן מיט אַן אַנדער ווייב? ניין! לעת־עתּה מוז מען זיצן מיט דער ווייב, און זאָל זי דערוויל פֿאַר־ריכטן די גרעט, קאָכן און באַקן און האָבן אין זינען די צרכי־הבית; און אַז מיר וועלן האָבן אָפּגעגעסן או זיין אויסגעשלאָפֿן, און גיין אַרויס מיטן שטעקעלע אין מאַרק, וועט מען טאָן אַ שמועס מיט שדכנים וועגן אַן אַנדער שידוך...

און אין תוך געגומען, איז אָט דאָס טאַקע דער גאַנצער מהות פֿון דעם היינטיקן ציוניזם. פֿריער האָט מען געשריען: מיר ווילן נישט וויסן פֿונעם גלות און ווילן נישט זיין אין גלות, אַפֿילו איר זאָלט אונדז אין גלות געבן גילדערנע בערג; אַ שטיקל אייגענע ערד און אונדזער לאַנד און אונדזער לשון איז אונדז טויזנט מאָל מער ניחא, ווי אַלע לענדער אין דער וועלט מיט ראַוונאָפּראַוויע אינאיינעם. היינט אָבער מאַכט מען זיך תמעוואַטע און מען זאָגט: גלות ווילן מיר אויך פּונקט ווי איר ניט־ציוניסטן, תחילת ווילן מיר דאָ מאַכן אַ טאַלק און אַריינשיקן אַ פּאָר מנינים יידן אין זעמסקי סאָבאָר אָדער אין דער דומע; בשעת־מעשה קאָנען זיי זיך טאַקע אַריבער־

כאַפּן קיין באַזעל אויף אַ ישוב־הדעת וועגן דעם באַנק פון דעם נאַציאָנאַל־פאָנד און קולטורה־ישראלית; איר פאַרשטייט: אַ פשרה! און וואָס וועט זיין דער סוף? פון אַלעמען וועט זיך אויסלאָזן אַ בוידעם, ווי איר זעט מיך לעבן.

ב

גיב איך מיר אַ רעד מיט מיין שכן, וואָס האָט אַ שטאַרקע ידיעה אין די זאַכן און לייענט די בלעטער, זאָגט ער צו מיר: דער שכל איז אַוודאי מחייב, ווי דו זאָגסט, אָבער אונדזערע גדולים און די מאַכערס האָבן דאָך אויך שכל און זייער קוק איז גאָר אַן אַנדערער.

און אויף דער אמתן. למשל, מי לנו גדול מאוסישקין, ווער איז היינט ביי אונדז גרעסער פאַר אוסישקינען? איז הערצל געווען משה, איז ער יהושע. און כאָטש ער האָט שטאַרק בדעה אונדז צו געבן פּאַלעסטינע און אונדז צו מאַכן פאַר אַן עם אין ארץ־ישראל, האָט ער פונדעסטוועגן געשריבן בריוו צו וויטען; און איך האָב געהערט זאָגן, אַז בשעת אַ גרויסע סאָבראַ־ניע פון ציונים, האָט ער געקלאַפּט אין טיש, אַז מען זאָל דאָס דערהערן אין צאַרסקאָיע סעלאָ; און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מכוח פּאַלעסטינע מוז מען שמועסן גאָר מיטן טערק און נישט מיטן רוס...

און נאָך אַ מעשה: אין אַדעס זיינען געווען צוויי יידן פון די גדולים אַנשי השם צווישן די שרייבער, וואָס צווישן זיך זיינען זיי געווען ווי פייער מיט וואַסער: מרגליות און אחד־העם. דער איינער האָט כל־ימיו געטענהט: רוסלאַנד! און האָט געקעמפט פאַר באַזעצן יידן אין רוסלאַנד און פאַר איבערנעמען אַ סך פון רוסלאַנדס קולטור. דער אַנדערער האָט תמיד גע־זאָגט ניין! לא זה הדרך! און פופצן יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער אַלץ געדרשנט מכוח דער אומה הישראלית, מכוח דער קולטור פון דער אומה הישראלית און מכוח תכונת האומה הישראלית ושורש החברה הישראלית; און בעת יידן האָבן גאָרנישט געהאַט קיין האָפענונג אויף צו קומען צו אַ תכלית, האָט ער געדרייט דאָס רעדל, הן מיט דער פען והן בעל־פה און מען האָט שוין געשמועסט ביי אונדז מכוח בני־משה און מכוח אַ מרכז־רוחני, אַזוי אַז מרגליות איז דעמאָלט געבליבן פאַרשטומט... פלוצים האָט אָבער אַ בלאָז געטאָן אַן אַנדער ווינט, און מרגליותעס פּאָזיטן האָבן אָנגעהויבן צו שטייגן; דעמאָלט האָט דער אייגענער אחד־העם אויך אָנגעהויבן צו שמועסן

מכּוח רוסלאַנד, און כאַטש ער האָט דאָס געטאָן אויף זיין שטייגער, איז עס פאָרט נישט געווען דאָס, וואָס ער האָט פריער געזאָגט.

איך וויל אייך עפּעס זאָגן: אַז מען שלאָגט יידן און מען רודפט זיי, און יידן טוען אַנטלויפן אין אַן אַנדער לאַנד, וואָס דאָרטן איז פאַראַן אַ ביסל מנוחה, איז נאָך נישט אַזאַ חידוש. אַזוי טוען בכלל אַלע מענטשן, וואָס מען רודפט זיי און וואָס מען רודפט זייער אמונה. אָבער עס איז פאַראַן אַ צייט, וואָס דווקא הבטחות און טאָן גוטס איז פאַרן כּלל נאָך אַ סך ערגער, ווי אַז מען שלאָגט אים, און דערפון מוז מען נאָך מער אַנטלויפן. דער אַלטער פרומער דור, אַפילו די גבירים, וואָס זיינען נתעשר געוואָרן אין די גרויסע שטעט, האָבן דאָך נישט געוואָלט אַריבערנעמען דאָס גאַנצע הויז־געזינט פונעם קליינעם שטעטל אין דעם גרויסן מקום, וואָרים דאָרט גייען די קינדער אַראָפּ פונעם דרך־הישר און דער יצר־הרע האָט דאָרט מער שליטה... דאָס וואָלט געווען אַ קרבן, וואָס אחד־העם האָט באַזאָרגט הייסן צו ברענגען, און אַפילו אוסישקין וכל־הסוויטע. זאָגט דאָך די גמרא: גדולה הסרת טבעת יותר ממ״ח נביאים שעמדו להם לישראל. יידן לערנט מען אָפּ מיט קלעפּ אַ סך מער ווי מיט נביאים; און דאָס ווייסט אחד־העם אַזוי גוט ווי יעדער, און דאָס ווייסן אַלע וואָס קאָנען דעם עצם יידן. כּדי יידן זאָלן זיין אַ פאָלק, דאַרף מען זיי בויטן דערצו. און דאָס האָבן שוין געזאָגט די ערשטע ציונים, וואָס זיינען גרויס געוואָרן... אַצינד ווילן זיי לייגן צוויי פּאָר תּפילין, כּדי יוצא צו זיין הן פאַר רש״ין והן פאַרן רבינו־תּם. און דער סוף איז, אַז מען לייגט גאָרנישט קיין תּפילין, און עס איז נישט אַהין און נישט אַהער. מען קאָן נישט טאָן צוגלייך צוויי זאַכן: מען קאָן נישט וועלן כּובש זיין פרעהן און בלייבן זיצן אין מצרים.

ג

ווערט איר מיך פרעגן: אַז נישט אוסישקין און נישט אחד־העם, פאַרוואָס טאָקע נישט די שיטה פון מרגליותן צי גאָר פון דובנאָוון? קאָנען מיר דאָך ווייטער בלייבן אין רוסלאַנד צי אין גאַליציע מיט אַ ביסל קולטורה־עברית. פאַרוואָס זיינען מיר ערגער פאַר די פּאָליאַקן צי די ליטווינער צי די אַנדערע אומות אין רוסיה־הגדולה? און פאַרוואָס קומט אונדז נישט, מענטש האָט מען צו אונדז גלייכע חובות, ווי צו איטלעכן, וואָס טראָגט וואָס עס קומט זיי? — ערגער זיינען מיר טאָקע נישט, און על־פּי־בחינת

אויף זיין פנים דעם צלם־אלהים. דער ענין איז נאָר, אַז דער צלם־אלהים־מענטש קומט נישט אַרויס גלאַט אַזוי אָן אַ לבוש און אָן אַ צוגאָב, וואָס מען רופֿט דאָס אַ פֿאָלק. און דאָס וואָס עס איז, דאַכט זיך, גאָרנישט דער עיקר — וואָרים דער עצם מענטש איז דער גלייכער צווישן אַלע אומות און אַלע לשונות — איז פֿאָרט דער עיקר; און איז מען אַ פֿאָלק, איז אַט־דער טפל גאָרנישט מער קיין טפל. און נאָך מער: אויך אָט־דער לבוש מוז האָבן זיין לבוש... מענטשן, וואָס זיינען אַ באַזונדער פֿאָלק, האָבן אויף זיך דעם לבוש פֿון אַ באַזונדער לשון און פֿון באַזונדערע מנהגים, וואָס זיינען נוגע דעם אייגענעם נפש, און דאָס איז דאָס העמד אויפֿן לייב פֿון זייער אומה. וויל מען אָבער נישט אַרומגיין אינעם בלויזן העמד אויפֿן גאַס, מוז מען אָנטאָן אַ לייבל און אויף דעם לייבל אַ בגד. דער מכוון איז: אַן אייגן לאַנד און אַן אייגענע ממשלה. יידן אין רוסלאַנד און אין אַנדערע לענדער קאָן מען מאַכן גלייך, אַז זיי זאָלן אויך זיצן ביים טיש און באַקומען דעם גלייכן חלק, ווי דער וואָס זיצט אויבנאָן, אָבער מען קאָן פֿאַר די יידן נישט דעקן זייער אייגענעם טיש... די פּאָליאַקן און די ליטווינער זיינען ביי זיך און מיר זיינען נישט ביי זיך. אַחוץ די געציילטע קאָלאָניעס אין כערסאָנער גובערניע, האָבן מיר נישט אין רוסלאַנד קיין אייגענע ד׳ אמות, וואָס זיי זיינען שייך צו אונדז. מיר זיינען לויטער בלעטער אויף אַנדערע ביימער...

אַז מען וויל, אַז יידן זאָלן אָפּהיטן שבת, מוז מען זיי געבן אַ יידישע וואָך און אַ יידישן מאַרק; יידישקייט, יידישע שפּראַך, יידישע געשיכטע און יידישע מנהגים, דאָס אַלץ זיינען קאָנטע־בלעטער פֿון אַ גרויס בוך, וואָס אין אים שטייט פֿאַרשריבן יידיש לעבן. איז אָבער נישטאָ קיין אייגן יידיש וואָכעדיק לעבן, העלפֿט נישט, אַז מען פֿאַרשרייבט, וואָס עס איז נישטאָ... איך גיב אייך נאָך אַ משל: פּאַפּיר־געלט און פּאָזיטן האָבן נאָר דעמאָלט אַ ווערט, ווען די מדינה קאָן זיי אויסבייטן אויף גאָלד, אַניט זיינען זיי ווי אַ שטר־חוב, וואָס מען קאָן אים נישט באַצאָלן... טאָלסטאָי און שענקע־וויטש און אַלע גרויסע לייט פֿון דער רוסישער און פּוילישער ליטעראַטור, און דאָס וואָס מען רופֿט אָן רוסישער און פּוילישער גייסט, זיינען נאָר פּאָזיטן אויף דעם עצם רוס און אויף דעם עצם פּאָליאַק. און אַז עס וואָלט נישט געווען במציאות קיין רוסישער פּויער, צי קיין פּוילישער, וואָלט נישט געהאַט קיין ממשות דער גאַנצער קיום פֿון די אומות אויף זייער אייגענער ערד, און דער גאַנצער גייסט וואָלט טאַקע אויך נישט געהאַט קיין קיום. תנאים שרייבט מען אויף אַ קנס־מאָל; און אַ קנס־מאָל מאַכט מען, אַז אַ

ייִנגל ווערט אַ חתן מיט אַ כּלה. איז אָבער די כּלה נאָך גאָרנישט פּאַראַן, העלפֿט נישט, אַז מען נעמט אַ בויגן פּאַפּיר און מען שרייבט מיט גרויסע אותיות: המגיד מראשית אחרית!

האָט קיין פּאַריבל נישט, הער אַרויסגעבער, אַז איך זאָג, אַז די גאַנצע ייִדישקייט פֿון אחד־העמען און אַפֿילו פֿון דובנאָוון איז נישט מער ווערט, ווי אַזוינע מיני תּנאים... דער חתן איז דאָ, אָבער די כּלה א״ז נישטאָ! לאַנד, אַן אייגן לאַנד!

איך פֿרעג אייך, צי וואָלטן מיר געקאָנט האָבן די דינים פֿון יובל און אַלע חוקים און משפּטים, וואָס זיינען שייך צו אַ פֿאָלק אין זיין אייגן לאַנד, ווען ייִדן וואָלטן געווען אין דער פֿרעמד?

האָט איר געזען, אַ פֿאָלק זאָל לעבן פֿון גאָלע געשיכטע? איר פֿאַרשטייט, רוסלאַנד צי עסטרייך קאָן אונדז געבן שטעלעס, ווערדליק מיר פֿאַרדינען לויט אונדזערע פֿעאיקייטן, אָבער זיי וועלן נישט אויפֿפּעפּענען אַ באַנק מיטן שילד: „ייִדיש פֿאָלק״, און עס ליגט בכלל נישט אין דעם כּוח פֿון אַ ממשלה צו מאַכן אַ פֿאָלק אָן אַן אייגענער ערד, צו וואָס זאָל מען זיך נאַרן? צו וואָס זאָל מען בויען שלעסער אין דער לופֿטן?

מיינט איר, אַז מיין האַרץ שלאָגט נישט? מיינט איר, אַז איך פֿאַרשטיי נישט, אַז ווען מען קאָן נישט דערגרייכן אַ סך, מוז מען כאָטש זען דערגרייכן ווייניק? אַז אויב מען קאָן נישט באַקליידן דעם אָרעמאַן און אים געבן אויף אַלץ וואָס ער באַדאַרף, מוז מען אים געבן כאָטש שטיוול, כּדי ער זאָל נישט גיין באָרוועס... און צי ווייס איך נישט פֿון די אַלע גזרות און וואָס מען איז נישט זיכער מיטן לעבן... מילא דאָס קאָן מען דאָך מאַכן, אַז ס׳זאָל כאָטש נישט זיין אַזוי. מען מוז פֿאַרט געבן ברויט דעם ייִדן, וואָס הונגערט מיט ווייב און קינדער.

נאָך צוויי בריוו

א

טוט אַ קוק ביי אונדז, פּאַניע, פֿריער! נאָך איידער עס איז געווען דער גאַנצער טאַראַראַם, וואָס איז דאָס געווען פֿאַר אַ מין מענטש למשל גאָרדאָן, צי סלאָנימסקי, צי טאַקע דער אַלטער לעווינזאָן און אַלע גדולים פֿון יענער תּקופֿה? גלייבט מיר, איך ווייס זייערע חסרונות; אָבער זיי זיינען

געווען מענטשן מיט אידעאַלן און מיט אַן ערלעכן רצון. און אַז איינער איז צוגעשטאַנען צו זיין זאַך, איז דאָס טאַקע געווען מיט האַרץ און ער האָט זיך מפקיר געווען, אָבי אויפצוקלערן די יידן! און וואָס זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין און זיינען געוואָרן גערודפט בכל עיר ועיר, באַדאַרף איך אייך נישט צו זאָגן. און וואָס האָבן מיר היינט פאַר אַ דור? וואָס באַדאַרף מען היינט ביי אונדז, כּדי צו ווערן אַן אדם־גדול און אַ ראש־הקהל — צי טאַקע דער מנהיג הדור והספרות? יינגלעך, פּשוטע יינגלעך, וואָס האָבן נאָך נישט קיין פונק פון אייגענעם געדאַנק צי אַן ערלעכן רגש, זיינען היינט עורכים פון „זשורנאַלן. אַלע וויכטיקע שאלות פון די כּנסת־ישראל האַלטן זיי איינגעשלאָסן ביי זיך אין קעסטעלע, וואָס נאָר ז״י אַליין האָבן דעם שליסל דערצו. יינגלעך, וואָס האָבן נאָר־וואָס אָנגעהויבן צו לייגן תפילין צי אויפגעהערט צו לייגן תפילין, לאָזן זיך שוין אָפּמאָלן און מען פאַרקויפט זייערע פּנימער פאַר לעזע־צייכנס... פאַרצייטן, אַז אַ יינגל וואָלט געשריבן אַ מאמר, וואָלט קיינער פון דעם נישט געוואוסט, היינט אָבער הייבט מען אים באַלד אַרויף אויפן כּסא־הכּבוד... און כּל־ישראל. מדן ועד באר־שבע מוז זיך לאָזן פירן ביים נאָז פון אַזאַ יינגל, וואָרים, אַז נישט, איז מען אַ כּופר־בעיקר און מען וויל נישט די גאולה... מען איז געוואוינט ביי אונדז צו שעלטן אונדזערע פריערדיקע פּרנסים און מנהיגים; אָבער זיי זיינען כאָטש געווען תקיפים און האָבן געהאַט כּוח, היינט באַדאַרף מען גאָר קיין תקיפות נישט. צוויי יינגלעך באַדאַרפן נאָר צו זאָגן, אַז יענער און יענער איז אַ גדול, קומען שוין נאָך יינגלעך און נאָך יידן און מען ווערט אַ מלך בישראל!

קיינמאָל איז נישט געווען ביי אונדז אַ תקופה, וואָס מען האָט אַזויפיל געשריען און געליאַרעמט און סתם מרעיש־עולמות געווען, ווי אין דער תקופה פון ציוניות און פון „תחיה", און קיינמאָל איז נאָך נישט אַזוי ווייניק אַרויסגעקומען פון אַ רעש ווי איצט.

פון די ציונים אין באַזעל און אין אַנדערע לענדער, וואָס אַלץ איז ביי זיי עפ״י הפּאַרלאַמענט און עפ״י פּאַרטייען, וויל איך נישט רעדן, אָבער אַפילו די חובבי־ציון אין אַדעס, וואָס זיי זיינען כּלומרשט אנשי־מעשה, וואָס האָט זיך אַלץ מיט זיי אָפּגעטאָן אין די בלעטער און אויף די סאָב־ראַניעס! און וואָס איז געווען דער פּועל־יוצא? מען זיצט זיך טאַקע ווייטער אין אַדעס און אין כאַרקאָוו; און אַז מען זיצט דאָרט אָפּ פינף־און צוואַנציק יאָר, און מען האַנדלט, צי מען מאַכט חתונה קינדער און מען

לעבט בכלל ברייטלעך און מען דינט שטענדיק דעם ציוניזם, באַקומט מען אַ דיפּלאָם, אַז מען איז אַן אמתער חובב־ציון. איר פאַרשטייט ווערטער?

און וואָס איז דער וואונדער, אַז עס האָט אַנגעהויבן בלאָזן אַ ווינטל פון דער אַנדערער זייט, און מען האָט אָנגעהויבן שמועסן פון זאַכן, וואָס זיינען גאָר להפך־ולהפך פון דעם גאַנצן חיבת־ציון, האָבן טאַקע די בעלי־הדיפּלאָמעס אַליין אָנגעהויבן צו קלערן מאַכן יד־אחת מיט יענע, און זיך גאָר מיעץ זיין בחברותא און בשותּפות מיט יענע. — און דער סוף איז געווען, אַז ביי ביידע האָט מען אויסגעשלאָגן דעם דנאָ.

ב

וועט איר מיך פרעגן: איז שוין גאַרנישט פאַראַן קיין שותּפות? זיינען דאָך היינט דאָ ביי יידן „פּועלי־ציון", וואָס ווילן דווקא זיין ציונים און גאַרנישט אין אַדעס, צי אין קיעוו, נאָר אין ארץ־ישראל, אויף דער אייגע־נער ערד אַליין, און דערביי טאַקע פּועלים און פאַרלאַנגען טאַקע אַלץ וואָס דעם פּועל קומט, וועדליק דער סאָציאַלער גערעכטיקייט; אדרבה, הויבן מיר אָן אין דעם הייליקן לאַנד, און פירן מיר דאָרט די דינים און די חוקים־צדיקים, וואָס פון דאָרט וועלן זיי זיך אויסברייטערן אויף דער גאָרער וועלט... אָבער דאָס איז נישט אַזוי גלאַט. און מיין שכל זאָגט מיר, אַז דאָס הייסט וועלן אַריבערשפּרינגען איבער אַ באַרג. ווילט איר האָבן מילך, מוזט איר האָבן אַ קו; און ווילט איר האָבן אַ ריינע שטוב, מוזט איר בראש־וראשון האָבן אייערע אייגענע ד' אַמות. אוודאי איז אָדם קרוב לעצמו, איטלעכער שטייט זיך נעענטער און האָט אין זינען זיך, און נישט יענעם. אָבער די פּועלי־ציון ווילן דאָך נישט נאָר דווקא טובת־הפּועלים, נאָר ציון און טובת־ציון. קודם־כל ווילן זיי, עס זאָל זיין אַ יידיש לאַנד, אַן אייגנס און נישט קיין פרעמדס. אָבער אַ לאַנד באַקומט מען נישט מיט גאָלע גערעכטיקייט און מיט דעם ריינעם סאָוועסט. און טאַקע דער איי־גענער משה־רבינו, וואָס האָט געזאָרגט פאַרן קנעכט און פאַרן אָקס, זיי זאָלן אום שבת רוען, האָט גאַרנישט פאַרגעסן טויזנטער מאָל אָנצוזאָגן די יידן: לא תחיה כל נשמה! און ער האָט זיך דערביי קיינמאָל נישט פאַרהיקעט... צוערשט מוז אַ מענטש קאָנען שטיין אויף ביידע פיס, און גיין מיט די פיס, דערנאָך קאָן ער שפּרינגען אויף שטאָלצן און מאַכן קונצן... צוערשט דאָס פּראָסטע שטיקל גמרא מיט רש"י, און דערנאָך

קומט אָבער דער מהרש״א מיט מהר״ם שיף. הויבט מען אָבער אָן מיטן מהר״ם שיף, איך פֿרעג אייך, וואָס קאָן דערפֿון אַרויסקומען, און ווי קאָן מען דערמיט אויספֿירן אַ בנין, אַ גאַנצן בנין פֿון אָן עם באַרצו? אונדזערע יונגעלייטלעך אין פּאַלעסטינע זאָלן מיר מוחל זיין, אַ דורש־רעתם בין איך אַוודאי נישט, אַ פּראָסטער ייד ווי איך זוכט אָבער נאָר דעם תּכלית, וואָס האָט הענט און פֿיס און וואָס מען קאָן דאָס משיג זיין. אָבער דאָס זעט מען ביי קיינעם נישט, טאַקע ביי קיינעם נישט...

וועגן יידיש

בריוו צו אַן אַרויסגעבער

א

איר מעגט דאָס בריוול איבערלייענען און איך גיב אייך רשות דאָס צו ווייזן אַנדערע אין אייער בלאַט. פֿאַרקערט, איך בעט אייך, טוט דאָס.

איך בין נאָר אַ לעזער און נישט קיין שרייבער, אָבער איך זאָג: משפּט מיך! ווייל מען אָבער עמעצן משפּטן, אַז ער טוט נישט רעכט און האָט נישט רעכט, מוז מען דאָס טאָן שטיל און אָן זידלעריי. איר פֿאַרשטייט, בנוגע זיך אַליין קאָן מען אַמאָל טאָן אַ שעלט, עס שאַדט נישט; אָבער בנוגע יענעם, כּל־זמן יענער איז נישט קיין הולטאַי און נישט גלאַט אַ פּאַדלעץ, וואָס פֿאַרדינט מען זאָל אים אויסשייגעצן, מוז מען האָבן אפֿשר, כאָטש זיין סברה איז נישט אַקוראַט אַזוי ווי מיינע. מען זאָגט, איטלעכער מיינט ביי זיך, אַז ער האָט געטראָפֿן, און אַפֿילו אַז איינער איז זיך טועה און גייט גאָר אַראָפּ פֿון דרך, טראַכט ער ביי זיך אין האַרצן: איך האָב דעם אמת און איך האָב ליב דעם אמת. און דערפֿאַר אַליין מוז מען אים מוחל זיין.

איך זאָג דאָס אַנטקעגן דעם, ווייל אייער שופֿט בן־קלמן ווייזט מיר אויס צו זיין אַ הייסבלוטיקער און, ער זאָל מיר מוחל זיין, האָט גאָר קיין מאָס נישט. איך פֿרעג אייך, וואָס האָט ער אויסגעלאָזן דעם כּעס צו דער „יידישער צוקונפֿט”? און כאָטש איך האָב זי עד־היום נישט געזען, האָב איך דאָך געלייענט אין די בלעטער, אַז אַפֿילו אייער בעל־מחשבות און אחד־העם שרייבן דאָרטן, ווי ביי אייך, און אַפֿילו שטיינבערגן האָט דער אַרויסגעבער פֿון יענעם בלאַט, דאַכט זיך, אויך נישט אויסגעטראַכט, וואָרים וואו מען טוט נאָר אַ קוק אין אַלע לשון־קודשדיקע בלעטער און אין אַלע יידישע בלעטער, זאָגן זיי מיט אים יוצרות... אַז בן־קלמן האָט נישט אַזוי שטאַרק ליב די ציונים, און ווייל פֿאַר זיי עפּעס אַנדערש, און מיינט דאָס מיטן יצר־טוב, מעג ער דאָך אַ ביסל פֿאַרשטיין, אַז אויך ביי זיי איז נישט לויטער יצר־

הרע, און אז אַ ייד קומט און וויל אַרויסגעבן אַ בלאַט פֿאַר ציוניות, מוז מען אים גלויבן, אַז ער מיינט דאָס באמת און וויל דעם אמת. כּל־זמן מען האָט אים נישט געכאַפּט ביי דער קעשענע. איר פֿאַרשטייט, מיר לעבן אין אַ דור פֿון צרות־ישׂראל און נישט נאָר עס קוועטשט דער שוך, — עס טריקנט דער מוח, עס טוען וויי די הענט און פֿיס און אַלע אברים. איטלעכער מענטש מיט אַ האַרץ דאָקטערט און וויל דאָקטערן, אַי וואָס איינער שרייבט דעם רעצעפּט נישט אַזוי גוט, דעם חולה איז ער אָבער תּמיד מחזק.

לאָזן מיר די „יידישע צוקונפֿט" און זעען מיר צו, וואָס בן־קלמן זאָגט מכּוח ביאַליקן, אַפֿילו בשוגג: איטלעכער האָט זיך זיין יו"ט — הויבט ער אָן — ביי דער רעדאַקציע פֿון „הצופֿה" איז אַ יו"ט ביאַליקס אַ שיר, און ביי אים, ביי בן־קלמנען, איז אַ יו"ט, אַז ער באַקומט אַ העפֿט פֿון דער אַלגעמיינער יידישער ענציקלאָפּעדיע.

כאָטש איר זאָלט מיך הרגענען, הויב איך נישט אָן צו פֿאַרשטיין, וואָס דאָס הייסט „אַלגעמיינע"; און „ענציקלאָפּעדיע", דאָס איז גאָר אויף טערקיש און נישט פֿאַר מיינע ציין. איך נעם אָן, אַז די יידישע ענציקלאָפּעדיע איז גוט און פֿיין און וואויל. כאָטש פֿון די פּאָר בלעטלעך, וואָס זיינען אַמאָל געלעגן אין „פֿריינד" האָב איך געזען, אַז עס איז גאָרנישט אַזוי פֿויגלדיק און גאָרנישט ווי מען רעדט צו יידן. אָבער אַפֿילו אַז איך בין מיך טועה און ווען אַפֿילו איך גלויב שוין בן־קלמנען, אַז דאָס וועט גאָר ברענגען די גאולה פֿאַר יידן, פֿרעג איך אייך, צי קאָן ער נישט אַרויסזאָגן דאָס גלאַט און פּראָסט, אָן שטעכווערטלעך בנוגע צו לשון־קודש און צו ביאַליקן? איך ווייס נישט, צי ס'איז שוין דאָ אַצינד אין דער ענציקלאָפּעדיע וועגן ביאַליקן, אָבער איך ווייס, אַז ביאַליק וואָלט געמעגט דאָרט שטיין; און דאָס ווייס איך אויך, אַז ביאַליק איז נישט קיין חונף, און אַז ער רעדט וועגן יידן, זאָגט ער אַרויס אַזאַ ביטערן אמת, אַז מען ווערט נבהל, ווי צו נעילה אין שול. ביאַליק איז נישט אַזוינער, וואָס פֿאַרשטעלט זיך און מאַכט דעם כּלל־ישׂראל פֿאַר אַן איידעמל, וואָס זיצט ביים רבונו־של־עולם אויף קעסט און האָט גאָרנישט מער צו טאָן ווי צו שאָקלען זיך, צי גאָר דאַווענען און לערנען; פֿאַרקערט, ער רייסט ביי אונדז אַראָפּ די זיידענע קאַפּאָטע און זאָגט אונדז פֿון אַלע דורות אַזאַ מוסר, וואָס אַזוינס האָט מען נאָך נישט געהערט.

נייַן, בן־קלמן, מיר באַדאַרפֿן אַצינד נישט האָבן קיין ענציקלאָפּעדיע, וואָס זאָל אונדז פֿאַרטייטשן די ווערטער פּיפּערנאָטער, פּובליציסט, צי

אפילו קונסט... מיר באדארפן האבן מקוננים, וואס זאלן קלאגן אויף אונדזערע יארן, און אז זיי קומען טאקע, טא פאלט כורעים און וויינט מיט זיי אינאיינעם.

ב

איך האב נאך נישט געהאט קיין צייט צונויפצולייגן דעם בריוו און אוועקשיקן אים צו אייך, ווי איך האב א קוק געטאן אויף דער לעצטער זייט פון „דאס יידישע ווארט" און האב דערזען ווי אזוי בן־מיכל (אפנים א ברודער פון בן־קלמנען) קריגט זיך מיט די העברעאישע פובליציסטן. מיינט ער דאס פאליציסטן? דאס ווארט פאליטיק פארשטיי איך.

איך געפין דארט ביי בן־מיכלען צוויי פיצלעך פון א געדאנק. ראשית זאגט צייטלין, וואס אויף אים בייזערט זיך שטארק בן־מיכל, אז די גאולה פון כלל־ישראל וועט נאך נישט זיין, ווען אפילו יידן וועלן מעגן וואוינען אין גאנץ רוסלאנד און קויפן דארט ערד, והא־ראיה: גאליציע; זאגט בן־מיכל, פונקט קאפויער, פון דעם, וואס דו ברענגסט א ראיה, איז געדרונגען דער היפוך. שנית זאגט צייטלין, אז אפילו ביי פראסטע מענטשן, וואס זיי זיינען נישט קיין באלעבאטים און נישט קיין יודעי־ספר, איז אויך דא א חילוק פון איין אומה צו דער אנדערער; און בן־מיכל זאגט: ניין, פאר אזעלכע זיינען אלע מענטשן גלייך...

איך סמעיע נישט זיך אריינצולאזן אין דער מחלוקת און זאגן ווער פון זיי ביידע איז גערעכט. מיר דאכט זיך, אז צרות־ישראל בעצם איז נישט גראד אין דער שאלה, צי מען מעג ערגעץ וואוינען צי מען טאר דארט נישט וואוינען. און אז מען טוט א קלער, אז א גאנצער כלל פון יידן, וואס עק־סיסטירט אזוי לאנג, שוין פון אברהמס צייטן, און האט דאכט זיך די תורה, מוז נאך אצינד שטיין ביי דער טיר ביי יענעם און בעטן רחמים, מען זאל אים אריינלאזן אין א פרעמדער שטוב, און ער האט נישט קיין אייגענע שטוב, שווארצט געגוג דאס פנים... און וואס איז שייך צום צווייטן פונקט, דאכט זיך מיר, אז ווען מען פארט אין דער פערטער קלאס צווישן לויטער גויים, און מען איז אנגעטאן אין א פעלצל ווי זיי, און מען רעדט גויאיש ווי זיי, און מען גייט אויפן טאג ווי זיי, איז מען אוודאי מיט זיי א מחותן. ווילסטו אבער רעדן יידיש און שטיין אן א זייט, ווען

זיי צעזינגען זיך אויף זייער לשון, ווילסטו אַנהויבן גאָלדפּאָדענס אַ לידל — דאָס איז שוין גאָר אַן אַנדערע זאַך.

מילא, זאָל זיין אַז בן־מיכל איז געזעצט. וואָס־זשע זידלט ער אַזוי צייטלינגען, וואָס לפלוג רעדט ער דאָך גאָרנישט אַזוי פון וועג?

זעט איר, וואָס איר קריגט אייך אין אָנהויב מיט לודוויפּאָלן, וואָלט מיר גראָד געפעלן, אָבער נישט ווייל איך בין אויף אייער צד: אין דעם איז אַ סך צו רעדן... לודוויפּאָל, כאָטש ער איז גאָלע לשון־קודש, דאַכט זיך מיר, האָלט נאָך נישט גאָט ביי די פּאָלעס, און אומגעקערט איז אַ סברה, אַז איר אַליין, וואָס איר זייט אַ כפול־שמונהדיקער אין יידיש, מאַכט אַמאָל אַ שיר אויף לשון־קודש, און איר וואָלט דאָס אַוודאי נישט געטאָן, ווען איר וואָלט געוואוסט, אַז עס איז אַ מסוכנע זאַך און עס שאַדט יידן... זייט מיר מוחל, פּאַניע רייזען, איר זייט צו פיל עקשן און לודוויפּאָל איז נאָך אַ גרעסערער עקשן. זאָגט איר, איר האָט ליב די מאַמע אַליין, זאָגט ער, ער האָט ליב נאָר דעם טאַטן, און מיר דאַכט זיך, אַז טאַטע־מאַמע האָבן אַמאָל געהאַט חתונה...

ביי אונדז יידן זיינען פון תמיד אָן דאָ צוויי לשונות און ביידע זיינען יידיש און זיינען שייך צו אונדזער נשמה. פאַרוואָס עס איז אַזוי געקומען, ווייס איך נישט, ווי איך ווייס נישט פאַרוואָס דער מענטש האָט צוויי אויגן.

ג

איר האָט מיך מחיה געווען דערמיט, וואָס איר האָט אָפּגעדרוקט מיינע צוויי בריוו, וואָס איך האָב אייך געשריבן יענע וואָך, און איך האָב באַקומען חשק אייך צו שרייבן אַ דריטן בריוו און טאַקע וועגן דעם לעצטן נומער, וואָס איך האָב אים היינט באַקומען.

איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז איך געהער נישט צו דער סוויטע; אויף לשון־קודש רופט מען דאָס אָן אַ „קורא־נכבד" און אויף יידיש געשמועסט בין איך מיר אַ ייד, וואָס זוכט עפּעס, וואָס זוכט אַ חיזוק, זוכט אַ גוט וואָרט פון איינעם, זוכט אַ קרעכץ, דעם אמתן יידישן קרעכץ; אַליין טוט מען אויך אַמאָל אַ טראַכט... ווי זאָגט דער פסוק: ויצא יעקב מבאר שבע... והנה ה׳ נצב עליו; אַז יעקב איז געזעסן אין דער היים ביי זיין מאַמען רבקהן און זי האָט אים געפּיעשטשעט און האָט אים צוגעטראָגן

די גוטע ביסנס, האָט ער געהאַט אין זינען נאַרישקייטן, אָבער אַז ער איז אַרויס אין פֿרייען פֿעלד און האָט אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך אויף צפֿון־זייט און אויף דרום־זייט, אויף מזרח און אויף מערב, האָט ער דערזען דעם לייטער צום הימל און האָט געזען, וואָס עס טוט זיך אַרום אים... איך זאָג דאָס אַנטקעגן דעם, אַז אַ פּראָסטער ייד, וואָס ווען עס וואָלט ביי אונדז געווען שלום־ושלווה, וואָלט ער זיך אָפּגעלעבט זיינע יאָרן און וואָלט געהאַט אין זינען נאָר זיך און נאָך אַמאָל זיך, — אויך אַזאַ ייד מוז היינט האָבן אין זינען גרעסערע זאַכן, ווייל ער איז שייך צום כּלל און דעם כּלל איז היינט נישט גוט... און דערפֿאַר באַדאַרפֿט איר איך נישט צו חידושן, ווי אַזוי איך, אַ פּשוטער פּלוני־בן־פּלוני און נישט קיין אָנגעדונגענער אין רעדאַקציע, קום זיך מישן אין אייערע ענינים און זאָגן אייך אַ דעה.

שמעני, הערט מיך צו, ר׳ רייזען! דאָס וואָס איר האָט אָפּגעדרוקט אין אייער בלאַט מכּוח קונסט און לעבן און מכּוח די מאַטיוון אין מעטערלינקס ווערק, איז פֿאַר מיר נישט געווען אַזוי גוט צוגעפּאַסט. און דאָס איז נישט ווייל איך האָב בעצם, חס־וחלילה, קעגן די שרייבערס פֿון אַזעלכע זאַכן, נאָר דערפֿאַר, ווייל אַצינד האָבן מיר אַ סך בילכערס צו טאָן, ווי זיך צו ברעכן די קעפּ מכּוח אַזעלכע הויכע ענינים. ווי זאָגט מען, אַ טאַנץ גייט מען נישט פֿאַרן עסן...

איך נעם אָן, אַז מעטערלינק איז ערגעץ אַ גרויסער שרייבער; מיר דאַכט זיך, ער וואוינט אין בעלגיע און דערציילט די קליגסטע זאַכן פֿון זיין פֿאָלק און איז דער גרויסער פֿילאָזאָף, און אַז מיר וואָלטן געהאַט אַ ביסל מער מנוחה, ווי זאָגט מען, „איש תחת גפנו ותחת תאנתו“, וואָלטן מיר שבת ביי טאָג נאָכן שלאָף, אַז ס׳איז נישטאָ וואָס צו טאָן און זאָגן פּרק גלוסט זיך אויך נישט, אַוודאי געווען בעלנים אַמאָל אַ הער צו טאָן וועגן אַזוינע לייט, און אַז מען וואָלט דאָס פֿאַרטייטשט אויף אונדזער לשון, וואָלטן מיר דאָס אויך פֿאַרשטאַנען; אָבער אַז מען גייט אַרום אָן שטיוול, און עס איז קאַלט אין שטוב, און מען האָט נישט מיט וואָס צו הייצן די הרובע און די פּרנסות זיינען אַזוי דערשלאָגן, אַז מען ווייסט נישט מיט וואָס אײַבערצוקומען אַ טאָג, און אַמאָל איז מען גאַרנישט זיכער מיטן לעבן — קאָן אונדז מעטערלינק און אַלע שבע־חכמות גאַרנישט העלפֿן.

און וואָלט דאָס כאָטש געווען אויף יידיש! אָבער וואָס זאָל איך צו די עלטערע יאָרן גיין אויסלערנען אַזעלכע ווערטער ווי: פּלאַסטיק און בילדהויעריי, וואָס מיינע אבות ־אבותינו האָבן פֿון אַזוינס נישט געוואוסט.

איך פֿרעג אייך, אַז איינער שרייבט ביי אייך וועגן קונסט און ווילֿ זיך שטילערהייט דרוקן אַ לידל, מוז ער דאָס טאַקע מאַכן מיט אַ גויאישן חיתוך הדיבור, אַז מען זאָל דאָס אַפֿילו נישט קאָנען לייענען? און פֿאַרוואָס מוז דאָס גראָד זיין אַ גוייש לידל מעבר־לים, און נישט אַ פּסוק פֿון תהילים? וואָס, ביי אונדז שלאָפֿט מען שוין גאָר און ס'איז נישטאָ ווער עס זאָל געבן אַ קרעכץ אויף פּראָסט יידיש?

האָט מיר קיין פֿאַראיבל נישט, ר' רייזען, איר ציט מיר אַלע צו פֿיל אויף דער אויבערשטער סטרונע, און דאָס לשון איז אויך צו הויך. זייט מער פּשטן און לאָזט זיך אַראָפּ צום פּראָסטן עולם, ווי איר זענט דאָס געווּאוינט. הערט זיך צו ווי עס רעדט מענדעלע, וואָס האָט אונדז אַלעמען געגעבן דאָס חומשלֿ אויף יידיש! נעמט אייך אַראָפּ אַ מוסר פֿון אים, נעמט אייך אַראָפּ אַ מוסר פֿון שלום־עליכמען.

וויכּוחים

א

אל תאמין בעצמך עד יום מותך. נאָך פֿאַר פֿיר וואָכן, אַז איינער וואָלט געקומען צו גיין מיר זאָגן, אַז היינט וועל איך שטיין דאָ פֿאַר אייך און האָבן מיט אייך אַ וויכּוח, וואָלט איך געמיינט, ער רעדט פֿון שלאָף, — מוז זיך מיר פֿאַרגלוסטן צו שרייבן צו אייך אַ בריוו און דערנאָך נאָך אַ בריוו, ווי זאָגט מען: עבר ושנה נעשה לו כהיתר.

שולדיק זענט איר אָבער אַליין. וואָלט איר נישט געווען געדרוקט, וואָס איך האָב אייך געשריבן, וואָלט איר אייך געקאָנט טאָן אייערס ווייטער און איך וואָלט אויך פֿאַרגעסן אין דעם וואָס מיך האָט דעמאָלט געאַרט. איר קענט אַ יידן: שבת טוט מען אַ קוק אין ספֿר און מען איז, דאַכט זיך, אַ מין רוחניות; קומט שבת־צו־נאַכטס, נעמט מען די קאַלטע שליסלען און מען גייט אין קלייט אַריין... וואָס־זשע טוט איר? נישט נאָר איר האָט אַלץ אָפּגעדרוקט מיט הויט און ביין, וואָס איך האָב אייך געשריבן, איר האָט זיך גענומען מיר צו ענטפֿערן און נישט איין מאָל, נאָר צוויי מאָל: אין צווייטן איז שטאַרקער; און נישט נאָר איר אַליין, בן־מיכל ענטפֿערט אויך און בן קלמן וועט אויך קומען. אויב אַזוי שטייט

עס מיט מיר, מוז איך מיך פֿאַרגאַרטלען, נעמען דעם שטעקן און די פֿאַר־טשיילע אין האַנט אַריין. מען גייט צום בית־דין!

יאָ, רב רייזען, איך וויל מיט אייך האָבן אַ דין־תּורה, אַן אמתן דין־תּורה און נישט קיין פּשרה פֿונעם רב, ווי געוויינטלעך, אַבי גלאַט מאַכן. איך האָב פֿיינט פּשרות, ווי אַ ייד האָט פֿיינט חזיר.

איך וויל אייך עפּעס זאָגן, אַשטייגער אַז איך זיץ מיר און טו אַ קוק, דאָ איז עפּעס צעבראָכן, דאָרט פֿעלט עפּעס און יענס איז נאָך נישט אָקור־ראַט, האָב איך דאָס אַלץ אין זינען. קומט צו מיין מיידל און זאָגט: טאַטע, די שיך זיינען צעריסן, זאָג איך: מען מוז אַריבערשיקן צום שוסטער, ער זאָל לייגן נייע פֿאַדעשוועס; קומט צו מיינע און זאָגט, מען מוז האָבן נייע שיך. זאָל זיין נייע שיך. און וויל די טאָכטער מיינע האָבן שיינע שיך מיט קנעפּלעך, גיב איך אין דעם אויך נאָך. דאָס וואָס אַ מיידל האָט ליב שיין, מוז דאָך אַפּנים ליגן אין טבע, גראַד אַזוי ווי אַ יינגל האָט זיך ליב צו באַרען. און איך אַליין, אַז איך טרינק טיי, וויל איך אַז דאָס גלאָז זאָל זיין אויסגעוואַשן, און דער סאַמאָוואַר, וואָס שטייט אויפֿן טיש, זאָל שפּיגלען. פֿאַרקערט, איך האָב הנאה, אַז דאָס האַנטעך איז ווייס, און אַז די קאַפּאָטע איז ריין, און אַז מען טוט אָן אַ ווייס העמד, איז ווי ווען מען באַקומט אַ נייע הויט.

עס איז דאָ ברויט און קוילעטש און כאָטש מען איז פֿון ביידע זאַט, האָט דאָך דער קוילעטש, פֿריש געבאַקן, אַז ער קומט אַרויס פֿון אויוון, גאָר אַן אַנדער חן! שוין דאָס קוקן אויף אים ווי עס גייט נאָך פֿון אים אַ פּאַרע, גיט צו עפּעס צום האַרצן. און דער חילוק פֿון דעם ביז צו שוואַרץ ברויט, איז דער אייגענער, ווי ווען מען טוט אַ קוק אויף אַ שיינער כּלה, אָנ־געטאָן אין ווייסן און נאָר וואָס פֿון דער חופּה, און דערנאָך אויף אַ יידענע פֿון פֿערציק יאָר, וואָס שטייט איך קיך פֿאַרחושכט און מאַכט בּשר דאָס פֿלייש.

איך זאָג דאָס אַלץ אַנטקעגן דעם, איר זאָלט נישט מיינען, אַז מיר זיינען עפּעס פֿון דער מדבר. אַפֿילו אַ פֿערד פֿאַרשטייט אויך דעם חילוק פֿון אַ זומער־לעב, אַז עס איז איינגעשפּאַנט אין אַ גוט וועגעלע און עס גייט זיך מחיהדיק צווישן די פֿעלדער קאָרן און ווייץ און רעטשקע מיט אַלע ריחות, און פֿון ווינטער, ווען עס איז קאַלט און נאַס און מען איז איינגעשפּאַנט ביי יאַנקל באַלעגאָלע און מען מוז שלעפּן דרייסיק פֿאַר־שוינען...

אָבער ווען איז דאָס אַלץ געדעדט געווען, אַז מען לעבט און מען קאָן לעבן, אַז מען האָט כאָטש איין ווינקל און מען האָט וואו אָנצושפּאַרן דעם קאָפּ. גייט מען אָבער אַרום איבער די הייזער, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, און מען מוז נעכטיקן אין קלויז אויף דער האַרטער באַנק, און איבער דעם קנייטשט זיך שוין אויך דער שמש, און דער גבאי איז גאָר מלא־רציחה. אוי, איז ביטער און פינצטער! וואָס, איר ווילט נעמען אַ יידן, וואָס האָט נישט קיין העמד אויפן לייב און איר ווילט אים געבן צו פאַרשטיין, אַז זאַנע איז בעסער פון לייוונט און באַטיסט איז נאָך בעסער! איר ווילט נעמען אַ מענטשן, וואָס האָט אַפילו נישט קיין טרוקענע אָנוטשעס, און ווילט פאַר אים דרשענען וועגן זיידענע זאָקן און נאָך אים געבן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי מען מאַכט אַזעלכע זאָקן און ווי אַזוי זייד ווערט געצויגן.

די מאַמע גייט אַרום מיט חולשת־הלב, דער טאַטע האָט קיין האָר נישט אויפן קאָפּ, די שטוב איז אויסגעדונגען, אָט־אָט מוז מען נעמען אַלע זאַכן און גיין... גיין וואוהין? וואוהין לאָזט מען אַצינד אַריין אַ יידן? און דו, טאַכטער, ווילסט האָבן אַצינד שיך מיט קנעפּלעך, וואָס זאָלן זיין ווי שוואַרצע קרעלן! — קיינמאָל איז אונדז נישט געווען אַזוי שלעכט, ווי היינט, וואָרים דער חיזוק איז קיין חיזוק נישט און דער האַלט איז קיין האַלט נישט. אויסגעשטאָרבן איז אַלץ, וואָס איז געווען אַמאָל, און מען גייט אַרום באַקעט און באָרוועס הן אין גשמיות והן אין רוחניות, צו וואָס זאָל מען דאָס לייענען? און איר קומט צוגיין מיט מעטערלינקן און מיט עלען קעי, און אויף דעם זאָגט אייך אייערע „אמונת חכמים״, אַז דאָס איז יידיש און דאָס דאַרפן מיר אַצינד צו האָבן, וואָרים אַניט, זיינען מיר חוטא־בעגל.

איר פאַרשטייט, פּריצים זיינען מיר אויך געווען אַמאָל. ווי זאָגט מען: כל ישראל בני מלכים הם, און פיינט האָבן גויים האָבן מיר אוודאי נישט, און אַז איינער פון זיי קומט צוגיין אונדז עפּעס זאָגן, טוען מיר אים נישט אַ פרעג: „אחינו אתה? דאַוואַי פּאַספּאָרט״... אָבער עס איז דאָ אַ צייט, וואָס אַזוינע זאַכן גייען לחלוטין נישט אין קאָפּ אַריין.

ב

איר האָט שוין פון מיין פערטן בריוו געזען, ווי אַזוי איך בין מיט אייך מחולק און איך זאָג מיר: צוערשט ברויט מיט זאַלץ און דערנאָך בייגל מיט פּוטער און דערנאָך, אַז גאָט וועט העלפן, אַ ביסל יויך, צי גאָר אַ

הינדל, ווי די מאַמע האָט עס געהאַט, און דערנאָך, אַז איר ווילט, קאָנט איר צושפּילן. מבינים זיינען מיר אַ ביסל, אַז דער קאָפּ איז רואיק און מיר ווייסן ביי אַ גלעזל ווין אויך דעם חילוק פון ארור־המן ביז ברוך־מרדכי.

נאָר וואָס דען, איר זאָגט ביידע אינאיינעם, אין איין האַנט האַלטן דעם זאַסטופּ און גראָבן אויף פּרנסה און אין דער אַנדערער האַנט — דעם שמיציק. דאָס איז אייער פּשרה; זאָג איך מיר, אַז אויב אַזוי, וועט פון ביידע גאָרנישט אַרויסקומען, הן אין גראָבן והן אין שפּילן. ווער שמועסט, אַז עס איז נאָך אַ סברה, אַז ביי אונדז זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס זיי האַלטן אין איין האַנט דאָס און אין דער אַנדערער יענס, זיינען זיי זיך טועה און ווילן גראָבן מיטן פידל און שפּילן אויפן זאַסטופּ. מילא, נישט דאָס בין איך אויסן.

וואָס איך האָב אייך אָט אין דעם בריוו געוואָלט זאָגן, איז, אַז די אייגענע קשיות, וואָס איר פרעגט אויף לשון־קודש, קאָן מען פרעגן אויף ידיש. אַוודאי מוז מען לשון־קודש ערשט אויסלערנען, כדי דאָס צו פאַרשטיין. און דער קאָפּ דאַרט געוווינט אויף צו צאָלן שכר־לימוד, און דער יונגערער מיינער מוז זיך מוטשען מיט פּסוק און מיט דער גמרא און היינט איז גאָר דאָ דקדוק אויך, אַ סדרה פון צען יאָר בהתמדה פאַר אַ יינגל, וואָס וויל זיך אויסלערנען גוט לשון־קודש, אַז ער זאָל קענען לייענען און פאַרשטיין. און האָט ער זיך דאָס אויסגעלערנט און לייענט שוין אויך צייטונגען און ביכלעך, טראָגט ער זיך דערמיט אַרום, ווי אין אַ פּושקעלע, וואָרים רעדן קאָן ער נישט אויף דעם, נישט אין קלויז, נישט אויפן מאַרק, און מיט גויים אַוודאי נישט. און אַז איינער קען היינט לשון־קודש, איז ווי ער שפּאַרט אָפּ פון מויל און לייגט עס אַוועק אין אַ זייט. — און פונדעסטוועגן טוט מען עס, מען ציט זיך דעם מאַרך פון די ביינער און מען טוט עס. מען איז פאַרט אַ ייד, און לשון־קודש איז נישט קיין פּראָסטע זאַך ביי יידן.

איך ווייס נישט, אויב איר זענט אַ חסיד. ביי אונדז דערציילט מען, אַז דער ריזשענער, זכרונו־לברכה, האָט אויפן פּסוק: „כי לא יראנו האדם וחי", געזאָגט כהאי לשנא: דעם טעם פונעם גאַנצן פּסוק האָט אפילו משה־רבינו נישט געוואוסט און אַ ביסל ווייסן מיר אויך... דער ענין פון לשון־קודש ביי אונדזער אומה איז אַזאַ זאַך, וואָס קיינער קאָן דאָס נישט משיג זיין ביזן גרונט. אַ ביסל אָבער ווייס יעדער, כאָטש ער איז נישט פון די בראָדער חכמי־הקלויז. דאָס פּינטעלע ייד פילט איטלעכער, און כאָטש איר זענט שטאַרק אין כעס און ווינטשט דעם גאַנצן לשון־קודש דעם ליכטיקן גן־עדן

און זאָגט, אַז דעמאָלט וואָלט געווען אַ סך קלאָרער פֿאַר די אויגן, וואָלט איך געמעגט שווערן, אַז עס זיינען געווען צייטן און עס זיינען דאָ צייטן, וואָס איר האָט געלייענט און געלייענט אַ לשון־קודשדיקן ספֿר און איר האָט געהאַט הנאה. און נאָך מער, כאָטש איר זענט, ווי עס ווייזט זיך אויס, אויף ביאַליקן להרוג ולאבד און די „יידישע ענציקלאָפּעדיע" איז ביי אייך לעילא־ולעילא, ווייס איך געוויס, אַז בשעת יידן זיינען געווען שרוי־בצער פֿון מעשה קעשענעוו און עס איז געווען, ווי מען זאָגט, הדם שותת, וואָלט איר געשענקט הונדערט ביכלעך פֿון דער ענציקלאָפּעדיע פֿאַר איין בלעטל פֿון „משא נימירוב". אַי, פֿאַרוואָס האָט מען דאָס געשריבן אויף לשון־קודש און נישט אויף יידיש ? פֿאַרקערט, אָט די קשיה פֿרעג איך ביי אייך...

וואָס מיר פֿאַרדריסט, איז צו זען, ווי לשון־קודש צעברעקלט זיך. און כאָטש מען רעדט ביי אונדז גאַנץ שטאַרק מכּוח ציוניות און מכּוח תּחית הלאום, שטאַרבט אָפּ פֿון לשון־קודש אַלע טאָג אַן אבר.

טאָמער אָבער מיינט איר, אַז דאָס יידישע לשון, וואָס אונדזערע קינדער זויגן אים איין פֿון דער מוטערס ברוסט און קענען אים פֿאַרשטיין נאָך איידער זיי גייען אין חדר, און מען באַדאַרף זיך ביי זיי נישט בעטן רחמים, זיי זאָלן אים לערנען, — וועט האָבן אַ גרעסערן קיום, זענט איר אייך טועה. איר פֿאַרגעסט, אַז מיטן יידישן לשון זיינען מיר איינאיינעם אין גלות און אַז פֿון דעם אייגענעם טעם, פֿאַרוואָס אונדזערע אָבות האָבן אויפֿגעהערט צו רעדן לשון־קודש, וואָס איז געווען זייער אייגענע שפּראַך, און האָבן גענומען רעדן אַנדערע לשונות, אָט פֿון דעם אייגענעם טעם וועט דאָס יידישע לשון אויך נישט האָבן קיין קיום, כּל־זמן מיר וועלן פֿאַרבלייבן אין דער פֿרעמד און בלייבן אין שכנות...

און אַז מען טוט צוריק אַ קלער, זעט מען, אַז כאָטש יידיש און לשון־קודש זיינען ביי אייך דם־שונאים, האָט דאָך דאָס יידישע לשון געקאָנט האָבן אַ קיום נאָר אַדאַנק לשון־קודש, און איך וועל אייך באַווייזן, אַז דאָס איז נישט אַזוי וואונדערלעך.

אַז אַן אומה וואוינט זיך אויף איר ערד און רעדט איר לשון ביי זיך אין דער היים, איז דאָס אַזוי פּשוט און עס ליגט שוין אַזוי אין דער טבע, אַז מען באַדאַרף וועגן דעם נישט צו רעדן. פֿריקרע איז נאָר, אַז מען איז כּל־ימיו אין דער פֿרעמד, מען האַנדלט מיט יענעם און מען לעבט פֿון

יענעם און מען האָט אויף זיך יענעמס ממשלה און מען רעדט זיך אויף דעם אייגענעם לשון און מען האַלט דערפֿון שטאָל און אייזן.

ג

איך בין נישט קיין חוקר, אָבער אַז איך טו אַמאָל אַ טראַכט אין דעם עצם־הענין: פֿאַרוואָס רעדן די אומות אויף פֿאַרשיידענע לשונות: דאַכט זיך אַלע מענטשן האָבן איין מויל און איין צונג, איז אַחוץ דעם תּירוץ פֿונעם דור־הפּלגה נאָך פֿאַראַן אָט דער תּירוץ, וואָס דאָס זאָגט מיר דער שכל־הישר מײַנער: למאַי וואַקסט דאָ קאָרן, און דאָ ווייץ און דאָ האָבער, און דאָ קרויט. וואַקסן וואַקסט אַלץ אויף איין ערד, אָבער עס זײַנען פֿאַראַן פֿאַרשיידענע מינים, און אַזוי איז דאָס אויך מיט די אומות... און וואָס איך לערן פֿון דעם אַלעמען איז, אַז קאָרן און ווייץ און האָבער וכל־המינים וואַקסן אויפֿן פֿעלד, וואָס איז באַאַקערט און באַזייט און עס גייט רעגן, אַלץ טוט וואַקסן אויפֿן פֿעלד און נישט אויפֿן בוידעם... פֿאַרקערט, אַז מען לייגט אָפּ אויף אַ בוידעם אויסגעדראָשענעם ווייץ און ער ליגט לאַנג, נעמט ער פֿוילן... די ערד אָבער גיט אַרײַן אין אַלע תּבואות דעם כּוח צו וואַקסן און צו ווערן צײַטיק און צוליב דעם זאָגט מען טאַקע: משנה עתּים ומחליף את הזמנים, צוליב דעם בעט מען טאַקע אויף רעגן און אויף זון. איר פֿאַרשטייט, אַ ברכה צו מאַכן איז נישט, בשעת מען גיט זיך כּלומרשט אַ וואַש צום עסן מיט אַ צעשפּאָלטענער קוואָרט, וואָס האַלט נישט אַפֿילו אַ רביעית, און מען ווישט זיך אָפּ מיטן קויטיקן האַנטעך, און מען זאָגט על נטילת ידים, נאָר בשעת מען גייט אַרויס אויפֿן פֿעלד און מען זעט וואָס די ערד גיט אַרויס...

אַז איר וואָלט אַרויסגעגעבן אײַער בלאַט אין ארץ־ישׂראל, צי אין אַן אַנדער לאַנד, וואָס איז שייך אײַנגאַנצן צו יידן, און יידן וואָלטן דאָרט געהאַט צו זאָגן, און איר וואָלט דאָרט געזעסן און געשריבן, און יידן וואָלטן געהאַט אָקסן און פֿערד וכּדומה, און געאַקערט אונדזער לאַנד און געזייט אונדזער תּבואה, און עס וואָלט טאַקע געוועזן באַ־גד! און אַלע יידן, ווי איין מענטש, וואָלטן זיך דעמאָלט אײַנגעשפּאַרט: מיר ווילן נישט מער וויסן פֿון לשון־קודש און ווילן נאָר יידיש און לויטער יידיש, לשון־קודש איז אסור אַפֿילו במשהו, וואָלט מיר אַוודאי ווי געטאָן דאָס האַרץ, און איך וואָלט געגאַנגען אויף דער מוטער רחלס קבר קלאָגן, זי זאָל קומען און זאָגן:

קערט זיך אום קינדערלעך צו מיר! און דערנאָך, אַז איך וואָלט זיך אויס־געוויינט — בין איך דאָך אויך אַ ייד אַ סוחר, וואָס האַלט פון פּראַקטיקע — וואָלט איך געזאָגט: איר יידלעך ווילט עס זאָל בלייבן ווי רייזען זאָגט, נעכאַי בודיע! לעבט אייך געזונטערהייט, ביי זיך אין דער היים האָט איר דעם רצון און די דעה! אָבער לעת־עתה זיצט איר אין אַ לאַנד, וואָס איז שייך צו פּאָליאַקן, און שרייבט פאַר יידן, וואָס זיצן אין רוסיש־פּוילן און אין רוסלאַנד און אין אַמעריקע, און מיר זיינען צעזייט און צעשפּרייט אויף שבעה־ימים. ווי ווילט איר אַז דווקא יידיש זאָל האָבן אַ קיום? ווי קאָנט איר מאַכן, אַז קאָרן זאָל וואַקסן אויף אַ בוידעם...

אלא, וואָס דען, איר וועט זאָגן: אין מקשין על מעשה שהיה, אויף אַ מעשה פרעגט מען נישט קיין קשיה. אַן אומה, וואָס אַפילו אַז מען רעכנט אָפּ לודוויפּאָלן און נאָך אַזעלכע מצה־שמורהניקעס, פּאַרבלייבן נאָך אי־בעריק דריי צי פיר מיליאָן, צי גאָר פינף, וואָס רעדן יידיש און דווקא יידיש. איז, מיר דאַכט זיך, שוין אַ מטבע... און פאַרקערט, אַלע לשון־קודש־קענערס אינאיינעם, מיט אַלע לערערס און שרייבערס, באַטרעפן אפשר בסך־הכל אַ פערטל מיליאָן, צי ווייניקער, צי אַ ביסל מער, און זאָגט דאָך די תורה: אַחרי רבים להטות! אָפּגעזאָגט און פאַרטיק. אָבער איך האַלט אייך ביי דער פאָלע און זאָג אייך, אַז אַן אָט־דעם מיעוט, וואָלט יענער רוב גאָרנישט געווען: יאָ, וואָלטן מיר זיך נישט געווען איינגערעדט הונ־דערטער יאָרן, אַז מיר זיינען אַלע שני־למלכס און מען וואָלט אונדז נישט געווען אויסגעטייטשט דעם טעם פון אונדזער גלות, אַז עס מוז זיין אַזוי און עס קאָן זיין נאָר אַזוי, אַז מיר זאָלן זיין אין דער פרעמד, כדי מיר זאָלן זיך האַלטן אינאיינעם און אָפּהיטן יידישקייט מיט אַלע פּינטעלעך, און ביישטיין דעם נסיון; און וואָלטן דער שמע־קולנו, און די שטילע שמונה־עשרה, און די מנוחה פון שבת מיט אַלע ספרים נישט געווען אויף לשון־קודש, כאָטש דאָס רוב ביי אונדז פאַרשטייט נישט קיין לשון־קודש, — וואָלטן מיר אַפילו נישט געקענט זאָגן אויף יידיש „דער גאָט פון אברהם".

און אַפילו אַז עס זיינען דאָ אויפגעקלערטע און מען שמועסט, אַז אַלץ, וואָס די לשון־קודשדיקע ספרים האָבן אונדז געזאָגט, איז געווען אַ לאַנגער און אַ גרויסער טעות, טאַקע פון אל"ף ביז תי"ו, מוז מען דאָך צוגעבן, אַז אָט דער טעות האָט אונדז אַזוי לאַנג דערהאַלטן.

בכן איז היינט גאָר אַן אַנדער דור און איך הער, ווי מיינע אייגענע עלטערע קינדער ביים טיש רעדן פון אַלץ שוין גאַנץ אַנדערש. אוודאי קאָן

מען נישט פֿאַרמאַכן ביידע אויגן, נאָך דעם ווי מען האָט אָנגעהויבן צו זען קלאָר און עס ווילט זיך צו זען פֿאַר יידן עפּעס אַנדערש און צו מאַכן עפּעס אַנדערש! אָבער וואָס ניצט אַלץ, ווען עס פֿעלט דער כּוח, דער כּוח פֿון וואַקסן!

איר זענט יונגעלייט, און אַז איר רעדט זיך אַרויס אייערע נייע מיינונגען אויף יידיש, מיינט איר, אַז דאָס זיינען סימנים פֿון גאולה. איך אָבער בין אַן עלטערער און איך קוק ווייטער פֿון אייך. און איך זע, אַז אויב מיר פֿאַרבלייבן נאָך אין גלות, וועט אָנשטיין אַ צייט, וואָס מען וועט זיך מוזן שלאָגן מיט די קינדער וועגן יידיש, ווי אַצינד וועגן לשון־קודש, און אפֿשר איז די דאָזיקע צייט שוין אָנגעשטאַנען...

אַ לעצטער בריוו

ר׳ רעדאַקטאָר לעבּ, איר ווייסט, אַז אַלץ וואָס איך שרייב אייך, שרייב איך נישט לכבודי ולא לכבוד בית אבא. שרייבערס, וואָס זיינען זיך עוסק אין טובת־הכּלל און זיינען מרעיש־עולמות מיט דער פּען, האָבן מיר געננוג. קאָן דאָך קומען אַמאָל אַ זייטיקער ייד און זאָגן: אָט אַזוי און אַזוי טראַכט איך מיר, דאָס צי יענס טוט אונדז וויי. איך וויל נישט זאָגן, אַז איך אַליין בין גערעכט. פֿאַרקערט, הלוואי וואָלטן יענע געווען גערעכט, דעמאָלט וואָלט נישט געווען וואָס עס זאָל אונדז אַרן... קומט אָבער צו גיין אייער, ווי אייערס אַ שרייבער, און וויל זיך קריגן און טופּעט מיט די פֿיס, מוז מען שוין ווערן אַ ביסל גראָב. איך זאָג דאָס אַנטקעגן דעם, וואָס אַז מען איז שוין יאָ אַ תּקיף און מען וויל וויסן נאָר פֿון דער מאַמען לדור־דורות, און פֿון דעם טאַטן וויל מען לחלוטין נישט הערן, מוז מען כאָטש קענען רעדן ווי ס׳רעדט די מאַמע. מען מוז קענען רעדן פּראָסט אויף יידיש, אַז אַלע יידן זאָלן דאָס פֿאַרשטיין פֿון אל״ף ביז תּי״ו. דייטש איז אָבער נישט קיין יידיש, כאָטש עס ווערט געדרוקט מיט יידישע אותיות. — איך בעט אייך, פֿאַרטייטשט מיר דאָס וואָרט „נאַציאָנאַל־שפּראַך״, צי „טראַדיציע״, צי „דעקלאַמאַציע״! און וואָס הייסט דאָס „ברייטע יידישע מאַסע״? וואָס הייסט דאָס: „דאָגמאַטן״, „קעמפֿן״, צי „אַנטוויקלונג״, צי „פֿאַרגאַנגענהייט״, „געגנוואַרט״, צי גאָר „רעאַקציאָן״? ער זאָגט: די העבּרעאישע ליטעראַטור איז אַ סימבּאָל פֿון רעאַקציע, און היסטאָריקער

און פֿאַרשריט. צי נעמט: „כּל־זמן דער אָדעל און די גייסטלעכע האָבן רעגירט.“ „כּל־זמן“ איז אַוודאי יידיש, אָבער דאָס איבעריקע? צי: „כּל־זמן דער גלויבן איז געווען די איינציקע קוועלע פֿון קולטור“ — דאָס איז שוין גאָרנישט פֿאַר מיין מוח. און וואָס מיינט דער פסוק מיט: „אומבאַדינגט און פֿאָלעמיק“? איך שווער אייך בהן־שלי, אַז כאָטש איך האָב צוגעלייגט דעם קאָפּ און איך האָב דעם גוטן רצון, האָב איך נישט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין און איך קאָן נישט קיין איינציקן ייד, וואָס זאָל אַזוינס פֿאַרשטיין.

אַז מען קומט און מען לייגט איין די וועלט פֿאַר דעם יידישן לשון, פֿאַר דעם אמתן יידישן לשון, וואָס איז אונדז אַלעמען טיף איינגעבאַקן אין הארצן, פֿאַרשטיי איך נאָך, אָבער אַז מען קומט מיט אַ לשון, וואָס איז אַ סך מער מחותן מיט דייטש ווי מיט יידיש, און מען רעדט יידיש — זייט מיר מוחל — ווי אַ גר און מען וויל זיך נאָך אויף אונדז, די היימישע, בייזערן, מוז מען צו אַזוינעם זאָגן: האַלט ברודער!

זעט איר, אַז מען רופֿט עמעצן אויף לשון־קודש צו דער תּורה, קען ער כאָטש לשון־קודש און ער איז זיך משתדל צו קענען לשון־קודש. דאָס איז שוין בנוגע לשון־קודש אַן אַלטער און גוטער מנהג צו לערנען דעם לשון, וואָרים עס איז אַ לשון און מען האָט דערפֿאַר דרך־ארץ ווי פֿאַר אַ לשון. אָבער בנוגע יידיש איז אַלץ הפֿקר. איטלעכער קומט און פֿאַרדרייט דאָס מיט כּל־מיני פֿאַרדרייעניש, שטופּט אין דעם אַריין אַלע משונהדיקע ווערטער, טרעט דאָס מיט די פֿיס, ואין פּוצה פּה ומצפֿצף, און קיינער זאָגט אים נישט קיין וואָרט.

וואָס, עס זיינען שוין גאָר נישטאָ קיין חוקי־הלשון אין יידיש? צי איז דאָס וואָס די גאַנצע אומה רעדט, און דער נוסח, ווי אַזוי זי רעדט, נישט ווערט אַזוי ווי אַ כּלל אין דקדוק, וואָס מען מוז דאָס אָפּהיטן? איך פֿאַרשטיי נישט קיין חכמות: הייליק איז הייליק, און אַז אַ לשון־קודשדיקער שרייבער מוטשעט זיך און קוקט אַריין אין ישעיה און אין ירמיה וכדומה, כּדי צו פֿאַרשטיין דעם לשון און זיצט דערויף אָפּ נעכט, קאָן שוין אַ יידישער שרייבער, וואָס שרייט געוואַלד יידיש, זיך פֿאַרגינען צו קוקן אַ יידן אין מויל אַריין און זיך צוהערן וואָס ער רעדט און ווי אַזוי ער דריקט זיך אויס און ווי אַזוי ער שמועסט מיט זיין חבר, צי מיט זיין ווייב און קינדער.

מען וויל נישט פאלן כורעים פאר ביאליקן, גוט! אבער מען קאן שוין פאלן כורעים פאר דער יידישער אומה, פאר די ניין צענטל אומה, וואס רעדן יידיש און דווקא יידיש און נישט דייטש.

איך חתמע מיין בריוו מיטן פסוק: וה׳ ישיב שבות עמו, און גאט זאל געבן יידן זייער לשון, זייער אמתן לשון.

א בריוו צו א יידישן שרייבער

איך ווייס, איר זענט נישט קיין גוטער פריינט פון לשון־קודש, א ביסל זאגט איר דאס שטילערהייט, א ביסל אין דער הויך, כדי אנדערע זאלן אויך הערן, און מיטן גיט איר אליין א ביסל א שרייב לשון־קודש; קומט צו גיין איינער און טוט אייך א כאפ, זאגט איר: ניין, נישט דאס מיין איך, ס׳איז נאר איבערגעניצעוועט פונעם יידישן און נאר דאס איז דער עיקר. דערווייל האלט דער אנדערער צד אייערס א לשון קלדשדיק ביכל און נאך אזעלכע איבערגעניצעוועטע זאכן פון יידיש, וואס אייערע חברים האבן געשריבן און מען זאגט זיך: זעט איר, היינט איז דאס אונדזער לשון־קודש; אי וואס, דאס איז שוין געוועזן געשריבן אויף יידיש? זאגן זיי, דאס האט מען נאר געטאן כדי להראות לעמים והשרים את יפיה! דער פראס־טער עולם מוז זיך אויך דערוויסן, וואס עס טוט זיך אויף לשון־קודש. אזוי האלט מען תמיד איין עמער מיט וואסער און איינעם א ליידיקן, און תמיד גיסט מען פון איינעם אין דעם אנדערן, פון לשון־קודש אין יידיש און פאר־קערט, אוןביידע גיסער מיינען, אז איטלעכער פון זיי האט געשאסן דעם פויגל. וועט איר מיך פרעגן: פארוואס טוט דאס מענדעלע? וועל איך אייך זאגן, אין מקשין־מגדול! מענדעלע טוט דאס נישט פאר דעם אייגענעם טעם, וואס איר טוט דאס. מענדעלע מוכר־ספרים וויל נישט ארייגלייגן קיין צוויי קעץ אין איין זאק. מענדעלע איז געגליכן צו א פאטער, וואס האט נאר איין זון, וואס האט זיך ייבגלווייז אוועקגעלאזט אין דער ווייטער וועלט, און אז עס איז געקומען די צייט, וואס דער טאטע מוז שטארבן און ער וויל שרייבן א צוואה, ווייסט ער נישט מער, אויף וואס פאר א לשון זיין זון רעדט אצינד! אזוי שרייבט ער דאס אין כמה וכמה לשונות... עס קאן אפילו זיין, אז דער זון פארשטייט גארנישט די אלע לשונות און וועט סיי־ווי־סיי נישט לייענען די צוואה... אז גאר דאן האט געלעבט און עס איז נאך

געווען אַ שטיק אמת אויף דער וועלט, האָט מען זיך פּשוט נישט געשעמט זיך אַנידערצושטעלן און צו קלאָגן: למי אני עמל! היינט, אַז דער שקר האָט די ממשלה, טאָר מען דאָס גאָרנישט אַרויסזאָגן בקול־רם און מען מוז זיך דאָס זאָגן שטילערהייט. מילא, דאָס בין איך נישט אויסן...

קערן מיר זיך צוריק צום אָנהויב: פֿאַרוואָס האָבן זיך יידיש און לשון־קודש נישט ליב? און וואָס איז יידיש און וואָס איז לשון־קודש? הייסט דאָס טאַקע אַ חילוק אין עצם תּוך, אין דעם עצם ענין, צי איז דער חילוק נאָר אין דעם לשון. ווערדליק אייער סברה, איז איבערניצעווען פֿון איין לשון אין דעם אַנדערן אַ רשות־זאַך און מען מעג דאָס: והאָ־ראַיה, מען טוט דאָס און קיינער וואונדערט זיך נישט, הן די לשון־קודשדיקע לייענער, והן די יידישע לייענער — ווי זאָגט מען, מען איז דאָך פֿאָרט שכנים. משמעות, אַז דער חילוק ליגט נאָר אין דעם ביסל לשון, דער ענין בלייבט דער אייגענער — אָבער ווערדליק מיין סברה, איז דער חילוק טאַקע אין דעם ענין אַליין... פֿון אַ שטיקל לובאַשיצקי צי פֿון אַ טאַוויאָוו, צי פֿון וועמען איר ווילט פֿאַרטייטשן אויף יידיש קומט לחלוטין נישט אַרויס קיין יידיש, וכן־להפך; אָבער אַן עכטער שלום־עליכם, אַזוינס, וואָס שטעקט אין יידיש מיט די וואָרצלען, איז אויף לשון־קודש גאָרנישט איבערצוגעבן, סיידן דער מחבר מאַכט דאָס אַליין, אָדער אַזוי ווי אַליין; און טאַקע פֿון דעם אייגענעם טעם ווי מענדעלע; און זיי ביידן קאָן בדור־הזה קיינער נישט נאָכטאָנצן... איר פֿאַרשטייט, דער עצם פֿון אַ לשון איז נישט דער לשון גופֿא, דער לבוש, נאָר טאַקע דער עצם, און אז איך וואָלט מיך נישט געשעמט, וואָלט איך געזאָגט: דער עצם לשון־קודש און דער עצם יידיש איז ווי אַ זכר מיט אַ נקבה. אַ מיידל, אַפֿילו אַז זי טוט זיך אָן אין ייִנגלישע קליידער, בלייבט אַ מיידל, און אַ ייִנגל, וואָס טוט זיך אָן אין מיידלשע קליידער, בלייבט אַ ייִנגל, און אַחוץ דעם איז מען נאָך עובר אויף לאַ־תלבּוש! איך וויל, חס־ושלום, אייך נישט אַביזשאַיען וכדומה. אָבער, אַז איינער קומט צו מיר און גיט מיר אַ זאַך, וואָס תּחילת האָט ער זי געשריבן אויף יידיש און אַצינד איז דאָס אויף לשון קודש, איז ער ביי מיר גלייך, ווי איינער, וואָס נעמט אַ קופּערנע מטבע און פֿאַרזילבערט זי... איך זאָג נישט, אַז זילבער איז חשובֿער פֿון קופּער; אָבער איך וויל, אַז קופּער זאָל שטענדיק בלייבן קופּער און זאָל זיך נישט פֿאַרשטעלן פֿאַר זילבער. איך וויל, אַז דער עולם זאָל פֿאַרשטיין דעם חילוק פֿון לשון־קודש און יידיש,

און ער זאָל נישט נעמען אין די הענט אַזוינס, וואָס פֿון דעם ווערן אים ביידע נמאס...

ס'איז שוין אַזוי ביי אונז יידן, אַז וואָס מען קריגט אַריין אין די הענט, מוז מען צעפּאַטשקען... צוערשט איז אַ מחלוקת עד לב השמים! די איינע שרייען; נאָר יידיש, און לשון־קודש איז ווי חמץ שעבר עליו הפסח און איז אסור בהנאה; די אַנדערע שרייען: וואַרפֿט אַרויס די חצופֿה, וואָס איז געקומען פֿון דער פֿרעמד און וויל פֿאַרנעמען דעם פּלאַץ פֿון דער גברת־הבית. דערנאָך, אַז מען האָט זיך שוין גוט געקריגט און אָנגערעדט איינע אויף די אַנדערע כל הרעות שבעולם, קומען די צדדים זיך צונויף און מען טאַנצט אינאיינעם... אויף דער אמתן זיינען ס'רוב יידישע שרייבער טאַקע לשון־קודשדיקע שרייבער און ס'רוב לשון־קודשדיקע שרייבער טאַקע יידישע, און די לעזער זיינען אויך אַ געמישטער עולם, אַי, וואָס קריגט איר אייך? און וואָס דראַפּעט איר זיך אין די פּנימער? גאַרנישט, וואָס דען זאָל מען טאָן? צי זיינען נישט לשון־קודש און יידיש שתי צרות זו לזו? וויל נישט איינע ווערן געבויט מחורבן־חברתה? און איך פֿרעג אייך, איז דאָס יידיש, וואָס מען קאָן דאָס זאָגן אויף לשון־קודש? און נאָך אַמאָל פֿרעג איך: איז לשון־קודש טאַקע דאָס, וואָס מען זאָגט אויף יידיש?

דאָס וואָס מענדעלע טוט, דערוועקט אין אונדז דעם פּסוק: והחי יתן אל לבו... דאָס וואָס פּרץ טוט, איז אַ ביסל נישט שיין פֿון אים, וואָרים, אַז ער וואָלט געוואָלט און וואָלט געהאַט דרך־ארץ פֿאַר זיך אַליין, וואָלט ער פֿאַר דעם אַנדערן עמער אויך געקאָנט קריגן אַ ביסל וואַסער, צי ווייַן. אָבער אויף אַ רבין פֿרעגט מען נישט קיין קשיות, דער רבי מעג. אָבער דאָס וואָס עס טוען אונדזערע יונגעלייט, וואָס גייען אַרום מיט פּעקלעך לשון־קודש און יידיש און ווייזן שטענדיק די אייגענע סחורה, איז לחלוטין נישט שיין. איך האַלט דאָס פּשוט פֿאַר אַן עוון־חמור, הן בנוגע צו יידיש והן בנוגע צו לשון־קודש. און דאָס זאָג איך, כאָטש איך ווייס, אַז עבר ושנה נעשה לו כהיתר, וקולי כקול במדבר...

אַלטע בלעטער

אויפֿצייכנונגען וועגן יידישע שרייבער

אייזיק־מאיר דיק

נאָך היינט, אַז אַ ייד קומט צופֿאָרן קיין ווילנע און גייט אַרויס אויף דער יידישער גאַס, אין שולהויף צי אין גאונס בית־מדרש, דערפֿילט ער עפּעס, וואָס ער פֿילט דאָס נישט אין קיין שום יידישער שטאָט אין דער וועלט. מען גייט אויף אַן ערד פֿון גאָלע מצוות און תורה און אויף איין מאָל פֿאַרלירט מען זיך אין יענע צייטן, וואָס אויף דער ליטווישער און פּוילישער ערד האָט זיך אויסגעבויט אַ נייע יבנה, אַ יבנה מיט די אייגענע גדולים, מיט די אייגענע השגות און מיט די אייגענע בעלי־מוחות פֿון אַמאָל... דער ווילנער גאון איז אויף קיין פּיצל נישט קיין קלענערער למדן ווי אַ רבי טרפֿון; רבי חיים וואָלאָזשינער איז געווען אַ שטיק רבי מאיר, רבי זלמינא וואָלט געמעגט זיין אַ רבי פּינחס־בן־יאיר. אָבער נאָר פֿאַר די לומדים און פֿאַר די בעלי־תּורה איז דאָס געווען אַ וועלט. אויפֿן פּראָסטן עולם האָט קיינער נישט געקוקט און זיינטוועגן האָט קיינער נישט געטראַכט, און קיינעם האָט נישט געאַרט וואָס עס טוט זיך אין זיין נשמה. דער עם־האָרץ, דאָס איז געווען אַ מין זאַך, וואָס איז נישט ווייט פֿון טומאה. זיין לשון איז געווען אַ לשון נאָר צו דברי־חול; די לומדים האָבן נאָר געהאַט דרך־ארץ פֿאַר לשון־קודש, פֿאַרן לשון פֿון דער תּורה און פֿון דער גמרא...

און דערנאָך, אַז עס האָט שוין אָנגעהויבן צו בלאָזן אַן אַנדער ווינטל, און עס האָבן זיך אין ווילנע באַוויזן מענטשן, וואָס האָבן זיך אָנגערופֿן משכּילים, האָט מען אַוודאי אָנגעהויבן צו האָבן אין זינען לשון־קודש און גערעכנט פֿאַר אַ מענטשן נאָר דעם, וואָס קאָן לשון־קודש. דער חילוק איז באַשטאַנען אין דעם, אַז דאָס וואָס ביי די לומדים איז געווען נאָר אַ לבוש צו דער תּורה און נישט חס־ושלום די תּורה אַליין, איז ביי זיי געוואָרן דער עצם. דאָרט, אין דער פֿרומער מחנה, וואָס איז נאָך אַלץ

געווען דער רוב, איז מען געזעסן און מען האָט זיך געקנייטשט אויף אַ שטיקל תוספות צי אויף רש״י. דאָ אָבער ביי די משכּילים האָט אַ מענטש געקאָנט אָפּלעבן פֿערציק יאָר און אַלץ קלערן וועגן אַ כּלל אין דקדוק, צי וועגן אַ פּסוק אין ישעיה... די פּראָסטע כּנסת־ישראל האָט זיך אָבער אין אַזעלכע זאַכן נישט געקאָנט מישן, און אַזוי האָט מען וועגן איר פֿאַר־געסן. ווי אַזוי עס האָבן זיך פֿאַרט געגומען דער „צאינה־וראינה״ און דער „נופת־צופים״ און דער „מנורת־המאור״ און דער „שבט־מוסר״ פֿאַר די נשים און פֿרומע ווייבער, איז מיר נאָך עד־היום אַ חידוש. דער גאון וכל־החבריה האָבן זיך מיט אַזעלכע זאַכן אוודאי נישט אָנגעקערט, און אדם הכּהן לעבענזאָן און קאַצענעלנזאָן און שערעשעווסקי אויך נישט...

און דאָ שטייט מיט אַמאָל אויף אַ ייד, אַ ייד אַ חכם און אַ משכּיל, און הויבט אָן צו שרייבן פֿאַרן פּראָסטן עולם און גאָר אויף יידיש. אייזיק־מאיר דיק איז דאָס געווען. אַ ביסל איז אָט דער ייד אַפֿילו נישט געווען ווייט פֿון יענע משכּילים; ער האָט געקענט תּנ״ך און האָט ליב געהאַט טבעיות און דאָס, וואָס מען רופֿט זיי אָן די חכמות פֿון דער וועלט. אַז ער וואָלט געווען אַ מגיד, וואָלט ער אָפּגענומען אַ וועלט, וואָרים ער האָט געקענט אַ סך משלים און האָט פֿאַרמאָגט אַ סך וויץ און האָט פֿאַרשטאַנען צו וואַרפֿן מיט אַ פּסוק און אויסצודרינגען, אַז אַ מענטש באַדאַרף צו זיין אַ מענטש און נישט קיין בהמה... אַז די תּאוות זיינען טאַקע מן־הטבע דעם מענטשן שעדלעך; אָבער אַז איינער איז אַ בעל־תּאוה, האָט ער בירושה פֿון זיין טאַטן. — אַ ייד האָט ליב אַז מען גיט אים צו פֿאַרשטיין און אַז מען טאָלקעוועט אים איין, אַז דאָס איז אַזוי און אַזוי...

אייזיק־מאיר דיק האָט זיינע לעזער געקוקט נישט אין די אויגן, נאָר אין האַרצן. ער האָט נישט געקוקט אויף די מלבושים און נישט אויף דעם מעמד און אויף דער שטעל פֿון אַ מענטשן. געקוקט האָט ער נאָר אין תּוך אַריין: דו מעגסט זיך זיין אָנגעטאָן אין אַ שטריימל און אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, און ביסט פֿאַרט אַ גנבֿ. און פֿאַרקערט, קוקט אָן די יידענע, וואָס ווערט פֿאַרשוואַרצט אין קראָם און באַדאַרף האָרעווען אויף חיונה, כּדי דער מאַן אירער זאָל זיך קאָנען זיין אַ פּועל־בטל ביי דער תּורה... פֿינצטער און פֿאַרזאָרגט איז איר פּנים, און דאָך איז זי אויך געווען אַמאָל אַ מיידל, און איז געווען שיין און פֿריילעך, און האָט געוואָרט אויף איר חתן, און עס האָבן זיך איר געחלומט גאָר זיסע חלומות... פֿע, דאָס לעבן מאַכט דעם מענטשן קויטיק, ביז איבערן קבֿר ציט זיך דער עולם־השקר.

אַט אַזוי מישט זיך דאָס אַלץ אויס אין קאָפּ ביי דיקן. און פֿונדעסטוועגן זאָגט ער אונדז נישט קיין מוסר און דרינגט אונדז נישט אויס פֿון דער מעשה, אַז עס באַדאַרף צו זיין אַזוי און אַזוי. מניה־וביה זעט מען ביי אים אַ ברייטן שמייכל אויף די ליפּן, און נישט זעלטן טרעפֿט מען ביי אים אַ ניבול־פּה, וואָס צום ענין פּאַסט ער אָפּטמאָל בעסער ווי אַ פּסוק... און דיק זאָגט דאָס נישט פֿון זיך אַליין, נאָר עס זאָגט דער מענטש, וואָס דיק דערציילט וועגן אים. היינט חידושט מען זיך נישט אויף דעם; אָבער דעמאָלט, וואָס אַז איטלעכער מענטש, וואָס האָט געשריבן, האָט געשריבן רק לשם־ספֿר, און טאַקע כּדי צו זאָגן וועגן זיך און דרשענען וועגן זיך, און האָט נישט אַנגעהויבן צו פֿאַרשטיין, אַז עס איז אַ סך בילכער צו וויסן און צו קענען דאָס לעבן פֿון די דאָזיקע מענטשן, וואָס זיי מאַכן גאָרנישט קיין ספֿרים, איידער דאָס לעבן פֿונעם מחבר, פֿונעם קאָמפּמענטש אַליין, — איז אַזוינס, וואָס אייזיק־מאיר דיק האָט געטאָן, געווען אַ גרוי־סער חידוש.

און אַזוי האָט דיק זיך אָפּגעלעבט זיינע יאָרן, דערציילט און געשריבן געמאַכט, אָבער אַז אַ ייד האָט עפּעס פֿון אים געלייענט, האָט ער אים פֿאַרשטאַנען, ווערדליך אַ ייד קען פֿאַרשטיין.

צי אייזיק־מאיר דיק האָט אין דעם, וואָס ער טוט, געהאַט די אמונה, אַז דאָס איז אַ גוטע זאַך, אָדער ער האָט זיך גאָר געהאַלטן פֿאַר אַ דרדקי־מלמד, ווייס איך נישט. דיק איז נישט געווען קיין מענטש פֿון ווייטע מחשבות, און אַז ער האָט געטראַכט, האָט ער געטראַכט מער פֿון אַנדערע ווי פֿון זיך...

געשטאָרבן איז ער געזונט און שטאַרק און האָט געהאַט אַ גרויסע לוויה, אָבער באַלד האָט מען אים פֿאַרגעסן. די לומדים האָבן זיך ווידער גענומען צו זייערע הגהות־הש״ס און צום קיצור פּסקי תּוספֿות, און די משכּילים — צו זייערע ביאורים, צי גאָר צו „ביאורים חדשים״ און שי־רים. און אויף אייזיק־מאיר דיקן איז געוואָרן נסתּם־הגולל...

עס קאָן זיין ער וואָלט גאָרנישט אויפֿגעשטאַנען קיין תּחית־המתים, און עס וואָלט היינט נישט געווען קיין ייד, וואָס זאָל וויסן וואָס עס הייסט יידיש, און וואָס עס איז אַ לשון פֿונעם פֿאָלק, ווען עס וואָלט נישט געקומען אַן אַנדערער, אַ ייד פֿון אַן אַנדער קאַנט און גאָר מיט אַן אַנדער דרך,

און דער האָט געהאַט אַ גאַנץ אַנדערע השפּעה. וועגן אָט דעם שרייבער רעדן מיר אין דעם צווייטן קאַפּיטל.

יצחק־יואל לינעצקי

די, וואָס געדענקען נאָך צעדערבוימס קול־מבשר פון אַמאָל אין אַדעס, וועלן זיך דערמאָנען אויף די שיינע הלצהדיקע פעליעטאָנען, וואָס זיינען געווען אונטערגעשריבן מיטן נאָמען יצחק־יואל לינעצקי. פּלוצים האָט זיך אָבער לינעצקי מישב געווען און האָט געשריבן אַ בוך אויף פּראָסט יידיש מיטן נאָמען „דאָס פּוילישע יינגל”, און דאָס בוך איז מער נתפּרסם געוואָרן ווי אַלץ וואָס ער האָט אָנגעשריבן ביז דעמאָלט, און האָט צו יענער צייט אָפּגענומען אַ וועלט, און געמאַכט דעם גרעסטן רושם אין יענעם קאַנט...

לינעצקיס כּוח איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אויף איינמאָל האָט ער אַנטפּלעקט דעם להפך־ולהפך פון דעם שטייגער, וואָס אין אים האָט מען געלעבט און אין אים איז מען געווען איינגעוויקלט פון קינדוויז אָן.

טויזנט יאָר האָבן די מחמירים און אַלע פרומע לייט, וואָס האָבן נישט געהאַט וואָס צו טאָן, אַלץ ממציא געווען חומרות און דינים, האָבן אַלץ געטראַכט און זיך געמאַטערט ווי אַזוי אַרויסצוציען פונעם יידן דאָס ביסל לעבן. אויפן האַלדז און אויפן קאָפּ, אויף די הענט און אויף די פיס און אויף די פינגער פונעם יידן זיינען געווען אָנגעטשעפּעט שטריקלעך, און אויף איטלעכן שטריקל זיינען געהאַנגען דינימלעך, פשטלעך, זאָגעכצן און קאָפּפאַרדרייעניש. און ביז אויף די ציין זיינען ביי אים געהאַנגען גלעקלעך פון יציאת־מצרים, פון בלקן, פונעם עגל, פונעם כּהן־גדול וכדומה, און אַז דער ייד האָט זיך געטאָן אַ ריר, האָבן זיך אָנגעהויבן טרייסלען אָט די אָנהענגעכצן און ס'איז געוואָרן אַ געפּילדער און אַ רעש, און מלאכים זיינען געקומען אָנקוקן יעקבס זון מיט די צוויי פּאָר תפילין און מיטן גרויסן טלית און ווי אַזוי ער שאָקלט זיך און דינט כּסדר דעם בורא.

און אָט דאָ איז געקומען לינעצקי און האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער, און אַלע יידן האָבן זיך צעלאַכט און די גאַנצע זאַך איז זיי אַליין פאַרגעקומען מעשה־חוזק...

לינעצקי האָט דאָס אַלץ אַזוי געטאַלקעוועט, אַז אַלע פּוסקים און מחמירים, וואָס האָבן אויף אונדז אָנגעוואָרפן די פּעק מיט מצוות און

חומרות און די אַלע גוטע זאַכן, וואָס איטלעכער טוט נאָך דעם אַנדערן און מיינט נאָך, אַז דערמיט איז ער ביי גאָט נושא־חן, האָבן אונדז פּשוט געהאַלטן פאַר נאַראָנים צי גאָר פאַר בהמות. אַ בהמה דאַרף כאָטש נישט מאַכן קיין ברכה אויף די קלייען וואָס מען גיט איר, אָדער זיך וואַשן צו אַ ביסל גראָז. עולה תורה זיין איז אַ בהמה אַוודאי נישט מחויב, און שבעה נאָך אַ מת דאַרף זי אויך נישט זיצן, צי בענטשן אתרוג, צי זיין אַ נזהר אין מאכלות־אסורות, צי גאָר נעמען זיך פאַר פסח איבערקלייבן די ווייץ, כדי אַרויסצוגעפינען איטלעך צעשפּאָלטן קערנדל, וואָס עס וואַקסט, חס־ושלום, אין אים אַ ווײדעלע...

און יידן האַלטן זיך ביים בויך און לאַכן. וואָס איז דאָס פאַר אַ קלוגער יונג אָט־דער לינעצקי און אַזאַ לץ און משומד, אַ רבס אַ זון מיט אַזאַ טרייפענעם פּיסק. נאָכדערציילט האָט מען זיך פון אים אַלע גלייכווערטלעך: דעם ימח־שמוניק האָט מען געשאָלטן און דערביי געשמאַק געלייענט; און יונגעלייט האָבן גאָר אָנגעהויבן צו באַקומען גאַנץ אַנדערע מחשבות ומניה־וביה איז פונעם לאַכן גאָר געוואָרן אַ שטיק כפירה און מען האָט זיך אָנגעהויבן צו קליידן אַ ביסל קורץ און פאַרבייגיין די משונהדיקע מנהגים.

אַקיצור, עס איז אויפגעשטאַנען אַ נייער דור, צעזייט און צעשפּרייט אין אַלע יידישע שטעט, מיט נייע מיני וואונטשן און נייע מיני מחשבות. מען וויל שוין שטודירן, מען רוקאַיעט זיך מיט מיידלעך, מען לייענט ראָ־מאַנען און מען הויבט אָן צו פאַרשטיין, אַז די וועלט איז נישט באַשאַפן געוואָרן נאָר פאַר יידן וועגן, פאַרקערט: די גויים זיינען אויך גאָר קיין נאַראָנים נישט און מען קאָן פון זיי לערנען און מען מוז פון זיי לערנען. אָט אין דעם אַלעם האָט אַ גרויסן חלק דאָס פּוילישע יינגל...

לינעצקי האָט דערנאָך אינגאַנצן אָוועקגעלאָזט לשון־קודש און האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן לוחות מיט „יאָקל און יעקל" און האָט זיך אויף דער אמתן געמאַכט משוגע. וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן, האָט ער אָפּגע־זאָגט אין פּוילישן יינגל; און אַז עס זיינען אַוועק אַ סך יאָרן און ער האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי אַזוי עס איז געוואָרן אויף דער וועלט, האָט ער געשריבן אַ קליין שטיק, וואָס איז געווען געדרוקט אין שלום־עליכמס ביבליאָטעק, מיטן נאָמען: „אַ וואָרעם אין כריין" און האָט געגעבן אַ שטילן וויין... און אָט־דער, וואָס האָט אָנגעצונדן דעם פאַקעל פון השכלה ביי יידן, לעבט היינט אין אָדעס, און איז אַן אָרעמער ייד און טראָגט אַרום ציגאַרן צום פאַרקויפן... פאַרגעסן, פאַרגעסן איז לינעצקי מיטן פּוילישן

יינגל, פֿאַרגעסן איינער פֿון אונדזערע יחידים... אַפֿילו אין דער יידישער ליטעראַטור גופֿא, וואָס בסך־הכל איז ער געווען איר זיידע אָדער איר צווייטער טאַטע, דערמאָנט קיינער נישט זיין נאָמען.

אַברהם גאָלדפֿאַדען

יענע יאָרן איז געווען אַ ייד, אַ משורר, וואָס מען האָט אים גערופֿן מרדכי ווערבל, און דער האָט געהאַט אַן איידעם, וואָס האָט געהייסן אַברהם גאָלדפֿאַדען, און איז אויך געווען אַ משורר, דאָס הייסט אַ מענטש, וואָס מאַכט שירים אויף לשון־קודש. און אָט־דער גאָלדפֿאַדען איז געוואָרן דער גרויסער יידישער לידערזינגער און האָט אַליין אויך געמאַכט די ניגונים צו זיינע לידער, וואָס מען האָט זיי געזונגען אין אַלע יידישע שטעט פֿון גרויס ביז קליין, אַפֿילו דינסטמיידלעך און, להבדיל, גמרא־בחורים, און מען האָט זיך פשוט מיט זיי געקוויקט. אַזאַ מין שלאַק איז דעמאָלט אויך געווען אין קיר״ה, ראָזענקראַנץ, דער בעל־מקל־נועם, און געווען איז ער אַ בריה אי אויף לשון־קודש אי אויף יידיש, און אויך מיט די אייגענע ניגונים. און ער איז גאָר אַרומגעפֿאָרן און האָט אַליין געזונגען זיינע לידער פֿאַר געלט און פֿאַר אַ גוט גלעזל וויין. און כאָטש אויף לשון־קודש האָט מען אויך געזונגען: ויין ישמח לבב אנוש, איז ביז ראָזענקראַנצן און גאָלדפֿאַדענען קיין שום משורר נישט איינגעפֿאַלן, אַז מען מעג טאָן אַ טרונק און אַ לעב...

גאָלדפֿאַדענען איז גאָר איינגעפֿאַלן צו מאַכן אַ יידישן טעאַטער, ער האָט אַליין געשריבן די שטיק, צוגעגעבן אַ ביסל ליצנות, אַ ביסל היסטאָריע און דערצו האָט ער געמאַכט די ניגונים. רופֿן רופֿט מען דאָס אָפּערע, און דאָס פֿלעגט מען שפּילן אין די גרויסע שטעט, און מען פֿלעגט זיך דאָס גאָרנישט קאָנען אָפּלויבן. און מגיה־וביה איז טאַקע ביי אונדז געוואָרן אַ חברה אַקטיאָרן און אַקטריסעס, פֿראַנק און פֿריי און חי־געלעבט! אַזוינס האָט מען ביי יידן נאָך קיינמאָל נישט געזען, און דער עולם האָט זיך פשוט מחיה געווען. אַי, וואָס מען טאָר נישט, ווי שטייט עס: וכמעשה הגויים אל תעשון, טוט נישט נאָך די גויים אין זייערע הולטאַיסקע זאַכן און אויסגעלאַסנקייט. איז גייט פֿרעגט קשיות ביי גאָלדפֿאַדענען און זיינע לייט! אַז די רוסישע ממשלה וואָלט זיך דעמאָלט נישט

געווען אַריינגעמישט, און וואָלט נישט געווען געלייגט אַ חרם אויף דעם יידישן טעאַטער, וואָלטן מיר יידן שוין לאַנג געהאַט אַן אַנדער פּנים.

איר קענט נישט אונדזערע ברידער, איר מיינט, אַז זיי האָבן ליב נאָר די תּורה און יידישקייט. ניין, שמ״ר און אַלע ווילדע זאַכן איז ביי זיי אויך אַ מטבע, און ווער שמועסט, אַז מען פֿאַרשטעלט זיך און מען קרימט זיך נאָך. פֿאַרן פּראָסטן עולם וואָלט גאָלדפֿאַדען געווען, וואָס דער גרויסער יצחק־בער לעווינזאָן איז געווען פֿאַר די משׂכּילים. אָבער אין מיטן האָט מען אים איבערגעשניטן דעם האַלדז און ער האָט געמוזט גיין אין גלות; צוערשט קיין קראָקע און לוואָוו, דערנאָך קיין רומעניע און דערנאָך גאָר קיין אַמעריקע. אַ תּל איז געוואָרן פֿון אַלעמען. גאָלדפֿאַדען אַליין איז געשטאָרבן אַן אָרעמאַן. און היינט זיינען דאָ מענטשן, וואָס האַנדלען מיט זיין ירושה, גנבֿענען ביי אים און ווערן דערפֿון רייך... רבונו־של־עולם, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ וועלט!

שאַצקעס

מרדכי־אַהרן שאַצקעס איז געווען דער איינציקער פֿון די באַקאַנטע גרויסע לשון־קודש שרייבער און פֿון די לוחמים פֿאַר השׂכּלה און חרות, וואָס מיט זיין „מפתח" האָט ער אַ סך אויפֿגעטאָן. אַ קליין יידל און אַ פֿאַרביסענער אַפּיקורס. געזעסן איז ער ביים טיש תּמיד מיט אַ יאַרמלקע אויפֿן קאָפּ און גערויכערט אַ ליולקע אַפֿילו אום שבת. גאַרנישט, אָבער אַ כּוח האָט ער געהאַט און אַ פּען! היינט שרייבט מען ביי אונדז נישט מער אַזוי.

און דאָ קומט אים אויס צו שרייבן אַ בוך אויף יידיש און דעם דאָזיקן בוך צו געבן אַ נאָמען: „דער יידישער פֿאַר־פּסח", און דאָס האָט געמאַכט נאָך מער רושם. אויך אין דעם בוך רופֿט שאַצקעס למלחמה נגד הדת ונגד האמונות הטפֿלות, אָבער מיט גאַנץ אַנדערע כּלי־זיין. דאָ רעדט שוין איינער פֿון דער לעבער, און עס ברענט דער כּעס אויף אַלע מנהגים און חוקים, וואָס מיט זיי האָט מען אונדז אַרומגערינגלט און אונדז אַוועקגענומען דעם אָטעם. פֿאַרשימלטע און אויסגעדאַרטע מוחות האָבן אונדז געהאָדעוועט מיט נאַרישקייטן, קיין מזונות זיינען זיי לחלוטין נישט געווען.

נאַ, ברידער! פאַרשטייט איר אַ מעשה! גאָט, וואָס ער איז דער הזן ומפרנס, האַלט אונדז נישט פאַר קיין קעסטקינדער, און וויל גאַרנישט אַז מיר זאָלן זיין פון די שומרי־מצוותיו, נאָר פון די זוכרי־פקודיו. און די גאונים מיט די רבנים וואַרפן אויף אונדז אָן פרישע מצוות און חומרות, גאַרנישט: זייערע אייגענע משפטים און זייערע אייגענע אויסטייטשן. אָן עם־התורה זיינען מיר, קומען אַרויס פון אַברהמען און בידעווען און בידעווען...

שאַצקעס וויל קריטיש באַטראַכטן אַלע אונדזערע מנהגים און אַלע פאַראַדקעס און האָט דעם קוק פון אונדזער אַרעם וועלטל און פאַרשטייט אונדזערע מענטשעלעך ביז אין תוך אַריין. דאָס יידישע הויז פון די אַמאָ־ליקע צייטן לעבט פאַר אונדז אויף, און ער מאָלט דאָס אָפּ מיט אַלע פרטים. פאַרלאַנגט נישט פון שאַצקעסן קיין פיינע קונסט צי גאָר פסיכאָלאָגיע; דערצו איז ער צופיל ייד און האָט ליב פעפער און פאַמפּושקעס; אָבער וואָס ער זאָגט, טרעפט ער צו, און אַז ער גיט אַ פּאַטש, פּילט מען אים.

שרעקלעך און שווידערהאַפט וועט זיין צו הערן, ווי מענטשן פלעגן זיך מאַרדעווען דעם גאַנצן חודש פאַר פסח און טאָן קאַטאָרזשנע אַרבעט. פרעגט זיי: פאַרוואָס? ווילט איר קומען צו אַ טאָלק, פאַרוואָס מען שלעפּט אָן אויף זיך אַזוינע קייטן? אַז ביי יידן איז אַלץ בבחינת מתן תורה, אַז אַלץ, וואָס אַ נאַרישער רב האָט אויסגעטראַכט איז תורת־משה.

„אשר על כן קוראים יקרים, זע איך דאָס פאַר אַ חוב צו לאָזן למזכרת־עולם" די גאַנצע שווערע פאַנטשטשינע, וואָס אונדזערע פוסקים און בעלי־טובות האָבן אונדז געגעבן צו טראָגן.

און דערפאַר איז דאָס אַ חוב, אַז בשעת מען רעדט מכוח די גרויסע בונים, וואָס האָבן געשאַפן דעם יידישן ספרות, צו געדענקען פון שאַצ־קעסן. דאָס, וואָס ער האָט אַריינגעטראָגן אין דעם יידישן לשון, האָט מען נאָך עד־היום נישט אָפּגעשאַצט. און אַריינגעטראָגן האָט ער אַ סך.

מענדעלע מוכר־ספרים

אַצינד וויל איך רעדן פון מענדעלען, פון גרויסן מענדעלע מוכר־ספרים, פונעם זיידן. איך ווייס נישט צי עס איז איטלעכן ידוע, אַז מענ־דעלע מוכר־ספרים, שכולנו חייבים בכבודו וכולנו שתינו מבארו און אַלע

האָבן מיר זיך געלאָבט פֿון זיין ברונעם, האָט אַמאָל געהייסן שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש, און האָט געשריבן דעם „האבות־והבנים", דעם „תולדות־הטבע" און דעם „משפט־שלום" און נאָך אַנדערע זאַכן אויף לשון־קודש. דאָס איז געווען אין יענע יאָרן פֿון דער אַלטער השכּלה מיט חיים־צבי לערנערן, מיט די מדקדקים און מיט די ראַבינער־שולן, וואָס פֿון זיי האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. — אַמאָל האָב איך באַקומען אַ העפֿטל „השחר" און איך האָב דאָרט געפֿונען אַן אַרטיקל פֿון אַבראַמאָוויטשן, „מה אנו?" און דאָס איז געווען אַ ביסל גוט און אַ ביסל שלעכט. איטלעכער פֿון אונדז, וואָס האָט שטאַרק געליבט ליליענבלומען און סמאָלענסקינען און גאָרדאָנען, וואָלט נישט געקאָנט זאָגן, אַז פֿון אַבראַמאָוויטשן האָט ער גענאַשט. עפּעס איז דאָס געווען אַ מין ניט־פֿיש און ניט־פֿלייש, נאָר דער לשון איז געווען גוט, אָבער וואָס האָט מען פֿונעם לשון אַליין?

און דאָ נעמט זיך אַבראַמאָוויטש און הויבט אָן שרייבן ביכער אויף יידיש, און נאָך וואָס פֿאַר אַ ביכער! אויף איינמאָל האָט זיך געעפֿנט אַ נייע וועלט. עפּעס אַזוינס און אַזאַ מין דרך האָבן מיר נאָך קיין מאָל נישט געזען. פֿאַרשטייט זיך, אַז אין „התועה בדרכי החיים", און אין „גמול־ישרים" צי אין „שמחת־חנף" זיינען אויך געווען געשיכטעס פֿונעם לעבן. אָבער די „קליאַטשע" איז געווען עפּעס אַנדערש; „פֿישקע דער קרומער" איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש; און „דאָס קליינע מענטשעלע" און „הער־שעלע" זיינען ווידער גאָר עפּעס אַנדערש. — דאָ דערציילט איינער מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן און שניידט אונדז די קישקעס. דאָ איז די כּנסת־ישראל, ווי זי לעבט און ליידט און ריכט אָפּ חצות, און עס ציטערט די נשמה און אַליין טוט מען אויך אַ וויין... איר פֿאַרשטייט, עס זיינען פֿאַראַן מענטשן, וואָס זיי זיינען גאָרנישט קיין משׂכּילים: עס איז אַ פּראָסטער גראָבער עולם, שטיקלעך גנבים און נאָך אַזוינע פֿיינע לייט און פֿונדעסטוועגן האָבן זיי אויך אַ נשמה... איר פֿאַרשטייט, אַ ייד איז אַזאַ מין מענטש, וואָס צו אים דאַרף מען זיך צוהערן, און דווקא אַריינקריכן אין אים, כּדי תּופֿס צו זיין אים מיט אַלע זיינע אברים... מענדעלע מוכר־ספֿרים דערציילט נישט צו אונדזער דערקוויקעניש, ער וויל נישט פֿאַרשאַפֿן אונדז קיין פֿאַרגעניגן און דערציילן גלאַט אַזוי אַ מעשׂה; פֿאַרקערט, ער וויל מיר זאָלן זיך אַנידערזעצן און אים אויסהערן און זיך דערוויסן פֿון אים, וואָס זיינען מיר אַליין. און דאָס איז ער דער גרויסער מורה־דרך, און ער ווייסט איטלעכס ווינקעלע אין האַרצן. עפּעס טוט ער

משפטן און איז אַ מוכיח, און דאָס אַלץ זאָגן מיר זיך אַליין... האָט איר אַמאָל געלערנט איוב? מענדעלע פֿרעגט נישט קיין קשיות, נישט אויף גאָט און נישט אויף דער השגחה, און עס בלייבט פֿאַרט אַ קשיה... ביז מענדעלען האָבן מיר אַלץ געמיינט, אַז מיר זיינען ערב פֿאַר יענעם נאַר, אַז מען גיט פֿאַר אים אַ וועקסל צי אַ חתימה־לע; לייענט מען אָבער מענ־דעלען, קומט אויס, אַז מען איז ערב פֿאַר זיך אַליין. איר פֿאַרשטייט, דער אַנדערער איז נאַר אַ שפּיגל פֿון אונדז אַליין.

איך וואָלט געקאָנט אויסרעכענען נאָך אַ סך מעלות פֿון מענדעלען, אָבער טאָמער וועט זיין געזעג, אַז איך וועל אייך געבן אָט דעם משל. איט־לעכער פֿון אונדז האָט אַמאָל געגאַשט פֿון אַ שטיקל אבן־עזרא צי פֿונעם רלב״ג, און פֿונעם חובת־הלבבות און פֿונעם בעל־עקדה אויך. אַלע זיינען זיי געווען די גרויסע מוחות מיט די טיפֿע השגות; אָבער עס איז דאָך אַלץ גאָר־נישט קעגן דעם רמב״ם. יענע האָבן געבויט שיינע הייזער, און דער רמב״ם האָט אויסגעבויט אַ גאַנצע פֿעסטונג. מענדעלע מוכר־ספֿרים, דער זיידע, מיט זיינע גרויסע חיבורים איז דער רמב״ם אין דער יידישער ליטעראַ־טור, און אַז יידן וואָלטן געווען אַ פֿאָלק מיט אַלע פֿעלקער צוגלייך און וואָלטן געהאַט זייער מדינה, און דאָס יידישע לשון וואָלט געווען נכתב ונחתם בטבעת האומה ובטבעת המלכות, ווייס איך, אַז הונדערטער יאָרן נאָך וואָלט מען מענדעלען געלייענט און פֿאַרשטאַנען, און ווייטער גע־לייענט. וואָס טוט אָבער גאָט? זיינען מיר נאָר שברים פֿון אַ פֿאָלק און אונדזער לשון שאָקלט זיך און שאָקלט זיך... וואָס קאָן מען חושד זיין מענדעלען, אַז ער איז געוואָרן עלטער און האָט דערזען, אַז דאָס יידישע לשון איז שוין אויך נישט אַזאַ בטוח, וואָרים די קינדער רעדן שוין גאָר אַנדערש, האָט ער ווידער אַנגעהויבן שרייבן אויף לשון־קודש, און דווקא גוט, און טויזנט מאָל בעסער ווי פֿריער. ווי זאָגט דער פּסוק: אם יבוא עשו אל המחנה האחת והכהו והיה המחנה נשאר לפליטה! אַז דער קורס פֿון לשון־קודש איז געשטאַנען נישט גוט, און ס׳האָט געהאַלטן אָט־אָט ביים אַנזעץ, האָט מענדעלע גענומען זיין פֿאַרמעגן און אַריינגעלייגט אים אין יידיש, און עס האָט אונדז געטראָגן ציגנזן און ציגנזן פֿון ציגנזן; דערנאָך, אַז ער האָט אַנגעהויבן צו קווענקלען בנוגע דעם יידישן לשון, טאָמער האָט עס חס־ושלום אויך נישט קיין קיום, האָט ער גענומען זיינע פּאָזיטן און זיי ווידער אַריינגעלייגט אין לשון־קודש. אוי, איז דאָס אַ האַרצוויי־טיק פֿון אַ שרייבער: ער מוז ציטערן אי פֿאַר דער נשמה, אי פֿאַר דעם גוף...

שלום־עליכם

פֿאַרצייטן, אַז יידן זיינען געזעסן און האָבן געלערנט און די תּורה איז נאָך געווען חשוב, איז בקיאות געווען איינע פֿון די שענסטע מעלות און טאַקע אַ גרויסער יסוד פֿון קיום התּורה. ספֿרים האָבן נישט אָט־דעם קיום, ווי דאָס, וואָס ליגט אין האַרצן פֿון אַ מענטשן. אין דעם ייד האָט געלעבט דאָס חוקל, אינעם אַנדערן — דער משניות, אין דעם אַ שטיק שולחן־ערוך, אין יענעם — אַ סדר פֿון ש״ס צי אַ סך ספֿרי־יראים, און אַזוי האָט די גאַנצע תּורה זיך געהאַט איר שמירה.

שלום־עליכם איז אַן אַנדער מין בקי, ער איז דער בקי אין דעם עצם ייד און טראָגט אין זיך דעם אוצר־הנשמות פֿון אַ סך יידן. ער קען דעם יידן פֿון אינעווייניק און פֿון אויסנווייניק, ער ווייסט ווי דער ייד רעדט און ווי דער ייד טראַכט, ער קען איטלעכן קנייטש אין זיין נשמה און איטלעכן אויפֿטו, ער קען זיינע חלומות און זיינע האָפֿענונגען, זיינע צרות און זיין מוטשען זיך. און ער ווייסט ווי אַזוי אונדז דאָס צו דערציילן און אויס־צומאָלן, אַזוי ווי קיינער האָט פֿאַר אים דאָס נישט געקענט. איטלעכס וואָרט פֿון אים לעבט. איטלעכער שטריך פֿון אים איז אַ גאַנצער אָבער פֿון אַ מענטשן, איטלעכער סיפּור פֿון אים — אַ שטיק יידישע וועלט.

שלום־עליכם איז גרויס אין זיין ווייגען און אין זיין לאַכן; גרויס איז ער, אַז ער רעדט, און גרויס, אַז דער משורר טרעט אַרויס פֿאַר אונדז און זאָגט: שמעני, הערט צו מיינע יידן וואָס איך וועל אייך דערציילן! איר ווייסט נישט, וואָס שלום־עליכם קאָן, איר ווייסט נישט, וואָס זיין קראַפֿט פֿאַרמאָגט, אַז ער וויל; איר ווייסט נישט, אַז ער איז דער איינ־ציקער, וואָס ער קען דעם יידישן לשון און וואָס האָט געשאַפֿן דעם יידישן לשון.

אַ יידישער יונגערמאַן, אַז ער הויבט אָן צו וועלן קענען לשון־קודש, קוקט ער אַריין אין ישעיה און אין ירמיה, צי אין רבי יהודה־הלוי, צי גאָר אין די שפּעטערדיקע, למשל אין גאָרדאָנען. לשון־קודש איז ביי אונדז אַ בן־בית און אַז מען וויל דאָס קענען, באַדאַרף מען נאָר צוגיין צו דער שאַפֿע מיט ספֿרים און אַרויסנעמען אַ ספֿר. יידיש אָבער ליגט גאָר אין האַרצן פֿונעם יידן, פֿון דעם פּראָסטן יידן, אין האַרצן ביים המון־העם אין אָט־די מענטשן, וואָס ביז אַצינד און טאָקע שוין פֿון דער גמרא אָן, אַז מען האָט געשמועסט פֿון יידן, האָט מען גאָר פֿאַרגעסן זיי מצרף זיין

צום מנין... שלום־עליכם האָט אָט־די נשמה אַרויסבאַקומען, שלום־עליכם האָט אונדז צוגעפֿירט צו דעם קוואַל, צו דעם אייביקן קוואַל פֿונעם יידישן לשון, שלום־עליכם איז בנוגע דעם יידישן לשון דער רש״י פֿונעם חומש און אפֿשר דער חומש אַליין.

און וואָס אונדז געפֿעלט אין אים און וואָס עס ציט צו אים, איז, אַז ער מאַכט פֿון זיך נישט קיין רבי, און שאַפֿט דאָס אַלץ אָן קונצן, אָן העוויות און אָן חכמות. ער שיט מיט גאָלד און מאַכט דאָס אַלץ פּראָסט, ווי דער [illegible] איז פּראָסט. שרייבן איז ביי אים נישט אַ מין עבודה, נישט אַ שרייבן פֿאַר זיך, ווי איינער, וואָס גיסט אויס זיין האַרץ און זיין ווייטיק. ער אַליין איז אייך אַלץ מוחל און ער פֿאַרלאַנגט פֿון אייך נישט קיין כבוד און אַז איר זאָלט אים באַוואונדערן: ער וויל אייך נאָר דערציילן פֿונעם יידישן פֿאָלק, פֿונעם אמתן יידישן פֿאָלק; ער וויל, אַז איר זאָלט וויסן, וואָס איז אַ ייד און ווי אַזוי אַ ייד רעדט; ער וויל, איר זאָלט קענען זיך אַליין און האַלט אייך דעם שפּיגל פֿאַר אייערע אויגן.

די נשמה פֿון אַ יידן וועט איר געפֿינען ביי שלום־עליכמען און דעם אמתן לשון פֿון אַ יידן. איטלעכעס וואָרט ביי אים איז אונדז באַקאַנט און דאָס האָבן מיר געזויגן מיט דער מוטערס מילך; איטלעכן ווונק קענען מיר, און פֿונדעסטוועגן האָבן מיר געמוזט וואַרטן ביז ער איז צו אונדז געקומען און האָט אונדז געמאַכט באַקאַנט מיט אונדז אַליין...

אַוודאי איז שירה דער כוח, צו נעמען אַ שטיק לעבן און דאָס אַריינגיסן אין אַ פֿאָרם, אַז עס זאָל בלייבן אויף שטענדיק. דאָס קאָן שלום־עליכם אויך. לייענט „יאַסעלע סאָלאָוויי״, לייענט „סטעמפּעניו״, לייענט „טביה דער מילכיקער״, לייענט דעם „ערב־פּסח איבערן בוג״, נעמט די פֿיר בענדער פֿון זיינע ווערק, וואָס זיינען געוואָרן צוגעגעבן צו דער „יידישער פֿאָלקס־צייטונג״! אָבער וואָס מיר חידושן זיך אויף אים נאָך מער, איז ווי ער פֿאַרשטייט אַזוי גוט צו איבערגעבן דאָס קליינע און אַז ביי אים איז גאָרנישט דאָ קיין קליינס. אַ קליין שמועסל פֿון צוויי יידן איז שוין אַ גאַנצער סיפּור. אַ ייד שפּיליעט אָפּ דעם זשילעט און גיט אַ קרעכץ און מיר האָבן אים אַ לעבעדיקן, ווי ער שטייט און גייט. אויף טעאַטער־לשון רופֿט מען דאָס דיאַלאָג, דאָס הייסט אויף פּראָסט יידיש, ווי צוויי יידן רעדן מיטאַנאַנדער; דאָס קאָן שלום עליכם ווי נישט קיין אַנדערער, אַקוראַט ווי ער לייענט אייך דאָס פֿונעם בוך און איר וואָלט געקאָנט שווערן, אַז אָט־אַזוי איז געווען דער שמועס און נישט אַנדערש. עפּעס איז ביי

אים אַלץ איבערגעגעבן מיטן נוסח און מיטן טראָפּ. עס זינגט און עס זאָגט זיך אַלץ פֿון זיך אַליין.

עפּעס האָט ער אַ מין כּוח אין זיך, צו האַלטן אונדז ביי זיינע זאַכן, און צו מאַכן זיי אונדז אַזוי היימיש, ווי זיי וואָלטן זיך גענומען פֿון אונדז אַליין. דער אמתער משורר, דער פֿאָלקס־משורר שפּרינגט נישט אויף אַ באַרג און מאַכט נישט קיין ווילדע קולות, כּדי מיר זאָלן זיך דערשרעקן, נאָר ער זעצט זיך צו צו אונדז אויף אַ בענקל און ער דערציילט אונדז ווי אַ גוטער פֿריינט, ווי אַ מאַמע רעדט מיט איר קינד. ביי שלום־עליכמען פֿילט מען זיך אַזוי ווי אין דער היים, ווי ביי דער מאַמעס פֿאַרטעך, עפּעס הערן מיר גאָרנישט דעם בעל־המחבר, נאָר דאָס יידישע פֿאָלק, די כּנסת ישראל אַליין, און נישט יענע כּנסת־ישראל, וואָס לייגט צוויי פּאָר תּפֿילין און האָט ליב שטאַרק שלישי און שישי, נאָר די פּראָסטע און די אמתע. איך האָב פֿיינט פּריצים און משכּילים, זאָגט שלום־עליכם, איך האָב ליב דעם פּראָסטן יידן, און גיי אויס פֿאַר אַזאַ יידן.

אין זיין פּשטות איז שלום־עליכם גרויס, און דאָס איז זיין שטייגער. און איך ווייס, עס וועט קומען אַ צייט, וואָס קיין אַנדערער שטייגער וועט נישט זיין אין יידיש. יידיש שרייבן וועט הייסן ווי שלום־עליכם שרייבט, יידיש קענען וועט הייסן קענען שלום־עליכמען.

ווידער וועגן שלום־עליכמען

בנוגע צום לשון, צו דעם יידישן לשון, איך מיין נישט דעם לשון אַליין, וואָס מען רעדט, נאָר דאָס, וואָס מען פֿילט אין דעם, איז שלום־עליכם דער גרעסטער, וואָס מיר האָבן געהאַט, און איך האָב מורא צו זאָגן, אויך דער לעצטער... דייטש איז נישט קיין יידיש, כאָטש עס דריקט זיך מיט יידי־שע אותיות, און דאָס, וואָס היינט רופֿט מען אָן בקולי־קולות יידיש, איז פֿון דעם ריינעם יידיש, וואָס שלום־עליכם האָט אונדז געגעבן, אַזוי ווייט כּרחוק מזרח־ממערב.

אַז איינער קען גאָרנישט קיין דייטש, קאָן ער בעוונותינו־הרבים זיך דאָס נאָך אַ ביסל אויסלערנען פֿון אונדזערע נייע יידישע שרייבערס. אָבער יידיש קאָן מען זיך פֿון קיינעמען נישט אויסלערנען, סיידן פֿון שלום־עליכמען אַליין. נאָר ער האָט דעם שליסל צו דעם יידישן לשון און

נאָר ביי אים אַליין איז דער גאַנצער יידישער אוצר... און איך ווייס, אַז ווען חס־ושלום שלום־עליכם וועט שטאַרבן פאַר מילוי־שנותיו, און ביי יידן איז דאָס קיין קונץ נישט — וועט מען מיט אים ברענגען צו קבורה אפשר דעם לעצטן יידן, וואָס קען יידיש, וואָס האָט גערעדט יידיש, וואָס האָט צו אונדז גערעדט אויף מאַמע־לשון.

און טאַקע נישט נאָר צוליב דעם עצם לשון איז שלום־עליכם אונדזער חומשל אין יידיש, נאָר צוליב דעם עצם ייד, וואָס רעדט ביי אים און שמועסט עסט ביי אים. כלומרשט לאַכט ער און איז בסך־הכל אַ פריילעך מענטשל; אָבער אויף דער אונטערשטער סטרונע גיט ער אַ צופּ ביי דער נשמה. דאָס איז אַ מענטש, וואָס ער רעדט צו איך, רעדט ער שוין פאַראיינס מיטן רבונו־של־עולם און מיט זיך; און דאָס וואָס ער זאָגט, קאָן איטלעכער זאָגן זיך אַליין און דאַרף זאָגן זיך אַליין.

שלום־עליכמס שירה מאַכט נישט קיין געפילדער און דראַפּעט זיך נישט אויף קיין גלייכע ווענט. ער ווייסט, אַז מענטשן האָבן נישט קיין פליגלען ווי מלאכים, און אַז די הענט מוז מען האָבן גאָר צום האַרעווען און די פיס צום גיין. טאָ צו וואָס זאָלן מיר זיך נאַרן, און פלעסקען צו דער זון, און זינגען צו איר הללויה, בשעת אַז מיר מוזן גאָר דאגהנען אויף חיונה און בשעת דער קאָפּ דאַרט אויף חיונה.

וועט איר זאָגן: פאַרקערט, אַז דער צער פון טראָגן איז יאָ אַזוי גרויס, טאָ למי אני עמל? ענטפערט איך שלום־עליכם, אַז אַ ייד איז פאָרט אַ משונהדיק באַשעפעניש. זיין חומריות איז קיין חומריות ניט און זיין רוחניות האָט אַ סך לעבער און ער קומט אויס מיט ביידע... בנוגע צו דעם יידן ווי אַזוי שלום־עליכם מאָלט אים אָפּ, וואָלט מען געקאָנט שרייבן גאַנצע ביכער.

ספּעקטאָר און פרוג

ספּעקטאָר, וואָס אָנגעהויבן צו שרייבן האָט ער אינעם „יידישן פאָלקס־בלאַט" און האָט זיך דעמאָלט געמאַכט אַ שטאַרקן נאָמען, האָט טאַקע דעם נאָמען דעמאָלט פאַרדינט. ספּעקטאָר איז געווען דער פּשוטער שרייבער, אָן חכמות און אָן קונצן, ער האָט געהערט צו דעם סאָרט, וואָס אַז זיי שרייבן, שניצן זיי נישט די פעדער אַ גאַנצע האַלבע שעה און טובלען זיך נישט, איידער זיי נעמען אַרויס דאָס פיינע פּאַפּיר, עלעהאַיי זיי וואָלטן

געווען דער כּהן־גדול, וואָס גייט פּראָווען די עבודה! גאָרנישט: ער האָט זיך אָנידערגעזעצט און האָט געשריבן אַ ביסל אויף ראָמאַן לשון עטלעכע יידישע ראָמאַנען, וואָס אין זיי דערציילט ער וועגן מענטשן און וועגן דעם, וואָס מען רופט דאָס אָן לעבן. ער איז נישט אויסן צו ווייזן דאָס פּינטעלע ייד און דעם גאַנצן זכות־אבות פון אַ יידן; ביי אים איז דער ייד, ראשית אַ מענטש, ווי אַלע מענטשן; אַז אַ יידיש ייִנגל האָט ליב אַ מיידל, ליבט ער זי אָן ישעיהן און אָן חז״ל; און אַז אַ ייד פּאָרדינט אַ קערבל, צי פּאַר־קערט, ער מוטשעט זיך, איז דאָס אַלץ בגדר־מענטש. — געוויס וואַקסט תּבואה און עס איז פאַראַן אַ נאַטור, און ספּעקטאַר ליבט צו קוקן אויף דער נאַטור, אָבער ביי אים איז דאָס נישט מחוץ־לגדר... לייט, וואָס האָבן געלעבט אין אוקראַינע און האָבן דאָרטן געזען די פעלדער און די וועלדער און די מענטשן, פאַרשטייען מער דעם עצם ספּעקטאָר פון דעמאָלט, אַ פּראָסטער בשר־ודם מיט בלוט, נישט קיין גערונגען בלוט.

*

וואָס פרוג האָט געמאַכט אויף רוסיש, ווייס איך נישט. אָבער פון זיינע יידישע שירים ווייס איך גראָד. נאָר מיר דאַכט זיך, אַז זיי וואָלטן געמאַכט דעם אמתן גרויסן רושם, ווען זיי וואָלטן באַשטאַנען פון אַ פערטל פון דעם, וואָס עס איז דאָ. לייענט מען איין שיר פון פרוגן און נאָך איינעם, הערט מען נאָך אין זיי דעם קול פון אַ לעבעדיקן יידן. אָבער אַז מען לייענט מער און מער, קומט שוין אויס, אַז דאָס זיינען פּיוטים פון אַ מחזור. שירים זיינען דאָס נישט, און לידער פון אַ פאָלק זיינען דאָס אויך נישט; אָבער תּפילות זיינען זיי, די אמתע תּפילות פון אַ סידור, און איידער אַ פּראָסטער ייד זאָל זאָגן ברכות און זיי נישט פאַרשטיין, וואָלט געווען אַ סך גלייכער, ער זאָל דאַווענען און זאָגן פרוגן. דאָס מיין איך אויף דער אמתן. און ווען פרוג האָט נאָר דאָס אַליין אויפגעטאָן, איז אויך ווערט, אַז יהי זכרו ברוך!

מוכיחים

אַז לעאָן ראַבינאָוויטש האָט נאָך געהאַט דעם „המליץ” און עס איז שוין געווען ביי הערב־שמש, האָט אָנגעהויבן ביי אים צו שרייבן אַ שרייבער מיטן נאָמען יאַצקאָן. און געשריבן האָט ער מיט אַ מין נייעם סטיל: קיין

משורר נישט, און קיין מספר נישט, און נישט קיין גלאַטער מאמרים־שריי־בער, וואָס טאָלקעוועט למשל אויס, אַז ישוב־ארץ־ישראל איז גוט און אַנ־דערע זאַכן זיינען שלעכט. דאָס איז געווען אַ מין מוכיח, וואָס ליאַרעמט און טומלט מכוח דאָס שלעכטע און דער רשעות אין דער חברה און ביים ציבור. אַט־אַ דער שניט איז געווען ניי. און לפּלוג זאָגן מוסר בקול־רם און טאַקע שמייסן מיט רימענס פֿאַר אַזעלכע זאַכן, וואָס פֿאַר זיי קומט שמיץ, דערצו מוז מען האָבן אין זיך אַ מין תקיפות. דערנאָך איז יאַצקאַן פֿון „המליץ" אַוועק צום „הצפירה", און דאָרט האָט ער געשריבן אַלע טאָג; און אַז עס רעגנט אַלע טאָג, געוואוינט מען זיך צו צו דער נאַסקייט. זיין שעלטן און זיין שרייען האָט שוין נישט מער גערירט.

נאָך אים זיינען געקומען צוויי נייע מוכיחים: ראָזענפֿעלד און ספּוג;ביידע נישט קיין שלעכטע שרייבערס און ביידע מיט אַ ניצוץ. ראָזענפֿעלד רעדט מער צום שכל, ספּוג — מער צום האַרצן. און דער עיקר איז, אַז זיי זיינען געווען מפּזר ווי מכניס. וואָלטן זיי נישט געווען פֿאַרדונגען ביי די צייטונגען און וואָלטן זיי אויף זיך נישט גענומען באלה ובשבועה צו זיין בכל ארבע תקופות השנה די ראשי־המדברים, וואָלטן זיי געהאַט מער צייט אַמאָל אַ רייד צו טאָן מיט זיך אַליין. איינער, וואָס האָט אויף זיך גענומען דעם עול צו זאָגן אַנדערע ביטערע רייד, מוז זיך דאָך אַמאָל אַליין שלאָגן אָשמתי...

מילא ספּוג שרייבט כאָטש נאָר אויף לשון־קודש, און לשון־קודש האָט שוין אין זיך אַליין אַ מין כוח. ראָזענפֿעלדס גורל איז אָבער אויך צו שרייבן אויף יידיש, און זיין יידיש איז מער מאמרים־לשון. גאָלע שלעכט איז דאָס נישט, און אַ הונגעריקער ווערט דערפֿון נישט זאַט.

אָבער אַחוץ אָט די צוויי מוכיחים האָבן מיר נאָך אַ גרעסערן מוכיח, דאָס איז הלל צייטלין, וואָס זיין שורש־נשמה ליגט מער אין לשון־קודש; און דווקא ווילט זיך אים זיין אַ ישעיה אויף יידיש; און זיין יידיש גרעגערט און הילכט און וויזט זיך אויס מער ווי אַ געפּילדער איידער אַ שפּראַך. אַוודאי זוכט צייטלין דעם אמת, אָבער ער זוכט אים מיט שטעקנס און נישט מיט ליכט...

*

ליפּמאַן לעווין איז אויך אי פֿיש, אי פֿלייש; די אייגענע זאַכן שרייבט ער אי אויף לשון־קודש, אי אויף יידיש, און סיי די, סיי יענע זיינען אָן טעם

און אָן לעבן. דעם דיקדוק און די אומנות פֿון מעשיות־דערציילן קאָן ער אַ ביסל; אָבער ער זאָגט אָפּ אַ מענטשן, ווי איינער זאָגט אָפּ יוצרות. נעמט אַ גלאָז ווײַן פֿון שטײַנבערגן — און מען זאָל נישט רעדן אויף געשטאָר־בענע, תּמיד גוט איז ער נישט געווען — און מישט דאָס אויס מיט צוויי גלאָז וואַסער, און דאָ האָט איר אַ סיפּור פֿון ליפּמאַן־לעווינען.

דאָ וואָלט געווען דער פּלאַץ אַ רעדט צו טאָן מכּוח בעל־מחשבותן. זײַנע זאַכן לייענען מיר אויך אי אויף לשון־קודש, אי אויף ייִדיש, און צום עצם לשון פֿעלט אים נאָך אַ סך... אָבער ער אַליין איז אַ קריטיקער, און ווי זאָגט דער פּסוק: אויף אַ שכן זאָל מען נישט רעדן. קיין נאַר איז ער אויך נישט, און געלייענט אין אַנדערע לשונות האָט ער אויך אַ ביסל אַמאָל, אַז ער איז לגמרי אָן פּניות, ווייסט ער, ביי וועמען עס קוועטשט דער שוך, אָבער ביי זיך — קיין מאָל נישט...

י. ת. ברענער

אַז מען קוקט אָן ברענערן: אַ מענטש מיט אַ געזונטן גוף און אַ פּראָסט פּנים, אַנגעטאָן פּראָסט אָן אַ שום העוויה, קאָן מען בשום־אופֿן נישט מיינען, אַז מען האָט פֿאַר זיך אַ העברעאישן שרייבער. אַ ייִדישער פֿאָלקס־שרייבער וואָלט יאָ געקאָנט אַזוי אויסזען. אַז ער וואָלט געזאָגט: איך הייס רייזען, אַברהם רייזען, וואָלט מען אים טאַקע געגלויבט.

ברענער איז אַ מענטש מיט אַן אידעלער נשמה. שטיל און אין זיך פֿאַרגראָבן גייט ער אַרום אויף דער וועלט; און דערפֿאַר אַליין, וואָס ער וויל נישט, אַז מען זאָל אין אים אַרײַנקוקן, טראָגט ער אויף זיך די מאַסקע פֿון זײַן פּנים. ער וויל גאָרנישט, איר זאָלט אים לויבן, איר זאָלט זיך מיט אים אַרומטראָגן. אָבער עס איז נישט דערפֿאַר, וואָס ביי אים איז „הכּל־הבל", צי ווייל ער איז נישט פֿריינדלעך צו מענטשן. פֿאַרקערט, ברענער איז עלול צו זײַן איבערגעגעבן צום אַנדערן מיט דער נשמה און מיטן גוף, צי טאַקע פּראָסט זיך מפֿקיר זײַן פֿאַר יענעמסוועגן. אָבער אַזוי איז ער נאָר בתּור־מענטש, נישט בתּור־סופֿר. פֿאַרקערט עס איז נישטאָ קיין זאַך אויף דער וועלט, וואָס זאָל אים מער פֿאַרדריסן ווי אַרומגיין מעשה־פּאַניע און בלאָזן פֿון זיך, האַלטן רעדעס, כּדי מען זאָל אים צופּלעסקען און טראָגן אַ באָרד פֿון יענעמסוועגן.

אין דייטש איז פֿאַראַן אַ וואָרט „עטהאָס״; עטיש פֿאַרשטייט מען שוין מער. אויף פּראָסט יידיש הייסט דאָס מידות, אַ מענטש אַ בעל־מידות. אָבער דער עולם איז געוואוינט, צו זוכן דעם בעל־מידות צווישן די איי־דעלע און די בני־תורה, צווישן יידן, וואָס האָבן נאָך נישט אָראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם עול התורה והיראה. דאָרט אָבער וואו עס שמעקט מיט השכלה, זוכט מען אַזוינע נישט. ביי ברענערן געפֿינט איר דאָס, כאָטש ער איז אַ האַלבער גוי: ער איז דער הולך בדרך־הישר און איז נהנה מיגיע כפּיו.

דער שטייגער איז פֿון אַ שרייבער, אַז ער הויבט אָן צו שרייבן — איך מיין דעם אמתן שרייבער, דעם בעל־כשרון — קומט דאָס ביי אים פֿון אַ גרויסן דמיון צי פֿון אַ גרויסן רצון, וואָס מען קאָן דאָס גאָרנישט משיג זיין; אָפּט קומט דאָס אָפּילו פֿון תאוות. ביי ברענערן איז נישט דאָס געווען די סיבה צו שרייבן. אים האָט געאַרט, נישט אַז ער קאָן נישט לעבן, נאָר אַז אַנדערע קאָנען ניט לעבן. ער האָט זיך פּשוט אָנגענומען פֿאַר אַנדערע, און דאָס האָט אים אַריינגעגעבן די פּען אין דער האַנט.

אָבער אַזוינע שרייבער, וואָס שוין פֿון לכתחילה האָבן זיי פֿיינט דעם רשע און ליב דעם צדיק, קאָנען נישט גוט איבערטראַכטן דאָס לעבן, וואָרים דאָס לעבן האָט נאָך אַנדערע כּוחות אין זיך אַחוץ צדק און רשעות. און טאַקע דערפֿאַר איז ברענערן גאָרנישט אָנגעקומען גרינג צו באַקומען די ממשלה איבער זיך און צו ווערן אַ משורר, ווי ער איז דאָס צייטנווייז. צו דערצו האָט ברענערן אָפּשר געבראַכט, וואָס ער האָט זיך אָנגעהויבן צו דערמאָנען, אַז ער איז אַ ייד און האָט אָנגעהויבן צו פֿילן די יסורים פֿון אַ יידן. אָבער דער עם־גולה איז ביי אים נישט די גאַנצע כנסת־ישראל, נאָר דער יחיד, דער איינצלנער ייד. פֿאַר ברענערן איז דער גלות אַ מין ווינטער, אַ לאַנגער מוראדיקער ווינטער. ער שרייט נישט: עס איז קאַלט. ער זאָגט תּמיד ווייניקער ווי ער פֿילט, אָבער אַז מען לייגט צו דעם אויער הערט מען שוין.

יידישע צייטונגען און אַנדערעס

פֿאַר דעם טאַראַראַם

נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק איז דאָס איינציקע יידישע בלאַט ביי אונדז געווען „דער יוד", וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין קראָקע. לוריע, אַ שטיל מענטשל, האָט אָנגעטריבן און האָט געהאַלטן די צוים, שלום־עליכם און ספּעקטאָר — פֿון תמיד אָן צוויי חברים — זיינען געזעסן אין בויד אויבנאָן און האָבן זיך געשריבן זייערס, דער זיידע, מענדעלע זאָל לעבן, און פּרץ, פּייער מיט וואַסער, זיינען אויך אַמאָל מיטגעפֿאָרן; און אויף דער קעלניע האָבן זיך אָנגעהויבן צו ווייזן די נייע יונגעלייטלעך: נאָמבערג, אַש, רייזען, וואָס פֿון זיי האָבן מיר שוין גערעדט, און נאָך אַזעלכע. און אַלץ איז זיך געווען מיט אַ טאַלק, אָן כאַפּעניש, אָן לויפּעניש. מיט דער וועלט האָט מען זיך אײנעם „יוד" ניט געקריגט, און מיט די ציונים איז מען אַוודאי געווען אויפֿן גוטן פֿוס; און מיט לשון־קודש האָט מען געלעבט ווי צוויי שוועסטער, וואָס האָבן נישט קיין קנאה איינע אויף דער אַנדערער, פֿאַרקערט: איטלעכע ווינטשט דער צווייטער דעם בעסטן מאַן. טאַקע דאָס אַליין איז געווען דער מכוון פֿון די בעלי „אַחיאסף", — יידן מיט בערד און לכתחילה אַפּיטרופּסים נאָר אויף גאַלע לשון־קודש, — זיינען מחזק די פֿריינטשאַפֿט צווישןביידע לשונות און מאַכן אַן אמתן שלום, און צוגעלייגט צו דעם שלום האָט מען אויך נישט...

אַזוי האָט מען זיך געלעבט רואיק און אָן קולות און אָן וויכּוחים; אַלע וואָך איז זיך אָנגעקומען פֿון קראָקע אַ גרין בלעטל אָן נקודות, און יידן, ס'רוב אַזעלכע, וואָס פֿאַרשטייען לשון־קודש אויך, זיינען געזעסן שבת נאָכן שלאָף און האָבן געלייענט. און מען קאָן נישט זאָגן, אַז עס איז נישט געווען וואָס צו לייענען. און כאָטש עס איז געווען גענוג פֿאַר אַלעמען און קיינער האָט זיך נישט באַקלאָגט: צר לי המקום, האָט זיך אײן ווין פֿון דער דע־מאָלטדיקער הערצלס חבריה אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אַ צווייט בלאַט אויף יידיש מיטן נאָמען „די וועלט"; דאָס איז געווען אַ מין הגר מצד זיי, די

דייטשן, פאַר די בני־רוסיה ופוילין, און געהאַט די ממשלה האָט שרה. — אָבער די דייטשן זיינען פון תמיד אָן אַ ביסל שטומפּיק אויף דער עברי, און אַזוי איז ברוידעס — איינער פון אונדזערע גדולים פון אַמאָל און דע־מאָלט שוין אַ רעכטע שברי־כלי — געוואָרן ביי זיי דער שאַלאַטן־שמש. ערשט אַז עס האָט שוין געהאַלטן ביי דער גסיסה, און מען האָט געזען, אַז דאָס רעדל דרייט זיך נישט, האָט מען זיך מישב געווען און מען האָט אַראָפּגעבראַכט ראַזענפעלדן, וואָס דעמאָלט איז ער נאָך געווען אַ יונג מיטן ערשטן פייער; אָבער ער איז שוין געקומען צו שפּעט, און וואָס ער האָט נישט געטאָן, כדי צו ראַטעווען דאָס בלאַט, האָט עס געהאָלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס...

דאָ אי זיך פלוצים מישב „תושיה" — „אחיאספס" שכנים און אויך יידן, וואָס האָבן ליב לשון־קודש און וואָס האָבן אַ סך געטאָן פאַר לשון־קודש — און גיבן אַרויס אַ ניי בלאַט: „די יידישע פאָלקס־צייטונג", און טאַקע מיט דעם אייגענעם ספּעקטאָר און מיט דעם אייגענעם שלום־עליכם און מיט די אייגענע יונגעלייטלעך. אַ ניי בלאַט מיט נקודות, געדרוקט אויף שיין ווייס פּאַפּיר און דערצו נאָך אַ תוספות בלעטל פאַר די נשים, און צוגעזאָגט גילדערנע בערג. שלום־עליכם האָט ווידער אָנגעהויבן צו ווייזן וואָס ער קאָן, און האָט געשריבן „פּעקלעך", וואָס זיי זיינען גראָד געווען לעילא־ולעילא, און דער עולם האָט געלעקט די פינגער, און האָט געהאַט גרויס הנאה און עס איז טאַקע געווען פון וואָס. ספּעקטאָר האָט נישט געהאַט קיין צייט אַ סך צו שרייבן אין דעם בלאַט, וואָרים ער איז געווען דער יושב־ראש און ער האָט געהאַט דאָרט די דעה עד למחצית. די צווייטע העלפט דעה איז געווען שוין צו אַן אַנדערן, אַ דאָקטער פון עקאָנאָמיע, ח. ד. הורוויץ, בסך־הכל אַ לשון־קודשדיקער שרייבער.

מען ווייסט, אַז הגם דער „יוד", הגם „די יידישע פאָלקס־צייטונג" האָבן זיך געמוזט דרוקן אין קיר"ה, און דאָס האָט מען געמוזט אַלע וואָך אַריבער־טראָגן לארץ־רוסיה הגדולה; און אין רוסלאַנד אַליין האָט מען נישט גע־טאָרט אַרויסגעבן אַ צייטונג, כל־זמן מען האָט נישט געקראָגן אַ ראַזרע־שעניע, און אַ ראַזרעשעניע גיט מען נישט אַזוי גיך... העלפט גאָט, אַז עס זיינען געווען אין פּעטערבורג צוויי יידן גינזבורג און מאַרעק, די וואָס האָבן געזאַמלט יידישע לידער; און זיי אינאיינעם מיט ראַפּאָפּאָרטן האָבן באַקומען דעם זכות אַרויסצוגעבן אין דער עיר־המלוכה אַ טעגלעכן יידישן בלאַט מיטן נאָמען „דער פריינד"; און ווי מען קוקט זיך אַרום, גייט „דער

יוד" אַראָפּ פֿון מאַרק, כאָטש צולעצט האָט ער נאָך אָנגעהויבן צו געבן אַ הוספה אַ מאָנאַטבלאַט „די פֿאַמיליע". אין רחמים בדין! אַז עס קומען די גרויסע, מוזן די קליינע זיך אָפּרוקן... „די יידישע פֿאָלקסצייטונג" האָט אַפילו געוואָלט ווייזן, אַז זי האַלט נישט פֿון דעם כּלל, און „תּושיה" אַז זי וויל, האָט זי זיך תּקיפֿות. עס האָט אָבער נישט געהאָלפֿן: נאָך אַ קיום פֿון איין יאָר האָט „די יידישע פֿאָלקסצייטונג" געמוזט צומאַכן די אויגן... נאָך צוויי שיינע נעדיזנעס האָט זי אונדז געלאָזן: אַ זאַמלבוך „הילף" לטובות די יידן אין קישינעוו און שלום־עליכמס אַלע ווערק אין פֿיר טיילן. שוין פֿאַר דעם זאַמלבוך אַליין איז זי ווערט אַ קניפּ אין בעקל, אַזוי שיין און אַזוי גוט האָט מען אויף יידיש דעמאָלט נישט געדרוקט; און שלום־עליכמס אַלע ווערק זיינען אַ סך אַ גרעסערע מתּנה פֿאַר דעם יידישן פֿאָלק, ווי אַלץ, וואָס זייער בן־עיר בראָדסקי האָט איבערגעלאָזן אויף עולמות.

וואָס איז געקומען נאָכן „פֿריינד", ווייסט מען. באַלד האָט ער באַקומען אַ שכן־קרוב דעם „טאָג", וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין פּעטערבורג, און לעאָן ראַבינאָוויטש מיט זלמן עפּשטיינען, ביידע העברעאישע שרייבער, זיינען געווען די רעדאַקטאָרן. דער „טאָג" האָט אָבער נישט מאריך־ימים געווען און האָט אויסגעהאַלטן נאָר זעקס חדשים. דערנאָך איז געקומען צבי פּרילוצקי מיטן „וועג" און ער האָט אויך נישט געהאַט קיין קיום. די בלעטער, וואָס זיינען געקומען נאָך זיי, טאַקע יאַצקאַנס בראש, האָבן יאָ אַ קיום...

*

און אויב איר ווילט וויסן דעם גאַנצן אמת, מוז איך אייך מודה זיין, אַז אַרויסגעבן אַ צייטונג אויף יידיש איז נישט אַזוי פּראָסט און איז טאַקע אַ דבר־קשה, וואָס קאָן אָפּשרעקן אַ מענטשן. איר פֿאַרשטייט: צייטונגען אויף יידיש ווערן אַרויסגעגעבן פֿאַרן פֿאָלק, כּדי צו זיין פֿאַר אים אַ מורה־דרך; אָבער לעת־עתּה האָבן מיר נאָך גאָרנישט דעם לשון דערצו און מיט דעם וואָס מיר האָבן, קאָנען מיר לחלוטין נישט אויסקומען. אויף יידיש קאָן מען גוט דערציילן מכּוח דעם יידן און שמועסן מכּוח אים, אָבער מען קאָן צו אים נישט רעדן מכּוח אונדז און מכּוח אונדזערע מחשבות. דאָס יידישע לשון איז נאָך צונויפֿגעוואַקסן מיטן יידן, עס שטעקט טיף אין זיין נשמה, און מיר קאָנען נאָר זאָגן, אַז אַזוי און אַזוי רעדט אַ ייד,

אַזוי און אַזוי מאַלט ער זיך אויס די וועלט און די עניני־ישראל און אַזוי און אַזוי טאַלקעוועט ער זיך אַלץ אויס; אָבער געבן אים צו פֿאַרשטיין אַ פֿרעמדן רעיון אויף זיין לשון, מוז מען דאָס גוט קענען און אין דעם ווייקן זיך און אין דעם זיין אַריינגעטאָן מיט כל־ולך. מען מוז קענען אַריינלייגן דעם יידן איטלעכן געדאַנק אין מויל אַריין און געבן אים דאָס אַזוי צו פֿאַרשטיין, ווי ווען ער וואָלט זיך דאָס אַליין געזאָגט און אַליין אַזוי אויס־געטייטשט. דאָס קען אָבער נישט איטלעכער, נאָר אחד בעיר ושנים במש־פחה, איך האָב מורא צו זאָגן, אפֿשר איינער אין אַ דור. איר פֿאַרשטייט, לשון־קודש קאָן יעדערער אויסלערנען, אַז ער קוועטשט אַ פּאָר יאָר די באַנק און שטאָפּט אין זיך אַריין תנ״ך און דקדוק און לייענט מליצה־ביכ־לעך; אָבער קענען יידיש, דאָס איז מתנת־יד, וואָס דערמיט מוז מען גע־בוירן זיין. איך מיין דעם אמתן יידיש, ווי אַזוי עס איז געגעבן געוואָרן אויפֿן באַרג סיני פֿון אַ יידן...

דער ענין פֿון ציַיטונגען הינטערן אויוון

היינטיקע צייטן האָבן מיר שוין בלעטער נישט נאָר אויף גאַלע לשון־קודש. אַז דו שיקסט אַ פּאָר רובל קיין פּעטערבורג צי קיין וואַרשע, קריגס־טו אַ ציַיטונג אַלע וואָך, צי אַפֿילו אַלע טאָג. דאָ שטייט געשריבן פֿון אַלע־מען וואָס עס טוט זיך אויף דער גאַרער וועלט, און דו קאָנסט לייענען און לייענען פֿון וואָס דאָס האַרץ גלוסט. טאַקע דאָס אַליין איז שוין אַ חידוש, אַז עס קומט אַלץ אָן אויף דיין אַדרעס און דער אַדרעס איז געדרוקט. חתמענען קאָן איך אַפֿילו אויף רוסיש אויף אַ וועקסל, צי ביי וויבאָרעס, אָבער אַז דו זעסט געדרוקט אויף רוסיש: „שליאָמע כיימאָוויטשו״, איז שוין דאָס אַליין ווערט דאָס געלט!... אַי, פֿון וואַנען נעמען זיי אַלע וואָך, צי אַפֿילו אַלע טאָג, אַזוי פֿיל צו שרייבן? אַ קשיה: עפּעס זיינען דאָ מענטשן מיט קעפּ און זיי האָבן אויסגעשטודירט כל החכמות שבעולם. אַי, צו וואָס טויג זיי דער גאַנצער ענין, צו זיצן טאָג און נאַכט און שרייבן און גאָר־נישט אָפּצודעכען? אָט־דאָס איז טאַקע דער ענין, מען וויל העלפֿן דעם כלל־ישראל און מען וויל זיך אַריינטאָן אין אַלע אונדזערע ענינים. וואָס איז שייך, מיר זיצן דאָ אין דעם קליינעם שטעטל און דער קאָפּ איז פֿאַרטאָן נאָר אין פּרנסה און מען האָט קיינמאָל נישט קיין צייט צו טאָן אַ קלער

וועגן תּכלית און וועגן וואָס עס וועט ווערן פֿון אונדז ייִדן. איר פֿאַרשטייט, אַז פּוקיטילאָווע אַליין, און אַפֿילו לאַדיזשענקע, און טערנאָווקע, און טאַלנע און באַלטע, און אַפֿילו קיעוו, און אַדעס זיינען נאָך נישט די גאַנצע וועלט... עס זיינען פֿאַראַן נאָך הונדערטער שטעטלעך און שטעט און גרויסע מקומות, און דאָרט ווייטער פֿון וואַרשעווער פּוילן הויבן זיך אָן קיר״ה, און דייטשלאַנד און פֿראַנציע און די רויטע ייִדעלעך און די פֿרענקן. איר ווייסט, אַז בשעת עס איז געוועזן די מלחמה מיטן טערק, זיינען אונדזערע ייִדעלעך געפֿאָרן קיין בוקאַרעשט און מען האָט איינגענומען פּלעוונע און רושטשוק. אָט דאָס נעמען זיי אַלץ אויף אינאיינעם און מען שרייבט, וואָס עס טוט זיך אומעטום און פֿון די שרי־מלוכה און פֿון די נייע זאַקאָנעס. און אַז עס זיינען דאָ ישועות אויף ייִדן צי חו״ש גזרות, ווייסן זיי דאָס פֿונעם מקור; און אַמאָל גיבן זיי גאָר אַ קלער וועגן ציוניות, וועגן פּרנסה, וועגן לערנען קינדער און מגדל זיין קינדער און אַלץ מיט אַ טאָלק; זיי באַווייזן מיט טויזנטער ראיות און פֿונדעסטוועגן איז דאָס נישט קיין תּקיפֿות, נישט קיין תּורת־משה; פֿאַרקערט, עס קומט צו גיין איינער און זאָגט; דו מיינסט אַזוי און איך מיין נישט אַזוי; און איך מיין, אַז עס איז ווערט געלט צוצוהערן, ווי אַזוי דער אַנדערער באַווייזט זיינס מיט אַנדערע ראיות. אַוודאי קאָנען אַזוינע מענטשן ווי מיר נישט וויסן ווער עס איז גערעכט, און בשעת־מעשה, אַז מען לייענט איינעם, איז מען אויף זיין צד; לייענט מען דעם צווייטן, איז מען אויפֿן צווייטנס צד... אָבער מען האָט הנאה פֿון דעם וואָס מען לייענט. בייטאָג, אַז דער קאָפּ שוועבט איבער טויזנט ערטער, האָט מען אַוודאי נישט קיין צייט צו די זאַכן, אָבער ביינאַכט, נאָך וועטשערע, אַז אַן אײדעלער ייִד קוקט אַריין אין אַ ספֿר, איז אין וואָס זאָלן מיר אַריינקוקן? שבת קוקט מען אַמאָל אַריין אין אַ חומש מיט עברי־טייטש; אָבער ערשטנס איז דאָך דאָס נאָר פֿאַר נשים, צווייטנס, ווייס איך שוין אַלץ, וואָס עס שטייט דאָרטן. עס איז אַ מצווה צו טאָן מצוות און עבֿירות טאָר מען נישט טאָן, און נאָך שטייט געשריבן פֿון אַברהמען און פֿון יצחקן און פֿון יעקבֿן. יאָ, דאָס אַלץ איז געוועזן אַמאָל, און דערפֿאַר זיינען מיר דאָך ייִדן, אָבער וואָס טוט זיך הייַנט? עפּעס איז דאָך הייַנט אויך אַ וועלט און מען האָלט מלחמות... איך ווייס, אַז ייִדן זיינען אויך נישט אומעטום גלייך. איר האָט אַוודאי געהערט פֿון הערצלען און פֿון וואָלפֿזאָנען, זיי גיבן נישט קיין מיליאָנען ווי דער באַראָן הירש, אָבער זיי זאָגן צו... איך ווייס, עס איז אַ סבֿרה, ייִדן זאָלן נאָך האָבן צוריק ארץ־ישׂראל נאָך

ביז משיחן. איר וואונדערט זיך, אָבער אַז מען הערט זיי שמועסן, איז דאָס נישט אַזוי פריקרע... איך קאָן נישט אַזוי גוט נאָכזאָגן. עס ליגט דאָ אין דעם אַ שטיק שכל. והא־ראיה, אַז כמה וכמה גבירים אין אַדעס, און אַפילו דער גרויסער פאַרשטאַרבענער פּראָפעסאָר מאַנדלשטאַם אין קיעוו, זיינען געוואָרן פון די ציונים. איר פאַרשטייט, מען פאַרלאַנגט נישט פון אייך, אַז איר זאָלט אַוועקוואַרפן אייער קלייט, און די שטוב און דעם מסחר, און זאָלט אַוועק אַהין. פאַרקערט זיי שרייען: האָט אין זינען אייער מעמד און זייט מענטשן, ווי ס׳דאַרף צו זיין! אָבער לייענען גלוסט זיך פאָרט. און ווען איך פאַרשטיי נישט אַמאָל, באַדאַרף מען נישט אָנווערן דעם קוראַזש, וואָרים, וואָס איך פאַרשטיי נישט היינט, פאַרשטיי איך שוין מאָרגן...

דעם אמת זאָג איך. דאָרט זיינען פאַראַן טעלעגראַמעס און זיי פאַרשטיי איך נישט. אַמאָל לייען איך: באַמבעי! אַלע הויבן זיי זיך אָן מיט משונהדיקע שטעט און דאָס, וואָס עס שטייט דאָרט, איז קורץ און אָפּגעריסן. די פּאָליטיקע פאַרשטיי איך אויך נישט אַזוי גוט. איך ווייס נאָר: מלחמה צי שלום, אָדער עס וועט זיין מלחמה, אָדער עס וועט זיין שלום. אָבער וואו מען שמועסט פון יידן, פאַרשטיי איך אַלץ. היינט זיינען נאָך דאָ מעשהלעך, אויסגעטראַכטע, אָבער זיי זיינען אַזוי גוט דערציילט, אַז מען מיינט עס איז אמת. מאָלט מען אייך אויס אַ שניידער פאַר די אויגן, זעט איר אים ווי ער לעבט און לאַכט און רעדט מיט זיין לשון, אַ סוחר איז אַ סוחר, אַ יידענע איז אַ יידענע. און אַמאָל אַז איינער רעדט, וואָלט איך געקאָנט שווערן, אַז אַזעלכע געדאַנקען האָב איך אַליין געהאַט. אַזאַ שרייבער מוז זיין אַ נביא, אַז ער ווייסט, וואָס עס טוט זיך ביי איטלעכן אין האַרצן. און מיינט איר, אַז דאָס איז שוין אַלץ? אַמאָל געפינט מען דאָרט אַ רעצעפּט צי אַ דאָקטעריי, אַפילו פאַרן ווייב האָב איך אַמאָל געלייענט, ווי מען מאַכט איינגעמאַכץ פון ווייִנשעל, און גלאַט אַזוי גלייכע ווערטלעך... איינער איז דאָרטן דאָ, אַזאַ לץ, אַז עס גיסן זיך טרערן לאַכנדיק און אים לייענענדיק, און מען פאַרגעסט פּשוט אַלע צרות! איך זאָג אייך, ר׳ ישראל, איר מוזט אייך אויסשרייבן אַ בלאַט.

איך פאַרשטיי, איר קנייטשט זיך אַ ביסל, וואָרים דאָס איז נישט אַזוי פרום. מען זאָגט, אַזוינע שרייבערס קאָנען רויכערן אַ ציגאַר אום שבת, צי עס קאָן זיין גלאַט אַזוי אַ טרייפניאַק, איז ערשטנס, ווער נויט מיך אין דעם צו גלויבן? און צווייטנס זאָג איך אייך, אַ יידישע נשמה קאָן מען

נישט אָפּשאַצן. גיט אַ פֿרעג אונדזער דאָקטער צי דעם אַפּטייקער, צי ווילן זיי אַפֿילו רעדן יידיש? עס שטייט זייער טאַטן נישט אָן! אַז יענע לייט וואָלטן אויך געווען אַזוי, וואָלטן זיי בעסער געזעסן אין אַ קאַנצעלאַריע און וואָלטן געריסן פֿון יידן געלט... וואָס אַרט דאָס מיך, אַז איינער לייגט נישט קיין רבינו־תמס תּפֿילין און איז נישט מיט גאָט אַ קנעפּל, אָבי ער רעדט הבנה... און וואָלטן זיי געווען ווי יחיאל־יעקב נתנס, צי ווי שמעון האַנעראַדער, וואָס מיינען, אַז זיי זיינען פֿרימער און קליגער פֿון דער גאַנ־צער וועלט, וואָלטן זיי טאַקע געקאָנט שרייבן ווי יחיאל און ווי דער איי־גענער שמעון. אַזוי איז די טבע פֿון אַ יידן, אַז אין פּוקיטילאָווע קען מען נישט און אין פּעטערבורג און אין וואַרשע קען מען יאָ, פֿאַרוואָס? דאָרט זיינען דאָ אָפֿענע מוחות. אַי, פֿאַרוואָס איז מען דאָרט נישט אַזוי פֿרום ווי דאָ? טאָמער הא־בהא־תליא, טאָמער איז דאָרט דער יצר־הרע גרע־סער! גיט אַ קוק אַפֿילו אין אומאַן: נאָר אַן אויעזד, און עס איז שוין נישט דאָס ווי דאָ. אַז איך זאָג אייך, אַז איר וועט נישט האָבן קיין חרטה. איר ווייסט, איך בין אַליין אויך נישט קיין נגיד, אָבער עס לוינט. און אַז איר האַלט אַ צעטל און גיט אַוועק אַכט קערבלעך אַ יאָר פֿאַר אַ בלוי שטיקל פּאַפּיר צי פֿאַרן רוח איז בעסער? פֿאַלגט־זשע מיך און שרייבט אויס אַ בלאַט, טאָמער שרייבט איר אויס אַן אַנדער בלאַט, נישט דאָס אייגענע, וואָס איך האָב, וועלן מיר זיך בייטן. ר׳ ישראל, טוט, וואָס שלמה זאָגט צו אייך, און אויב איר ווילט, וועל איך אייך אָנשרייבן דעם אַדרעס.

אַ ייד רעדט איבער קונסט

אַז איר זענט שוין יאָ פֿון די דאָזיקע לייט, טאָ זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס איז דער טייטש פֿון קונסט, וואָס אַצינד רעדן דערפֿון די בחור־רים אין קלויז? איז דאָס אַ מין שרייבעכץ, צי עפּעס אַנדערש. און איז דאָס יאָ אַ מין שרייבעכץ, פֿאַרשטיי איך נישט, צו וואָס מען טוט דאָס: מילא, שרייבן ספֿרים, האָט מען דאָך דערמיט אַ חלק אין דער תּורה; און דערלייגן לייגט מען אויך נישט צו דעם, אַז מען פֿאָרט אַרום מיט אַ חיבור. אָבער אַ מין שרייבן, ווי אייערע ביכלעך, וואָס האָט מען פֿון דעם? עולם־הבא נישט, כּבֿוד אויך נישט! אַ סך שכל איז אין דעם אויך נישטאָ, אַז מען זאָגט, עס מוז גאַרנישט זיין אויף לשון־קודש... יידן האָבן תּורה

און תּפילה׳ אַחוץ דעם טוען זיי מסחר, און אין די גרויסע שטעט איז מען זיך אַ ביסל עוסק וועגן כּלל; אָבער צו וואָס דאַרפֿן זיי האָבן אויף דער עלטער נאָך קונסט, צי נאָך אַזעלכע שמאָכטעס? וואָלט איך כאָטש גע־וואוסט, וואָס מען מיינט מיט דעם, אַז איך קאָן דאָס גאַרנישט משיג זיין! ליבט אַ ייִנגל אַ מיידל און זיי נעמען זיך יאָ, איז דאָס נישט קיין חידוש. אלא וואָס, זיי נעמען זיך נישט, זאָלן מיר וועגן דעם פֿאַרגיסן טרערן און אויסהערן אַ לאַנגע מעשה? קומט צוגיין דער שרייבער פֿון אַזאַ ביכל און לייגט דאָס פֿונאַנדער מיט אַלע פּינטעלעך און מאָלט אייך אָפּ דאָס קליידל, וואָס דאָס מיידל האָט דעמאָלט געטראָגן, און דערציילט אייך וואָס זי האָט צו דעם בחור געזאָגט און וואָס דער בחור האָט צו איר געזאָגט! איך פֿרעג אייך אַליין, וואָס גייט מיך דאָס אָן? און מוז מען נישט זיין דער אמתער לײדיקגייער, כּדי צו האָבן אין זינען אַזעלכע נאַרישע זאַכן?

איך זע איר שמייכלט; אין האַרצן טראַכט איר זיך: אַ נאַרישער ייִד! אָבער איך זאָג אייך, שרייבעכץ פֿאַרשטיי איך נאָך אַ ביסל, אַ מענטש האָט אַ פּען און עס גלוסט זיך אים צו קריצלען, אָבער קונסט־שמונסט! אַצינד דערמאָן איך מיך, אַז איינער האָט געזאָגט, דאָס שניצט מען. מענטשן מיט קלאָרן שכל זאָלן זיך שטעלן שפּילן מיט ליאַלקעס, און דאָס שרייבט מען אויף די בלעטער. אַדרבה, טייטשט מיר דאָס אויס, אַז איר ווייסט בעסער, איך בין אַ בעלן צו הערן.

שמ״רם משפּט

איר מיינט אַוודאי, אַז אַ ייִד טייטשט זיך נישט אויס דעם ענין פֿון ליטעראַטור און ספֿרים וכל־מאמינים שהוא אויף זיין אייגענעם לשון? וואָס איז שייך? עס זיינען דאָ ספֿרים, חיבורים און גלאַט אַזוי מעשה־ביכלעך. ספֿרים, טאַקע די הייליקע ספֿרים, זיינען גאַלע רוח־הקודש און זיינען אַ שטיק פֿון דער תּורה, איטלעכער ספֿר לויט זיין דרך... ביכלעך ווערן אָבער בסך־הכּל אויסגעטראַכט, עס איז נישט געשטויגן און נישט גע־פֿלויגן. טאָמער מיינט איר, עס איז דאָ כאָטש אַ ביסל יראת־שמים? גאָר־נישט, יידן מאַכן זיך נאַריש און דערציילן זיך באָבע־מעשות. אַי, צו וואָס טויג דאָס? זענט איר קראַנק צו נעמען זיך צו לייטישערע זאַכן, צו תּכליתים? אַז גיי, רייד צו די דאָזיקע לייט! כּלומרשט דייטשן, מיש־

טיינס געזאָגט, כּלומרשט יידן! עד, אַ קאַטאָוועס, אַ דרייער איז נישטאָ ביי דער נשמה, נאָר מען רויכערט דעם גוטן ציגאַר און מען איז אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק; מען גיט אוראַקן, דאָס געהערט דערצו. דער־ווייל שרייבט מען אויף הפקר. קאָנטשעט מען אַ זאַך, גיט מען איר אַ נאָמען, ווי הייסט אַזוינס: דער טרייפניאַק, אָדער אַ פּאַטש פון זיין ליבן נאָמען, ציבעלע־שריבעלע, צי גאָר פיפערנאָטער. האָט איר אַזוינס געהערט? דוכט זיך, מענטשן מיט שכל, ענטפערן תמיד צו דער זאַך און דווקא מיט הבנה, וואָרים וועלט־זאַכן פאַרשטייען זיי גוט; נאָר האָב זיי דער גוטער יאָר! עפּעס אַן איינשפּאַרעניש, זיי מוזן אַלץ שרייבן... מילא, אין די צייטונגען נייעס, דאָס פאַרשטייען מיר, דאָס איז דאָך דאָ אַפילו ביים קייסער און ביי די שרי־מלוכה; אָבער ביכלעך, ווייבערשע זאַכן, אַ ביסל אויף קאַטאָוועס, אַ ביסל אויף דער אמתן, הכּלל, מען פּלוידערט אויף וואָס די וועלט שטייט. אַז איר וועט אַזוינס איבערלייענען און דערגיין דעם עק, צאָלן מיר אייך מי־יודע וויפל.

דאָ ווערט למשל דערציילט פון אַ גרעפין, אַ יידיש ווייבל פּאַסט זיי נישט; דאָס זיינען מיר אָבער נישט אויסן. זי פאַרליבט זיך אין אַ ליו־באָוניק... ליב־שמיב, אַ פגירה אין אירע ביינער, דערוואָרג זיך מיט אים אינאיינעם. נייך, הערט אַ מעשה, דאָ קומט צו פאָרן שוין אַ צווייטער ליובאָוניק, איינער איז איר קאַרג. איר פאַרשטייט דעם ענין? מען הויבט זיך אָן אַרומשלאָגן, אַ דינסט גיט איבער אַ בריוו, די פריצה איז אויסער זיך, אַ לויפעניש, אַ כאַפּעניש! דער פאָטער אירער איז אַפילו אַ גרויסער שררה, אָבער אַ משוגענער, היינקען הינקט ער אויף אַ פוס און שפּילט כּסדר אין קאָרטן. שפּילט! מיר זאָלן עס אַלע אינאיינעם פאַרמאָגן, וואָס ער פאַרשפּילט אין איין נאַכט. וואָס־זשע טוט דער ערשטער ליובאָוניק? ער מאַכט זיך צו אים אַריין. וואָס־זשע טוט דער אַנדערער ליובאָוניק? ער גנבעט אַרויס די בת־יחידה (איר פאַרשטייט, ביי זיי זיינען אויך פאַראַן בת־יחידות) ביי דער נאַכט, און אַנטלויפט מיט איר עפּעס קיין מאַדריד, אַ משונהדיקער מקום. די מענטשן זיינען דאָרטן אַלע רויט און גייען אָנ־געטאָן אין סאַמעט און אין גאָלד. אַז מען פאָרט אַריין אין שטאָט, מוז מען פאָרן איבער אַ וואַסער, און דאָרט ליגט אַ שלאַנג, וואָס אַלע יאָר מוז מען איר געבן אַ מענטשן אויף אויפצועסן. דאָ שטעלט זיך אַרויס, אַז דער ליו־באָוניק איז גאָר אַ נקבה — איר פאַרשטייט דעם ענין? — די גרעפין ווערט איינגעשפּאַרט אין אַ חדר און מען טוט אויס פון איר די טייערע

קליידער. זי באַקומט נאָר וואַסער און ברויט און מוז שלאָפֿן אויף שטרוי. אַ קשיה אויף גזלנים? אַפּנים זיי ווילן זי הרגענען. דערווייל ווערט דער אַנדערער ליובאַוויניק געוואַר, קומט צו פֿליען, פֿאַרשטעלט זיך אין אַ פֿערד און גנבעט זי אַרויס. אויפֿן וועג פֿאַלן זיי ביידע אַריין אין אַ קרעניצע...
איך זאָג אייך דער קאָפּ ווערט שיער נישט משוגע, זיך אָנצוגעדענקען די אַלע פּוסטע זאַכן און פֿאַרדרייענישן. אַזאַ יונג, וואָס שרייבט אַזוינס, וואָלט איך געוואָלט געכאַפּט, ווי שעמסטו זיך נישט אָפּצוגעבן מיט אַזוינע נאַרישקייטן, וואָס פֿאַסן גאָרנישט פֿאַר אַ דערוואַקסענעם מענטשן? איך פֿרעג דיך אַליין, וואָס גייט דיך אָן יענע גרעפֿין, צי דער שררה, אָדער דער קניאַז? אַז איר האָט שוין יאָ אַ מוח, טראַכט אויס עפּעס גוטס, שרייבט אַ בריוונשטעלער צי אַ ספֿר־גורלות אָדער טאַקע אַ פּורים־שפּיל. זעט איר אַ הלצהלע, דערויף זיינען מיר בעלנים, אַ רעטעניש קאָנט איר אויך אויפֿשרייבן, צי אָן אַנדער זאַך, אָבער עס זאָל האָבן אַ פּנים און עס זאָל שמועסן וועגן יידן. עס קאָן אויך זיין אַ ביסל לשון־קודש, אויף עברי־טייטש איז אַוודאי גוט, אָבער דער ענין מוז זיין אָן ענין, נישט גלאַט קעלבל אָדער מעשה־דייטש. מיר יידן האָבן פֿיינט הולטאַיסקע זאַכן, איר פֿאַרשטייט ר' מחבר, צי ניין? האָט אייך אַ שוואַרץ יאָר! שכל האָט איר און זענט אַ מושלם אויף דער פען, אָבער וואוהין פֿאַרפֿירט זי אייך? איך וויל אייך זאָגן, אַלע טויגט איר אויף כּפּרות, קיין לייט וועט פֿון אייך מער נישט זיין.

אַז אַ ייד קויפֿט אַ ביכל פֿון די דאָזיקע לייט, צי ער נעמט עס אויף פּראָקאַט, כּדי דאָס איבערצולייענען שבת נאָך מיטאָג, איז ער נישט ווערט, אַז די ערד טראָגט אים, כאָטש עס זאָל אַפֿילו זיין וועגן דרייפֿוסן, צי ווי אַמאָל וועגן דעם גור־אריה...

פּאָליטישע עקאָנאָמיע

און די נייע? אָט־דאָ נישט לאַנג, האָב איך עפּעס באַקומען אַ ספֿרל, וואָס שמועסט פֿון עקאָנאָמיע, סטאַטיסטיק־שמיסטיק! גיי ווייס וואָס מען מיינט דאָס? מילא, אַז יידן איז שלעכט, דאָס פֿאַרשטייען מיר, אָבער צו וואָס באַדאַרף ער מיר צו באַווייזן, אַז איך בין אַ קבצן דערפֿאַר ווייל איך בין אַ קבצן. איר פֿאַרשטייט אַ שכל? דאָ, זאָגט ער, זיינען דאָ גויים זי־בעציק פּראָצענט און יידן — נאָר דרייסיק, דאָרט זיינען יידן פֿערציק

פּראָצענט און גוים — זעכציק. ראשית, פֿון וואַנען ווייס ער דאָס, און שנית,
צו וואָס טויג מיר דאָס צו וויסן? טשעפּע זיך אָפּ פֿון מיר מיט דיינע פּראָ־
צענטן, רעכענען איז גוט נאָר געלט אין קעשענע צי מזומנע חובות,
אַלדאָס אַנדערע איז מעשה־שרייבער... איך האָב אַ ייִנגל פֿון זעכצן יאָר,
קען ער אייך אַ גאַנצן בויגן מיט ציפֿערן באַרעכענען וויפֿל דאָס איז אײנ־
איינעם. אַז ער וועט דערלעבן צו פֿאַרדינען דאָס ערשטע קערבל, וועט ער
אַליין זען, ווי אַזוי דאָס איז נאָך נישט דער ענין. מילא, אַ ייִנגל הײַנטיקע
יאָרן מוז דאָך זיין אַ שטיקל קענער; אָבער דער כּלל, נעמען דעם כּלל
יידן און אַקוראַט באַרעכענען וויפֿל קבצנים עס איז פֿאַראַן, וויפֿל עס
איז דאָ אין אַ שטאָט שניידערס און שוסטערס און אַנדערע באַלמעלאָכעס,
אַט־דאָס וועט מען צונויפֿחשבונען אינאיינעם און אַוועקשיקן קיין פּעטער־
בורג, צי קיין בוידעם. מיך וויל מען אָפּנאַרן! איך זאָג אייך, אַז איר וועט
דערויף וואַרטן ווי אויף עפּעס רעכטס, וועלן אייך אַרויסקריכן די אויגן.
זעט איר, די ציונים, פֿאַרשטיי איך, אַז מען וויל יידן אַרויסנעמען אַהין,
איז פֿאַרוואָס טאָקע נישט? אַי, דער טערק? ראשית קומט ער אַרויס פֿון
ישמעאלן און איז מיט אונדז אַ שני־בשני; שנית, טאָמער וויל ער כּלומרשט
מאַכן אַ בייז פּנים, קומט ראָטשילד צי מאָנטיפֿיאָרי, און מען שטופּט אים
אַריין אַ שיינע פּאָר קאַרבן אין יד אַריין. אָבער צו וואָס טויג זיך צו חק־
רענען? פֿון וואַנען איז געדרונגען, אַז מיר האָבן נישט פֿון וואָס צו לעבן?
וואָס עס האָט זיך מיר געחלומט היינט און נעכטן און אייערנעכטן, זאָל
זיך אויסלאָזן צו זיין קאָפּ. איר האָט געהערט אַ מעשה? פֿון וואַנען איז
געדרונגען? גיי און קוק אַריין אין דער מולטער, אין דער קאָמער, צי גלאַט
אַזוי גיב אַ קוק אין קעשענע... ביסטו אויף דער אמתן אַן אוהב־ישראל
און עס אַרט דיך, אַז עס איז אונדז שלעכט, טאָ קום אַראָפּ און זיי מנדב...
זעט איר, שרייבן אַ ספֿר, צי אַ פּירוש אויף דער תּורה, דאָס האָט אַ טעם,
אָבער שרייבן גלאַט אַזוי זיך אין טאָג אַריין און דולן יענעם אַ קאָפּ אומ־
זיסט!... עפּעס פֿון געשיכטע און אַמאָליקע יאָרן רעדט ער אויך, דאָס
איז שוין גאָרנישט משיג צו זיין... צו וואָס גייט מיך אָן צו וויסן, אַז מיין
עלטער־זיידע האָט געהאַט פּרנסה בשפֿע, אַז איך אַליין האָב גאָרנישט?
צי אַז מיינע אבות־אבותינו האָבן געוואוינט אין יענע מקומות. הכּלל אַהין,
אַהער, עפּעס אַ מיש־מאַש פֿון קלערעכצן און עס איז אַ מעשה אָן אַ סוף.
וואָלט כאָטש געווען אַ פּסוק, צי גלאַט אַזוי, דער מדרש שרייבט, דער
רבינו־בחיי שרייבט... וואָס, די זיינען שוין גאָר אויסגעשטאָרבן?....

פֿאַרשיידנס

דער ענין פֿון לייענען און פֿון שרייבן

איר האָט ליב מעשהלעך, מיינע לייענער! תּמיד האָט איר ליב, אַז מען זאָל אייך דערציילן, ווער־וויס־וואָס; איר האָט ליב צו הערן פֿון אַן אָרעמאַן וואָס איז אַוועקגעפֿאָרן למדינת־הים און איז געקומען צוריק מיט ממון־קורח; צי פֿון אַ גרויסן גביר וואָס איז געפֿאָרן אין קאָרטעס און איז געוואָרן אַ יורד און איז פֿאַרשלאָגן געוואָרן פֿון דער וועלט, און האָט געמוזט פֿאַרקויפֿן בייגל; צי פֿון אַ מלכס אַ טאָכטער, וואָס גזלנים האָבן זי פֿאַרשלעפּט און האָבן זי איינגעשלאָסן אין אַ טורעם, וואָס קיין ילוד־אשה קאָן נישט צוקומען אַהין. צי פֿאַרוואָס טאַקע נישט אַ מעשה פֿון מכשפֿים און שדים, אָדער פֿאַרקערט, וועגן צדיקים און וועגן מופֿתים ונפֿלאות? איר האָט ליב גאָלע פֿלייש מיט פּעפּער און זאַלץ, עס זאָל ברענען די צונג: עפּעס אַ קלעזמערל, אַ זשוליק, וואָס ווי ער טוט נאָר אַ ריר מיטן פֿידל, לויפֿן אים נאָך מיידלעך. צי אַ פּרנס־חודש, וואָס באַראַבעוועט די שטאָט און זויגט אויס דאָס געלט ביי אַלמנות און יתומים און מען מוז אים נאָך אָפּגעבן כּבֿוד און אויפֿרופֿן ששי... אַי, האָט איר ליב אַ בעל־עבֿירה, און טאַקע מען זאָל אייך אויסמאָלן די עבֿירה מיט אַלע פּרטים און מיטן גאַנצן ברען פֿון תּאווה און דערנאָך די תּשובֿה, אַז יענער האָט חרטה און פּאַטשט די נשמה מיט אַ ראַפּניק. אויף אַלעם זענט איר בעלנים; אַז מען פֿירט אייך אויפֿן הימל און מען ווייזט אייך דעם גן־עדן און דעם גיהנום און די טויזנטער מלאכים און דעם גאַנצן טאַראַראַם בפּמליה־של־מעלה. און מיר, שרייבער, מוזן שוויצן און אייך אויסמאָלן אַלץ אַקוראַט און נישט זשאַלעווען קיין פֿאַרבן, כּדי איר זאָלט האָבן הנאה פֿונעם לייענען. וואָס־זשע האָבן מיר דערפֿון? אָבער אָט־דאָס פֿרעגט איר נישט!

אויף דער אמתן איז דער גאַנצער ענין פֿון שרייבן אַ חידוש. איינער שרייבט פֿאַר דעם לעזער, אַן אַנדערער שרייבט פֿאַר זיך אַליין און אַ דריטער שרייבט, און ער אַליין ווייסט נישט צו וואָס ער טוט דאָס, אָבער עס ציט

אים... אַפּמאָלן דאָס לעבן איז לכאורה קיין קונץ נישט; וואָס איז שייך: עס האָט זיך אַזוי־און־אַזוי געטראָפֿן, קומט אײנער און דערציילט דאָס איבער אַקוראַט, און פֿונדעסטוועגן האָט זיך דאָס אַזוי נישט געטראָפֿן. יענעמס לעבן און מיין הארץ — פֿון אַט־די ביידע קומט אַרויס אַ זאַך, וואָס מען רופֿט דאָס אַן קונסט. קונסט מוז זיין פּונקט ווי דאָס לעבן, אָבער די קונסט מאַכט דאָס וואָס איז טונקל, העל, און דאָס וואָס איז אַמאָל געדיכט, אַמאָל איז דאָס דורכזיכטיק ווי גלאָז און אַמאָל פֿאַרשמירט. אָבער די קונסט מאַכט דאָס, וואָס איז טונקל, העל, און דאָס, וואָס איז העל, טונקל. אַז איינער שרייבט, וואָס איך געפֿעלט, איז ער אַ לא־יוצלח; שרייבט ער וואָס אים אַליין געפֿעלט און קוקט גאָרנישט, וואָס אַנדערע זאָגן, קאָן ער זיך פֿאַרבלאָנדזשען אין זיך אַליין... איטלעכער שרייבער האָט זיך זיין דרך און זיין אופֿן. איטלעכער וויל זאָגן דעם אמת, און פֿון אַלע אמתן, וואָס מען זאָגט, זיינען ניין חלקים כזב־ושקר...

אָבער אַ קונץ איז נישט נאָר דאָס שרייבן, דאָס לייענען איז אויך אַ קונץ. מען מוז אַרויסזוכן, וואָס מען דאַרף לייענען, און ווי אַזוי מען מוז לייענען אַ זאַך, און דאָס איז גאָרנישט קיין קליינע מלאכה. אין דעם אַלעם איז אַ סך צו רעדן.

בחדר״ג

היינט איז כמעט אין איטלעכער שטאָט דאָ אַ פּאָטשט, און אַז עס קומען אַן בריוו, ברענגט זיי דער ראָזנאָשטשיק צו טראָגן אין אַ לעדערנעם רענצל. אויף איטלעכן בריוו איז אויפֿגעקלעפּט אַ מאַרקע פֿאַר זיבן קאָפּיקעס און אויף אַ קאַרטל אַ מאַרקע פֿאַר דריי קאָפּיקעס. להפך, וויל מען אוועקשיקן אַ בריוו, באַדאַרף מען נאָר אויפֿשרייבן דעם אַדרעס אויף רוסיש, אויפֿקלעפּן אַ מאַרקע און דאָס אַריינוואַרפֿן אין יאַשטשיק. און איר קאָנט זיין בטוח, אַז דאָס קומט אָן אַהין פּונקט צו דער צייט. דאָס ווערט אַרויסגענומען פֿון יאַשטשיק מיט נאָך אַנדערע בריוו, ווערט איינגעפּאַקט אין אַ זאַק, פֿאַרבונדן און פֿאַרחתמעט און אַוועקגעפֿירט אַהין. דאָרט איז אויך דאָ אַ פּאָטשט און אַ פּאָטשטאַליאָן, וואָס טראָגט פֿאַנאַנדער די בריוו. אַזוי שרייבט מען זיך צונויף פֿון נאָענט און פֿון ווייט און אין דעם איז נישטאָ קיין חילוק צווישן דעם עושר און דעם אָרעמאַן, אַפֿילו דער עני־

שבעניים, אַז ער קלַעפּט אָן אַ מאַרקע, גייט זיין בריוו אַוועק ווי דער בריוו פֿונעם גרעסטן גביר. אַזוי האָט מען דאָס ביי אונדז שוין איינגע־פֿירט אַ יאָר צוואַנציק, און אַלעמאָל, אַז עס קומט אָן אַ בריוו, מיינען אונ־דזערע קינדער, אַז עס באַדאַרף אַזוי צו זיין און אַז אַזוי האָט זיך די וועלט געפֿירט פֿון שטענדיק אָן. מיר אָבער געדענקען נאָך גוט די צייטן, וואָס עס איז נאָך נישט געווען קיין פּאָטשט. דאָס הייסט אַ פּאָטשט איז יאָ געווען צו פֿירן נאָטשאַלסטווע פֿון איין שטאָט אין דער אַנדערער, אַז זיי האָבן באַדאַרפֿט פֿאָרן. אָבער בריוו פֿלעגט מען שיקן דורך אַ געלעגנהייט. אַ גוטער פֿריינט צי אַזוי אַ באַקאַנטער פֿאָרט אין יענעם מקום און איז אַזוי גוט צו נעמען אַ בריוול. ווער האָט דעמאָלט געוואוסט פֿון אַ קאָנ־ווערט, וואָס מען קאָן דאָס פֿאַרקלעפּן! מען האָט גענומען אַ פּשוטן בויגן פּאַפּיר, אָנגעשריבן אויף אים דעם בריוו, צונויפֿגעלייגט אין דרייען אין דער ברייט, אַריינגעטאָן איין עק אין דעם אַנדערן און אויפֿן קעסטעלע אויפֿגעשריבן אויף פּראָסט ייִדיש: להרבני הנגיד רבי שמואל־שמעלקע בן שלמה־נתן מק״ק אַכרימאָווע ויושב כעת בעיר מאָנאַסטרישטשע! און כּדי צו זיין זיכער, אַז יענער, וואָס ברענגט דאָס בריוול וועט אים נישט לייענען, פֿלעגט מען אָנשרייבן „בחדר״ג״, דאָס הייסט, אַט־דער וואָס וועט אויפֿעפֿענען דעם בריוו און וועט אים לייענען, וועט זיין בחרם־דרבינו־גרשום... והמדרים מן המהדרים האָבן גענומען אַ שטיקל טריוואַקס, אָנגעצונדן דאָס ביי אַ ליכט און דעם בריוו פֿאַרחתמעט מיטן אָדלער פֿון אַ מטבע. אַט־אַזוי האָבן זיי געקאָנט שוין זיין זיכער, אַז אַ זייטיקער וועט דעם בריוו נישט לייענען. אָבער מיין פֿאָטער, ווי איך געדענק אים, האָט קיינ־מאָל נישט געוואָלט אויפֿשרייבן: בחדר״ג, און ער האָט תּמיד געזאָגט, פֿאַרוואָס זאָל איך ברענגען אַ ייִדן צו אַן עבירה... און געגעבן האָט ער מיר עס צו פֿאַרשטיין, אַז גראָד ווייל עס שטייט אויפֿגעשריבן „בחדר״ג״, איז דער יצר־הרע שטאַרקער און וויל מכשיל זיין...

אַז דער ייִד, וואָס האָט גענומען אַט־אַזאַ בריוו, האָט נישט געהאָט אַ טבע צו פֿאַרגעסן, צי גאָר מאַכן פֿון דעם בריוו אַ בייטעלע אויף טיטון, און אַז ער האָט זיך טאַקע מטריח געווען צו דעם, וואָס האָט געזאָלט מקבל זיין דעם בריוו, האָט ער גאַרנישט דערלייגט דערצו... איז דאָס געווען אַ פּראָסטער ייִד, האָט ער באַקומען אַ גלעזל בראָנפֿן און אַ קיכל. אַ באַ־לעבאַטישן ייִדן האָט מען אויפֿגענומען מיט טיי און מען האָט אים טאַקע פֿאַרבעטן צום אָנבייסן. דערווייל לאָזט יענער ליגן דאָס קלימעקל און

פאַרשפאָרט אַן אַכסניה. דערזעט מען נאָך אין שטוב אַ מיידל צי אַ ייִנגל פון אַ יאָר זעכצן, הויבט מען אָן צו רעדן אַ שידוך, צי גלאַט מען הויבט אָן מיט אַ מעקלעריי, צי אַ מסחרל מיט פעדערן, מיט אַלטע זעק און אַזוי ווערט מען אַ שטיק מחותן. און אַזוי לאָזט זיך אויס, אַז דער שכר פון דעם, וואָס מען האָט געבראַכט דאָס בריוועלע, איז גאָרנישט געווען קיין קליינער, און אַזוי האָט מען געלעבט מיט מענטשן און מען האָט געהאַט מער שייכות צו מענטשן ווי היינט, דערפאַר, אַז עס איז אָנגעקומען אַ בריוול, איז דאָס געווען אַ יום־טוב, און מען האָט אים געלייענט מיט כוונה. היינט איז אַלץ כאַפּ־לאַפּ און מען גיט אויס אויף פּאַפּיר און קאָנווערטן און די מאַרקעס אַ הון־רב. און וואָס קומט פון דעם אַלעמען אַרויס? מען לעבט ווייניקער אויף דער וועלט, מען אַצגעט זיך אָפּ. פון טראַכטן איז שוין גאָרנישט קיין רייד. יאָ, אַז מען פאַרגלייכט דעם דור פון דער פּאָטשט מיט יענעם דור פון בחדר"ג, זעט מען ערשט דעם חילוק...

אַ מעשה מיט אַ פליג

אַ קריטיק פון אַ לשון־קודשדיקן ספר

דעם קאָפּ אין דער הויך און מיט גדלות, גלייך זי וואָלט געווען אַ בת־מלכה, פלעגט זי אויבן אַרומפליען און די גאַנצע שטוב איז געווען פול מיט איר זשומען. זי פלעגט אויך גאָר קיין מורא נישט האָבן צו לערנען בלק מיט דער שפּין. אָבער דאָס איז אַלץ געווען אַמאָל, שוין לאַנג. אַצינד זיינען איר, לא־עליכם, אָפּגעהאַקט די פליגלען און זי מוז נעבעך, ווי אַ גאַנץ פּראָסטע משה־רבינוס פערדעלע אַרומקריכן פּשוט אויף דער הוילער ערד, און גלאַט אַזוי אַרומקריכן איז נישט זייער גוט...

נו? וואָס לאָזט מיך דער מחבר דערמיט הערן? דו ווייסט דאָך, ליבער לייענער, אַז מען זאָגט דער טאָכטער און מען מיינט די שנור. די פליג איז נישט חס־ושלום, דער עיקר סיפּור־המעשה, עס איז נאָר אַ ביישפּיל, אַ משל; און דער נמשל איז איינער פון כלל־ישראל: אַ ייִדישער יונגער־מאַן צי אַזוי אַ ייִדישקינד.

נישקשה, אויך ביי די אומות העולם רעדט מען מיט משלים. אַ דייטשישער שריפטשטעלער, הערמאַן זודערמאַן, איז זיך אין זיינע „צווילינגט־ראָמאַנע" אויך אַזוי נוהג. ביז ער א"ז זיך מיישב עפּעס צו דערציילן, ציט

ער אונדז ממש אַרויס די נשמה מיט זיינע משלים און טוט גלאַט פֿילאָ־זאָפֿירן; און דערביי חקרנט ער גאַנץ מרה־שחורהדיק און עס קלינגט ביי אים אַזוי וויינענדיק ווי ביי אונדזער מחבר.

איך פֿון מיין צד בין מיט אַזאַ דרך גאָרנישט צופֿרידן. פֿון תּמיד אָן בין איך מיר אַ גאַנץ אָפֿן מענטשעלע און אַז איך האָב עפּעס וואָס צו זאָגן, זאָג איך דאָס פּשוט, אָן משלים און אָן פֿאַרדרייעניש. און איך מיין, אַז אַזוי איז בעסער: אַ גוטער מאָלער, אַ מאָלער אַ בריה, אַז ער מאָלט אָפּ אַ לייב אָדער אַ בער, דאַרף ער נישט אונטערשרייבן מיט רש״י אותיות „אריה״ אָדער „דוב״, ווי אונדזערע קלויזניקעס און מזרחים־מאָלער זיינען זיך נוהג.

נאָר געגוג מיט דער פֿליג, לאָמיר באַטראַכטן דעם סיפּור־המעשה אַליין. עס איז געשען אין אַ שבת־צו־נאַכט, טונקעלען און כמאַרנעם שבת־צו־נאַכט; דער הייליקער שבת איז שוין אַוועק, שוין אָפּגעזאָגט „גאָט פֿון אַברהם״ און געמאַכט הבדלה; די גוטע וואָך מיט די דאגות־הפּרנסה איז אָנגעקומען. רייזל חנה־פּערלס, די עקרת־הבית, שטעקט די קאַלטע שליס־לען אַריין אין פֿאַרטעך און קוקט אַריין אין דער שאַפֿע, וויפֿל חלה עס איז איר נאָך איבערגעבליבן און איר פּנים איז דערביי אַזוי פֿאַרזאָרגט... אַלץ אין שטוב ציט אויף זיך אָן די מרה־שחורה, אויך די ייִנגלעך ווערט קאַלט ביי דער נשמה, אַז זיי דערמאָנען זיך, אַז מאָרגן פֿאַרטאָג דאַרפֿן זיי אויפֿ־שטיין און גיין אין חדר אַריין, און דערצו גייט נאָך די וואָך אַ גרויסע שווערע סדרה, ס׳איז פּרשת „ויחי״ מיט דעם „ואני״.

דער ערל, וואָס איז נאָך געקומען פֿאַר שלש־סעודות מיט אַ פֿור תּבואה, זיצט אויף דער באַנק און וואַרט אויף געלט, קוקט אויף דער וואַנט און שווייגט. און משה אַברהם־יאָסלס, דער באַלעבאָס, אַ געקאָוועטער מוכר־תבואהניק, שטייט נאָך אין דער שבתדיקער קאַפּאָטע, דעם קאָפּ האַלט ער אין דער שאַפֿע, ער וויל צוזאַמענקראַצן דאָס געלט. פּלוצים דערזעט ער אַ פּעקל פֿאַרגעלבטע נאָטן, און ער ווערט ווי פֿאַרשטיינערט... און אין דרויסן איז אַ שרעקלעכער חושך: שוואַרצע וואָלקנס הערן נישט אויף אַרויסצולאָזן דראָבנע טרערן און דער ווינט זיפֿצט. משה אַברהם־יאָסלס שטייט ווי אַ דערשלאָגענער און זיין האַרץ קלאַפּט ווי מיט אַ האַמער. ער דערמאָנט זיך, וואָס די נאָטן זיינען אים געווען אַמאָל, אַז ער איז נאָך געווען אַ ייִנגל, ער דערמאָנט זיך אָן דער גרויסער מוזיקאַלישער וועלט, וואָס פֿון איר האָט ער אַמאָל געחלומט; עס זיינען געווען גאָר זיסע און הויכע חלו־

מות, ער איז דעמאָלט געפֿלויגן ביז אין הימל אַריין. וואָס פֿאַר אַ מתיקות פֿלעגט ער פֿילן, ווען ער האָט געהערט שפּילן אַ פֿידל אָדער גלאָט אַזוי זינגען. עס פֿלעגט זיך ביי אים צעגיין אין יעדן אבר, ווי פֿאַרטומלט פֿלעגט ער זיין פֿון לויטער תּענוג און דערביי פֿלעגט ער טאַקע אַליין זינגען; ער האָט געהאַט אַ שיינעם קול, אַ סאָפּראַן, אַז די חזנים האָבן זיך פֿון אים גאַרנישט געקאָנט אָפּלויבן. פֿאַרוואָס זאָל ער נישט ווערן אַ גרויסער חזן, אַ מפֿורסם, אַ ניסי בעלזוער, אַ קאַשטאַן, אָדער פֿאַרוואָס נישט אַוועקלאָזן זיך אין אַ גרויסער שטאָט, און דאָרט ביי די גויים מרעיש־עולמות זיין, אָפּגעבן קאָנצערטן און אַרויסטרעטן אין טעאַטערס? און מאַטילדע, די שיינע טאָכטער פֿון דעם אַפּטייקער, גיט אים צו חשק און רעדט וועגן גרויסע פֿלענער פֿון אַנטלויפֿן, פֿאָרן קיין איטאַליע, שטודירן... משהלע טראַכט, און אַברהם־יאָסל, זיין טאַטע, לאַכט! יענער איז זיך אַ פּשוטער, ער־לעכער ייד און וויל פֿונעם גאַנצן ענין ה׳קלעזמעריי נישט וויסן: און טאַקע, וואו האָט מען דאָס ביי יידן אין אַ באַלעבאַטישער שטוב געהערט אַזוינס! ער טוט מיט משהלען אַ שידוך, אַפֿילו נישט פֿון אַזאַ יחוס, אָבער וואָס זאָל מען היינטיקע יאָרן מאַכן? מען שרייבט תּנאים, מען לאָזט דער כּלה אַ מתּנה און מען לייגט איין דעם נדן. דערנאָך פֿאָרט מען אַריבער צום מחותּן און מען שרייט: סטייטש דערוואַקסענע קינדער! מען שטעלט אָפּ דעם זמן־החתונה און מען מאַכט אַן אויפֿרופֿנס און משהלע האָט אַן עול אויפֿן קאָפּ...

— אָבער משה! וואָס קוקסטו דאָרט אַזוי לאַנג? מען מוז דאָך דעם ערל אַמאָל משלח זיין און באַשטעלן אַ פֿור צום יאַריד. און וואָס וועט זיין מיט דער וואָג? — זאָגט צו אים מיט אַ בייזער זיין ווייב רייזל און נעמט זיך צום פֿאַרריכטן די זעק. טאָמער מיינט איר, רייזל איז אַ געבוירענע אשת־חיל און מער ווי צו לאָטען זעק פֿאַרשטייט זי נישט, זייט איר זיך שטאַרק טועה. קוקט זי נאָר אָן: אָט־די פֿאַרשמירטע, פֿאַרחושכטע יידענע איז אַמאָל געווען אַ גאַנץ שיין מיידל, זי איז געגאַנגען אין שקאָלע, האָט געלערנט און האָט זיך באַגייסטערט פֿון מיצקעוויטשן, און מיט איר חנעוודיקן פּנים, מיט אירע ברילִיאַנטענע אויגן איז זי געווען אַ גאַנץ ליב קינד און צווישן אונדז גערעדט איז זי געווען שטאַרק געפֿעלן דעם בלאָנדן גימנאַזיסט, וואָס האָט געוואוינט ביי דער שכנטע, און זי האָט אים אויך נישט פֿיינט גע־האַט... איין מאָל איז זי שפּעטער ווי תּמיד געקומען אַהיים פֿון שקאָלע און איז געווען רויט און פֿאַרסאָפּעט. חנה־פּערל, איר מאַמע, אַן אשה־

צנועת, אַ קרעמערקע און דערצו נאָך אַ שטיק גבאיטע, האָט זי פֿון דער־מאָלט אָן נישט געלאָזט גיין מער אין שקאָלע, נאָר זי גענומען צו זיך אין קראָם אַריין.

— געננוג! — האָט זי געזאָגט — אַ יידישע טאָכטער דאַרף נישט אויסלערנען אַלע חכמות. עס איז גענוג, אַז זי קאָן שרייבן און רעכענען און אַביסל רעדן פּויליש מיטן פּריץ, און מער דאַרף מען נישט.

און כּדי צו זיין גאָר זיכער, האָט זי געשיקט נאָך בערל דעם שדכן, געשענקט אים אויף אַ פּאָר תּחתונים און געלאָזט איר טעכטערל רעדן אַ שידוך.

ובכן האָט רייזל חנה־פּערלס חתונה געהאַט מיט משה אַברהם־יאָסלס כּדת משה־וישראל! מען טאַנצט, מען הוליעט אויף הפקר! דרשה־געשאַנק פֿון כּלהס צד און פֿון חתנס צד... נאָך דער חתונה הערקעט מען זיך אַ ביסל, דערנאָך הויבט זיך אָן קעסט, תּחילת האָניק מיט לעקעך און דערנאָך קאַשע מיט קרויט; אָדער גיין שלאָפֿן גאָר אָן וועטשערע... אַ ביסל ביי איר טאַטן און אַ ביסל ביי זיין טאַטן... אַ מחלוקת, דאָס ערשטע קינד, אַ קימפּעט, אַ נאָמען, אַן אַם. אין מיטן אַ פּריזיוו, אַ מלאכהלע... דער־נאָך ווידער אַ יינגל, אַ מיידל, ווידער מחלוקת מיט שווער און שוויגער, אַ סכסוך מכּוח דעם נדן, ער קאָן אים קוים מיט צרות אַרויסקריגן... אַ טראַכט אַהין, אַ טראַכט אַהער: אָן אַכסניה אָדער אַ קראָם, וואָס זאָל ער אָנהויבן? דערנאָך פֿאָרט ער אויף טאַרגעס און ווערט אָפּגענאַרט: האַנדלט צוזאַמען מיט אַ שותּף, און יענער, דוכט זיך, גאָר אַ תּמעוואַטער, מאַכט מיט אים דעם קאָניעץ... און דאָ גייט מען שוין אַראָפּ פֿון קעסט. מען דינגט זיך אַ דירה און מען מוז קויפֿן באַלעבאַטישקייט. שיקן די קינדער אין חדר, קויפֿן אַ שטאָט אין קלויז און גלאַט אַזוי אָנהויבן ווערן אַ מענטש מיט לייטן גלייך.

ס'איז אַ שנה־מבורכת. יידן קויפֿן תּבואה און ווערן נתעשר, ובכן ווערט מען אויך אַ מוכר־תּבואהניק, מען לייט אַ וואָג און מען לערנט זיך אַ ביסל אויס רעדן גויאיש, מען פֿאָרט אויף יאַרידן. מען ווערט פֿאַרשוואַרצט און אויסגעריסן; און רייזל זיצט אין דער היים, קאָכט און באַקט, גיט השגחה אויף די קינדער און האַלט ריין די שטוב. און אַז עס בלייבט איר צייט, מאַכט זי זאָקן, צי זי לאַטעט זעק, אַמאָל קומט אַריין אַ שכנטע גלאַט אַזוי זיך עפּעס לייען, מען שמועסט אַ ביסל, מען פּלוידערט אַ רכילותל, צי מען לאָזט גאָר אַרויס אַ זיפֿץ, און אַזוי לעבט מען טאָג איין, טאָג אויס,

זומער אוןווינטער, תּמיד תּבואה און תּבואה... און די נאָטן? די מוזיק? דער בלאָנדער גימנאַזיסט?

אין דרויסן וויִעט דער ווינט, דער רעגן פּאַטשט אין די פֿענצטער, און דער ערל זיצט נאָך אויף דער באַנק און שווייגט, און משה אַבֿרהם־יאָסלס שטייט נאָך אַלץ מיטן קאָפּ אין דער שאַפֿע.

— אָבער משה, וואָס קוקסטו דאָרטן אַזוי לאַנג? מען קאָן שוין צען מאָל אויסקלאַפּן די פּושקעס. — זאָגט צו אים זיין ווייב רייזל, דאָס מאָל שוין מיט אַ שטאַרקערן געבייזער. משה גיט זיך אַ כאַפּ און זיין שטערן איז אַזוי פֿאַרקנייטשט.

*

משה אַבֿרהם־יאָסלס איז צווישן אונדז נישט קיין בן־יחיד, נישט קיין אויסנאַם. עס זיינען דאָ אַ סך יידישע קינדער אַזוינע ווי ער, ער איז נאָר אַ מיניאַטור פֿון דער גאַנצער טראַגישער יידישער וועלט.

אונדזער מחבר פֿאַרשטייט די וועלט אויף דורך און דורך, ער מאָלט זי אויס לעבעדיק און פּלאַסטיש, קלאָר און שאַרף אַזוי ווי זי שטייט און גייט. און ווי צופּט דאָס אונדז ביי דער נשמה, ווי פּאַקט דאָס אונדז ביים האַרצן, ווי שטימט דאָס אונדז טרויעריק!

עס איז אַ ווייטיק, גאָר אָן אַ שיעור.
און אַ לעבן, נישט מיר און נישט דיר!

*

דער מדרש דערציילט אַ מעשה פֿון ר׳ יוחנן, אַז ער האָט אַמאָל מבקר־חולה געווען ר׳ אלעזרן, וואָס איז געלעגן קראַנק אין בעט און וואָס איז געווען באַרימט דורך זיין שיינקייט; ער האָט אים געטראָפֿן וויינענדיק. ר׳ יוחנן האָט אים געפֿרעגט: פֿאַרוואָס וויינסטו? צי וועגן אָרעמקייט? צי וועגן אַ שווער האַרץ פֿון קינדער? צי וועגן מצוות און מעשים־טובים? ר׳ אלעזר האָט געענטפֿערט: חבל על האי שופרא דבלי בעפרא, דאָס הייסט: ווי איבער דער שיינקייט, וואָס פֿוילט אין דער ערד! — דעריבער וויינסטו? האָט ר׳ יוחנן געזאָגט. און זיי האָבן ביידע געוויינט.

דברי־קודש און דברי־חול

פֿאַרן המון און פֿונעם המון

איך מוז גלייך זאָגן דעם אמת: תּמיד, אַז איך האָב געהערט אונדזערע שרייבערס שמועסן צווישן זיך מכּוח טאָן וועגן דעם פֿאָלק און פֿאַרן פֿאָלק, איז דאָס מיר נישט געקראָכן אין האַרצן; ניט דערפֿאַר, ווייל איך האָב ספֿקות אין דעם עיקר פֿון דער זאַך. אַדרבה, טוט טאַקע פֿאַר דעם פֿאָלק, זאָרגט און קלערט וועגן דעם כּלל! נאָר עס ווילט זיך מיר נישט גלויבן. אַז אַלע, וואָס רעדן ביי אונדז אַזוי פֿיל וועגן די דאָזיקע זאַכן און שטופּן זיך צום אויבנאָן, כּדי צו זאָרגן פֿאַרן טובת־הכּלל, זיינען טאַקע דערצו שייך. טובת־הכּלל איז ביי אונדז נאָר אַ מאָדע־זאַך, עס איז פֿאַר זיך אַליין אַ כּבוד צו ווייזן, אַז מען איז פֿאַרטאָן אין כּלל זאַכן, אַז מען וויל פֿאַרן פֿאָלק ברענגען אַ קרבן... דאָס איז ערשטנס; און צווייטנס רעכן איך, אַז אויב איינער וויל דעם אַנדערן עפּעס געבן און אים מעורר זיין, מוז ער פֿריער אַליין עפּעס האָבן. איך מיין דאָס גאָר פּשוט: אַז מען וויל דעם המון ווייזן אַ דרך, וואוהין ער זאָל גיין, עפֿענען אים די אויגן אויף זיין מעמד, מוז מען קודם־כּל אַליין וויסן דעם וועג און קענען דאָס פֿאָלק. איך האָב אָבער מורא, אַז ס׳רוב פֿון אונדזערע מורי־דרך טוען אַליין בלאָנדזשען און זיינען גאַנץ ווייט פֿונעם אמת. אין דער גמרא האָט איינער געזאָגט: תּמה אני אם יש בדור הזה מי שיודע להוכיח. אַציַנד קאָן מען דאָס נאָך מער זאָגן. און טאַקע אויף דער אמתן: ווער קאָן היינטיקע צייטן זיין אַן ערב בנוגע צו זיך אַליין, אַז ער פֿאַרשטייט דעם יידן אין תּוך אַריין, אָדער, לכל־הפּחות, אַז זיך אַליין פֿאַרשטייט ער גוט, ווי עס באַדאַרף צו זיין.

אונדזערע „מנהיגי הדור" — איך וויל אויף זיי נישט רעדן קיין שלעכטס — אָבער ס׳רוב פֿון זיי, זאָלן זיי מיר מוחל זיין, איז נישט גוט באַהאַוונט אינעם ענין פֿון אונדזער אומה. און טאָמער מיינט איר, אַז צווישן זיי אַליין זיינען פֿאַראַן סכסוכים וועגן פֿאַרשיידענע מיינונגען, איז דאָס אויך אַ טעות. אַז זיי פֿאַרמאָגן גאָר קיין מיינונגען נישט, נאָר ווערטער

פֿאַרמאָגן זיי, וואָס זיי זיינען אַזוי אויפֿגעשטראַדלט, אַז מען קאָן מיינען אַז זיי זיינען כּולל עפּעס אין זיך אַליין...

וואָס פֿאַרשטייט מען ביי אונדז אונטער כּלל־ישׂראל? מיוחסים, לער־נערס, שרייבערס, חסידים, ליטישע מענטשן און גלאַט אַזוי באַלעבאַטים און משפּחות אַן אַ פֿלעק, אַט די אַלע, וואָס זיי האָבן אין זיך כּלומרשט אַ ריח־תּורה. דער המון גופֿא, דער עם־הארץ, ווערט לחלוטין נישט אַריינ־געגומען אינעם סך־הכּל; אַזוי איז דאָס שוין פֿון תּמיד אָן: אַלע טייערע זאַכן זיינען גאַרנישט פֿאַר אים, מען מיינט גאַרנישט אים.

און אין דער אמתן, וואָס זיינען די האָפֿענונגען, וואָס אונדזער המון האָט? די לערנערס האָבן, לכל־הפּחות, אַ מין ירושה פֿון דור־דור, אַ מין חשיבות ביים השי״ת, וואָס האָט זיין פֿאָלק ישׂראל אויסדערוויילט פֿון אַלע פֿעלקער און האַלט זיי אין גלות, כּדי זיי זאָלן דאַרט לערנען און אים דינען, ווי עס שטייט געשריבן. מורינו רבי ברוך, רבי יחיאל ברבי יעקב־נתן, רבי זאַנוויל, רבי בער, ר׳ משה משולמס, תּנחום האַדלס און גדליה פּעסי־ביילעס, זיינען ווי אַלע אַנדערע נכבדים דאָ, כּדי צו טאָן אַ נחת־רוח דעם רבונו־של־עולם און אים צו לויבן... די הייליקע ספֿרים זיינען געשריבן אויך נאָר פֿאַר זיי, פֿאַרן פֿיינערן עולם; דער המון אָבער קאָן קוים דאַווענען און ווער האָט אים אין זינען?

מאָלט אייך אויס: אַ פֿאָלק אָן אייגענער ערד, אַ פֿאָלק אָן אַ ריכטיקן פֿאָלקס־לעבן און אָן דעם, וואָס מען רופֿט דאָס אָן ליבע. בשעת איט־לעכער מענטש איז אין זיינע יונגע יאָרן פֿריש און געזונט, לעבט און ליבט, ווערט מען ביי אונדז שוין אַ טאַטע פֿון קינדער. די פּאָעזיע פֿון דער ערשטער צייט נאָך דער חתונה באַשטייט אין גאַנצן אין די פּופּציק רובל מזומנים און די פֿיר וואָכן קעסט, דערנאָך, גיי מוטשע זיך: ווער אַ שמייסער ביי אַ באַלעגאַלע, אַ קצב, אַ קאָטלער, אַ קירזשנער אָדער עפּעס וואָס אַנדערש. די מלאָכה גופֿא פֿאַרשטייט מען נישט גוט: גיי לערן זיך ביי יידן עפּעס אויס, אַז צאָלן צאָלט מען אויך נישט גוט. — און דאָך לעבט דער המון ווי דורך אַן אינעווייניקסטער קראַפֿט, ווי דורך אַ כּוח, וואָס וואַקסט פֿאַר זיך. האָט מען פֿאַר אים נישט געזאָרגט, זאָרגט ער אַליין פֿאַר זיך: „בישקשה, איך וועל שוין אַליין אויסקומען״, און גייט זיך אין זיינע דרכים... אַלע אונדזערע עמי־הארצים עסן שבת פֿיש און פֿלייש, באַקן חלה און מאַכן קידוש. אָבער אין תּוך גענומען האָבן זיי אַן אַנדער מין גייסט און אַן אַנדער מין טבע: זייער נשמה איז נישט ווי אונדזערע

און זייער טאָן און טראַכטן איז נישט אונדזער טאָן און טראַכטן... אונדזער המון האָט נאָך עד היום געזונטע ביינער. זיי זיינען טאַקע די, וואָס דעם יחוס זייערן האָבן זיי אין זייערע אייגענע הענט.

*

די כּנסת־ישראל איז געגליכן צו אַ טויב, ווייך און געפּיעשטשעט, אַ מין איידעמל, דער מאַן פון אַ בת־יחידה, וואָס האָט טענות צו גאָט אויף אייביקע קעסט, און טאַקע מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען און מיט טייכן בוימל, אַ זכר פון גן־עדן; דער המון אונדזערער איז מער געגליכן צו דער גרויסער און קרעפטיקער מלוכה פון די חיות. עס איז דאָ אַ גרויסער חילוק צווישן יידן פון תורה און מעשים טובים און צווישן פּראָסטע יידן, וואָס זיינען גאַרנישט קלאָר אין די קליינע אותיותלעך און האָבן פאַרשפּאַרט זיך דערמיט צו מוטשען. די נשמה פונעם המון איז נישט אַזוי פאַר־איידלט און נישט אַזוי איינגעוויקלט: זי פאַרטראָגט נישט דעם חלוש און דעם צעבראָכענעם יידן, זי האָט אַ גאַנץ אַנדערע טבע, און די אַלע מעלות, וואָס זיינען אַ שטייגער אַנגענומען אין דער מזרח־באַנק, זיינען ביי איר גאָר חסרונות... דער המון ליבט נישט אָפּצושפּאַרן פון היינט אויף מאָרגן, פון דער־וועלט פאַר יענער־וועלט, ער לעבט גאַנץ פּשוט אָן סודות און אָן אַלע אויסטייטשענישן, און לויבט גאָט נאָר דערפאַר, ווייל ער איז געזעגנט. — פרום צו זיין איז אַפילו גוט, אָבער דאָס איז נישט אַזאַ זאַך, וואָס מען טראַכט מכּוח דעם. אַן ערלעכער ייד איז נישט דווקא דער, וואָס גייט אין אַ גאַרטל און טראָגט אַ יאַרמעלקע. דער עיקר איז, אַז דער מענטש איז אַ מענטש אין תּוך. ביים המון איז יידישקייט נישט מער ווי אַ זאַך, ווי אַ שיין טישטעך, וואָס מען לייגט אויפן טיש בשעת עס קומט אַ מחותּן.

אָט אַזוי איז דאָס לעבן פון דעם המון, פון פּראָסטן מענטשן. אין דעם פאָלקס־ליד, אין דעם פּשוטן זמר פון אַ יידן ביי דער אַרבעט, בשעת ער שלאָגט מיטן האַמער, צי בשעת ער שטעכט מיט דער נאָדל און שערט מיט דער שער, הערט זיך עפּעס, וואָס האָט נאָך אַ שייכות צו דער נאַ־טור, צו אַלצדינג, וואָס ס׳איז דאָ אויף דער וועלט. אַז איר הערט אָט דעם זמר, דערקענט איר, וואָס עס הייסט אַ גאַנצער מענטש, אַ מענטש, וואָס איז נאָך נישט צעברעקלט אויף אַ סך חלקים און איז נאָך אַ באַלעבאָס איבער זיך אַליין.

עס איז אַ זומערדיקער טאָג. אַלץ איז פֿריש און גרין, אַלץ איז פֿול פֿון דער טייערער לופֿט; דער הימל איז אין זיין מלוכה — אַלץ איז שיין. אַ וועגעלע פֿאָרט זיך אין וועג, אַ יונגער שמייסער זיצט אויף דער קעל־ניע און טרייבט אָן די פֿערד. זיי זיינען אויך באַשעפֿענישן, וואָס עס איז זיי גוט, אַז מען פֿאַרשטייט זיך מיט זיי. מען פֿאָרט זיך מיט הרחבת־הדעת: וואָס גייט עמעצן אָן? ווער עמען פֿעלט עפּעס? איז נישט אַלץ על צד היותר טוב? איז נישט דער מענטש אַ מין זמר, גלאַט אַזוי, אָן מפרשים, אָן אויסטייטשענישן, אָן קלערענישן און אָן קונצן?

אוי, בין איך זיי מקנא! און בשעת מיר חדר־ייִנגלעך זיינען געוואָרן אויסגעריסן און האָבן פֿאַרלוירן די יונגע און שיינע יאָרן, זיינען זיי גע־וואָרן פֿריי און לעבעדיק, און האָבן געקאָנט קוקן פֿריי אויף גאָטס וועלט.

דער המון האָט נישט וואָס ביי אונדז צו נעמען, וואָרים ער ווייסט בחוש מער פֿון דעם, וואָס עס ווייסן אונדזערע געלערנטע בעלי־מוחות. פֿאַרקערט, אונזערע שרייבערס און אַלע די, וואָס זיינען זיך עוסק מיט מחשבות, מוזן ביים המון נעמען, וואָס עס פֿעלט זיי בטבע...

איך בעט אייך, שעמט אייך נישט צו גיין צו זיי אין חדר, בכדי זיך צו לערנען ביי זיי.

געוויס איז דער סדר־עולם פֿון תּמיד אָן, אַז אַלץ גייט ווי אויף טרעפּ, פֿון אונטן ביז אַרויף, פֿונעם המון ביז צו די יחידי־סגולה; אַזוי לערנט אונדז די געשיכטע און די נאַטור. די מאַמע לעבט צוליב דעם קינד, דער כּלל — וועגן דעם יוצא מן הכּלל, וואָס שטייט העכער פֿון דעם כּלל, סיי אין רוחניות סיי אין גשמיות; ביי אונדז אָבער איז אַן עולם הפוך... דאָס גאַנצע לעבן ביי אונדז איז נאָר פֿאַרבליבן ביים המון, ביים פּראָסטן עולם, וואָס איז אָן זכיות וכדומה. די אויבערשטע אָבער זיינען ווי אָפּ־געשניטן פֿון אַלץ און ס׳רוב טויגן זיי צו גאָרנישט. ביכער פֿאַרן פֿאָלק מוזן שעפּן פֿונעם פֿאָלק. שעפּט אָבער נישט מיט צעבראָכענע עמערס צי גלאַט אַזוי מיט פֿילאָזאָפֿירן, פֿון וואַנען עס נעמט זיך אַן עמער...

דער עצם ייִד

אין אַלע שטעט און שטעטלעך, אומעטום וווּ ייִדן וואוינען, האָבן זיי אַמאָל נישט געוואוינט. אַלץ איז געוואָרן בהדרגה; פֿריער איז דאָרט געווען

איין ייד, דערנאָך זיינען צוגעקומען עטלעכע, ביז עס איז געוואָרן אַ שטיקל קיבוץ. מען האָט שוין אַ מנין, אַ שוחט, אַ מוהל און וואָס עס געהערט צו יידישקייט. מען נעמט אַ רב, טאַקע אַ חזן אויך, און שוין נישט געדעדט פֿון אַ באָבען, אַ סאַרווערין, אַ שבת־גוי, אַ נאַמן אויף דער טאַקסע, און גלאַט אַזוי יידן, קהלס־לייט, און נאָך אַזוינע. אַט אַזוי פֿון קליין ביז צו גרויס איז זיך געוואָרן אַ קהלה, און טאַקע דער מאַרק מיט די קליינע און די גרויסע בעלי־שפּע׳ס, באַלמעלאָכעס אויך, מעקלערס אויך און אַרעמעלייט אויך. די אַרעמעלייט זיינען אַ מין אונטערשלאַק פֿאַר די חשובע לייט, וואָס זיי זיינען דער עיקר פֿון דער שטאָט. און היינט די גרויסע נגידים און די לערנערס, די מזרח־יידן און די, וואָס זיינען מיוחסים הן ביי זיך והן ביי יענעם. דאָס אַלץ איז געווען אַמאָליקע יאָרן. מען איז געוואַקסן, דאַנק דעם השי״ת און זיין השגחה אויף זיין פֿאָלק ישראל. יעדער ייד איז געוואַקסן פֿונעם משרת ביז צום נגיד, פֿונעם שניידער־יונג ביז צום תקיף־העיר, פֿונעם געמיינעם באַלעבאָס ביז צום עושר מיט די איידעמס, מיט די פֿיל אויסגעגעבענע קינדער און קינדס־קינדער. און אַלע האָבן זיי געהאַט איין נאָמען און איין שייכות. אַפֿילו צו אַ וויטן קרוב איז מען געפֿאָרן אויף אַ חתונה און מען האָט זיך משמח געווען. און תּמיד — די שיינע נדבה, זיך אָננעמען פֿאַרן כלל, זיך אויספֿיינען פֿאַר גאָט און פֿאַר לייט. אַ סך געלט האָט מען נישט געלאָזן, אַז מען איז גע־שטאָרבן, אָבער די גרויסע ירושות זיינען באַשטאַנען אין דעם שיינעם נאָמען, און אין די ייזער און גלאַט אַזוי אין די נחלות. איטלעכער אָרענ־דאַר, איטלעכער נגיד איז געווען אַ קצין און דער ראש פֿון דער גאַנצער משפּחה און איר באַשיצער. מען האָט זיי געקענט אין דער גאַנצער סביבה און שידוכים האָבן זיי געטאָן גאָר אין די גרויסע מקומות. דעם סידעל־קעווער רב, זכרונו־לברכה, האָט מען געקענט אַזש אויף יענער זייט ביי־קאַלאַיעוו. רבי הערש וואָלפֿס איז געווען אַ ייד אַ מפֿורסם און האָט געהאַט אַ פֿעטער, וואָס איז געווען אין פּעטערבורג. דאָרט ביי די מיניסטאָרן זיינען דאָ חשובע לייט, געהויבענע מענטשן, וואָס קענען מיט זיי שמועסן וועגן כלל בעת צרה. דער אמת איז, אַז דער קיום ישראל האָט פֿון שטענדיק אָן אַ סך דרכים. דער ענין פֿון גלות איז אויך נישט אַזוי פּראָסט; עס איז נאָך גוט, וואָס יידן וואוינען אין אַלע יידישע שטעט און זיינען ביי זיך אין דער היים... אוודאי שטייען אָפּטמאָל אָן אויף יידן שווערע גזרות, וואָס מען הערט, אַז זיי טרעפֿן זיך אין ערגעץ. דאָ אָבער, אין פּאָקעטילאָווע,

אין טאָראָווצע, אין לעטיטשעוו, אין קוטנע, אין בריסק, צי אין דער מיר, איז מען אַ ייִד ווי אַלע ייִדן: מען לעבט, מען האָט קינדער, מען מאַכט זיי חתונה, מען דערלעבט נחת. אַ ייִד מוז זיין שטאַרק נאָר אין רוחניות, ווייל דער יצר־הרע וויל אים פון תמיד אַן קאַליע מאַכן; אָבער אין גשמיות העלפט שוין דער אויבערשטער, דעם אַזוי און דעם — אַזוי. אַפילו דער עני־שבעניים האָט חלה אויף שבת און וויין אויף קידוש און קיינער פון זיי פאַרגעסט נישט, אַז זיינע זיידעס זיינען פון אַברהם יצחק ויעקב ביז צו משה־רבינו, וואָס גאָט האָט אים פאַר אונדז געגעבן די תורה.

די תורה איז היינט אויך דאָ. מען גייט אין חדר, מען לערנט חומש מיט רש״י, משלי מיט מצודות, אויך אַ שטיקל גמרא, אָבער עס איז אַלץ נישט ווי אַמאָל. עס איז עפּעס איינגאַנצן קאַלט. אַלץ האָט זיך אויס־געלאָזט. די פּרנסות זיינען דערשלאָגן, פון אַלץ איז געוואָרן אַ תל, אויך פון דעם ביסל ייִדישקייט. אַ ייִד איז היינטיקע צייטן אַ הינקענדיקע זאַך, אַ בענקל אויף דריי פיסלעך. גייט ער קיין אַמעריקע, בלייבט זי דאָ; האָט איינער נאָך אַ שטיקל פּרנסה, איז זיין ברודער אַן עני־ואביון און דינט ביי אים אין סקלאַד; איז מען אַליין נאָך אַ ביסל פרום, איז דער זון שוין אַ האַלבער דייטש און וויל קאַנטשען אויפן רוסישן אופן, היינטיקע יאָרן זיינען ביי אונדז נישטאָ מער ווי אַמאָל קיין ירושות ברוחניות ובגשמיות. כ׳לעבן, אַז דער פּסוק זאָגט: ה׳ ישמרך, גאָט טוט דיך באַהיטן, איז דאָס טאַקע אמת. גאָט אַליין באַהיט און באַשירעמט אונדז, ווייל עס איז שלעכט מיט אונדז; נישט נאָר די עוונות, די זיינען אַלעמאָל געווען, נאָר עפּעס גאַנץ אַנדערש, דאָס גאַנצע ייִדישקייט שאָקלט זיך... מיר זיינען צעזייט און צעשפּרייט נישט נאָר אויף דער גאָרער וועלט, נאָר טאַקע אַפילו אין די אייגענע ד׳ אמות: ביי זיך אין שטוב איז מען פאַר די קינדער אַ פרעמ־דער. מען טאָר דאָס זיך אַליין נישט זאָגן, מען עסט נאָך ביי איין טיש, מען זאָגט: טאַטע, מאַמע; אָבער אין דער אמתן איז צווישן אונדז אַ שטאַר־קער מרחק... די קינדער זיינען נישט צופרידן און ווילן אַוועק, וואו זיי פאַרגעסן אין אַלעמען, און די עלטערן אַליין האָבן אויך עפּעס חרטה: ווי אַזוי לעבט מען אָפּ די גאַנצע יאָרן? מען האָט זיך אויסגעהאָרעוועט און מען האָט גאָרנישט סיי אויף דעם עולם, סיי אויף יענעם עולם.

עס רייסט מיר דאָס האַרץ, אַז איך דערמאָן מיך אויף דעם אַלעמען. אפשר וועט זיך ווידער געפינען אַ מין חיזוק פאַרן פּרט און פאַרן כּלל. איך וואָלט געגאַנגען ד׳ אמות פּרסה, פירהונדערט מייל ווייט, כּדי צו

טרעפֿן עמעצן, וואָס קען אונדז ווייזן אַ דרך, עס כּל פּנים מעורר זיין אונדזערע לבבות.

אַלף־בית פֿאַר דערוואַקסענע

אַן אָפּגעריסענער, מאָגערער ייד, אַ שטייגער אין אַ לאַנגער פֿאַר־דריפּעטער קאַפּאָטע; די זאָקן לאָזן זיך אַראָפּ איבער די שיך און די שיך זיינען אויסגעטראָטן. די אַרבל פֿון דער קאַפּאָטע זיינען אין גאַלע פֿלעקן, און פֿון זיי זעט זיך אַרויס דאָס שוואַרצע פֿאַרחושכטע העמד. אַז דער גאַנצער נפֿש מיט באָרד און פּאות איז אויסגעדעוועט און ווי פֿון רוח. עס איז נישט דאָס, אַז מען האָט אויף אים רחמנות, נאָר עס קערט זיך אויס די גאַל, קוקנדיק אויף אים. אַן איסטניס, אַ מפֿונק, איינער, וואָס האָט אין זיך דעם רגש פֿון ציכטיקייט, קען אַזוינעם נישט אָנקוקן. צו פּרנסה שאַט דאָס אַפֿילו נישט, פֿון קעשענע דערלייגט מען דערצו גאָרנישט, אָבער אַזוינס צו זען אַרט, עס טשעפּעט און דראַפּעט אינעווייניק. אמת, נישט דאָס בין איך אויסן, אָבער די מעשה פֿון דעם איז, אַז עס איז פֿאַראַן אַזאַ מין געפֿיל אין מענטשן. טאַקע דער דאָזיקער אויסגעשמירטער ייד אַליין, וואָס די דאָזיקע זאַך איז לפֿלוג גאָר רחוק פֿון זיין טבע, האָט שטאַרק הנאה בשעת ער טוט אָן אַ ווייס העמד, צי אַז מען גרייט צום טיש מיט אַ ווייס טישטעך. ער האָט הנאה בשעת די ערשטע סטעטשקע שמייכלט פֿון דער בלאָטע, און נאָך פֿיר וואָכן פֿונעם פֿאַרפּסחדיקן בחומר ובלבנים מאַכט מען סוף־כּל־סוף ריין די שטוב. אַפֿילו אין אַ הויז, וואָס קיין אשת־חיל איז דאָרט נישט פֿאַראַן, שייערט מען אויך איינמאָל אין חודש דעם סאַמאָוואַר און די לעפֿל. אַ טאָפּ פֿון פֿאַסאָליעס צי פֿון צימעס, אַז מען מאַכט אים ריין און אויסגעוואַשן, האָט גאָר אַן אַנדער פּנים. האָט איר געהערט, אַז מען טוט אַ שידוך, זאָגט מען קודם־כּל: די כּלה איז אַ בריה. אָפּנים דאָס איז אַ שבח. שיינקייט איז אויך אַ מעלה. אַפֿילו אַ ייד, וואָס איז גאָר רחוק פֿון דעם עולם, ליבט אַ זאַך וואָס איז שיין. אַז ער אַליין קאָן אייך נעמען די אומריינע שיך און זיי אויסשמירן, כּדי זיי צו מאַכן שיין אויף אַ ווײַלע. — מילא אַ טובה טאָן אַ מענטשן, צי עפּעס פֿאַרדינען, קומט דערפֿון אַרויס עפּעס פֿאַר זיך און פֿאַר יענעם. אָבער וואָס איז שייך, שיין? צו וואָס טויג דאָס, און וואָס איז דער תּכלית דערפֿון? וועגן דעם וועלן מיר נאָך קלערן.

מען זאָגט: אַ שיינער ייד, אַ שיינע מידה, אַ שיין קערבל. אַז עמעצער טוט אַן עוולה, זאָגט מען, עס איז נישט שיין. להיפוך, אַז עמעצער ווייזט אַרויס אַ נוץ, זאָגט מען: עס איז שיין. יאָ, אַ ייד מיט מעלות און צדקות, וואָס נעמט זיך אַן פֿאַר דעם כלל, איז פֿאַר יידן אַ שיינקייט. מען זאָגט אויך, אַ שיין לערנעכץ, אַ שיינער אויפֿטו. אַפּנים אַז אויך ענינים, וואָס זיי קערן זיך לפֿלוג גאָרנישט אַן מיט דעם, וואָס עס הייסט שיין, זיינען דאָך שייך דערצו. אַז מען זאָגט: יענער האָט שיין געדאַוונט, איז קיין חידוש נישט. אַז מען זאָגט, יענער האָט געגעבן אַ שיינע נדבה, אַז ביים רבין איז געווען אויף שבת אַ שיינער עולם? מיר זעען, אַז דאָס וואָרט „שיין" ביי אונדז אין מויל איז אַן אָפּטער גאַסט. אַפֿילו ביי די, וואָס אַז מען טוט זיי אַ כאַפּ און פֿרעג, וועלן זיי ענטפֿערן: שיין־שמיין, דאָס טויג גאָר־נישט פֿאַר יידן; יידן דאַרפֿן אַ זאַך, וואָס האָט אַ תּוך און נישט אַזוינע נאַרישקייטן, וואָס זיינען גוט פֿאַר ווייבער וכל המינים שהוא, — אַט טאַקע די דאָזיקע מענטשן, וואָס וועלן דיך שטראָפֿן, פֿאַרוואָס דו נעמסט זיך אָן פֿאַר שיינקייט און די אַלע פּוסטע זאַכן, וועלן דיר תּוך כּדי דבור זאָגן: עס איז פֿאַר אַ יידן נישט שיין צו האָבן צו טאָן דערמיט. אַ בעל־שעדער חסיד, אַ ייד, וואָס טראָגט זומער וואָלענע זאָקן און אַ קישן אויפֿן האַרצן, אַ מין מענטש, וואָס זיין שטייגער איז צו גיין אינמיסטן קאַפּויער און נישט צו קוקן אויף זיך, כּדי ח"ו נישט אַריינצופֿאַלן אין גאוות, אַזאַ בן אדם, אַז ער זעט, אַז זיין חבר מאַכט עס נאָך בעסער, אַז יענער וואַלגערט זיך פּשוט אויף דער ערד און זאָגט גאָרנישט, בשעת מען טרעט אים אַפֿילו אויפֿן קאָפּ, וועט ביי זיך אין האַרצן טראַכטן: עס איז אַ שיין עניוותל, עס איז שיין פֿאַר גאָט, אַז מען איז ביי זיך אַזוי נידעריק. איר זעט רבותי, דאָרט איז אויך פֿאַראַן דאָס אייגענע...

אויף דער אמתן זיינען שיינקייט און ריינקייט קיין קאַטאָוועס נישט; עס זיינען טאַקע ענינים, וואָס גאָט האָט זיי אַריינגעגעבן אין די הערצער פֿון אַלע באַשעפֿענישן, אַפֿילו אויך ביי בהמות און ביי חיות, און אַלץ, וואָס איז דאָ אויף דער וועלט האָט שוין עפּעס דערפֿון. פּירות וואַקסן מיט שאָלעכץ, כּדי זיך איינצודעקן, און תּבואה וואַקסט אויך נישט נאַקעט. אַפּנים, עס ליגט שוין אין דער טבע פֿון דער בריאה מקפּיד צו זיין דערויף, און אַזוי פֿון קליין ביז גרויס, פֿונעם דומם וצומח ביז צום מענטשן; ביי אַן אומה אַ יחסנטע מוז עס נאָך מער זיין. מיר יידן האָבן אָבער דאָס נישט כּסדר אין זינען, ווייל מיר האָבן פֿאַרזינדיקט... בנוגע מידות און

אַפּהיטן מצוות איז מען ביי אונדז ערב יעדער פֿאַר אַלעמען; אויך בנוגע די דאָזיקע זאַכן וואָלט געווען גוט, צו לייגן אויף זיי השגחה. מען זאָל דאָס לערנען אין חדר ווי קמץ־אַלף, צי ווי זאָגן ברכה, צי ווי געבן מיט דער רעכטער האַנט שלום וכדומה.

מוסר

גלויבט מיר, איך ווייס, ווי עס קומט אַ יידן אָן זיין פּרנסה, וואָס ער באַדאַרף נעבעך האָבן פֿאַר ווייב און קינדער; פֿונדעסטוועגן קאָן איך נישט פֿאַרגעסן, אַז עס איז דאָ אַ חילוק צווישן אַ ריינעם קערבל און צווישן אַ קערבל אַ קויטיקן. „קויטיק" מיין איך בנוגע דעם אופֿן ווי אַזוי מען האָט דאָס פֿאַרדינט. אַז מען ציילט איבער דאָס טייסטערל און אַלץ איז פֿאַרדינט ערלעך, קאָפּיקע אין קאָפּיקע, פֿילט מען, אַז אין האַרצן איז ריין, אַז עס באַדאַרף אַזוי זיין און אַז מען קאָן אָנקוקן זיך אין פּנים און נישט קרימען זיך. אָבער להפך: וואָס קומט אַרויס דערפֿון, אַז די קעשענע איז טאַקע פֿול, און מען האָט מורא אַריינצוקוקן אין זיך, אַז ביי איטלעכן זעקסער מוז מען זיך שלאָגן אָשמנו, אַז נאמנות איז קיין נאמנות נישט און מען איז, לא־עליכם, אַריינגעטאָן אין כל מיני פּסלנות? איך וויל שוין נישט רעדן פֿון דעם, אַז עס איז סתּם אַ גרויסע עבירה עמעצן צו באַראַבעווען, אים אָפּצונאַרן, צי ביי אים נעמען און נישט אָפּגעבן; דאָס ווייסט איטלעכער. וואָס איך וויל דאָ יאָ זאָגן, איז, אַז עס איז נישט שיין פֿאַר זיך אַליין, למשל, צו זיצן מיטן פּעטן בויך אין מזרח און מוזן זיך שעמען. טאָן שלעכטס איז גאָר פּאַסקודנע, זיין נישט גוט צו אייגענע איז אויך נישט שיין, האָבן קינדער און נישט וויסן, וואָס צו טאָן מיט זיי, איז אַ בזיון. עס איז אַ בזיון ביי זיך אין שטוב צו זיצן אויבנאָן ווי אַ פּריץ און אין קלייט זיך צו קרימען פֿאַר איטלעכן קונה. עס איז אַ בזיון צו זיין חצי לי וחצי לכם, דאָס הייסט האַלב צום רוח און האַלב קנעכט. טאַקע דאָס דינסטמיידל, וואָס קאָכט און באַקט ביי אייך, און האָרעוועט כּסדר און טוט שוין צו פֿיל די גאַנצע וואָך ביז שבת, איז אַ סך לייטישער פֿון אייך מיט אייערע עסקים, מיט אייערע פֿאַרענישן אויף קאָנטראַקטן און אויף טאַרגעס! זי לעבט פֿאַר זיך און איר זייט צעטראָגן אויף טויזנט עולמות. זי אַרבעט מיט די הענט און אייך דאַכט זיך נאָר, אַז איר טוט.

זי איז אַ באַשעפעניש, וואָס לעבט, און איר שלאָפּט נישט קיין נעכט. איר גיט אויס אַ סך אויף יחוס, אַ פּסול משפּחה איז שוין גאָר קיין רעכטער שידוך נישט, עס איז אָבער פאַראַן נאָך אַ יחוס אינעם אופן פון פאַרדינען געלט. אַ שניידער, אַ שוסטער האָט שוין עפּעס דערפון, אַ טרעגער נאָך מער, אַ האַלצהעקער נאָך מער; וואָס די אַרבעט איז שווערער איז אַלץ ריינער דער גראָשן, און די וואָס זיי שטייען אין שול ביי דער טיר און זיינען נהנה מיגיע כפּם, זיינען אַ סך לייטישער פון די, וואָס זיי נעמען זיך איבער מיט די עטרות אויף זייערע טליתים.

וואָס איך וויל איז, אַז איר זאָלט אַ ביסל מהרהר זיין אין אייערע עסקים און אין אייער לעבן; און דאָס איז נישט צוליב יענער־וועלט, נאָר צוליב דער־וועלט, צוליב דעם היינטיקן טאָג. איך וויל, אַז אייערע הענט זאָלן זיין ריין, און אויך אייער האַרץ זאָל זיין ריין. אַז איר זאָלט אייער נשמה נישט באַפלעקן מיט די עוולות, וואָס איר קענט זיי גוט, און וואָס איר רעדט וועגן זיי נאָר בנוגע יענעם. גלויבט מיר, עס טשעפּעט ביי דער נשמה, אַז מען קוקט אויף אַ ווײַלע אַריין אין זיך. אַז מען איז שוין גאָר שלעכט, וויל מען אַלץ, אַז די קינדער זאָלן נישט זיין אַזוי און זאָלן גיין אינעם גוטן וועג. איז עס נישט גלייכער, אַז דער טאַטע אַליין זאָל מאַכן די התחלה, אַז ער זאָל אָנהויבן... און טאָקע אינעם עצם־תּוך: יום־כּיפּור גייט איר אַלע אין שול און האָט חרטה אויף די עוונות, וואָס איר האָט געטאָן אַ גאַנץ יאָר; פאַרוואָס־זשע שוין היינט נישט אַ ביסל, און טאָקע ביים ערשטן אַרשין לײַוונט, וואָס איר פאַרקויפט אין קלייט, און טאָקע ווי איר רעדט מיטן ווייב, און מיטן זון, וואָס איר ווילט ער זאָל זיין גוט און פרום. איך פרעג אייך: ווי שעמט איר זיך נישט פאַר זיך אַליין, זיך אָפּצושווערן אַפילו ביי קינדס־קינדער, אַז די זאַך קאָסט אייך אַליין צוויי רובל און דערנאָך נעמען נאָר איין רובל און דעם אַנדערן צו דערלייגן פון דער קעשענע? ווי שעמט איר אייך נישט צו עסן מיט זילבערנע לעפל, וואָס זיינען געקויפט פאַר יענעמס געלט? ווי שעמט איר אייך נישט צו האָבן אַ שם פון אַ שיינעם יידן און אין תּוך געגנומען צו זיין מיאוס? און איז נישט מיאוס יעדן טאָג צו האָבן אַן אַנדער פּרנסה, צי אַרומצוגיין איבערן מאַרק מיטן שטעקעלע און כאַפּן אַ פאַרדינסטל ווי מען כאַפּט אַ מויז. אַ־יאָ, איר האָט פאַריבל, אַז מען זאָגט עס אייך? איך אויך. זאָגן מוסר איז אַ שווערע זאַך.

תחינות

אַלץ האָבן זיי, די מאַנסביל, די גאַנצע תורה און מעשים טובים און אַלע מצוות. אַז גאָט האָט ליב יידן, מיינט ער ראשית זיי, די מאַנסביל; וואָס זיינען מיר, ווייבער? בסך־הכּל שוואַכע נפשות, יידענעס אָן דעות, נאָר מיט דעם ביסל פאַרען זיך אין דער קיך. אונדזער גאַנצער תּכלית איז צו היטן די שטוב, כּדי ער זאָל זיך האָבן זיין מנוחה, כּדי ער זאָל האָבן אויף שבת אַ ווייס העמד, חלה מיט פיטשאַ און אַלץ, וואָס עס געהערט צו יידישקייט. אַז מיר זיינען דאָ נאָר פון זייערטוועגן... אַזוי איז די וועלט באַשאַפן.

פאַר דער חתונה איז מען אַ מיידל, וואָס ווייסט פון גאָרנישט. דער גאַנצער יום־טוב איז זיך אַמאָל אויסצוצוואָגן און אָנצוטאָן אַ ריין קלייד. קומט אַ שדכן צי אַן אורח, שיקט מען אונדז אַרויס פון שטוב. די מאַמע זאָגט: פּערל, אַ יידישע טאָכטער טאָר נישט אַ סך רעדן. דער טאַטע בייזערט זיך, אַז מען רעדט אויס אַפילו אַ וואָרט: וואָס זיצטו ליידיק? פאַריכט אַ זאָק, לאַטע אויס אַ העמד. די ברידער זאָגן: „גאָלע נאַרישקייטן". זיי האָבן טאַקע אַלץ, זיי איז וואויל! ס׳טייטש, צי האָבן מיר נישט קיין נשמות? ניין! ווייבערשער שכל איז ווי קינדערשער שכל. בשעתן שידוך גופא פרעגט מען גאָרנישט. וואָס איז שייך דער אָדער יענער, אַבי ער וויל נאָר. איז מען שוין אַ ווייבל, איז מען נאָר איין חודש אַ פּריצה, דער־נאָך איז מען גלאַט גאָרנישט. ער פאָרט זיך אַרום און מסחרט און דיר טריקנט געענוג דער קאָפּ; קינדלען, רביים, רפואות און צרות, ווי דער שטייגער איז! וואָס האָט מען פון גאַנצן לעבן? ווייסט איר, אַז איר מאַכט אַ ברכה: שלא עשני אשה, איז עס טאַקע רעכט, מילא אַ מענטש, אַ בשר־ודם האָט אַ יצר־הרע און אַ יצר־טוב, און דער תּכלית זיינער איז צו זיין גוט און צו לויבן גאָט, ווי עס שטייט געשריבן אין די הייליקע ספרים; אַ בהמה איז אַ פּראָסטע זאַך און האָט אויף זיך נישט קיין שום עונש; אָבער אַן אשה איז נישט פיש און נישט פלייש: וואָס אַ יידענע קאָן שוין אויפטאָן, מישטיינס געזאָגט.

דערפאַר אָבער די קינדער, זיי אויסצוהאָדעווען און זיי צו מאַכן פאַר מענטשן, וואָס ווייסט ער, דער טאַטע, דערפון? מיר, מאַמעס, ווייסן שוין גראָד וואָס דאָס איז. מיר ווייסן דעם טעם פון קינדער האָבן און פון צו געבן השגחה אויף זיי פון קליינערהייט אָן, ביז מען ברענגט זיי צו עפּעס אַ תּכלית. אַלע טאָג איבערבייסן, אָנבייסן, וואַרמעס און וועטשערע, און

דאָ גאָר אַ קאַפּאָטקעלע, אַ קליידעלע, אַ לייבל, אַ העמד, אַ שוך און אַזוי איז דאָס אפשר אַ יאָר זעכצן כסדר. און דערנאָך, אַז מען האָט אַרויס־געצויגן פֿון זיך דעם מאַרך זיי חתונה צו מאַכן, נעמט מען אַוועק זיי אַהין און אַן עק... פֿון אַנהויב איז: טאַטעניו־מאַמעניו, דאָס וויל איך נאָך, יענעס קומט מיר נאָך; שפּעטער קומט אָן אַ בריוול איין מאָל אין חודש, איין מאָל אין צוויי חדשים, איין מאָל אין אַ האַלב יאָר און דערנאָך גאָר־נישט. קיינמאָל איז מען פֿאַר זיי נישט יוצא: און קומט מען חס־ושלום אָן צו זיי, איז זאָל גאָט בעסער שומר ומציל זיין! מילא, ער, אַ מאַנסביל, אין קלויז צי אין מאַרק, פֿאַרנעמט אַלץ; אָבער מיר, וואָס בלייבט אונדז אויף דער עלטער? נאָר דאָס ביסל נחת פֿונעם אייניקל! אין פֿאַרטעך ביי דער באָבען טראָג עס אַרום; וואַקסט עס אָבער אויס, איז עס שוין אַ פֿרעמדע זאַך, עס איז נאָר אַ גליק, אַז עס קען כאָטש רעדן יידיש...

זיי, די מאַנסביל, האָבן על כל פּנים חקירות און קאָנען שמועסן מכּוח אַלצדינג. מכּוח השגחת הבורא, מכּוח שכר פֿון מצוות און גרויסע לייט. היינט רעדן זיי גאָר מכּוח — ווי רופֿן זיי דאָס אָן — צייטונגען. וואָס ווייסן מיר פֿון דעם אַלעם? צען מאָל אַ טאָג קאָן מען אונדז פֿאַרקויפֿן. — אַז אַפֿילו ביים איבערבויען די שטוב איז די יידענע אויך אַ טפל. וואָס הייסט ביי איר פֿרעגן אַ דעה, צי האַלטן זיך מיט איר אָן עצה? אַז מיר אַליין ווילן דאָס אויך נישט, אַז דער קאָפּ איז אונדז אַזוי דערשלאָגן.

אַז עס קומט פֿאַרנאַכט און מען זיצט אויפֿן גאַניק, דעמאָלט, אַז מען טוט אַ קלער, איז מען זיך אַליין מודה, אַז בסך־הכּל איז מען אַ גאָרנישט... און איז מען אַ מאָל כאָטש געווען שיין, האָט מען אַצינד נישט קיין ציין אין מויל. ער, דער אַלטער, טוט נאָך אַ שטאַרקן טרונק בראַנפֿן, און אַז מען גרייט פֿאַר אים צום טיש, זיצט ער אויבנאָן און איז דער שיינער באַלעבאָס; מיר אָבער, וואָס זיינען מיר? ווען עס וואָלט נישט געווען געשריבן אין די ספֿרים וועגן די אמהות און די נשים־צדקניות, וואָלטן מיר געמעגט זיך לעבעדיקערהייט אַריינלייגן אין דער ערד. און טאַקע אויף דער אמתן, צו וואָס טויגן מיר און צו וואָס האָט אונדז גאָט באַשאַפֿן? אַפֿילו ער כּביכול האָט זיך זיינע מלאכים און זיינע פֿרומע יידן; צי האָט ווער געזען אַ יידענע אַ מלאך?

*

אָט אַזוי רעדן ווייבער פֿונעם אַלטן דור. פֿרעגט נישט דעם דאָקטער, פֿרעגט דעם חולה.

חקירות

וועגן אמונה

איך וויל מיט אייך רעדן וועגן אמונה־זאכן. איר פֿאַרשטייט, אַז מען זיצט אָפּ מיט אַ ווייב דרייסיק יאָר, און מען האָט שוין אויסגעגעבענע קינדער און מען האָט אייניקלעך, זאָגט מען פֿאַר פֿרעמדע אויף איר נישט קיין קרום וואָרט, אַפּילו אַז מען איז זיך מיט איר אַמאָל מחולק. פֿאַרקערט, אַז עמעצער קומט אַריין, מאַכט מען נאָך אַ פֿריילעך פּנים און מען גיט נאָך אַ לאַך צו דער אַלטער; זאָל יענער, אַז ער וועט אַוועקגיין, זאָגן: די לעבן נאָך ווי ערשט נאָך דער חתונה. איך זאָג דאָס אַקעגן דעם, אַז אַ יידן איז שווער צו געבן אַ קלער וועגן יידישקייט און וועגן מצוות, וואָס עס איז אַ מעשה נאָך פֿון אַבֿרהמען אָן און עס ציט זיך ביז היינט.

און גיב איך אַ קוק צו מיר אין האַרצן אַריין, האָט די אמונה פֿאַרט אַ כּוח. איר פֿאַרשטייט, אַז מען לעבט, דערלעבט מען צו עפּעס און מען זעט עפּעס, און אַמאָל טוט מען אויך אַ קוק אין דעם ענין השגחה; עפּעס זעט מען פֿאַרט, אַז די וועלט פֿירט זיך, און אַז עס איז עמעצער דאָ, וואָס איז דער מנהיג פֿון אַלץ...

וועט איר זאָגן: איז דאָך גוט, אַז אמונה איז גוט, איז דאָך יידישקייט אויך גוט, וואָס האָט אָנגעזאָגט אויף אמונה און האָט באַוויזן די אמונה. אַזוי מיין איך און אַזוי האָב איך געמיינט. אָבער אַמאָל זאָג איך מיר, אַז זיין אין האַרצן פֿרום און יידישקייט זיינען גאָר צוויי באַזונדערע זאַכן, כאָטש זיי זיינען צונויפֿגעבונדן אינאיינעם, ווי אַ לולב מיט אַ הדס. והאָ־ראַיה, זעט מען דאָך, אַז מען איז אַ ייד, אַ לומד־תּורה און אַ שומר־מצוות מיט אַלע פּינטעלעך, און מען איז אַ מקיל אין ענין־מענטשלעכקייט; קאָן מען דאָך אויסלערנען ש״ס ופּוסקים פֿון אונטן ביז אויבן און פֿון אויבן ביז אונטן און פֿונדעסטוועגן זיין אַ נהרג על פּחות משווה פּרוטה און נישט האָבן אין זינען אַ פֿונק פֿון יושר. און פֿאַרקערט, זיינען דאָ יידן, וואָס האָבן אַפּילו נישט קיין כּשרע קיך און די ווייבער גייען גאָר אין

די אייגענע האר, און איך זאל האבן אזא יאר, וואס פאר א מענטשן דאס זיינען. א ווארט איז ביי זיי א ווארט און עס איז ביי זיי נישט שייך ארייג־צוקריכן דעם אנדערן אין גרגרת אריין, צי גאר אנצורעדן אויפן אנדערן כל הרכילות שבעולם. און אז מיר קוקן זיך צו צו די צוויי סארטן מענטשן, איז דאס ממש מעשה פליאה.

שטייט דאך אין דער גמרא און אין אלע יידישע ספרים, אז מען זאל זיין גוט און פרום און נוהג כבוד זיין יעדן מענטשן און זיין נזהר אין אלע מידות טובות און מען ווייסט דאס מ׳דאשקע ל׳דאשקע און טאן טוט מען פארט פארקערט; און להפך, הויבן יענע נישט אן צו ויסן, וואס עס שטייט אין א יידישן ספר און פונדעסטוועגן טרעפן זיי ווי אזוי זיך נוהג צו זיין בנוגע מענטשלעכקייט, פונקט ווי אונדזערע ספרים הייסן.

איך זאג דאס אקעגן דעם, וואס אז איך האב אמאל געלייענט ביי שלום עליכמען די ווערטער: „הן על פי יושר והן על פי מענטשלעכקייט״, האט זיך אין מיר באלד ארייגעכאפט א משונהדיקער געדאנק: „נעם א מעסער און שנייד איבער, וועסטו אין איין האנט האבן דאס און אין דער אנדערער — יענס...״ און ווערליק מיין שכל זאגט מיר, מיין איך, אז מענטשלעכקייט און יושר און אפילו בטחון איז דא ביי גוים אויך. מען באדארף נאר צו מסחרן מיט א גוי, כדי צו זען, אז ס׳רוב פון זיי האבן פיינט מאשענסטווע, און זיי האבן דאך גארנישט אונדזער תורה.

אט דערפון אלץ האב איך מיר באקלערט, אז יידישקייט איז טאקע גוט און ווען נישט דאס, וואלטן מיר דאך גארנישט געווען קיין יידן; אבער דאס איז נאר איין חלק פונעם ייד און דער אנדערער חלק איז, וואס מען רופט דאס אן מענטש בכלל, סתם מענטש סיי מען איז א ייד, סיי מען איז א גוי. נעמען מיר אן: אז אלע מענטשן וואלטן געגנבעט און געגזלענט און וואלטן לחלוטין נישט געהאט קיין מורא פאר גאט, וואלט די וועלט גארנישט געקאנט האבן קיין קיום. פארקערט, אז אלע וואלטן געווען פראסטע גוים און וואלטן גאר מחלל שבת זיין בפרהסיה, און דאס איז דאך אוודאי נישט לרצון דעם אויבערשטן; אבער אז מען גיט צדקה און מען פארלאזט נישט דעם ארעמאן און דער מסחר איז פסלנות, קאן מען דאך נאך אלץ באשטיין. אזוי קומט אויס, אז יידישקייט, דאס וואס מען האט געגעבן אברהמען און משהן און אונדז אלעמען, איז חס ושלום נאר א טפל, און מענטשלעכקייט, וואס איז שייך צו אלעמען אין דער

וועלט, איז דער עיקר. טראַכט מען אָבער אַזוי, טוט דאָס אַ שטאָך אין האַרצן און מען מיינט: מען איז אַראָפּ פֿונעם דרך...

און ווידער טוט מען זיך אַ קלער, פֿאַרוואָס האָט גאָט געגעבן ייִדישקייט גראָד צו די ייִדן, און נישט צו די אומות העולם? מען זאָגט, ווייל מיר קומען אַרויס פֿון אַברהמען. אָבער דאָס איז דאָך נישט דער גאַנצער תּירוץ. איך בעט אייך, אַז איר לייענט אין חומשל, אַז אַברהם האָט אַרויסגעטריבן הגרן מיט איר זון ישמעאלן, און זיי האָבן געבלאָנדזשעט אין דעם מדבר, און עס איז נישט געווען וואָס צו טרינקען, און הגר האָט אַוועקגעלייגט ישמעלן אָן אַ זייט, וואָרים עס האָט איר געריסן דאָס האַרץ קוקנדיק אויף דעם דורשטיקן קינד, צי איז מען נישט בשעת מעשה מער אויף דער זיין פֿון הגרן ווי אויף דער זייט פֿון שרהן, וואָס איז זיך געזעסן אויף דער היים ביי דער דייזשקע וואַסער און האָט נישט פֿאַרגונען נאָך אַ מענטשן צו זיין אין שטוב... און ווי שטייט טאָקע אין חומש? צו הגרן האָט זיך באַוויזן אַ מלאך און קיינמאָל האָט זיך אַ מלאך נאָך נישט באַוויזן צו שרהן...

איך זאָג דאָס אַקעגן דעם, אַז מען קאָן זיין נישט דווקא אַ בן שרה און זיין פֿאַרט אַ מענטש; און אַז דער איד נאַרט אָפּ דעם גוי, איז דער גוי מער מענטש איידער דער איד. מען וויל דאָס נישט אויסזאָגן, אָבער עס איז אַזוי. פֿאַרוואָס האָט גאָט ליב די ייִדן מער ווי די אומות, ווייס איך נישט; אָבער איך ווייס, אַז קודם־כל האָט גאָט ליב יושר און אמת. און פֿרעג איך מיך, צו וואָס־זשע טויג דאָס אַלץ און וואָס הייסט ייִדישקייט? דעמאָלט זאָג איך מיר, אַז פֿון ייִדישקייט האָט מען הנאה. איינער האָט ליב אַ שיינע שטוב און איינער האָט ליב אַ שיינעם אתרוג. אַפֿילו מחמירים האָבן אויך הנאה פֿון זייערע חומרות, און אויך דערינען ליגט אַ שטיק יצר־הרע, אַט אַזוי זאָגט מיר מיין פּראָסטער שכל.

וועגן גאָט

גיט עמעצן אַ פֿרעג: איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט? ער וועט אייך געבן אַ שפּרונג און וועט אייך אָנקוקן מיט אַ פּאָר אויגן, ווי ווען איר וואָלט פֿאַרלוירן דעם שכל; און איז ער אַ פֿאַנאַטיקער, איז ער עלול אייך צו צעדראַפּען דאָס פּנים. וואָס הייסט? ווי נעמט זיך צו אַ מענטשן אַזאַ

שאלה? ווער דען האָט די וועלט באַשאַפֿן און אַלץ וואָס עס געפֿינט זיך אויף דער וועלט? ווער פֿירט די וועלט? ווער גיט רעגן? ווער שטראָפֿט? ווער האָט געגעבן די תּורה? און ווער האָט אונדז געגעבן אַלע מצוות צום אָפּהיטן? דער מיושבדיקער און דער וואָס האָט ליב אַלץ אויסצו־טאָלקעווען מיט שכל, ער וועט אָנהויבן צו באַווייזן, אַז עס איז אויף דער וועלט נישטאָ קיין נמצא, וואָס מען האָט אים נישט געמאַכט; אַז ווען אַ פּראָסט בענקל אויף פֿיר פֿיס קאָן זיך אַליין נישט מאַכן, האָט די זון אַוודאי זיך אַליין נישט געמאַכט און די לבנה אויך נישט און די שטערן אויך נישט. האָט איר געזען אַ שטוב, וואָס אין איטלעכן ווינקעלע זינגט עס און אַלץ שטייט אויף זיין אָרט, און ס'זאָל נישט זיין קיין באַלעבאָסטע? איז דען פֿאַראַן אַ לאַנד אָן אַ הערשער? אומעטום איז דאָ איינער, וואָס ער הייסט, עס זאָל זיין אַזוי און אַזוי און אומעטום זיינען דאָ לייט, וואָס פֿאָלגן אים.

טוט אַ קוק אין דעם געוועב פֿון דער וועלט, ווי ס'איז אַלץ אָפּגעמאָסטן און אויסגערעכנט. נאָכן זומער קומט דער ווינטער, נאָכן טאָג קומט די נאַכט. מען לייגט זיך שלאָפֿן טויט מיד און מען שטייט אויף געזונט און פֿריש. קומט איר נאָך צו גיין און פֿרעגט: צי איז דאָ איינער, וואָס האָט אויף דעם אַלעמען אַן אויג?

און פֿונדעסטוועגן זיינען דאָ אויף דער וועלט גענוג אַפּיקורסים, און פּראָסטע משוגעים זיינען זיי אויך נישט, פֿאַרקערט, אָפֿטמאָל זיינען דאָס מענטשן מיט קעפּ, וואָס האָבן אַלץ איבערגעטראַכט...

און ווילט איר וויסן, וואָס זיי זאָגן, וועל איך אייך דערציילן. זיי זאָגן אַזוי: אויב אויף דער וועלט איז דאָ אַ גאָט, מוז ער דאָך זיין גאָר אַן אַנדער מהות ווי מיר מענטשן, ווארים אַ וועלט בויט מען נישט, ווי מען בויט אַ שטוב. האָט גאָט באַשאַפֿן די וועלט מיט עטלעכע טויזנט יאָר צוריק, מוז מען זיך פֿרעגן, פֿאַרוואָס האָט ער זי נישט באַשאַפֿן פֿריער? אַ צווייטע שאלה איז: פֿון וואָס האָט ער זי באַשאַפֿן? האָט ער זי געמאַכט פֿון גאָר־נישט, טאָ ווי קען מען מאַכן אַ גאַנצע וועלט פֿון גאָרנישט? אלא וואָס, עס איז שוין געווען פֿריער עפּעס, וואָס דערפֿון האָט גאָט געמאַכט די וועלט? טאָ ווער האָט באַשאַפֿן דעם עפּעס? איר אַליין זאָגט, אַז קיין זאַך קאָן זיך נישט מאַכן פֿון זיך אַליין. ווער האָט אָבער געמאַכט גאָט? אפֿשר גאָר אַן אַנדער גאָט? און ווען עס איז אין דער וועלט פֿאַראַן נאָר

אין זאַך, וואָס האָט זיך אַליין געמאַכט, טאָ פֿאַרוואָס זאָל זיך אַלץ נישט קאָנען מאַכן אַליין?

איר זעט, מיט שכל קען מען זיך ניט קליגען, און אויף איטלעכן תּירוץ איז דאָ אַ נייע קשיה. נאָר וואָס דען: איר זאָגט: יענע קשיה, די לעצטע, איז נישט קיין קשיה. זאָגט יענער, אַז אייער תּירוץ איז נישט קיין תּירוץ. ובכן אויב די אַפּיקורסים הינקען אויף איין פֿוס, הינקען די מאמינים אויך אויף איינעם. און קיינער פֿון די צדדים קאָן נישט דערגיין דעם סוף.

דער ענין גאָט איז אָבער נישט קיין פּראָסטע אמונה־זאַך, און פֿאַרקערט קאָן מען מיט ספֿקות אויך נישט בטול מאַכן, אַז מען גלויבט, אַז גאָט שטייט הינטער דער וואַנט און מען בויערט אויס אַ לאָך אין וואַנט און מען געפֿינט אים נישט, זוכט מען ווייטער, ביז מען ווערט מיד, און מען מיינט, מען געפֿינט אים שוין אין ערגעץ נישט. אָבער אין דער אמתן, שטייט גאָט נישט פֿון יענער זייט וואַנט, און ער וואוינט גאָר נישט דווקא אויבן; נאָר אַז מען וויל, איז גאָט דאָ אין איטלעכער זאַך. אַ מוטער, אַפֿילו אַז זי אַנטוויינט איר קינד, און דאָס קינד זויגט נישט מער ביי איר, איז זי נאָך אַלץ אינעם קינד. טוט אַ פֿרעג דעם אמתן חוקר, וועט ער אייך זאָגן, אַז גאָט איז דאָס לעבן פֿון איטלעכן עצם. און קומט דער טויט און וויל פֿאַרטיליקן דאָס לעבן פֿון אַן עצם, כאַפּט זיך דאָס באַלד איבער אין אַן אַנדער עצם. דעם גאַנצן ענין דערפֿון וועלן מיר קיינמאָל נישט דערגיין...

צו וואָס לעבט מען

אַ נייע שאלה! וואָס הייסט, צו וואָס לעבט דער מענטש? בין איך אַ פֿרומער ייד, לעב איך כּדי צו דינען גאָט און מקיים צו זיין זיינע מצוות; בין איך אַ פּראָסטאַק, לעב איך כּדי מפֿרנס צו זיין ווייב און קינדער. און גלאַט אַזוי מוז דאָך דער מענטש ווערן געבוירן, כּדי עס זאָלן זיין מענטשן. איך לעב כּדי צו לעבן, כּדי צו האָבן אַ טועכץ און כּדי צו זיין אַ פּרט פֿון אַ כּלל. און דער כּלל איז פֿון תּמיד אָן דאָ, זינט גאָט האָט באַשאַפֿן די וועלט.

קומט צו גיין דער חוקר און האַקט אייך אָפּ: ניין, נישט דאָס פֿרעג איך, איך פֿרעג נאָר: צו וואָס איך לעב און צו וואָס באַדאַרף מען פּונקט

האָבן מיך? אַי וואָס, אַנדערע לעבן אויך און פֿרעגן נישט? דאָס איז אָבער דער עצם מענטש און זיין כּוח באַשטייט דערינען, אַז תּמיד פֿרעגט ער שאלות.

יאָ, אַז מען איז פֿאַרטאָן און מען האָט אין זינען דער רוח ווייסט וואָס, קלערט מען נישט מכּוח אַזעלכע זאַכן. קומט אָבער א רגע, וואָס מען זיצט שטיל און מען טוט אַ קוק וואָס עס איז געווען נעכטן און אייערנעכטן, קומט אַרויף דער געדאַנק: וואָס טו איך דאָ אויף דער וועלט? ווייס איך, אפֿשר האָב איך אַ השפּעה אויף דער וועלט? דער בוים, דער שטיין, איטלעך געוויקס און איטלעך באַשעפֿעניש האָט זיין השפּעה. נאָר איך פֿלוני בן פּלוני בין אַ שטיק מקרה? אַז מיין טאַטע און מיין מאַמע וואָלטן מיך נישט געווען געהאַט און וואָלטן מיר נישט געגעבן דעם נאָמען, וואָס מען רופֿט מיך אַצינד, וואָלט איך גאָרנישט געווען איך.

און אַז איך דאַוון שוין און בענטש שוין, איז דאָס נישט אַלץ מצוות אַנשים מלומדה? וואָלט איך אַזוי געטאָן, אַז מען וואָלט מיר נישט געהייסן אַזוי צו טאָן [illegible] דעם, אַז ער האָט מיר דאָס געהייסן? מילא, דער מענטש באַדאַרף אַנקומען צו גאָט, אָבער צו וואָס באַדאַרף גאָט דעם מענטשן, און פֿאַר וואָס האָט ער אים געמאַכט פֿאַרן בנו־בכורו?

זאָגט איר: טו אַ גוטן מסחר און פֿאַרדין אַ סך געלט, וועסטו שוין פֿאַרגעסן אַזוינע חקירות. אָבער צי איז דאָס אַ תּירוץ פֿאַר אַלע קשיות? אָבער דאָס איז טאַקע דער יתרון פֿונעם מענטשן לגבי אַ בהמה, אַז ער פֿרעגט און איז אַ בעל־מחשבה. בשר־ודמס זיינען מיר אַלע, אָבער מיר האָבן נאָך אַ נשמה, און אָט דאָס נשמהלע איז ווידער אַ באַשעפֿעניש פֿאַר זיך, קאַפּריזנע אָבער רירעוודיק: אַנטאַפּן קאָן מען דאָס נישט, אָבער עס רודערט זיך אין איר. האָב איך אַ שותּף אין קלייט, וויל איך אים קענען און מוז אים קענען, בכן פֿאַרוואָס זאָל אַ מענטש נישט קענען זיין אייגענע נשמה? אין דעם אַלעם איז אַ סך צו רעדן.

אתּה־בחרתּנו

איר פֿרעגט מיך, ווי קומט דאָס צו מיר, אַזוינס צו זאָגן און פֿון וואַנען האָט זיך דאָס צו מיר גענומען? אָבער דאָס קומט פֿון צוקוקן זיך, פֿון לויטער צוקוקן זיך. איך האָב מיך גוט צוגעקוקט, ווי אַזוי אַ פֿרומער

ייד גאַרטלט זיך צו מיטן ברייטן גאַרטל, נעמט אַרויס דעם טלית מיט דער עטרה און נעמט זאָגן ברכות; איך האָב מיך צוגעקוקט, וואָס פֿאַר אַ גאוות עס שטעקט אינעם לערנען, צי אינעם טאָן אַ מצווה. און ווען איך וואָלט מיך נישט געשעמט, וואָלט איך געזאָגט אַז אין אַלץ שטעקט די תאווה, און אַז אַפֿילו אַז מען צעפּיעשטשעט זיך פֿאַר גאָט, צי אַז מען פֿאַרגלאָצט מיט די אויגן.

איר מעגט מיר גלויבן: אין האַרצן אַרט מיך אַזוי צו טראַכטן און צו האָבן אַזוינע מחשבות... און תחילת דערקוטשעט מיך דאָס אַזוי צו מיינען, וואָרים אין עצם בין איך דאָך אַ ייד און גיי נישט אַראָפּ פֿון דעם, וואָס מען האָט אונדז אָנגעזאָגט, אָבער אין קאָפּ מאַך איך מיר רעיונות צו דעם, וואָס מען האָט אונדז אָנגעזאָגט בעיקר. דאָס חומש איז דאָך אַוודאי דער עיקר, און פֿונדעסטוועגן שטייען דאָרטן אַ סך זאַכן, וואָס זיי זיינען מיר פֿריקרע... אַזוי, למשל, פֿאַרשטיי איך נישט, פֿאַרוואָס איז אַהרון פֿאַרבליבן כהן גדול, נאָך דעם, אַז ער האָט געמאַכט דעם עגל. — איך פֿרעג אייך: וואָלט דאָס אַזוי געווען, ווען ער וואָלט נישט געווען דער ברודער פֿון משהן?... און גיט מען אַ טראַכט, אַז ביי משה רבינו, וואָס ער איז געווען דער גדול מכל אדם, דער גרעסטער, און וואָס דורך אים האָט גאָט געגעבן די תורה, אַז אויך ביי אים זיינען מעגלעך געווען פּניות בנוגע צו אַ ברודער, ווייסט מען שוין גאָרנישט, וואָס מען זאָל טראַכטן. דאָ קומען אַהרון און מרים און רעדן אָן אויף משהן, ווי עס טוט זיך אין אונדזער עולם צווישן אַ ברודער און אַ שוועסטער — און דערפֿון זאָל מען זיך נאָך אַראָפּנעמען אַ מוסר.

איך זאָג אייך: מ׳דאַרף גאָרנישט טראַכטן! און דאָס אַליין, זאָגט מען איז אַ זינד; אָבער, אַז מען טראַכט, טראַכט מען. אַמאָל, אַז איך זע ווי דעם ערלעכן מאַן איז שלעכט, און אַ רשע, אַ יונג, האָט אין אַלעמען גליק, פֿאַרליר איך בשעת מעשה די אמונה, אַז גאָט איז גערעכט...

יאָ, דערויף זיינען דאָ אַ סך תירוצים. אָבער דאָרט, וואו ס׳איז פֿאַראַן אַ תירוץ, איז פֿאַראַן אַ קשיה. יידן קאָנען זיין אָן ערך נאָר פֿון עטלעכע מיליאָן; שטייט דאָך געשריבן, כי אתם המעט מכל העמים; און איך קען דאָס לחלוטין נישט פֿאַרשטיין, אַז מען זאָל נעמען אַזויפֿיל אומות און זיי באַשאַפֿן לבטלה, צי נאָר פֿון יידנסוועגן. דער גאַנצער ענין איז מיר בכלל פֿריקרע... און דאָס איז נאָך אַזוי, אַז אין גלות זיינען מיר, און

אויף אונדז איז מען גוזר גזרות און פונדעסטוועגן זיינען זיי דער טפל און מיר דער עיקר.

אַי, וואָס עס שטייט אין קידוש: אשר בחר בנו מכל עם! און איך מאַך דאָך קידוש אויף אַ בעכער ווײַן און גיב נאָך אַכטונג, אַז צום ווײַן זאָל זיך חלילה נישט צורירן די שיקסע — אָבער גייט פרעגט אונדזער ווײַנשענקער, ווער טרינקט דעם אמתן ווימאַראַזשעק צי דעם אונגאַרוויין? טאַקע דער פריץ! און ווער נעמט אַראָפּ דאָס היטל פאַרן פריץ און שטייט בײַ אים פאַר דער טיר און עס קלאַפּן אים די ציין? דער ייד! אַזוי ווילט איר, איך זאָל גלויבן אין אַתה־בחרתנו, גיט מיר צוואַנציק דעסיאַטינעס ערד מיט אַ פלוג און מיט אָקסן און לאָמיך האָבן מיין אייגענע ערד, און זאָל ער מאַכן קידוש אויף יאַנקל ווײַנשענקערס ווײַן, וואָס ער פאַרקויפט אַ יידן. אויך אין דעם איז אַ סך צו רעדן...

לעקציעס

א. אַ ביסל פילאָזאָפיע

אַ שטייגער, אַז איך קום פֿון קלייט אַהיים און האָב היינט נישט אַזוי פֿיל געלייזט, ווערליק איך האָב תּחילת געמיינט, און האָב זיך גאָר גע־מוזט קריגן מיט נאָך אַ קרעמער, און האָב געהאַט עגמת־נפֿש, און אין דער היים דערציילט מען מיר וועגן אַן עוולה פֿון אַ קינד, צי וועגן אַ היזק וואָס איז געווען אין שטוב, ווער איך גלייך אין כּעס און לאָז אויס דעם כּעס אויף וואָס איך קאָן נאָר. האָב איך אָבער געהאַט אַ גוטן טאָג און גאָט האָט מיר צוגעשיקט אַ פּריץ צי גלאַט אַזוי אַ גוטן קונה, און וועגן דעם מעל, וואָס איך האָב אַרויסגעשיקט, האָב איך באַקומען גוטע ידיעות, אַז עס איז גוט אָנגעקומען און אַז עס איז נישט געוואָרן פֿאַרנעצט, און איך וועל נעמען אַ גוטן מקח, דעמאָלט איז מיר שוין גאָר אַנדערש אויפֿן האַרצן; און אַז מען קלאָגט זיך פֿאַר מיר אויף אַ קינד, נעם איך די עוולה אָן פֿאַר אַ שטיפֿעריי, און ווער גאָרנישט אין כּעס, און זאָג נאָך דערביי אַ גלייכווערטל. דער ענין איז דאָך דער אייגענער; טאָ פֿאַרוואָס ווער איך איין מאָל יאָ אין כּעס און דאָס אַנדערע מאָל נישט? זאַלץ איז דאָך פֿאַר אַלעמען געזאַלצן, און צוקער — פֿאַר אַלעמען זיס; אָבער אַ סך זאַכן זיינען דאָ, וואָס ליגן אין דער טבע פֿון מענטשן. אין קליידער, אין מעבל, אין בויען אַ שטוב האָט זיך איטלעכער זיין גוסט, און וואָס מיר קומט אויס גלייך און שיין, קומט אויס דעם אַנדערן קרום און נישט שיין: און ביי מיר אַליין טרעפֿט זיך, וואָס די אייגענע זאַך ווייזט זיך מיר אַמאָל אויס אַזוי און אַמאָל פּונקט פֿאַרקערט... נו, זאָג איך צו מיר: אַט־דאָס האָסטו געזען מיטן קלאָרן שכל און דאָס — נישט מיטן קלאָרן שכל. אָבער בשעת מעשה, אַז איך זע אַ זאַך נישט מיטן קלאָרן שכל, דוכט זיך מיר, אַז איך זע זי פֿאַרט גאַנץ קלאָר. אַלץ, וואָס עס ווייזט זיך אונדז אויס, מיינען מיר, אַז דאָס איז טאַקע אַזוי און דערפֿון אַליין זיינען מיר זיך טועה. וואָס־זשע הייסט זיך טועה זיין? טאַקע אַט־דאָס, נישט קלאָר זען! וואָס זשע הייסט דאָס: נישט קלאָר זען? דער מוח איז פֿאַרוואָלקנט ווי דער הימל. שטעלן מיר אונדז למשל פֿאָר, אַז איינער איז אין אַ לאַנד, וואו עס רעגנט שטענדיק און ער האָט קיינמאָל נישט געזען קיין קלאָרן הימל, מיינט ער, אַז שטענדיק זעט דער הימל אויס

שוואַרץ. די אייגענע זאַכן זעען אויס בייטאָג אַנדערש ווי ביינאַכט. אום ווינטער פֿילט מען זיך אַנדערש ווי אום זומער; שבת צי יו״ט — אַנדערש ווי אין דער וואָכן, און מיט אַ פֿולער קעשענע פֿילט מען זיך ווידער אַנדערש ווי מיט אַ ליידיקער... און טאַקע אין אמונה־זאַכן האָט אַ ייד אַנדערע מחשבות ווי אַ גוי; און עס איז, דוכט זיך, די אייגענע וועלט מיט די אייגענע באַשעפֿעניש. און נעמען מיר אַפֿילו דעם יידן גופֿא, האָט אַ קליינשטעטלדיקער גאָר אַן אַנדערע השגה אין לעבן, ווי אַ ייד פֿון אַ גרויסער שטאָט. קומט מען צו פֿאָרן קיין קיעוו, צי קיין כאַרקאָוו, ווערט גלייך קשה: דוכט זיך, דער אייגענער גאָט, און די אייגענע תורה און דער אייגענער ייד, און פֿאָרט גאָר אַן אַנדער מין ייד. און קוקט מען אַריין אין דער תורה, געפֿינט מען אַ סך מפֿרשים און רש״י איז נישט אַזוי ווי די בעל־תּוספֿות. און דער רשב״ם איז גאָר אַן אַנדערער, און דער אבן עזרא איז שוין גאָר אַן אַנדער מוח. הכּלל, דערפֿון איז געדרונגען, אַז די אייגענע זאַכן שפּיגלען זיך אָפּ פֿאַרשיידן... מוז איך דאָך זיך געבן אַ פֿרעג: אויב ס׳איז טאַקע אַזוי, טאָ פֿון וואַנען ווייס איך וואו איז דער אמת? איטלעכער מיינט, אַז ער איז גערעכט און אַז זיין גוסט איז דער בעסטער. אַז צוויי מענטשן גייען זיך לאָדן און קלויבן אויס בוררים, מוזן זיי האָבן אַ שליש און נאָר דער שליש קאָן דערגיין דעם עק. עס זיינען פֿאַראַן ברילן, וואָס מאַכן אַז די זאַכן ווייזן זיך אויס קלענער און אַנדערע ברילן טוען אַלץ פֿאַרגרעסערן; און אַז מען טוט אָן אַ בלויע בריל — זאָגט אַ משל פֿון אַ פֿילאָזאָף — ווייזט זיך אַלץ אויס בלוי, און קוקט מען דורך אַ רויטער בריל, ווייזט זיך אַלץ אויס רויט; און נעמט מען אַן איבעריקע כּוסה, זעט מען פֿאַר זיך גאָר אַן אַנדערע וועלט. פֿון אַזוינע משלים רעדט מען אין דער פֿילאָזאָפֿיע. און דער נמשל איז קלאָר, עס ווייזט זיך נאָר אויס אַז אַלץ דרייט זיך. אין לפֿלוג זיינען כּעס, שמחה, שבת און יום־טוב, צי אַ חתן בשעת דער חתונה, אויך אַזאַ מין בריל, וואָס מען קוקט דורך איר און מען זעט דורך איר אַלצדינג אַנדערש. טאַקע די אייגענע כּלה, דריי חדשים נאָך דער חתונה, קוקט מען שוין אויף איר גאַנץ אַנדערש; און דער סוחר, אַז עס איז שוין אַריבער אַ וואָך פֿון דעם טאָג וואָס ער האָט געכאַפּט אינעם מסחר אַ הונדערטער, איז שוין נישט מער אַזוי ווי אין דעם ערשטן טאָג. וואָס איך וויל דערפֿון אַרויסדרינגען איז, אַז דער אמת אַליין איז הויל און נאַקעט, און דאָס, וואָס מיר זעען, איז אַלץ פֿאַרקליידט, און מיר נעמען אַלץ איבּ־איינעם מיטן קלייד און האַלטן דאָס פֿאַר איין זאַך. אַ מענטשן קאָן מען

אויסטאָן ביז צו דעם העמד: אָבער פֿון אַ זאַך, וואָס מיר זעען זי, קאָן מען דעם מלבוש נישט אויסטאָן. און וואָס־זשע קומט אַרויס דערפֿון, אַז דערגיין דעם אמת קאָן מען נישט, און וואָס מיר ווייסן יאָ, איז נאָר די טבע פֿון אונדזער שכל. אָט־דאָס טאַקע ווייסן מיר, אָבער נישט די זאַך אַליין.

ב. וועגן מאָראַל

איר האָט אַוודאי געהערט אַ היינטיקן זאָגן: דער איז אַ מאָראַלישער מענטש, אָדער דער איז אַן אוממאָראַלישער מענטש. איז עס טאַקע דאָס אייגענע, וואָס מען זאָגט: דער איז אַ גוטער מענטש, און דער איז נישט קיין גוטער מענטש? ניין, דאָס איז נישט דאָס אייגענע. אַ מענטש, וואָס בטבע איז ער אַ גוטער, איז נישט דער זעלביקער ווי אַ מענטש, וואָס איז מאָראַליש; און פֿאַרקערט, אַ מענטש, וואָס איז נישט גוט צו זיין ווייב און קינדער, מוז נאָך גאָרנישט זיין אַן אוממאָראַלישער מענטש, וואָס טוט אָפּ פּסלנות און לאַכט זיך אויס פֿון יושר. וואָס־זשע הייסט פּסלנות? נישט טאָן, ווי עס דאַרף צו זיין, יענעם אָפּצומאַניעווען, געבן שלעכטע סחורה פֿאַר גוטע, צי אויפֿשרויפֿן די מקחים, צי נעמען פֿאַר אַ זאַק מעל צוויי מאָל אַזוי פֿיל, ווי ער איז ווערט, אָט־דאָס הייסט פּסלנות. האָבן יושר און נישט האָבן קיין יושר איז עפּעס אַנדערש. למשל, אַז עס פֿאָרט אַוועק אַ שכן, וואָס האָט מיר געטאָן כּמה וכמה טובות און ער בעט זיך, איך זאָל אַכטונג געבן אויף זיין שטוב, אַז ציגן זאָלן נישט אָפּעסן דעם דאַך, ווייסע חברה זאָלן נישט אויסברעכן די שויבן וכדומה, איז על־פּי יושר מוז איך דאָס טאָן, כאָטש ער באַצאָלט מיר נישט דערפֿאַר און על־פּי דין קאָן ער מיך דערצו נישט נויטן; דער יושר איז, אַז מען זעט אַז אַן עלטערער מענטש שלעפּט אַ משא, זאָל מען אים העלפֿן, אַוואַזשאַ־יען דער אַלמנה און איר נישט דערקוטשען מיט אַ וועקסל, וואָס זי קאָן אים נישט באַצאָלן, כאָטש זי איז שולדיק. יושר איז נישט קיין „סוואָד־זאַקאָן" און מען קאָן קיינעם נישט נויטן, אַז ער פֿירט זיך נישט אַזוי; אָבער אַז מען פֿירט זיך נישט אַזוי, איז עס בעצם מיאוס און איטלעכער זאָגט, אַז עס איז מיאוס.

פּסלנות איז אַן ענין פּרנסה און יושר איז אַן ענין מענטשלעכקייט. מען קאָן זיין אַ מענטש, וואָס אין מסחר טוט ער פּסלנות און עס איז נאָר דאָ פֿאַר אים די איינע דעה — די אייגענע קעשענע — און דערביי האָבן אַ ביסל יושר אין אַנדערע זאַכן. און פֿאַרקערט, מען קאָן זיין אין מסחר

אָרנטלעך, און גראָד אין דעם, וואָס עס קערט זיך אָן מיט יושר, אַ שלעכ־טער מענטש און נישט אוואָוואַזשאַיען אַפילו אָן אייגענעם פאָטער.

לאָזן מיר דאָס אין אַ זייט און גייען מיר אַריבער צו אַן אַנדערער בחינה, צו דעם וואָס מען רופט דאָס אָן בין אָדם לחברו און בין אָדם למקום. עס זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס אין סוחרישע זאַכן קאָן מען אויף זיי גאַרנישט זאָגן: זייערע חובות באַצאָלן זיי, ביי יענעם די חזקה דינגען זיי נישט אויס, מיט ברידער ביי אַ ירושה מאַכן זיי נישט קיין מחלוקות, וואָס זיי זאָגן, זיינען זיי מקיים, זיי דרייען נישט און כאַפּן נישט; הכלל, מענטשן, ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, וואָס זיי זיינען קיינ־מאָל נישט עובר אויף דאָס, וואָס עס שטייט אין די משפּטים, אָבער בנוגע אַנדערע זאַכן זיינען זיי שוין געכאַפּט, למשל, איבערהיפּען אין דאַווענען, נישט מקיים זיין אַ מצווה, צי טאַקע פּראָסט אַ תאווהלע, כאַטש מען טאָר דאָס נישט. צו לייט זיינען זיי גוט, אָבער נישט צו גאָט, און דעם רבונו־של־עולמס ענינים שטייען ביי זיי אויף דער צווייטער מדרגה. און ווידער זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס ביי זיי איז פּונקט פאַרקערט, פאַר אַן עבירה האָבן זיי מורא ווי פאַר קדחת; קיינמאָל וועלן זיי אייך נישט פאַרשפּעטיקן זמן קריאַת־שמע, צי גאָר דאַווענען אין אַ טלית, וואָס די ציצית האָט מען נישט דורכגעזען, צי וואַשן זיך מיט אַ קוואָרט, וואָס האָט כאַטש אַ קליין פּגימהלע, הכלל: שולחן־ערוך יידן פון אל״ף ביז תי״ו, נאָר עס פעלט ביי זיי דער לא פונעם לא־תגנוב. פּשוט גנבענען וועלן זיי טאַקע נישט, אָבער פסלנות אין מסחר־זאַכן פאַרמאָגן זיי שוין גאָר אַ סך, און יושר האָבן זיי אויך נישט און סאָוועסט אויך נישט. אָט־דער סאָרט יידן זיינען פרומע, אָבער נישט־מאָראַלישע מענטשן. דער סאָרט יידן, וואָס מיר האָבן באַשריבן צוערשט, זיינען מאָראַלישע מענטשן, אָבער קלים שבקלים. ובכן זעט מען דאָך דערפון, אַז הא לאו בהא תליא... אַז איינס האָט נישט קיין שייכות צום צווייטן און איטלעכער פון זיי קאָן זיך אויסקומען באַזונדער; און פונדעסטוועגן זיינען זיי אין דער תורה שטאַרק פאַרבונדן איינס מיטן צווייטן. דער אייגענער גאָט, וואָס האָט געאַסרט חילול־שבת און חמץ־בפסח און האָט געהייסן לייגן תפילין, דער אייגענער גאָט האָט געזאָגט: האָט נישט קיין פאַלשע וואָג און קיין פאַלשע מאָס. הײַנט וואָס עס טוט זיך אָפּ אין דער גמרא וועגן מלבין זיין פני חברו ברבים, צי וועגן שקר און גאוות; זאָגט דאָך גאָט אויף אַ גדלן: „איך און ער קאָנען מיר נישט וואוינען אינאיינעם". און קריוודען יתומים ואלמנות, דאָ איז מען שוין גאַרנישט זיכער מיטן לעבן הן אויף

דער וועלט, והן אויף יענער וועלט. פֿאַרוואָס־זשע איז דאָס אַזוי, אַז איינס היט מען יאָ אָפּ און דאָס אַנדערע נישט? נאָכמער, אַז מען זינדיקט אויף בין אדם לחברו, און מען איז אַפֿילו שוין עובר כּל גבול און מען פֿאַלט אַריין אין טורמע, איז דערנאָך, אַז מען גייט פֿון דאָרטן אַרויס, איז מען ווידער אַ ייד, ווי אַלע יידן. אָבער אַ ייד, וואָס איז מחלל שבת בפּרהסיה, צי איינער, וואָס עסט שוין גאָר טריפֿה, דער גייט טאַקע אַרויס פֿונעם גדר כּלל־ישראל. מילא, אַזוי ווייט ווילן מיר נישט גיין: אטו ברשיעא עסקינן?

קשה איז עס אַפֿילו. צוויי ברידער פֿון איין טאַטן און דער גורל איז גאָר אַן אַנדערער. מצוות שבין אדם למקום זיינען מער ענין פֿון תּורה שבכּתב, וואָס אין איר שטייט אַלץ פֿאַרשריבן; און אַז יידן האָבן געהאַט די תּקיפֿות, האָבן זיי טאַקע איטלעכן געצוואונגען צו האַלטן יידישקייט און נישט עובר צו זיין אויף דער תּורה. ווער עס האָט געוואָלט שטיין אין קונע, האָבן אַלע, וואָס גייען דאַוונען, אים געמוזט שפּייען אין פּנים אַריין. אָבער מצוות שבין אָדם לחברו, כאָטש זיי זיינען אויך אַזוי ווי יענע, געהערן שוין צו דער תּורה שבעל פּה. עס ליגט אין איטלעכנס האַנט צו טאָן ווי ער וויל, און מען האָט די ברירה צו זיין גוט צי שלעכט. אַז מען איז נישט עובר אויף אַ מצווה שבין אדם למקום, איז דאָס נאַר, ווייל מען האָט מורא פֿאַר גאָט, צי מען שעמט זיך פֿאַר לייטן. ביי אַן ענין אָבער, וואָס איז בין אדם לחברו, איז דאָס מער אַ יושר־זאַך. עפּעס דאָס האַרץ דערלאָזט נישט מען זאָל זיין שלעכט צום צווייטן; וואָס מען האָט רחמנות אויף אַן אָרעמאַן, איז עס נאָך אַ מין מענטשלעכקייט, און כאָטש מען רופֿט די דאָזיקע מידה אַן „מענטשלעכקייט”, איז זי נוגע צו די בעלי־חיים אויך. אַ גוטער מענטש וועט נישט נעמען סתּם שלאָגן אַ פֿערד אומזיסט און אומנישט און אַ הונגעריקן הונט וועט ער געבן אַ ביין.

וואָס־זשע הייסט יושר, סאָוועסט און זיין מאָראַליש? גוט זיין לגבי אַנדערע און נישט אָפּוועגן אַקוראַט אויפֿן דין, וואָס יענעם קומט יאָ, און וואָס עס קומט אים נישט. אַ טייל זאָגן, יושר הייסט: טו נישט יענעם, וואָס דו ווילסט נישט, אַז מען זאָל טאָן צו דיר. אָבער דאָס איז גאָר אַ פּשטל און אַ קלוגעכץ. אַז מען טוט יענעם אַ טובה, קלערט מען ביי זיך פֿריער נישט אָפּ: דאָס טאָן מוז איך, וואָרים עס קאָן קומען אַ צייט וואָס איך וועל באַדאַרפֿן זיין לאָסקע, און מען זעצט זיך לחלוטין נישט אַריין אין יע־נעמס פּאָלאָזשעניע; מען טוט די טובה פּשוט, וואָרים דאָס האַרץ הייסט אַזוי צו טאָן. און אַז איינער טראַכט דערביי וועגן אַ גמול, איז זיין גאַנצע גוטסקייט און אַלע זיינע טובות נישט ווערט קיין זעקסער. אַ מאָראַלישער

מענטש קליגלט זיך נישט, און ווער עס איז אין הארצן נישט מאראליש, דעם העלפט נישט זיך קליגלען און פשטלען.

ג. חכמת־היופי

אז עס איז דא א ווארט „שיין" און אז עס זיינען פאראן שיינע זאכן, דאס ווייסט איטלעכער מענטש; אבער דאס ווייסט נישט יעדער, אז עס איז דא א „חכמת־היופי" און אז דאס איז אויך א מין לימוד, וואס מען לערנט דאס, ווי מען לערנט חכמת־הטבע, צי נאך אזעלכע חכמות. לפלוג, צי וואס באדארף מען חכמת־היופי? איך ווייס דאך אליין, וואס עס איז שיין און וואס עס איז נישט שיין, וואס מיר געפעלט, און וואס עס געפעלט מיר נישט! אז מען האט אפילו נאר א ביסל גוסט ליגט דאך שוין אין דער טבע גופא, אז אויף א שיינער זאך קוקט מען מער און דאס אויג דערפרייט זיך קוקנדיק דערויף, און פון א זאך, וואס איז נישט שיין, קערט זיך דאס אויג אפ און מען וויל דערויף נישט קוקן. ובכן וואס־זשע הייסט דאס א „חכמה" פון אט אזא זאך, און צו וואס באדארף מען דערצו האבן יסודות און כללים? אבער דאס איז טאקע פלאי־פלאים: ענינים, וואס לפלוג איז אין זיי גארנישט דא וואס צו פארשטיין און אלץ בנוגע זיי איז ווי אויסגעלייגט אויף דער האנט, אט־די ענינים האבן זיך זייערע טיפע כללים און שטיצן זיך אויף טיפע כללים...

למשל, גוטס און שלעכטס. אז איך זאג, דער ייד איז א גוטער און יענער איז א שלעכטער, ווייסט איטלעכער, אז א גוטער איז דער, וואס טוט דעם אנדערן גוטס, העלפט אים בעת צרה און האט אויף אים רחמנות; און א שלעכטער איז דער, וואס טוט פונקט פארקערט, און דאס פארשטייט שוין איטלעכער פארוואס עס איז גוט צו זיין א גוטער מענטש און פאר־וואס עס איז שלעכט צו זיין א שלעכטער מענטש. א גוטער מענטש קומט דאך עמעצן צוניץ; ער קומט צוניץ דער וועלט, ער קומט צוניץ זיך; פון זיין טועכץ קומען ארויס טובות און גוטסקייט פאר אנדערע, און אויף דעם באשטייט די וועלט; להפך, א שלעכטער מענטש שאדט דער וועלט, זיין חבר איז ער גורם א היזוק אין כבוד, צי אין פרנסה, און דאס איז דאך גארנישט גוט. הקיצור פונעם עצם גוטס און שלעכטס בין איך מיר גאנץ קלאר, אז גוט איז, וואס עס איז א נוץ פארן פרט און פארן כלל, און שלעכטס איז, וואס עס שאדט דעם פרט און דעם כלל. זאג איך אבער, „שיין" און „נישט שיין" הייסט דאס, אז איך רעד פון א זאך, וואס פון דעם קומט נישט ארויס קיין שום נוץ און קיין שום שאדן. א מענטש, וואס

איז נישט שיין, צי אַ שטוב, וואָס איז נישט שיין, שאַדט קיינעם נישט און איז קיינעם נישט גורם קיין היזק; און פֿאַרקערט, אַ מענטש מיט אַ שיין פּנים צי אַ כּלי אַ שיינע ניצט מיר נישט בפּירוש, עס איז נאָר אַ תּענוג אויף דעם צו קוקן און מען פֿילט, אַז דער תּענוג איז אַן איידעלערע זאַך, ווי דער פּשוטער נוץ. אַ שיין געפֿלאָכטן בענקל איז גאָרנישט אַזוי ניצ־לעך, ווי אַ פּראָסטע באַנק, אָבער איך האָב דערפֿון הנאה. דאָס שטרוי דאָס איידעלע, דאָס געפֿלעכטס, וואָס אַז איך טרעט אויף אים מיט די פֿיס, מאַך איך באַלד אַ לאָך, דאָך טוט מיר הנאה, אַז איך קוק אויף דעם. דאָס מאַכט מיך נישט רייכער, מאַכט נישט פֿול מיין בייטל, פֿאַרקערט, עס קאָסט מיך נאָך געלט, און אַמאָל בין איך גאָרנישט אומשטאַנד דאָס אויס־צוגעבן; אָבער די הנאה, דער חן פֿון אַ חדר מיט שיינע בענקלעך איז מער ווי אַלץ, און אַז מיר גייען קויפֿן זיך קליידער, צי שיך, קוקן מיר נישט אַזוי אויף פּראַקטיש נאָר אויף שיין, ובכן איז „שיין" אָפֿטמאָל דוחה „פּראַקטיש און ניצלעך".

אַז איך קריץ מיטן שרייב־פֿענדל און מאַך אַ סך שטריכן, וואָס האָבן נישט קיין שייכות איינס צום אַנדערן, וואַרף איך דערנאָך אַוועק דאָס פּאַפּיר; אָבער, אַז איך מאַך אַ לאַנגן גלייכן שטריך אָן אַ ווירע, קוק איך שוין דערויף און איך פֿריי זיך. מאַך איך גאָר אַן עיגול, און ער קומט אַרויס גוט ווי מיטן צירקל, האָב איך נאָך מער הנאה.

מען זאָגט, שיינקייט איז אַ מין גלייכקייט; אַלץ וואָס איז מיט אַ טאָלק און אָן עקן, איז שיין. אַ גאַנץ קערבל געפֿעלט מיר בעסער ווי אַ קערבל מיט אַ צוגאָב פֿון דריי קאָפּיקעס אינאיינעם. גלייך איז שיין און נישט גלייך איז נישט שיין. אָבער אַ באַרג, ער מעג זיין שפּיציג און האָבן אַלערלייאיקע פֿאָרמען, געפֿעלט אונדז, ווייל ער איז גרויס. בנוגע אַ קרע־ניצע, צי אַ ברונעם ווילן מיר, זיי זאָלן זיין שיין אויסגעטיפֿט און די שטיי־נער אַרומגעהאַקט און אָפּגעטעסעט גלאַט; אַ וואַסער וואָס לויפֿט, געפֿעלט אונדז, אַז עס איז גרויס און ברייט און וואָס דער בליק איז מער אַ פֿרייער. אין ציץ געפֿעלן אונדז די קווייטעלעך און אין פּיקע — די קאָרבן, און אין ווייסע לייוונט, צי אין באַטיסט, געפֿעלט אונדז די ווייסקייט. פֿאַרבן געפֿעלן אונדז אַמאָל אַז זיי זיינען געמישט, און אַמאָל אַז זיי זיינען איטלעכע באַזונדער. מען זאָגט: עס איז אַ שיינער טאָג, עס איז אַ שיינע נאַכט, צי: עס איז אַ שיינער גאָרטן. אַזוי רעדט מען אויך וועגן כּלים, און אַפֿילו וועגן פּראָסטע זאַכן: עס איז אַ שיינער וואָגן; אַזוי רעדט מען אויך וועגן בעלי־חיים, למשל: עס איז אַ שיין פֿערד, צי: עס

איז אַ שיינע בהמה. בכלל איז נישטאָ קיין שום זאַך, וואָס זאָל נישט זיין בגדר „שיין“ און „נישט שיין“. דאָס איז ביי אַלע מענטשן גלייך, הן ביי יידן והן ביי גויים. אַ גוי האָט ליב אַ שיינעם פעלץ און שיינע שטיוול, און אַ ייד — אַ שיינע קאַפּאָטע און שיינע שיך. אַ ייד קאָכט זיך מער אין אַ שיינער שטוב און אַ גוי אין אַ שיינעם גאָרטן, צי אין אַ שיין פֿעלד.

זינגען איז אויך בגדר „שיין“, פֿון אַ שיינעם קול ווערט מען נתפּעל. אַן אַלט און זיין מתיקות געפֿעלט אונדז בעסער ווי אַ סאָפּראַן, און זיי ביידע בעסער ווי אַ באַס; אָבער אַז אַ באַס צעלאָזט זיך און גיט אַ רעווע, ווערן מיר פֿאַרכאַפּט. זינגען און שפּילן זיינען שוין אַוודאי זאַכן, וואָס ניצן גאָרנישט, און דער מענטש קאָן אָן זיי לעבן און מאריך ימים זיין, און פֿונדעסטוועגן פֿאַרנעמען זיי אין לעבן אַ גרויסן אָרט. עס זיינען פֿאַראַן דיר אַוועקוואַרפֿן אַלץ. און טאַקע ווי וואָלט געווען אַ שמחת־יו״ט אָן אַ ניגון, צי גלאַט אַזוי אַ שמחה אָן קלעזמער?
מענטשן, וואָס אַז זיי הערן אַ שיינעם ניגון און אַ גוט שפּילן, וועלן זיי

אַז מיר נעמען אַצינד צונויף אַלץ, וואָס מיר האָבן געזאָגט, קומען מיר צו דעם אויספֿיר, אַז אין איטלעכן מענטשן זיינען דאָ צוויי וועלטן; איינע איז די עזרה, און דאָס איז, וואָס עס ברענגט אַ נוץ און וואָס אָן דעם קאָן מען נישט אויסקומען, און די אַנדערע איז בבחינת־פּנים, דאָס שטילע חדרל, וואָס מען פֿאַרקלייבט זיך אַהין, אַז מען האָט זיך אָפּגעטראָטן אויפֿן מאַרק און מען וויל האָבן מנוחה. און אָט־דאָס איז דער ענין „שיין“. דער נוץ און די תּועלת שלעפּן דעם מענטשן אַראָפּ צום עולם התחתון, צו פּראָסטע גשמיות, און דער יופֿי דערהייבט דעם מענטשן און טוט אַריין אַ ביסל רוחניות אַפֿילו אין אַ פּראָסטער נשמה.

ד. דער אָנהויב פֿון עקאָנאָמיע

אַלץ הענגט אָפּ פֿון מזל. אַז מען האָט מזל, איז מען אַ נגיד, און אַז מען האָט נישט קיין מזל, איז מען אַן אָרעמאַן. אויפֿן קבצן און אויפֿן נגיד באַשטייט די וועלט, און עס מוז טאַקע אַזוי זיין, אַז אַ טייל זאָל יאָ האָבן, און טייל זאָל נישט האָבן; נאָר דעם, וואָס האָט, איז גוט, און דעם, וואָס האָט נישט, איז נישט גוט. און דער עיקר איז, אַז דאָס רעדל דרייט זיך. און אַז גאָט העלפֿט, גיט עס זיך אַ דריי צום גוטן און מען ווערט פֿון אַן אָרעמאַן אַ נגיד, און פֿאַרקערט, אַז גאָט שטראָפֿט, ווערט מען אָן דאָס מזל. אַזוי פֿירט זיך די וועלט, און אַזוי לעבן די מענטשן, אַ טייל זיינען גליקלעך און האָבן אַלץ וואָס זיי באַדאַרפֿן, אָדער אַז זיי

הויבן אָן פֿון קליין, קומען זיי צו אַ מעמד און ווערן גרויס; און אַ טייל זיינען אומגליקלעך און האָבן נישט וואָס זיי באַדאַרפֿן, אָדער אַז זיי האָבן שוין אַפֿילו וואָס געהאַט, ווערן זיי יורדים און ווערן אַלץ אָן. און דער אויבערשטער האָט אַזוי אַריינגעטאָן אין דער טבע פֿון די מענטשן, אַז די וואָס זיינען גליקלעך, זאָלן העלפֿן די אומגליקלעכע, און אַז דער נגיד זאָל העלפֿן דעם אָרעמאַן; העלפֿט ער נישט, איז ער אַ פּושע און גאָט שטראָפֿט אים, העלפֿט ער יאָ, גיט אים גאָט שכר. איז אַ באַלעבאָס, וואָס גאָט האָט אים געגעבן שפֿע, גוט צו זיינע משרתים און פּריקאַשטשיקעס און גיט זיי אַמאָל נאָך צו אַ מתנה אַחוץ וואָס ער צאָלט זיי שכירות, איז ער אַוודאי דער פֿיינער מענטש; און איז ער צו זיי נישט גוט, איז ער אַ שלעכטער, ווייל ער טראַכט זיך: סיי־ווי־סיי מוזן זיי כּסדר אַרבעטן, צו וואָס גן אַנדערש זיינען זיי דאָ? ווי קאָן אַ גרויסע קלייט צי אַ מיל זיין אָן מענטשן? אַי, וואָס דער באַלעבאָס האָט אייגענע קינדער איז פֿאַרוואָס זאָלן טאַקע זיי נישט אַרבעטן? אַ שיינע מעשה! נגידישע קינדער זאָלן שווער אַר־בעטן! זיי מוזן גאָר לערנען און שטודירן און טאָן גוטע שידוכים און האָבן איידעלע הענט און פֿיינע פּנימער. אַפֿילו די דינסט, וואָס תּמיד איז זי פֿאַרטאָן אין קיך און קומט גאָרנישט אַרויס פֿון דער אַרבעט — איר ווייסט דאָך, וואָס ביי אַ נגיד אין שטוב איז דאָ צו טאָן — אויך זי וועט אייך זאָגן, אַז די טאָכטער פֿונעם באַלעבאָס איז אַ פּריצה, וואָס מוז תּמיד זיין אָנגעטאָן און זיך פּוצן און לעבן אין ראַסקאָש. אַי, פֿאַרוואָס אַ דינסט איז די, און יענע איז דעם נגידס טאָכטער? ווייל יענע האָט די זכיה; און אַז זי וואָלט געהאַט די זכיה, וואָלט זי געבוירן געוואָרן אין עושר־וכבוד, אָדער זי וואָלט גענומען אַ חתן אַפֿילו אַ פּראָסטאַק, אָבער ער וואָלט געקאָנט מצליח זיין... זעט איר, אַז איינער פֿאַרנעמט ביים אַנדערן געלט און וויל נישט אָפּגעבן, צי ער אָבמאַנעוועט אים אין מסחר, צי ער נאַרט ביי אים אויס די ירושה, דאָס איז טאַקע פֿאַדלע און דערויף זיינען דאָ דינים און דין־תּורהס, אָדער מען גיט אָן אין סוד. סיי ביי יידן, סיי ביי גויים האָט מען פֿאַר דעם געזאָרגט, אַז עס זאָל זיין אָפּגעהיט דער שלי ושלך און אַז איינער זאָל נישט אָוועקנעמען ביים אַנדערן...

אויף דעם אופֿן, ווי איך האָב דאָס אייך באַשריבן, האָט זיך דער פֿריערדיקער דור פֿאַרגעשטעלט די וועלט, ווי עס פֿירט זיך ביי מענטשן; און דאָס אַלץ איז צונויפֿגעקליבן אַ ביסל פֿון שכל, אַ ביסל פֿון יידישקייט און אַ ביסל פֿון מענטשלעכקייט. דער שכל זאָגט: עס מוזן זיין נגידים און קבצנים, עס מוזן זיין באַלעבאַטים און משרתים, עס מוזן זיין נגידישע

טעכטער און דינסטן; יידישקייט זאָגט, אַז מען זאָל זיין גוט צום אָרעמאַן און צו דעם, וואָס דינט ביי אונדז; און עפ״י מענטשלעכקייט קומט אויס, אַז אַ וואָרט איז אַ וואָרט. וואָס־זשע זאָגט די עקאָנאָמיע און דער נייער דור? זיי זאָגן אַט־וואָס: איר מיינט, איך קאָן עמעצן נויטן און לאָדן זיך מיט אים בדיניהם אָדער בדיני־ישראל, אַז ער האָט מיר אָוועקגענומען מיינס, אָדער אַז ער וויל מיר נישט אָפּגעבן, וואָס עס קומט מיר? ניין, נויטן אים, ער זאָל מיר געבן מער ווי ער וויל מיר געבן, קאָן איך נישט, אויב איך וויל זיך נישט פֿאַרלאָזן אויף זיין סאָוועסט. איך פֿרעג אייך, אַז איך האָב אָפּגעשפּאָרט צען קערבלעך און זיי עמעצן געבאָרגט און יענער וויל מיר נישט אָפּגעבן, זאָגט מען צו אים: דו מוזט אָפּגעבן, וואָרים אַניט, וועט מען דיך נויטן, איז דאָך אַ קשיה: פֿאַרוואָס מעג איינער אָוועקנעמען מיין געזונט און מיין לייב־און־לעבן, און מען שווייגט אים נאָך? אַז איך אַרבעט אין מיל פֿון טאָג, און נעם אַ טאָג אַ האַלב קערבל, וואָס קוים עס קלעקט מיר מיטן ווייב און קינדער אויף פּיסנע ברויט, און איך אַרבעט אזוי אַ יאָר צען כסדר און לייג אָוועק דעם גאַנצן געזונט דערויף, טאָ מיט וואָס איז אַט־דאָס ווייניקער ווי די צען קערבלעך? אָט איך, מיט נאָך פֿופֿצן יידן און גויים, אַרבעטן מיר אין אַ מיל; אונדז אַלעמען אינאיינעם ווערט אויסגעצאָלט אַן ערך פֿון צען ביז צוועלף קערבלעך אַ טאָג; און די מיל טראָגט איין הונדערט קערבלעך. און וואָרפֿן מיר אַראָפּ אַפֿילו נאָך דרייסיק קערבלעך אויף זייטיקע הוצאות, צינז און מילגעלט, איז פֿאַר־וואָס דאַרף איינער פֿאַרדינען פֿינף מאָל צי זעקס מאָל אזוי פֿיל, ווי מיר אַלע אינאיינעם?

איר קאָנט אָוודאי דעם עסק פֿון שותּפֿות; אַ ייד, נישט קיין געניטער, לייגט למשל אַריין אין מסחר צוויי הונדערט קערבלעך, און דער אַנדע־רער, אַ געניטער, לייגט אַריין זיינע ידיעות און זיינע פֿלייצעס און מען טוט אינאיינעם, דאָס הייסט טאָן טוט דער געניטער און מען פֿאַרדינט און מען טיילט זיך גלייך אויף גלייך, דער באַקומט זיין חלק פֿאַר זיין טרחה און דער — זיין חלק פֿאַר זיין געלט און דאָס איז גערעכט. דער געניטער וואָלט אַליין אָן געלט דעם מסחר נישט געקאָנט טאָן; דער, וואָס האָט געלט און פֿאַרשטייט נישט, וואָלט אויך גאָרנישט געקאָנט מאַכן. אָט אַזוי לייגן זייביידע צוזאַמען כּוח מיט געלט און — יחלוקו. היינט קומען מיר צוריק צו אונדזער ענין: אַז די פּועלים וואָלטן זיך איינ־געשפּאָרט נישט צו אַרבעטן אין מיל, וואָלט די מיל געמוזט בלייבן שטיין. די אַלע מענטשן אָן געלט, וואָס פֿאַרשטייען נישט וואָס עס הייסט אַבאַראָ־

טעווען, וואָלטן אויך נישט געקאָנט איבערנעמען די מיל. גיט אָבער אײנער דאָס געלט און מיר מוזן אַרבעטן, מוזן מיר אויך האָבן אַ חלק... אָן אָקס צי אַ פֿערד, וואָס מען אַרבעט מיט אים און ער באַקומט זיין פּאַשע, קאָן זאָגן: ברוך ה׳ יום יום; אָן אָקס האָט קײנעם נישט צו פֿאַרזאָרגן און אַ העמד אויפֿן לײב באַדאַרף ער אויך נישט; אָבער אַ מענטש, אַז ער אַרבעט ווי אַן אָקס, מוז באַקומען פֿאַר זײן אַרבעט אַ סך מער, ווי ער באַדאַרף צום לעבן. איז דאָס נישט אַזוי און עס פֿירט זיך ווי דער סדר איז ביז הײנט, באַראַבעוועט מיך דער בעל־הריחיים, נאָר וואָס דען, איך קאָן אים נישט לאָדן, וואָרים הן בדיני־ישראל והן בדיניהם איז נישטאָ נאָך אַזאַ דין, וואָס זאָל אים נויטן מיר צו געבן אַ חלק אין דעם פֿאַרדינסט פֿון מיל. אמת, אין חומש איז אַפֿילו דאָ אַ דין, אַז אַ קנעכט האָט אָפּגעדינט זײן צײט, מוז אים דער באַלעבאָס מעניק זײן מיט אָקסן און פֿערד און שאָף און ווײץ און קאָרן און נאָך זאַכן און בכלל שטעלן אים אויף די פֿיס. הײנט אָבער לײג איך אַוועק מײנע טעג און מײנע יאָרן אין מיל, און דערנאָך, אַז איך ווער אַלט און קאָן שוין נישט אַרבעטן, מוז איך נעמען קצבה צי גלאַט אַזוי שטאַרבן פֿון הונגער; און אין מיל גײט שוין מײן זון מיט פֿרישע כּוחות, ביז ער ווערט זיי אויך דאָרטן אַוועקלײגן און זײן סוף ווערט זײן דער אײגענער ווי מײנער; און אַזוי איז נישט אין מיל אַלײן, נאָר אין קלײטן אויך; און אין זאַוואָדן אויך און אין יעדער בראַנזשע.

וואָס די עקאָנאָמיע וויל איז אײנצופֿירן אַ דין בנוגע דער אַרבעט. דער דין, דער זאַקאָן, וואָס נויט דעם באַלעבאָס מײנעם נישט לאָזן מיך אַרבעטן אומזיסט און מיר באַצאָלן פֿאַר מײן אַרבעט, איז נאָך נישט געננוג; עס מוז זײן אַ דין, וואָס זאָל אים נויטן נישט צו לאָזן מיך אַרבעטן האַלב־אומזיסט און ער זאָל מיר מוזן געבן אַזויפֿיל און אַזויפֿיל און נישט ווײניקער, אַז איך זאָל קאָנען לעבן ווי אַ מענטש און נישט ווי אַ פֿערד.

און נעמען מיר זיך צו דער פּראָסטן דין פֿון שלי־ושלך, איז דאָס אויך נישט אַזוי גלאַט. אַז אַ נגיד האָט אַ דיעלע מיט אַ קבצן, זעען מיר, אַז דער נגיד פֿירט ס׳רוב אויס, כאָטש גערעכט איז גאָר דער אַנדערער צד. איך זאָג נישט, אַז דער נגיד גיט כאַבאַר, אָבער לאָדן קאָסט געלט, און צו לאָדעניש מוז מען האָבן אַ רואיקן קאָפּ און אַ רואיקע פּרנסה. דער דין איז פֿאַר אַלעמען גלײך, און פֿונדעסטוועגן קומט דעם נגיד אַלץ אָן גרינגער, און דערפֿאַר אַלײן איז שוין געלט אַ שטאַרקע וויגאָדע. דאָרט, וואו

ס׳איז דאָ געלט, איז דאָ כּבוד: דער נגיד וואוינט שענער און לעבט שענער און מען אוואַזשאַיעט אים מער און אַלעמאָל גיט מען אים דעם גרויסן חלק... מישט ווידער אויף דעם יושר, איז דאָס אויך נישט אַזאַ מזומנע מטבע. בנוגע זיינסגלייכן האָט מען טאַקע יושר, בנוגע אָבער אַ קבצן — איז שוין ווייניקער יושר... איך וויל נישט מאַריך זיין. אָבער אַז מען גייט אַלץ דורך און מען גיט אַ טראַכט וועגן דעם, זאָגט מען זיך, אַז דאָס וואָס עס זיינען פֿאַראַן נגידים און קבצנים איז נישט גראָד מזל, נאָר עס איז טאַקע אַ שטיק ראַזבאָי; אַ סך נגידים האָבן פּשוט אַוועקגענומען דעם כּוח און די אַרבעט פֿון די קבצנים און דערפֿון זיינען זיי געוואָרן רייך. און אַז מען לייענט די הפֿטורות און מען הערט זיך צו צו די רייד פֿון די נביאים, זעט מען, אַז זיי האָבן אויך געזאָגט דאָס אייגענע, און מיט זייערע רייד האָבן זיי אָפֿטמאָל געריסן פֿון די נגידים פּאָסן. די עקאָנאָמיע וויל טאַקע איינפֿירן, וואָס די נביאים האָבן געוואָלט און וואָס אַלע מענטשן ווילן, וואָס האָבן אין האַרצן דעם אמתן יושר. די עקאָנאָמיע וויל אַריינבנעמען אין אירע הענט דעם גאַנצן ענין פֿונעם „בין אָדם לחברו" און דווקא אין פּרנסה־זאַכן, וואָס לפֿלוג זיינען זיי פּראָסט, אָבער וואָס בנוגע זיי דאַרף מען נאָך אין אַ סך מענטשן אַריינטענהן.

דברי קודש

אַז משיח וועט קומען

אין פֿיר נוסחאות

א. איין נוסח

אַז משיח וועט קומען, וועלן אַלע יידן אַרומגיין לעטניע אין לאַנגע טלית־קטנס און וועלן האָבן דעם גרויסן נחת־רוח פֿון דער וועלט. בולקעס וועלן וואַקסן, טייערע קוכנס און שטרודל וועט מען שניידן פֿון בוים. וואו מען גיט אַ קוק, רינט מילך און האָניק, און פּירות פֿונעם גן־עדן ליגן הויפֿנווייז פֿאַר יעדער שטוב. פֿיש קומען אָן פֿאַרטיק געקאָכט און לייגן זיך אויס אויפֿן טעלער. געענדז און אינדיקעס און אַלערליי ערפֿות זייַנען דאָ אָן אַ שיעור און קאָסטן גאָרנישט. טייערע ווייַנען און בוימלען גיסן זיך אין אַלע הייזער. און אַלץ קומט אַליין צום מענטשן, ווי דער שלו און דער מן... איטלעכער טאָג איז סעודת־שלמה־בשעתו, און צו דער יויך ווערט צוגעשפּילט ווי אויף אַ חתונה. איטלעכער ייד פֿאָרט אַרויס ווי אַ קייסער אויף ברענענדיקע פֿערד און אין אַ קאַרעטע. די ווייבער גייען אָנגעטאָן אין סאַמעט און אין זיידנס, מיט צירונג און מיט העלדזער פּערל, אַז עס פֿינקלט; און וואו מען טוט אַ קוק איז לויטער תענוג. די זון שיינט תמיד, קיינמאָל זעט מען נישט קיין כמאַרע. עס איז נישטאָ קיין ווינטער, קיין זאַווערוכע. און בייטאָג שלאָפֿט מען מיט אַזאַ מין מתיקות! איטלעכן מענטשן איז אויסגעבעט אַזוי ווייך און מען איז צוגעדעקט מיט זיידענע קאָלדרעס. אויף יעדן וואונק קומען צען משרתים און עבדים ושדחות, וואָס טראָגן אַלץ צו, און איטלעכן יידן באַדינען זיי, ווי מען באַדינט אַ שררה. און גאָלד און אבנים טובות ליגן אין פֿעסלעך, אָבער נאָר צום פֿאַרגעניגן, וואָרום קויפֿן טאָר מען נישט, פֿאַרדינען טאָר מען נישט און ווער שמועסט — האָרעווען צי גאָר טאָן אַ מלאכה. עס איז קיין שום חילוק נישט צווישן אַן אָרעמאַן און אַ נגיד, צווישן דעם פּראָסטן עולם און דעם איידעלען יידן. איטלעכער ייד איז אַזוי רייך ווי דער אַנדערער און לעבט אַזוי במנוחה ווי דער אַנדערער. נאָר די הייזער זייַנען פֿאַרשיידן וועדליק איטלעכנס גוסט .אַלע שטעט זייַנען ווי גאָרטנס, און מען גייט שפּאַצירן און מען איז פֿריילעך און בניחה־דעתיה ווי שבת זומער אין אַ שנת שובע ומבורכה. פֿאַר אַלע גזרות רעות און הריגות וואָס יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין אין גלות, ווערט זיי אַצינד באַצאָלט; פֿאַר

יעדער יידישער טרער וואָס עס איז פֿאַרגאָסן געוואָרן, וועט מען באַקומען אַ זאַק מיט מאַנדלען און פֿייגן! מיאוסקייטן וועט מען גאַרנישט זען, איטלעכער ייד וועט האָבן אַ שיין פּנים און די נשים וועלן זיין לויטער בת־מלכּהס און פּרינצעסינס; און זיי וועלן תּמיד זיין יונג און ליכטיק און אויסגעפּוצט. און דער צער פֿון קינדער האָבן וועט גאַרנישט מער זיין און קיין שלאָפֿקייט און קיין שוואַכקייט; אַלע וועלן זיין פֿריש און געזונט און לעבעדיק. אַי וועט עס דעמאָלט זיין גוט צו לעבן און צו זען, ווי דער אויבערשטער האָט טאַקע מקיים געווען אַלץ, וואָס ער האָט צוגעזאָגט. און דערנאָך וועט טאַקע זיין תּחית־המתים! אַלע טאַטעס און זיידעס און עלטער־עלטער־זיידעס, באָבעס, פֿעטערס, פֿאַרשטאָרבענע קינדער, אַלע וועלן זיי אויפֿשטיין און וועלן זיך פֿרייען מיט זייערע אייגענע. אַי וועט דאָס זיין אַ קושן זיך און אַ האַלדזן! נישטאָ מער קיין יתומים און קיין אלמנות, נישטאָ מער קיין חשוכי בנים, אַלע קרומע וועלן ווערן גלייך, בלינדע — זעעוודיק און טויבע — הערנדיק, אַלע מומים פֿון גוף און פֿון דער נשמה וועלן אויפֿהערן. קיינער ווערט נישט מער אין כּעס, קיינער רעדט נישט אויפֿן חבר אַ שלעכט וואָרט, נישטאָ קיין קנאה ושנאה, און אין אַלע הערצער איז שמחת־יום־טוב, עפּעס אַ קליניקייט: יידן האָבן דערלעבט די גאולה, וואָס אַלע נביאים האָבן דערויף געזאָגט נביאות און אין אַלע ספֿרים הקדושים האָט מען וועגן איר גערעדט. עפּעס אַ קלייניקייט: דער שופֿר פֿון משיחן האָט זיך געלאָזט הערן פֿון איין עק וועלט ביז צו דעם אַנדערן, אַז די אומות האָבן זיך דערשראָקן און אַלע שונאי ישראל האָבן געהאַט די מפּלה. און די גבורי ישראל זיינען אַלע ווי שמשון הגבור. עס איז אַ וועלט פֿון לויטער גבורה און תּענוג און פֿון נקמה־באויבי־ה׳, און מען לעבט און מען פֿרייט זיך און יידן זיינען ביי גאָט כּל־ולך און האָבן איינגענומען די גאַנצע וועלט.

און אַפֿילו די חיות־רעות האָבן אויך באַקומען אַן אַנדער טבע... אָקסן גייען אַרום שפּאַצירן אינאיינעם מיט וועלף, און אַ קליין שעפּעלע שפּילט זיך מיט אַ בער. קיינער טשעפּעט נישט דעם אַנדערן. חיות און בהמות זיינען נישט הונגעריק, קיין בוים דאַרט נישט מחמת טרוקנקייט. אַלץ וואַקסט פֿון זיך אַליין. עס קומט אויס, ווי אַן אייביקער קוואַל האָט זיך געעפֿנט, און ווי מזל מיט ברכה, עושר וישועה, נחת וצדק וכל טוב האָט באַגאָסן די וועלט, און ווי קליינע פֿידעלעך שפּילן ביי איטלעכן אין האַרצן: ברכי נפֿשי לה׳, לה׳ עולם ומלואו, אַלץ וואָס אויף דעם שיינט די זון.

ב. נוסח החסידים

אַז משיח וועט קומען, וועט זיין גאָלע שכינה און דער אור עליון אויף דער גאַנצער וועלט. עס וועט זיין אַ ליכטיקייט אויף דעם עולם, ווי אויף יענעם עולם, און אַלע נשמות וועלן ווערן פֿאַראיידלט און וועלן זיך באָדן אין ריינקייט און אין טהרה. אַלע סודות וועט מען קאָנען משיג זיין און די גאַנצע בריאה וועט ווערן דערהויבן ביז צום עולם האצילות. אַז די זון וועט אויפֿגיין, וועט זיין אַזאַ מין אור, שאין הפה יכול לספר ואין האוזן יכול לשמוע. און אַלע באַשעפֿענישן פֿונעם דומם און צומח און חי און מדבר וועלן דאַווענען און וועלן זאָגן שירה. עפּעס אַ קלייניקייט, צו וואָס איטלעכער וועט דעמאָלט זוכה זיין! איך זאָג איטלעכער, למקטון ועד גדול, פּראָסט און אידל, בעלי־מוחות און נישט בעלי־מוחות; דער תבלול שבעין, דער פֿאַרהאַנג, וואָס היינט פֿאַרדעקט ער די גאַנצע וועלט, וועט אויפֿגעהויבן ווערן און מען וועט קאָנען זען אַלץ, לפֿני ולפֿנים. אין יעדער זאַך, וועט מען דערזען וואָס דער בורא האָט אין איר אַריינגעטאָן, און מען וועט האָבן הנאה פֿון די פלאי הטבע ושפֿעות האור הזרוע, פֿון דעם ליכט און פֿון דעם תענוג רוחני שבכל דבר.

וואָס ווייסט מען היינט וועגן די נמצאים, אַפֿילו ווען מען לערנט און מען קוקט און מען טוט עבודת הבורא און אין עניני השגה, אַז אין דבר שאין לו היפוכו; אַז עס איז נישטאָ קיין ליכט, וואָס זאָל נישט זיין פֿאַרדעקט מיט שאָטן... דער יצר־הרע פֿאַרשטעלט זיך אין אַלערלייאיקע לבושים און אַפֿילו אין פֿרומקייט. דער שטן זיצט ביי איטלעכן אין האַרצן און ביי יעדער מצווה ותפֿילה קומט ער מיט זיין מחשבה זרה און מיט זיין איינרעדעכץ; עפּעס אַ קלייניקייט: חרהורים רעים, מחשבות זרות, ביטול עבודת השם. אַוועקגעבלאָזן וועט דאָס אַלץ ווערן ווי אַ ווינט, אַז משיח וועט קומען, אַוועקגעבלאָזן וועלן ווערן אַלע עיכּובים! אַלץ, וואָס עס שטייט דעם מענטשן אין וועג, בשעת ער וויל האָבן אין זינען גאָט, וועט דעמאָלט נישט האָבן מער קיין שליטה; אַפֿילו תינוקות של בית רבן, וואָס האָבן אַקאָרשט אָנגעהויבן חומש, וועלן זיין קלאָר אין אַלע סודות התורה; און פשוטע מענטשן וועלן זיך טובלען אין דער מקוה עפ״י סודות האר״י הקודש, אָדער עפ״י כוונות הבעל שם־טוב... ווער ווייסט היינט פֿון תענוג המחשבה און דעם טעם פֿון אור עולם? ווער ווייסט היינט, וואָס עס הייסט יחוד און עבודה, וואָס עס הייסט די אמתע עבודה, וואָס איז ריין און לויטער ווי קריסטאַל און ווי דער לבנת הספיר. דע־מאָלט וועט מען אַלץ וויסן. דעמאָלט וועלן מענטשן האָבן אַ צוטריט צו

די רועי־עולם, צו די אָבות, צו משהן, צו אַלע תנאים ואמוראים און צו די צדיקי עולם. און די תורה וועט מען נאָך אַמאָל געבן, אָבער גאָר אויף אַן אַנדער אופן התגלות... מלאכים ושרפים וועלן אויך האָבן אַ טייל אין דעם, ווי מענטשן, און דער נהר דינור וועט אויפהערן צו ברענען, ווארים אַלע וועלן לעבן אייביק און דער אור עולם וועט ווערן נמשך עד לבלי גבול ותכלית. די גאַנצע וועלט וועט זיין ווי איינעם שער היחוד און איטלעכער וועט זינגען דעם „כתר מלכות" בקדושה ובטהרה ובכוונה עצומה ורשפי לב כשלהבת יה. דער אהבת הבורא וועט זיך צעפלאַקערן אין איטלעכן מענטשן און אין דער גאַנצער בריאה. קיין איין ווינקל וועט נישט זיין אָן גאָט — ורחמי שרי מלאים כל היקום אפילו בשאול תחתיה! וואו איז אַהינגעקומען דאָס שלעכטס: די תאוות רעות ומגונות, און טאַקע דער גיהנום אַליין? וואו זיינען אַהינגעקומען די תוכחה מיט די קללות? וואו זיינען אַהינגעקומען אַלע מלחמות ואבני משחית ונגף? ווי אַ חלום, איז אַלץ פאַרשוואונדן, וואָס האָט באַטריבט די וועלט מיום הוסדה און פון אָדם הראשונס חטא... זינט טויזנטער יאָר האָבן די ניצוצות הקדושים אַרומגעבלאָנדזשעט צווישן די קליפות, און די אומה הישראלית האָט געהאַלטן דעם פאַקעל און אירע פיס זיינען געווען אין קייטן. יש שכר לפעולתכם! רופט אַ בת־קול פון הימל. דער שופר של משיח בלאָזט אַוועק אַלדאָס שלעכטס ווי פאַוטינע, און טוט באַנייען די וועלט. דער דומם ווערט רעדעוודיק; דעם צומח טוט זיך אַפילו ווי אַ בעל־חי, און ביי חיות ועופות דערוויטערט זיך זייער געמיט ביז צו דער נשמה פונעם מענטשן; און מענטשן ווערן ווי די מלאכים, און מלאכים ווי די שרפים, און שרפים ווי די אופנים און דער כסא הכבוד איז שוין איינס מיט דער התדבקות אלהות. וגדול שם ה', און גאָטס נאָמען איז טויזנט מאָל און הונדערט־טויזנט מאָל בעסער באַוואוסט ווי תמיד, און אַלע וועלטן טוען זיך פאַראייניקן און טוען טאַנצן פאַר דעם בורא יתברך און טוען אים לויבן... עס קומט די גרויסע תפילה ושירה, וואָס עין לא ראתה ולא תמלא האוזן משמוע, עס קומט דער אור ה' הגדול, דער אור שבעת הימים פון בראשית. יידן, טוט תפילה און זייט זיך מיחד מיטן בורא יתברך, אַז אָט די צייט זאָל קומען גיכער, ווארים נפשנו חשקה לכך: אונדזער האַרץ לעכצט שוין!

ג. נוסח המתנגדים

אַז משיח וועט קומען, וועט דאָס גראָד אויספאַלן אין אַ יום כיפור קטן און אַן ערב ראש־חודש, בשעת יידן זיינען עטוף אין טלית־און־

תפילין און שטייען אין אַ שולעכל און ריכטן אָפּ דעם דין פון יום כיפור קטן... ותקע בשופר גדול לתשובה ולכיפורים. און אַן אמתער שופר וועט בלאָזן בכל תפוצות הגולה לתשובה לה׳ ולתורתו ולמצוותיו. וקם כל ישראל ונלחם בגויים והלך לערי אבותיו, לעבוד בשם את ה׳ בתורה ובמצוות און מיט אַלעם, וואָס ער האָט געבאָטן. איטלעכער וועט פאַר־מאָגן דעם גאַנצן ש״ס און רמב״מס און שולחן־ערוכס מיט אַלע מפרשים און וועט אין זיי תמיד לערנען לשמה, אַפילו דער קלענסטער ייד און דער פּראָסטאַק וועט זיין אַ גרויסער בקי אין דער תורה, און אַפילו די פושעי ישראל וועלן נישט מער זיין קיין פושעים, און וועלן זיין נזהר אין אַ נדנוד קל... עס וועט זיך גאָרנישט וועלן עובר זיין אויף אַ סייג, צי אויף אַ גדר, צי אויף אַ מאמר חז״ל, צי אַפילו אויף אַ סעיף פונעם חיי־אדם און חכמת אדם... אין יעדער יידישער שטוב, פון דער קלענסטער ביז צו דער גרעסטער און אַפילו ביי די חסידים וועט זיין אויסגעהאַנגען אַ מזרח מיטן בילד פונעם גאון, און אויך אין דער קלענסטער שטאָט וועלן זיין ישיבות. און אַלע פון גרויס ביז קליין, וועלן זיצן און לערנען און וועלן זיך עוסק זיין אין פלפולי התורה און וועלן מחדד זיין דעם שכל, און וועלן האָבן הנאה פון לערנען. אַפילו ווייבער וועלן זיין בקי אין אַלע דינים; און איטלעכע יידענע וועט פאַרשטיין דעם מאַן, אַז ער וועט קומען פון בית מדרש און וועט איר דערציילן, וואָס ער האָט אויפגעטאָן אין אַ פלפול. אַלע קינדער וועלן זיין עילוים און וועלן האָבן דעם גרויסן זכרון און די שטאַרקע תפיסה. די חידושי הגר״א וועט יעדער ייד קענען אויף אויסנווייניק, און תוספות וועט גאָר זיין ווי עסן ברויט, און גמרא — שוין גאָרנישט צו רעדן. זאָרגן פאַר חיונה וועט קיינער נישט דאַרפן מער. ביי איטלעכן אין שטוב וועלן שטיין פעסער העריגג און זעק בולבעס און פלעשער בראַנפן אויף קידוש. מען וועט נישט דאַרפן לייען; מען וועט נישט דאַרפן פירן קיין מסחר־וקנין; מען וועט נישט דאַרפן שווערן און מאַכן גבית עדות. איטלעכער ייד וועט זיין ביכולת צו זיין אַ רב; און פונדעסטוועגן וועלן אומעטום זיין רבנים און דרשנים, און אין יעדער שטאָט איז דער רב אַ גרויסער גאון, ווי רבי יצחק אלחנן אַליין. עס וועט נישט זיין קיין איין מענטש, וואָס האָט נישט מחדש געווען אין דער תורה, צי וואָס האָט נישט געמאַכט קיין שאלות ותשובות, צי אַ פירוש אויף אַ ספר, אָדער אויף חד גדיה, אָדער אויף שיר השירים. אפיקורסים וועלן גאָר־נישט זיין מער אויף דער וועלט, און אַלע כפירות וועלן בטול ווערן און וועלן ווערן אויסגעמעקט מתחת השמש. אַלע דייטשן וועלן צוריק זיך אָנ־

הויבן קליידן ידיש און וועלן טאָן תשובה, און שבת וועט קיינער נישט רעדן קיין דברי־חול. עס וועט זיין אַ לעבן עפ״י אַלע תרי״ג מצוות וכל פּרטיהם ודקדוקיהם ודקדוקי־דקדוקיהם. די שולחן־ערוכס מיט אַלע נייע פּירושים וועלן זיין אַזוי גרויס, אַז מען וועט זיי מוזן פירן אויף וואָגנס, און פונדעסטוועגן וועט איטלעכער ייד זיי קענען אויף אויסנווייניק. אַפילו אַ קינד אין וויגעלע וועט קענען מאַכן אַ ברכה על־פּי דין... אַפילו אַ גר תושב וועט שוין וויסן, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט...

מען וועט שוין דעמאָלט זיין אין ירושלים און פונדעסטוועגן וועט מען אין שמונה־עשרה פאָרט זאָגן: ולירושלים עירך ברחמים תשוב, כדי עס זאָל נישט פעלן קיין איין ברכה פון די אַכצן ברכות. און מען וועט געבן תרומות ומעשרות און מען וועט מקריב זיין קרבנות אשם וודאי ותלוי, כאָטש מען האָט נישט געזינדיקט. עס וועלן זיין כהנים און לויים, כאָטש כל ישראל כהני ה׳. דער כהן־גדול וועט זיין אַזאַ למדן, וואָס די וועלט האָט נאָך נישט געזען; ומשיח מימינו און דער ווילנער גאון משמאלו והם יברכו את העם. ווילנע וועט מען אַרויסנעמען מיט די וואָרצלען און מען וועט זי איינפלאַנצן אין ארץ־ישראל. און וועגן אַלע ישיבות פון קאָוונע ביז איישישאָק שוין גאָרנישט צו רעדן! יאָ, דעמאָלט וועט זיין די גאולה, די אמתע גאולה, וואָס מיר קוקן אויף איר אַרויס שוין אַזוי לאַנג, נאָר זי קומט נאָך אַלץ נישט.

ד. נוסח אַשכנז

אַז עס וועט קומען די גאולה, די גרויסע גאולה, וואָס ישעיה און אַלע גרויסע נביאים האָבן אויף איר געזאָגט נביאות, וועט ווערן די אמתע עמאַנציפּאַציע, און נישט נאָר אויף פּאַפּיר... פון רשעות און פון אַנטי־סעמיטיזם איז נישטאָ מער קיין זכר; פאַרקערט, אַלע פעלקער וועלן זיך פרייען, וואָס זיי האָבן דערקענט דעם מהות פון דת ישראל און וויסן שוין וואָס זיי האָבן אונדז צו פאַרדאַנקען אינעם ענין רעליגיע און מוסר. עפּעס אַ קלייניקייט, אונדזער תהלים ווערט געזונגען אין אַלע קלויסטערס; ווען נישט דער אַלטער בונד וואָלט נישט געווען דער נייער בונד, און ווען נישט די יידן, וואָס אַלע טעג פון דער צעשטרייאונג האָבן זיי געדינט לשם ליכט און אײדלקייט, וואָלט די גאַנצע וועלט געווען פאַרזונקען אין פינצטערניש. יידן זיינען גלייך מיט אַלע אומות און פאַרקערט, אומעטום זאָגט מען נאָך צו זיי: „בני בכורי!" פאַר יעדער פאַמיליע איז אַ כבוד, אַז עס קומט צו זיי אַן איזראַעליט, וואָס זיינע אבות האָבן ממציא געווען

די רעליגיע; ווער שמועסט: אַ פּרעדיקער, צי אַ יידישער אָפיציר, צי אַ מיניסטער! וואָרים יידן וועלן פאַרנעמען די העכסטע שטעלעס, און די הנהגה פון די מדינות וועט זיין עפ״י די פּרינציפּן פון די נביאים. בטול וועלן ווערן מלחמה און שנאה צווישן די פעלקער, און אומעטום וועט הערשן סבלנות און טאָלעראַנץ. עס וועט גאָרנישט זיין קיין נפקא־מינה צווישן ייד און קריסט, צווישן סינאַגאָגע און קירכע. יידישע פּרעדיקער וועלן רעדן וועגן אונדזער אמונה אין דער קירכע און וועלן פאַר דער גאַנצער וועלט אַנטפּלעקן דאָס ליכט פונעם יידנטום... און איין גייסט וועט זיין פאַר אַלע פעלקער; האַנדל און פאַרקער וועלן זיין געהויבן. שוין היינט איז דער תנ״ך דאָס הייליקסטע בוך אויף דער וועלט, און דעמאָלט וועט עס נאָך מער זיין באין משטין ומקטרג. קיינער וועט זיך נישט דער־וועגן צו געבן אַ יידן אַ שטאָך, צי אַפילו אַ וואונק, אַז ער איז אַ ייד, פאַרקערט, צו זיין אַ ייד איז דער גרעסטער כבוד אַפילו ביי גויים, און פאַר אַ יידן שלאָגט מען זיך, אַבי זיין נאָענט צו אים. און עס וועט אַזוי זיין נישט גראָד אין דייטשלאַנד, נאָר אויך אין פראַנקרייך, אין ענגלאַנד, אין אַמעריקע, און אַפילו אין רומעניע וועט מען אויך אָנהויבן צו האָבן ליב יידן, און אויך אין גאַליציע וועלן די יידן האָבן אַ גוטן מעמד, און וועלן נישט באַדאַרפן צו קומען קיין דייטשלאַנד ולחזור על פתחי נדיבים... און אין רוסלאַנד וועלן יידן באַקומען אַלע רעכט און וועלן נישט מער רעדן דעם זשאַרגאָן און וועלן נישט מזכיר זיין עוונות ראשונים...

אַלע סינאַגאָגן וועלן זיין עפ״י רעפאָרם מיט טאַלאַרס, און מיט אָרג־לען און מיט אַ געמישטן כאָר, דאָס הייסט יינגלעך מיט מיידלעך וועלן זיין צוזאַמען. די חברות פאַר יידישער געשיכטע און ליטעראַטור וועלן פאַרפלייצן אַלע מקומות, און יעדער וועט וועלן גיין הערן אַ פאָרטראַג, אַקוראַט ווי מען וויל גיין אין טעאַטער. קריסטן וועלן אויך קומען הערן, און וועלן פאַרנעמען, וואָס דער אַלמעכטיקער האָט געוואָלט געבן לכל מין האנושי.

אַלע קינדער וועט מען שיקן לערנען רעליגיע, און אויך מיידלעך וועלן ווערן בר־מצווה און קיין שום ייד וועט זיך נישט שמדן, פאַרקערט, אויך די גויים וועלן ווערן יידן, וואָרים מען וועט איינזען, אַז יידישקייט איז גרויס, און די ביבל איז גרויס און מען וועט אָנהויבן צו גלויבן אין אַחדות־הבורא... אין די ראַבינער־סעמינאַרן וועט מען נישט שיקן קיין גראָבע קעפּ, וואָס קאָנען נישט ווערן קיין דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן, פאַרקערט, פאַר די גרעסטע פאַמיליעס וועט זיין אַ כבוד צו לאָזן זייערע קינדער

שטודירן רעליגיע. דער תּלמוד און אַלע יידישע ספרים וועלן זיין אויף דייטש און אויף אַלע לשונות, למען יכירו כל העמים כי נחה על עם ישראל רוח ה׳, אַז גאָט האָט געמאַכט רוען זיין גייסט אויף דעם פאָלק ישראל אויף אַלע צייטן.

פּרק

משה רבינו, דער גרעסטער נביא, שלא קם כמוהו לפניו ולאחריו, האָט מקבל געווען די תּורה, ווי זי איז אַראָפּגעקומען פון באַרג סיני; אַז גאָט האָט אַראָפּגענידערט בקולות וברקים, האָט זיך באַוויזן צו משהן און צו זיין פאָלק ישראל. דערנאָך, איידער משה האָט געדאַרפט שטאַרבן און גאָט האָט אים געזאָלט נעמען צו זיך, האָט ער אים באַפוילן מסמיך זיין יהושען, זיין געטרייען קנעכט, וואָס איז נישט אָפּגעטראָטן אויף קיין רגע פון משהס געצעלט, און אין זיינע הענט אַריינצולייגן די תּורה. און יהושע האָט זי גענומען פון אים און האָט טאַקע אַריינגעפירט די יידן אין ארץ־ישראל און האָט זיי דאָרטן באַזעצט און האָט זיי געלערנט גאָטס רייד. דערנאָך, אַז יהושע איז געשטאָרבן, ונאסף אל אבותיו, און איז באַגראָבן געוואָרן אין תּמנת סרח, זיינען פאַרבליבן נאָך אים די זקנים, וואָס אַלע האָבן זיי מאריך ימים געווען; און נאָך זיי זיינען געקומען די שופטים; און נאָך זיי די נביאים; און די נביאים האָבן נאָך פאַרשטאַרקט די תּורה מיט זייערע פלאַמענדיקע רייד. ערשט שפּעטער, אַז די נביאות האָט זיך אָנגעהויבן אויסצולאָזן, און גאָט האָט זיך שוין נישט מער באַוויזן צו אַ בשר־ודם פנים־אל־פנים, איז געקומען די צייט פון די אנשי כנסת הגדולה, וואָס מיט זיי הויבט זיך אָן די תּורה שבעל פּה און די קבלת הסופרים, ביז צו דער גמרא...

זיי, די אנשי כנסת הגדולה, זיינען אַלע געווען גרויסע לייט, הונדערט און צוואַנציק אין צאָל, און זיי פלעגן זיך פאַרזאַמלען, כדי צו טראַכטן וועגן עתידות התּורה, ובכן האָבן זיי קובע געווען, אַז מען מוז זיך האַלטן אָט ביי דריי כללים: נישט זיין היציק אין משפּטן און גוט באַקלערן דעם פּסק־דין, איידער מען זאָגט אים אַרויס פון מויל; און וויל מען פאַרשטיין די תּורה, מוז מען זען, עס זאָלן זיין אַ סך תּלמידים, אַזוי אַז די תּורה זאָל נישט ווערן אַ זאַך פון יחידי־סגולה. און ביי יעדן דין טאָר מען זיך נישט באַנוגענען מיטן דין אַליין, נאָר מען מוז צו אים וואָס צוגעבן און מען מוז מאַכן אַ צוים אַרום אים, פּונקט אַזוי ווי מען מאַכט אַ צוים אַרום אַ ווייַנגאָרטן, וואָס מען פאַרפלאַנצט אים.

שמעון הצדיק איז געווען איינער פֿון די לעצטע פֿון די אנשי כנסת הגדולה, און ער האָט אונדז איבערגעלאָזן דריי קורצע כּללים, וואָס זיי זיינען באַשטאַנען פֿון דריי ווערטער: תּורה, עבודה און גמילת־חסדים; ער האָט געזאָגט: על שלשה דברים העולם עומד על התּורה ועל העבודה ועל גמילת־חסדים; דאָס הייסט: אויף דריי זאַכן שטייט די וועלט: מען זאָל אָפּהיטן די תּורה, מען זאָל דינען גאָט און מען זאָל זיין גוט צו לייטן.

אַנטיגנוס איש סוכו איז געווען דער איינציקער תּלמיד פֿון שמעון הצדיק; און איידער שמעון הצדיק איז געשטאָרבן, האָט ער אים איבער־געגעבן די גאַנצע קבלה און האָט אים אַלץ מוסר געווען, וואָס משה און יהושע און די זקנים און די נביאים ביז צו די אַנשי כּנסת הגדולה האָבן געזאָגט, און אַלץ, וואָס זיי האָבן דעם מענטשן אָנגעזאָגט אויף צו גיין אינעם דרך הטוב והישר לדור־דורות. אַנטיגנוס איש סוכו איז געווען זייער פֿרום און האָט געוואָלט, אַז מען זאָל אָפּהיטן די מצוות און דינען גאָט אין אַלעמען און מען זאָל מורא האָבן פֿאַר גאָט; אָבער ער האָט געוואָלט, אַז דאָס טאָן זאָל מען נישט פֿון עולם־הבא וועגן און מען זאָל נישט מיינען דעם שכר פֿאַר דער מצווה, ווי דער שטייגער איז ביי ס׳רוב מענטשן. ניין, האָט ער געזאָגט, אַז איר דינט גאָט, טאָ דינט אים נישט ווי אַ שכר־יום וואָס האָט אין זינען נאָר דעם שכר. טוט גוטס אָן קיין שום פּניה, און נאָר דערפֿאַר, ווייל טאָן אַ מצווה איז בעצם גוט; און טוט איר אַזוי, פֿאַרמאָגט איר די אמתע יראת שמים, און אייער נשמה איז נישט ווי די נשמה פֿון אַ קנעכט...

דעמאָלט האָבן געלעבט צוויי גרויסע לייט; איינער האָט געהייסן יוסי בן־יועזר און איז געווען פֿון צרדה, און דער אַנדערער האָט געהייסן יוסי בן־יוחנן און איז געזעסן אין ירושלים; און אַז אַנטיגנוס איש סוכו האָט געלעבט, זיינען זיי געווען זיינע תּלמידים, און האָבן גוט פֿאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געמיינט, נישט ווי יענע צוויי תּלמידים, צדוק וביתוס, וואָס האָבן געמיינט, אַז עס איז גאָרנישט דאָ קיין שכר ועונש און זיינען אַוועק אָן אַ זייט... דערפֿאַר האָט טאַקע אַנטיגנוס געגעבן די קבלה צו די ביידע יוסיס און דערמיט האָט ער זי אַריינגעלייגט און גוטע הענט.

יוסי בן יועזר, יוסי, דער זון פֿון יועזר, האָט זיך געהאַט זיין כּלל און פֿלעגט זאָגן: תּמיד זאָלן זיך אין דיין שטוב צונויפֿקומען די תּלמידי־חכמים; און מענטשן, וואָס פֿאַרשטייען גוט די תּורה, זאָלן וויסן, אַז דיין הויז איז פֿאַר אַלעמען אַ בית־וועד, און קומען זיי נישט צו דיר, טאָ הויב זיך אויף און גיי און זוך זיי אויף וואו זיי זיינען, און אַז זיי לאָזן

זיך גיין אין וועג, טאָ גיי זיי נאָך, און זאָל דער שטויב פֿון זייערע פֿיס פֿאַלן אויף דיין פּנים. נישקשה, אַלץ וואָס זיי זאָגן און לאָזן אַרויס פֿון זייער מויל איז אַ דערקוויקעניש און דו טרינק זייערע רייד ווי פֿון אַ פֿרישן ברונעם.

יוסי בן־יוחנן איש־ירושלים, יוסי דער זון פֿון יוחנן, וואָס איז געווען פֿון ירושלים, און וואָס האָט געקענט אַלע חכמים, האָט פֿונדעסט־וועגן פֿאַרשטאַנען דעם המון און דעם פּראָסטן עולם. ער האָט געזאָגט: די וואָס קומען צו דיר, מוזן גאָרנישט זיין דווקא גאָלע חכמים, און דיין טויער זאָל זיין געעפֿנט פֿאַר אַלע מענטשן. פֿאַר עשירים און פֿאַר יודעי־תורה דאַרפֿסטו נישט צו זאָרגן, זיי געפֿינען אומעטום אַן אָרט, לאָז בעסער אַריין צו דיר אָרעמעלייט און זיי זיי מקרב; אָבער לאָז זיך נישט אַריין אין אַ לאַנגן שמועס מיט אַן אשה, אַפֿילו אַז זי איז דיין אייגן ווייב, און בפֿרט נאָך, אַז זי איז דיין שכנס ווייב, וואָרים דו קאָנסט נאָך, חס ושלום, אַראָפּגעפֿירט ווערן פֿון ריכטיקן וועג און אַריינ־פֿאַלן אין גיהנום אַריין.

יהושע, דער זון פֿון פּרחיה, און ניתאַי פֿון דער שטאָט אַרבל, זיינען געווען די תּלמידים פֿון יוסי בן־יועזר און יוסי בן־יוחנן; און אַז די רביים זיינען געשטאָרבן, זיינען אָט דיביידע תּלמידים געוואָרן די ראשי־הקבלה. יהושע דער זון פֿון פּרחיה פֿלעגט זאָגן: לערן נישט תּורה אָן אַ רבין און פֿאַרלאָז זיך נישט אויף דיין אייגענעם שכל אַליין; תּמיד זאָלסטו האָבן אַ חבר, וואָס דו זאָלסט זיין מיט אים גלייך אויף גלייך. אַז עמעצער האָט קעגן דיר געזינדיקט, זיי אים דן נישט לכף־חוב נאָר לכף־זכות. האָט יהושע בן־פּרחיה גערעדט מיטן „יאָ" פֿלעגט זיין חבר ניתאַי פֿון אַרבל רעדן מיט „נישט" און אַזוי צו זאָגן: אַ חבר איז אַוודאי כּדאַי צו האָבן, אָבער עס מוז זיין אַ גוטער חבר; פֿון אַ שלעכטן שכן היט זיך אָפּ, ווי פֿון פֿייער, און זעסטו אַ רשע, טאָ אַנטלויף פֿון אים. אָבער דערפֿאַר, אַז דו ביסט נישט אַזוי ווי זיי, נעם זיך נישט איבער; און אויב עס גייט דיר גוט, מיין נישט, אַז תּמיד וועט עס אַזוי זיין; פֿאַרקערט, שטענדיק האָב אין זינען, אַז אין מיטן דער מנוחה קאָן זיך מאַכן אַן אומגליק, ואל תּתיאש מן הפורענות!

נאָך דעם טויט פֿון די ביידע האָבן איבערגענומען די קבלה זייערע תּלמידים, יהודה בן־טבאַי, און שמעון בן־שטח. איינער איז געווען דער נשיא און איינער איז געווען דער אב בית־דין.

שמעון בן־שטח האָט שטאַרק געהאַלטן פֿון דין־וצדק און דעריבער האָט

ער דעם בית־דין אָנגעזאָגט, אַז בשעת מען מוז מאַכן אַ גבית־עדות, זאָל מען די עדות גוט אויספאָרשן, און טאָן אַלץ, כדי מען זאָל פון זיי אַרויס־באַקומען דעם גאַנצן אמת; אָבער מען זאָל זיין נזהר בשעת מען פרעגט זיי אויס, ווארים אַמאָל פון אַ שאלה, וואָס מען שטעלט זי אַן זהירות, קאָנען די עדות זיך קליגן צו זאָגן אַ ליגן. און יהודה בן־טבאַי האָט דערצו נאָך מוסיף געווען: איר אנשי בית־דין, אַז איר זעצט זיך אַנידער משפטן, טאָ זאָלט איר נישט מיינען, אַז אַלץ איז שוין ביי אייך ווי אין קעשענע, און מאַכט זיך נישט ברייט. און אַז צוויי בעלי־דינים קומען צו אייך זיך לאָדן, מוזט איר באַרעכענען, אַז אויב זיי קאָנען נישט דורכקומען מיט גוטן צווישן זיך, איז דאָס גופא שוין אַ סימן, אַז זיי זיינען נישט קיין גרויסע צדיקים און דערפאַר טאָר מען זיי נישט גלויבן. אָבער דערנאָך, אַז זיי האָבן זיך שוין אויסגעטענהט און איר האָט געפסקנט און זייביידע האָבן געפאָלגט און האָבן מקבל געווען דעם פסק־דין, מעגט איר זיי האַלטן פאַר ערלעכע לייט.

שמעיה און אַבטליון זיינען געווען גרים און זיינען אַרויסגעקומען פון סנחריבן און האָבן אויף זיך מקבל געווען דעם עול מלכות שמים און זיינען געוואָרן יידן, און כאָטש זיי זיינען נישט אַרויסגעקומען פון יידן, זיינען זיי געווען די גרעסטע צדיקים אין זייער דור און די גרעסטע לומ־דים; און אַז שמעון בן־שטח און יהודה בן־טבאַי האָבן געדאַרפט שטאַרבן, האָבן זיי פון זייערע תלמידים אויסגעקליבן נישט קיין אַנדערע ווי נאָר שמעיה און אַבטליון, און האָבן צו זיי איבערגעגעבן די קבלה און די שליסלען פון דער תורה. שמעיה האָט זיך געהאַלטן פראָסט און זיין שפרוך איז געווען: דו קאָנסט זיך קענען לערנען וויפל דו ווילסט אַליין אָבער לערן זיך אויס אַ מלאכה און רבל זיך נישט; און וויל זיך אַ שררה מיט דיר באַקענען, טאָ האַלט זיך פון דער ווייטנס. אַבטליון איז געווען אַ קפדן און ער האָט געהאַט דעם ווייטן קוק; און ער האָט געזען, אַז אַפילו תלמידי־חכמים און ראשי־הדור זיינען נישט נזהר אין זייערע רייד, און אַפטמאָל זאָגן זיי אַ זאַך, וואָס מען קאָן דערפון אַרויסבאַקומען פונקט אַ פאַרקערטן מכוון, האָט ער צו זיי געזאָגט: איר תלמידי־חכמים, זייט נזהר מיט אייערע רייד און צייכט איטלעך וואָרט, וואָס איר זאָגט צו אייערע תלמידים; מאָלט אייך אויס, זיי קומען אַמאָל אין דער פרעמד, וואָס דאָרטן איז שלעכט וואַסער, און וויל איר זייט נישט געווען אָסטראָזשנע מיט זיי, קאָנען זיי אומקומען און דאָס וועט מען אויפוואַרפן אויף אייך און עס וועט דערפון אַרויסקומען דער גרעסטער חילול־השם!

פֿאַרוואָס אַבטליון האָט אַזוי געציטערט, איז נישט ידוע. ער און זיין חבר שמעיה האָבן זיי נאָך זייער טויט געהאַט די גרעסטע תּלמידים, וואָס איינער האָט געהייסן הלל און דער אַנדערער שמאַי, און אַז זיי האָבן איבער־גענומען די תורה האָט מען דערויף געקאָנט בויען ווי אויף שטאָל און אייזן.

הלל איז געווען דער גרויסער צדיק און דער גרויסער עניו און דער גרויסער שומר־תורה מיט אַלע אירע סודות; און אַלע זיינע אַכציק תּלמידים, וואָס ער האָט געהאַט, אָנגעהויבן פֿון יונתן בן־עוזיאלן, וואָס האָט געמאַכט דעם תּרגום, ביז רבי יוחנן בן־זכאי, וואָס איז געווען דער מיסד פֿון יבנה, האָבן פֿון אים געשעפּט מיט עמערס.

הלל פֿלעגט זאָגן: קוקט נאָר אָן אַהרון דעם כהן, ווי ווייט ער איז גע־ווען דער אוהב־שלום און דער רודף־שלום און ווי ווייט ער האָט ליב געהאַט אַלע מענטשן און האָט זיי מקרב געווען צו דער תּורה. וואָס־זשע נעמט איר אייך איבער? דער, וואָס האָט אַ סך שבחים מיט אַ לאַנגן נאָמען און ער ציט אים, און מיינט, אַז ער האַלט שוין גאָט ביי די פּיס, וואָס איז זיין סוף? דערפֿאַר, וואָס ער פֿאַרלאָזט זיך אויף דעם און טוט גאָרנישט מער פֿאַרן נפֿש און פֿאַרן גוף, ווערט ער אַלץ אָן און פֿאַרלירט דעם גאַנצן נאָמען. עס זאָל ביים מענטשן זיין אַ כּלל און אַ דרך צו גאָט: איטלעכן טאָג מוז אַ מענטש מוסיף זיין מעשים־טובים און טאָר זיך נישט פֿאַרלאָזן אויף דעם, וואָס ער האָט געטאָן נעכטן און אייערנעכטן; איז ער אָבער נישט מוסיף און פֿאַרמערט נישט זיינע זכיות און זיין מעמד צוריק, און דאָס, וואָס עס איז שוין געוואַקסן, דאַרט אויך אָפּ. דערפֿאַר אין רוחניות, איז לאַ־די וואָס ער וואַקסט נישט מער, גייט ער נאָך אויף זאָג איך צו אייך: אַ מענטש, וואָס האָט אָנגעהויבן אַ לערנעכץ און גע־נומען זיך משתּלם צו זיין, אַז ער בלייבט פּלוצים שטיין, איז ער בפּועל־ממש חייב מיתה; אָבער עס זיינען פֿאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס זיי לער־נען און גייען אַלץ ווייטער און ווייטער, אָבער עס איז נישט ביי זיי מחמת דער עצם לערנען, נאָר דערפֿאַר, ווייל זיי ווייסן, אַז די תּורה טוט זיי אָן אַ קרוין אויפֿן קאָפּ; אָט אַזעלכע זאָלן ווערן פֿאַרטיליקט פֿון דער וועלט און עס זאָל פֿון זיי נישט איבערבלייבן קיין זכר.

הלל בשעת ער איז געווען מיט זיך אַליין, פֿלעגט ער אַלץ טראַכטן פֿון דעם עצם מענטש, מה לפֿניו ומה לאחריו, וואָס אַ מענטש איז און צו וואָס ער קאָן דערגרייכן, און פֿון דער גרויסער אחריות, וואָס עס ליגט אויף אים, און וואָס אַלץ איז אַזוי צוגעפּאַסט אויף דער קורצער צייט, וואָס דער מענטש לעבט און דערנאָך איז שוין אַלץ פֿאַרפֿאַלן, וואָרים כּי לא

המתים יהללו יה, און דערום פֿלעגט הלל זאָגן: אַז איך אַליין וועל נישט זאָרגן פֿאַר מיין נשמה, טאָ ווער דען וועט פֿאַר איר זאָרגן? און גיב איך אַ קוק אויף מיר און אויף מיינע שוואַכע כוחות, טראַכט איך זיך, וואָס קאָן איך אויפֿטאָן מיט מיינע מעשים? און ווי אַזוי קאָן איך ווערן נענ־טער צו גאָט? און דערפֿאַר זע איך טאַקע נישט צו פֿאַרלירן קיין איינ־ציקע מינוט פֿון מיין קורצן לעבן, וואָרים אַז נישט היינט, וואָס גאָטס אָטעם איז נאָך אין מיר, און איך בין נאָך אומשטאַנד צו פֿאַרשן די תורה און צו געבן אַ שבח דעם אויבערשטן, ווען דען וועל איך דאָס טאָן? נאָכן טויט, אַז איך וועל ליגן אויסגעשטרעקט אינעם אַלטן קבר?

שמאַי האָט נישט געמאַכט קיין סך רייד און זיין צוואה איז געווען: זיי זיך קובע איטלעכן טאָג אַ באַשטימטע צייט צום לערנען, רעד ווייניק, טו אַ סך. קומט עמעצער צו דיר, פֿרעג אים נישט קיין שאלות און נעם אים אויף בסבר פנים יפות.

רבן גמליאל, הללס אייניקל, פֿלעגט זאָגן אַזוי ווי יהושע בן־פּרחיה: זוך דיר תּמיד אויס אַ רבין און לאָז זיך נישט אַריין אין ספֿקות. — און אַז דו גיסט מעשר, מוזטו טאַקע אָפּמעסטן אַ גוט צענטל און זיך נישט פֿאַרלאָזן אויף השערות.

און שמעון, דער זון זיינער, האָט אַזוי געזאָגט: כּל ימי בין איך געווען צווישן חכמים און לומדים און וואָס איך האָב פֿון זיי געלערנט איז, אַז די בעסטע חכמה איז שווייגן; נישט רעדן און נישט לערנען און נישט פֿאַרשן אין דער תּורה איז דער עיקר, וואָרים נישט דאָס איז גאָט אויסן; וואָס גאָט וויל יאָ, איז דאָס טועכץ גופֿא און דאָס פֿירן אַ כּשר לעבן. לאָזטו זיך אַריין אין אַ סך רייד, קאָנסטו זיך נאָך פֿאַרזינדיקן.

שמעון בן־גמליאל, דער אייניקל פֿון שמעונען דעם זון פֿון רבן־גמליאלן, דעם אייניקל פֿון הללן, פֿלעגט אַזוי זאָגן: וואָס טויגן אונדז די אַלע חקירות? עס זיינען פֿאַראַן דריי עיקרים און אַז מען איז זיי מקיים, האָט די וועלט אַ קיום און דאָס זיינען זיי: דין און אמת און שלום. פּרוּווט נאָר מקיים צו זיין אָט די דריי עיקרים, זייט איר שוין גענוג יוצא אי פֿאַר זיך אי פֿאַר אַלעמען.

ווי אַזוי אַ פּשוטער ייד לערנט תּנ״ך

א. אַ ביסל פֿון משפּטים

משה רבינו האָט געזאָגט: איך זאָל דיר דאָ אויסרעכענען די דינים, וואָס מען מוז זיי מקיים זיין, אַז מען קויפֿט אַ קנעכט... אַ מענטשן טאָר מען

אבער לחלוטין נישט קויפן, סיי אים, סיי זיין ווייב און סיי זיינע קינדער. און אז איינער דערנידעריקט זיך אזוי און שאצט נישט זיין צלם־אלהים, טא ווארף אים ארויס און לאז אים נישט אריין צו דיר אין שטוב.

האסטו א טאכטער און עס גייט דיר נישט גוט, רעד איר נישט איין זי זאל גיין דינען; א מיידל אין דער פרעמד, דערפון קומט נישט ארויס קיין גוטס.

פון גזלנים וויל איך נישט רעדן; א מענטש, וואס הויבט אויף די האנט אויף זיין חבר און מאכט א תל פון זיין לעבן, דאס איז א רוצח און איך קאן אים נישט אנרופן מיטן נאמען „מענטש". איינער, וואס גיט נישט אפ קיין כבוד זיין טאטן און זיין מאמען, טוט גנבענען, וואס איז פון אזא נפש גאר צו רעדן.

אז איינער דערלאנגט דעם אנדערן א באך, וואס דערפון ווערט יענער שלאף, מוז ער צו אים אוודאי שיקן דעם רופא און אליין לויפן אין אפטייק אריין, אז ער האט נאר גאט אין הארצן.

און מיינט איר, אז מען שלאגט אן ארבעטער צי א דינסט, איז מען פטור? זיי זיינען אויך מענטשן, אקוראט ווי איר מיט דער אייגענער נשמה און האבן די אייגענע חשיבות.

עס זיינען פאראן אזעלכע היציקע מענטשן, וואס אז זיי לאזן זיך אריין אין א געשלעג, שאנעווען זיי נישט אפילו א מעוברתע אשה. אזוינע מענטשן זיינען דאס נידעריקסטע פונעם נידעריקסטן.

איך קען מענטשן, וואס בשעת א כעס האבן זיי דערהרגעט זייערע קנעכט, אז עס זיינען ביי יענע ארויסגעפאלן די ציין פון מויל. אזוינע מענטשן מוז מען קנסנען, אז זיי זאלן קיינמאל נישט טארן האלטן קיין קנעכט.

א קו דיינע, אז זי טוט אן שאדן, מוזטו דערפאר מפצה זיין. האסטו געגראבן א גרוב און האסטו זי נישט צוגעדעקט, און א מענטש איז געגאנגען און איז אריינגעפאלן, מוזטו ווערן באשטראפט; און אויב א ציג איז אהין אריינגעפאלן מוזטו פאר איר באצאלן. אויף דיין בהמה מוזטו אכטונג געבן, האסטו א קרעניצע, טא דעק זי צו.

לאז נישט לעבן קיין מכשפה; גלויבן אין כישוף איז נישט גוט, ווארים דאס נעמט אוועק די ריינקייט פון א מענטשן.

ברענג נישט קיין קרבן צו א פרעמדן גאט.

ראשית־כל, וואס דו מוזט זיין נזהר, איז נישט אפצונארן א גר. און קומט א גר אן צו דיר, דריק אים נישט צו צו דער וואנט; געדענקען

זאָלסטו, אַז דו אַליין ביסט געווען אַ גר אין מצרים, איז פֿאַרוואָס זאָלסטו זיך איבערנעמען קעגן אים?

אַן אַלמנה צי אַ יתום, אַז זיי קומען אָן צו דיר און בעטן ביי דיר הילף טאָרסטו זיי נישט פּייניקן און חס־ושלום, שופֿך דמים זיין, וואָרים, אַז זיי וועלן זיך פֿאַר מיר קלאָגן אויף דיר, אַז דו ביסט קעגן זיי נישט יוצא, וועל איך זיך אָננעמען פֿאַר זייער קריוודע, און דו ביסט פֿאַרפֿאַלן; איך וועל נישט רוען, ביז דיין ווייב וועט נישט ווערן אַן אַלמנה און דיינע קינדער — יתומים. טשעפּען זיך מיט אַן אלמנה צי מיט אַ יתום איז קיין שפּאַס נישט.

און גיסטו דעם אָרעמאַן אַ גמילות־חסד, טאָ קום נישט תּיכף מאָנען ביי אים און צי אים נישט די קישקעס; און ווילסטו גאָר נעמען ביי אים פּראָצענט, בין איך דיר שוין בעסער מוחל די גאַנצע זאַך. אויף משכּנות געלט באָרגן איז מיאוס, און האָסטו שוין גענומען אַ משכּון ביי אַן אָרעמאַן, אַ בורנוס, צי אַ קאָלדרע, גיב זיי אים צוריק נאָך פֿאַרנאַכט, כּדי ער זאָל האָבן מיט וואָס זיך צוצודעקן. ווילסטו, ער זאָל שלאָפֿן נישט צוגעדעקטער־הייט און ער זאָל פֿרירן בשעת ביי דיר אין קאַסטן ליגט זיין קאָלדרע? האָסטו אַ הארץ דערצו? ווי צו דיר, אַז דו טוסט אַזוינס! דאָס ווערט נישט געשענקט הן דיר, הן דיינע קינדער, וואָרים איך נעם זיך אָן פֿאַר דעם אָרעמאַן.

און האָט גאָט דיך פֿאַרלאָזן, שעלט נישט אויף דיין מזל, זיי שטאַרק בעת צרה; אַפֿילו מיטן נשיא קאָן זיך דאָס אויך טרעפֿן, און דו ביסט נישט דער איינציקער. גיב דיך בעסער אַ פֿרעג, צי אַז בשעת דו האָסט יאָ געהאָט פֿון אַלץ, צי האָסטו דעמאָלט נישט פֿאַרזוימט צו געבן דעם צווייטן.

מען מוז האָבן רחמנות אויף אַ מענטשן, און אַפֿילו אַ קו, אַז זי קעלבט זיך, צי אַ שעפּס, אַז זי טוט געבוירן, טאָר מען ביי זיי נישט צונעמען באַלד דאָס ניי־געבוירענע און עס אָוועקטראָגן צום קצב. צי וויל איך פֿון אייך, איר זאָלט זיך מאַכן הייליק און זיך פֿירן ווי כּלי־קודש? אָבער איר מוזט זיין מענטשן און האָבן ליב יעדעס באַשעפֿעניש, און אַפֿילו אַ הונגעריקער הונט מוז אויך באַקומען וואָס ער באַדאַרף.

און איך בעט אייך, יידישע קינדער, היט אייך אָפּ פֿון שקרים און פֿון אַלץ וואָס איז נישט אמת. זאָגן פֿאַלשע עדות צי גורם־היזק זיין עמעצן דורך אַ בייזער צונג איז אַ רציחה. אַז דו זעסט, אַז אַפֿילו אַ סך מענטשן טוען נישט קיין גוטס, טאַנץ זיי נישט נאָך נאָר דערפֿאַר וואָס דו ביסט

דער יחיד און זיי זיינען דער רוב. מען מוז הערן דעם רוב, אָבער נאָר בשעת ער איז גערעכט. אַפילו דעם אָרעמאַן, וואָס מען מוז זיך אוודאי אָננעמען זיין קריוודע, טאָר מען נישט נאָכגעבן, אַז ער איז נישט גערעכט. איך האָב ליב דעם אָרעמאַן, אָבער דעם אמת האָב איך נאָך מער ליב.

אַז דו כאַפּסט ביינאַכט אַ גנב, דערהרגע אים נישט גלייך אויף דער שטעל. אַז איינער גיט דיר עפּעס צו באַהאַלטן, טאָרסטו נישט פאַרלייקענען דעם פקדון. פאַרפירן אַ מיידל איז אַ מיאוסע זאַך; און האָט ווער שוין פאַרפירט אַ מיידל, זאָל ער כאַטש מיט איר חתונה האָבן און זי נישט לאָזן זיצן ביי איר טאַטע־מאַמע. האָב גאָט אין האַרצן און באַטראַכט, וואָס זי האָט נעבעך אויסצושטיין, אַז זי מוז זיך שעמען זיך צו באַווייזן אין דער גאַס.

דאָס אַלץ איז געזאָגט וועגן בין אדם לחברו. געדענק אָבער, וואָס דו ביסט מיר שולדיק. היט אָפּ שבת צו דער צייט; אַז עס קומט אַ יום־טוב, האַלט אים הייליק. צי פאַרלאַנג איך דען פון אייך אַ סך? פּסח מאַך ריין די שטוב און באַק מצה, שבועות איז גאָר נישט קיין עול, און סוכות? אַז איך האָב דיר זומער געהאָלפן און געגעבן רעגן צו דער צייט און קאָרן און ווייץ, איז אויך נישט אַזוי שווער. דעריבער קום נישט פאַר מיר מיט ליידיקע הענט.

ב. עטלעכע פּסוקים פון ישעיה

אָט־דאָס זאָגט דער נביא ישעיה, דער זון פון אמוץ, וואָס האָט געלעבט אין דער צייט, וואָס דאָס פאָלק יהודה און די הייליקע שטאָט ירושלים זיינען געווען פול מיט זינד; און די מלכים, וואָס האָבן דעמאָלט געפירט די ממשלה זיינען אויך נישט געווען בעסער, נאָר דער מלך חזקיה איז געווען דער איינציקער מלך אַ צדיק.

הערט מיך צו, איר הימלען, הער מיך צו, דו ערד, און זייט עדות, וואָס גאָט האָט צו מיר געזאָגט; זיינע קינדער האָט ער דערצויגן און האָט אַלץ געטאָן פאַר זיי, ביז ער האָט זיי געבראַכט אויף אַ לאַד, און דער סוף איז, אַז זיי הערן אים גאָרנישט און טוען פונקט קאַפּויער, וואָס ער האָט זיי אָנגעזאָגט. מיט ווידערשפּעניקייט האָבן זיי אים באַצאָלט.

אַפילו אַן אָקס, צי אַן אייזל, וואָס זיי האָבן דאָך נישט דעם שכל פון אַ בר־דעת — און וואָס זנאַטשען זיי קעגן אַ רוחניות פון אַ מענטשן —

פֿונדעסטוועגן דערקענען זיי זייער באַלעבאָס, וואָס גיט זיי עסן און טרינ־קען און זיי ווייסן דעם חילוק צווישן אים און אַנדערע; אָבער דאָס פֿאָלק יהודה דערקענט נישט זיין אייגענעם טאַטן און ווייסט נישט, וואָס מען איז אים שולדיק. אוי, איז דאָס אַ זינדיק פֿאָלק! פֿאַרלאָזן האָבן זיי גאָט און זיך אָפּגעוואָוינט פֿון אים. האָט גאָט אייך נאָך ווייניק געשטראָפֿט? קיין גאַנצן ביין האָט איר נישט מער: די שטעט זיינען פֿאַרברענט, חרוב־ומוחרב איז אַלץ פֿון פֿיינט, דוכט זיך גענוג צו ווייסן, אַז עס איז געקומען די צייט פֿון תשובה. אָבער גיי רעד פֿאַר טויבע אויערן!

ג. דאָס ערשטע קאַפּיטל תהלים

וואויל איז דעם מענטשן, וואָס טוט זיך זיינס, וואָס חברט זיך נישט מיט ליידיקגייערס, און זעט ער דריי יידן זיצן אויף דער פריזבע און רעדן לשון־הרע, צי גאָר ניבול־פה, זעצט ער זיך נישט צו צו זיי; פֿאַרקערט, ער הייבט אויף די פֿיס און גייט אַוועק פֿון זיי, כּדי זיך מרחיק צו זיין פֿון אַזאַ סביבה.

קען איינער לערנען און ער איז אַ יודע־ספֿר, און אַז ער האָט צייט און האָט אָפּגעטאָן זיינע עסקים, זעצט ער זיך אַנידער ביי אַ ספֿר, איז אַוודאי גוט.

מענטשן, וואָס היטן אָפּ, וואָס מען מוז אָפּהיטן, און טוען אַלץ, וואָס דער בורא האָט געהייסן, אָט זיי איז גוט; איטלעכע קליינע מצווהלע איז ווי אַ קערנדל, וואָס מען פֿאַרגראָבט עס אין גאָרטן און דערנאָך וואַקסט פֿון דעם אַרויס אַ גרויסער בוים.

קוקט אָבער אָן די פּושעים: זיי האָבן אַזאַ קיום, ווי געמלוטשעטע שטרוי האָט אַ קיום קעגן דעם ווינט, אַז ער הויבט אָן צו בלאָזן און בלאָזט אַלץ אַוועק.

דערום זאָג איך אייך, איר ערלעכע לייט, האַלט נישט אינאיינעם מיט די רשעים, אַפֿילו אַז עס גייט זיי גוט און אייך גייט שלעכט, און מיינט נישט אַז ס'איז נישטאָ קיין חילוק.

פֿאַרקערט, דער חילוק איז זייער גרויס. ווער עס איז ערלעך, דער קאָן זיין זיכער, אַז זיין נאָמען וועט נישט ווערן אויסגעמעקט און אַז זיין זכר וועט בלייבן אין כּבוד; דעם רשע אָבער וועט גאָט שטראָפֿן, ווי ער פֿאַרדינט דאָס, און גלויבט מיר, עס וועט קומען אַ צייט, וואָס פֿון די אַלע פּושעים וועט נישט בלייבן קיין שריד־ופּליט.

ד. משלי

עס איז מיר פֿיל ליבער אַ פּראָסטער מענטש, וואָס גייט זיך זיין וועג און טשעפּעט קיינעם נישט, ווי איינער, וואָס האַלט זיך פֿאַר אַ חכם, בלאָזט פֿון זיך און קרימט זיך און האַלט פֿון זיך, מי יודע וויפֿל, און בסך־הכּל איז ער אַ נאַר.

פֿונדעסטוועגן מיין איך נישט, אַז דער מענטש באַדאַרף נישט האָבן קיין שׂכל. פֿאַרקערט, שׂכל שאַדט געוויס נישט; וויל מען אָבער זיין צו קלוג, פֿירט מען גאָרנישט אויס.

דער מענטש בראַקט זיך אַליין אַריין אין שיסל זיינע נאַרישקייטן; און טוט ער אַ זאַך, און עס גייט אַלץ אַרויס באַקאָם, האָט ער נאָך טענות צו גאָט, פֿאַרוואָס ער האָט אים פֿאַרלאָזן און האָט אויף אים אָנגעשיקט די צרה. און ווער איז שולדיק? דער מענטש אַליין.

יאָ, עס איז אַ שיינע וועלט! האָט מען געלט, האָט מען גוטע פֿריינט, און זיי קומען צו דיר און זיינען מיט דיר קוצעניו־מוצעניו; האָט מען אָבער נישט קיין געלט און מען מוז גאָר אָנקומען צו זיי, איז קיינער נישטאָ אין דער היים.

דער ליגנער האָט זיין פּסק און דעם רכילותניק וועט מען אויך נישט שענקען, און פֿונדעסטוועגן וואַקסן זיי, ווי קראָפּיווע, און מען קאָן פֿון זיי גאָרנישט פּטור ווערן.

און עפּנט מען אויף דאָס טייסטערל זיינען די מענטשן ווידער דאָ, און מיטאָמאָל ווערן זיי די בעסטע מחותּנים; אַי, אַי, האָט מען ליב דעם, וואָס ער גיט.

דעם אָרעמאַן אָבער האָט מען שטאַרק פֿיינט, און דער בעסטער פֿריינט זיינער קערט זיך אָפּ אָן אַ זייט, בשעת ער דערזעט אים פֿון דער ווייטנס. צו וואָס טויג דעריבער צו רעדן? עס איז שוין איין מאָל אַזוי.

פֿון פֿריער און פֿון שפּעטער

פֿונעם דאַווענען

רבונו־של־עולם, די נשמה, וואָס דו האָסט זי אַריינגעטאָן אין מיר, איז אַזאַ ריינע אַרויסגעקומען פֿון דיין האַנט; דו האָסט זי געשאַפֿן און דו האָסט זי אַריינגעבלאָזן אין מיין גוף, ווען איך בין געבוירן געוואָרן, און דו היטסט זי תּמיד אָפּ אין מיר; צוריק אין דיינע הענט וועט זי קומען, אַז איך וועל שטאַרבן און דו וועסט זי מיר ווידער געבן בשעת תּחית־המתים. כּל־זמן איך לעב און די נשמה איז אין מיר, וויל איך דיך

ליבן, גאָט מיינער ואלהי־אבותי, רבונו־של־עולם, געלויבט ביסטו גאָט, וואָס דו גיסט צו די טויטע צוריק די נשמות, אַז זיי וועלן אויפשטיין...

געלויבט ביסטו גאָט, אונדזער גאָט, און גאָט פון דער גאַרער וועלט, וואָס דו האָסט דעם האָן אַריינגעגעבן פאַרשטאַנד צו מאַכן אַן אונטערשייד צווישן טאָג און נאַכט כדי מיך צו וועקן און צו קרייען, אַז עס הויבט אָן צו שאַריען אויף טאָג, כדי איך זאָל אויפשטיין און דיר דינען.

געלויבט ביסטו גאָט, אונדזער גאָט, און גאָט פון דער גאַרער וועלט, וואָס בלינדע מאַכסטו זעעוודיק.

געלויבט ביסטו גאָט, אונדזער גאָט, און גאָט פון דער וועלט, וואָס נאַקעטע באַקליידסטו.

געלויבט ביסטו גאָט, אונדזער גאָט, און גאָט פון דער וועלט, וואָס געפאַלענע באַפרייסטו.

געלויבט ביסטו גאָט, אונדזער גאָט, און גאָט פון דער וועלט, וואָס איינגעבויגענע מאַכסטו ווידער גלייך.

געלויבט ביסטו גאָט, אונדזער גאָט, און גאָט פון דער וועלט, וואָס דו האָסט אויסגעשטרעקט די ערד אויפן וואַסער.

געלויבט ביסטו גאָט, אונדזער גאָט, און גאָט פון דער וועלט, וואָס דו גיסט מיר אַלץ וואָס איך באַדאַרף צו האָבן.

געלויבט ביסטו גאָט, אונדזער גאָט, און גאָט פון דער וועלט, וואָס דו לייגסט השגחה אויף דעם מענטשן און דו גיסט אַכטונג אויף איטלעכן שריט פון אים.

געלויבט ביסטו גאָט, אונדזער גאָט, און גאָט פון דער וועלט, וואָס דו האָסט געגעבן יידן התחזקות, כדי זיי זאָלן קאָנען אויסהאַלטן אין גלות.

געלויבט ביסטו גאָט, אונדזער גאָט, און גאָט פון דער וועלט, וואָס דו האָסט אונדזער נאָמען געקרוינט מיט שיינקייט.

געלויבט ביסטו גאָט, אונדזער גאָט, און גאָט פון דער וועלט, וואָס דעם מידן גיסטו כוח און לאָזט אים נישט פאַלן און געשטרויכלט צו ווערן אין וועג.

געלויבט ביסטו גאָט, אונדזער גאָט, און גאָט פון דער וועלט, וואָס דו האָסט אָפּגעווישט דעם שלאָף פון מיינע אויגן און איך בין אויפגעשטאַנען פריש און געזונט צו מיין אַרבעט און צו דינען דיר.

און דיין רצון זאָל זיין מיט אונדז, דו גאָט, אונדזער גאָט, ואלהי־אבותינו און דער גאָט פון אונדזערע פאָטערס, אַז מיר זאָלן זיך געוואוינען אָפּצוהיטן די תורה און ליב צו האָבן מצוות, און דו זאָלסט אונדז חס־ושלום נישט

ברענגען צו אַ זינד דורך אַ נסיון, פֿאַרקערט, היט אונדז אָפּ פֿונעם יצר־הרע און פֿון אַ שלעכטן מענטשן און פֿון אַ שלעכטן חבר, און שטאַרק אין אונדז דעם יצר־טוב, אַז מיר זאָלן קאָנען טאָן גוטע מעשים, און נויט דעם יצר־הרע, ער זאָל אָפּטרעטן אויף אַ זייט, און גיב אונדז לייטזעליקייט און גענאָד און רחמים אין דיינע אויגן אינאיינעם מיטן גאַנצן כלל־ישראל.

איטלעכער מענטש זאָל זיין אַ ירא־שמים אין דער שטיל און נישט גראָד פֿאַר יענעם, נאָר פֿאַר זיך אַליין, און זאָל זיין אַ מודה על האמת, און זיין האַרץ זאָל ער האַלטן ריין און אַז ער שטייט אויף אין דער פֿרי און האָט זיך געוואַשן און זיך אָנגעטאָן, און איידער ער גייט אַרויס אין מאַרק זאָל ער זיך שטעלן פֿאַר גאָט און אַזוי זאָגן:

דו גאָט, האר פֿון אַלע וועלטן פֿון אייביק אָן! נישט ווייל מיר האַלטן זיך פֿאַר צדיקים שטעלן מיר זיך פֿאַר דיר צו בעטן, נאָר ווייל מיר פֿאַרלאָזן זיך אויף דיין רחמנות. וואָס זיינען מיר ווערט? וואָס באַטרעפֿט אונדזער לעבן? וואָס קאָנען ווערט זיין אונדזערע חסדים און אונדזערע צדקות אָפּילו אַז מיר מיינען, אַז מיר העלפֿן עמעצן? וואָס איז דער כוח פֿון אַ בשר־ודם, אָפּילו אַז ער איז אַ גבור? און וואָס קאָנען מיר אַלע מענטשן אינאיינעם דיר זאָגן, כאָטש דו האָסט אונדז אויסדערוויילט און ביסט אונדזער גאָט און דער גאָט פֿון אונדזערע פֿאָטערס. זיינען דאָך אַלע גבורים פֿון דער וועלט, וואָס זיי האָבן געלעבט און האָבן זיך באַרימט מיט זייער גבורה, גאָרנישט קעגן דיר און קעגן דיין כוח. אָפּילו די אנשי־השם, וואָס האָבן געהאַט דעם גרויסן נאָמען און וואָס מיט זיי האָט געקלונגען אַ וועלט, זיינען שוין אויך נישטאָ און עס איז אַזוי, ווי זיי וואָלטן גאָרנישט געלעבט; די חכמים האָבן זיך אומזיסט אָפּגעמיט מיט זייער חכמה, און די פֿאַרשטאַנדיקע האָבן אויך אומזיסט זיך עוסק געווען אין שכליות. דאָס רוב מעשים פֿון אַ מענטשן איז ווינט און דאָס גאַנצע לעבן איז ביי דיר אַ בלאָז; און קוקט מען זיך גוט אַרום, זעט מען, אַז דער מענטש איז שוין גאָרנישט מער העכער פֿון אַ בהמה, כי הכל הבל, וואָרים פֿון אַלץ וואָס עס איז דאָ, ווערט גאָרנישט.

אָבער מיר, דיין פֿאָלק, וואָס דו האָסט מיט אונדז כורת־ברית געווען; מיר, די קינדער פֿון אַברהם, וואָס דו האָסט אים געשוואוירן, אַז דו וועסט מיט אים זיין, אַז ער איז געשטאַנען אויפֿן באַרג מוריה און האָט געוואָלט מקריב זיין יצחקן צו דער עקדה; און מיר די קינדער פֿון דעם זעלביקן יצחק און פֿון יעקב, וואָס דו האָסט אים אַזוי געליבט, אַז דו האָסט אים דערנאָך אַ נאָמען געגעבן ישראל, ווי מיר הייסן טאָקע בני־יעקב און

בני־ישראל. מיר, אַז מיר שטייען אויף אין דער פֿרי, לויבן מיר דיך און ווילן באַשיינען דיין נאָמען און דיין נאָמען מאַכן הייליק. וואויל איז אונדז, אַז דו, גאָט, ביסט אונדזער חלק און האָסט אונדז געגעבן די תורה פֿאַר אַ ירושה, און אין דער פֿרי און פֿאַרנאַכט און צו איטלעכער שעה ווילן מיר זאָגן:

גאָט פֿון ישראל, גאָט אונדזער גאָט, איז איין גאָט. געלויבט זאָל זיין זיין נאָמען און זיין מלכות אויף אַלע צייטן!

דו גאָט ביסט שוין געווען, נאָך איידער די וועלט איז באַשאַפֿן געוואָרן, און דו האָסט זיך אין איר באַוויזן, אַז זי איז באַשאַפֿן געוואָרן; דו ביסט דער, וואָס פֿירט די וועלט און יענע וועלט און דו וועסט הייליקן דיין נאָמען פֿאַר די, וואָס הייליקן דיך, און דו וועסט אונדז אויסלייזן. געלויבט ביסטו גאָט, און דיין נאָמען בלייבט הייליק פֿאַר אַלעמען.

דער אָנהויב פֿון הלכות־דעות פֿונעם רמב״ם

אויף דער וועלט זיינען פֿאַראַן פֿיל דעות און אַ סך טבעות, און איטלעכער נברא האָט זיך זיין טבע און זיין דעה, וואָס זיינען גאָר אַנדערש ווי ביים צווייטן. עס זיינען פֿאַראַן מענטשן, וואָס זיינען בטבע כעסנים און קומען באַלד אַריין אין כעס און תמיד גייען זיי אַרום אָנגעבלאָזן; און עס זיינען פֿאַראַן מענטשן, וואָס זייער טבע איז פּונקט דער היפּך: זיי זיינען מיושבדיק און ווערן קיינמאָל נישט אין כעס, און טאָמער ווערן זיי שוין יאָ אַמאָל אין כעס, טרעפֿט זיך דאָס אַמאָל אין אַ יובל. אָט־די מענטשן זיינען אַלע גרויסע גדלנים און מען קאָן מיט זיי נישט רעדן קיין וואָרט מחמת גדלות; און אַ שפּאַן ווייטער טרעפֿן מיר שוין אַ מענטשן, וואָס איז ווידער להפך ולהפך, אַ מענטש, וואָס איז אַ גרויסער עניו און וואָס איז דער אמתער שפֿל־רוח.

עס זיינען פֿאַראַן בעלי־תאוות, וואָס קיינמאָל קאָנען זיי נישט ווערן זאַט, און אַז די תאווה צינדט זיך אין זיין אַן, איז דאָס ווי אַ פֿלאַם, וואָס מען קאָן אים קוים אויסלעשן; און אַנדערע זיינען פֿאַרקערט, גאָר קיין בעלי־תאוות נישט, און האָבן אין אַלעמען אַ ריין און קלאָר האַרץ און פֿאַרלאַנגען נישט קיין סך און האָבן צו קיין זאַך מער קיין חשק נישט, סיידן נאָר צו דעם, וואָס דער גוף מוז האָבן נויטיק צו זיין קיום. איינער האָט שטאַרק ליב געלט און איז להוט צו ווערן רייך און טאָג און נאַכט טראַכט ער דערפֿון, בשעת דער אַנדערער באַגרייפֿט גאַרנישט, צו וואָס איז מען אַזאַ

רודף־ממון? ער אַליין איז אַ מסתפק־במועט און האָט נישט דעם יצר־הרע פון געלט אַפילו אויף אַ פיצל. ווידער איז דאָ איינער, וואָס איז בטבע אַ שטאַרקער קמצן, פשוט אַ נהרג על פחות משווה פרוטה, און נישט דערפאַר, ווייל פאַר געלט קאָן מען אַלץ באַקומען, נאָר ווייל ער חלשט נאָכן עצם געלט... ער קאָן פאַרטראָגן הונגער און זיך נישט פאַרגינען אויס־צוגעבן אַ גראָשן, בשעת ער האָט אין בייטל אַ סך געלט; און אַז ער מוז שוין אַמאָל עפעס אויסגעבן, כאַטש ער טוט דאָס פון זיינעטוועגן, איז ווי ער שניידט פון זיך אָפּ פליש. ווי זאָגט די גמרא, עכברא דשכיב אדינרא. און אַ שכן זיינער, וואָס וואוינט נישט ווייט פון אים, קאָן שוין זיין גאָר אַ פזרן, וואָס געלט איז ביי אים בלאָטע און ער וואַרפט מיט געלט אויף שריט און טריט. אַזוינע פאַרשיידענע מענטשן זיינען פאַראַן נאָך אין אַ סך מקצועות; עס זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס ליבן זיך צו באַרימען, און שווייגערס, וואָס מאַכן נישט קיין פיל העוויות פון זיך; עס זיינען פאַראַן שלעכטע מענטשן, וואָס האָבן אַ האַרץ פון אַ שטיין און גוטע מענטשן מיט אַ ווייך האַרץ; איינער איז אַ פחדן און אַ טרוס, וואָס ציטערט פאַר אַ פליג אויף דער וואַנט, און דער צווייטער איז פאַרקערט, אַן אַביר־לב, אַ מענטש, וואָס שרעקט זיך נישט אָפּ פאַר קיינעם און פאַרשטייט גאַרנישט, וואָס עס הייסט האָבן מורא פאַר וועמען; און נאָך אַזוינע מיני מענטשן זיינען פאַראַן, וואָס זיינען פאַרשיידן איינער פונעם אַנדערן, ווי טאָג פון נאַכט. און איך וויל זיי נישט אויסרעכענען, כדי נישט מאריך צו זיין.

ביז אַצינד האָבן מיר גערעדט פון דער פאַרשיידענער טבע פון די מענטשן, אָבער דאָס מיין איך נישט די טבע אַליין, וואָס אינעם מענטשן איז זי אַ געבוירענע זאַך מתחילת ברייתו, דהיינו, מיט אַט־דער טבע איז ער אַרויס פון זיין מאַמעס בויך, און אויך אַפילו די טבע, וואָס בנוגע איר האָט ער זיך אָפּגעלערנט פון אַנדערע, אַזוי אַז הרגל נעשה טבע. סיי בנוגע דער ערשטער, סיי בנוגע דער צווייטער איז אין אַלץ פאַראַן אַ מיטלוועג. מען קאָן זיין נישט אַזאַ פזרן און נישט אַזאַ קמצן, נישט אַזאַ גדלן און נישט אַזוינער, וואָס לאָזט זיך טרעטן אויפן קאָפּ; מען דאַרף נישט זיין אַ משוגענער כעסן, מען דאַרף אָבער נישט האָבן אַ האַרץ פון גאַלע וואַסער.

וואָס איך וויל אויספירן איז, אַז קיצוניות, אַז ביידע קראַנקאַסטן פון יעדער טבע זיינען נישט גוט פאַרן מענטשן, און דאָס בעסטע פאַר אים און דאָס געזונטסטע איז, אַז ער האַלט זיך אין דער מיטן; נישט צו פייערדיק און נישט צו וואַסערדיק, נישט לויפן און ברעכן די פיס, אָבער אויך נישט קריכן פאַוואָליענקע. און אַז אַ מענטש זעט, אַז זיין טבע איז

נוטה צו קיצוניות, מוז ער טאָן און זען דאָס אויסצוראָטן פֿון זיך, ביז ער קומט ווידער אויפֿן גלייכן וועג און ער גייט אויפֿן דרך־הישר.

און דער דרך־הישר איז אָט־דער דרך, וואָס אין איטלעכער מידה איז ער אין מיטן צווישן בײדע קיצוניות; און עס מוז זיין אַקוראַט אָפּגעמאָסטן, אַז דער מהלך פֿון מיטלוועג ביז צו איין קיצוניות זאָל נישט זיין ווייטער, און די גרויסע חכמים האָבן טאַקע אַזוי געזאָגט, אַז אַ מענטש מוז תמיד זיין אָפּגעמאָסטן אין אַלץ, וואָס ער טוט, און מוז אַכטונג געבן אויף זיך, אַז ער זאָל חס־ושלום נישט אַריינפֿאַלן אין קיצוניות... אַ מענטש זאָל נישט זיין אַ כעסן, וואָס דעם צווייטן דראַפּעט ער אויס דאָס פּנים פֿאַר דער מינדסטער זאַך, אָבער ער זאָל זיך אויך נישט מאַכן טויב בשעת מען איז אים מבזה און מבזה. סיי דאָס און סיי דאָס זיינען מידות רעות. — אַ גלאַטער מענטש מוז אין אַלעמען האָבן אַ מאָס, כּי עת לכל דבר. עס קומט פֿאָר, אַז מען זעט אַזאַ עוולה, וואָס דערפֿאַר מוז מען ווערן אין כּעס און מען מוז יענעם טאַקע ווייזן, אַז אַזוי דאַרף נישט זיין און מען טאָר דאָס נישט טאָן; אָבער אָפֿטמאָל ווייזט זיך אַ זאַך נאָר אויס שלעכט, און מען מוז איינהאַלטן דעם כּעס און נישט שטאַרק מקפּיד זיין. האָבן חשק צו אַ זאַך, אַז דער גוף דאַרף זי האָבן, איז גאָרנישט קיין עבירה; פֿאַרקערט, מען מוז מכבד זיין דעם גוף און אים געבן דאָס זייניקע, ווי עס שטייט געשריבן: צדיק אוכל ומשביע נפשו; אָבער צו זיין אַ להוט נאָך תּאוות און בפֿרט נאָך מותרות, איז נישט גוט. צו מסחר מוז מען זיך אָפּגעבן און מען דאַרף זיך גאָרנישט אויסטאָן פֿון דער וועלט: אַ מענטש האָט דאָך הצטרכותן; אָבער אַלץ מוז זיין מיט אַ מאָס, וואָרים מען מוז וואָס טאָן, כּדי צו האָבן חיונה. דערפֿון איז אָבער נישט גערדרונגען, אַז מען מוז זיך טרייסלען פֿאַר אַ קערבל און האָבן מורא אויסצוגעבן, צי פֿאַרקערט, גאָר זיין אַ פּזרן און נאָר דערפֿאַר אַליין טאָן די גרויסע מסחרים און זיך פֿאַרבאָדן איבער די אויערן. אַפֿילו צדקה טאָר מען נישט געבן איבערן כּוח; אַנטלייען איינעם געלט איז אַוודאי אַ מצווה, אָבער טו דאָס נישט כאַפּ־לאַפּ, גלאַט וואַרפֿן מיט געלט, ביין! אַז איינער בעט ביי דיר אַ הלוואה, מוזטו זען, צי ער דאַרף עס טאַקע האָבן נויטיק, און דו ביסט נאָר מחויב צו געבן אים, אַזויפֿיל ווערדליק דיין מעמד. אים אָפּזאָגן און זאָגן: איך קאָן נישט, איז אַן עבירה! אָבער אַנטלייען איבערן כּוח איז אויך אַן עבירה, אַן עבירה בנוגע דיר און דיין ווייב און דיינע קינדער. לויף נישט אַרום מלא־שמחה אין אַ פּראָסטן מיטוואָך, אַז מען זאָל זיך חידושן און מען זאָל זאָגן, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מענטש; אָבער

מאַך אויך נישט אַ מרה־שחורהדיק פּנים, ווי ווען טאַטע־מאַמע זיינען דיר געשטאָרבן, פאַרקערט, זיי רואיק און געלאַסן, אַז עס זאָל זיין איטלעכן ניחא, אַלץ דאַרף זיין צו דער צייט און ווי עס קומט אויס... אַזוי זיך נוהג זיין איז דאַכט זיך גאָר קיין קונץ נישט; מען איז נישט מער ווי אַ מענטש צווישן מענטשן; אויף דער אמתן אָבער מוז מען דערצו זיין אַ חכם און אַ מיושבדיקער מענטש.

אוודאי וויל איך נישט לייקענען, אַז עס זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס זיי זאָגן, אַז מען וועט זיך האַלטן פּונקט אין דער מיטן און מען וועט זיין פּונקט אַזוי ווייט פון איין קיצוניות ווי פון דער אַנדערער, קאָן דאָך זיין, אַז מען טוט זיך נאָר אַ בויג און מען איז שוין אין דעם תחום פון דער שלעכטער קיצוניות. און מיר ווילן דאָך נישט אַראָפּגיין אויף איין מינוט פון דעם דרך־הישר, און דערפאַר האַלטן מיר זיך נישט פּונקט אין דער מיטן ווי אָפּגעמאָסטן, נאָר מיר זיינען זיך אַ ביסל נוטה צו דער גוטער קיצוניות, דאָס הייסט אַ מין סיג און אַ תוספות; און די, וואָס טוען אַזוי, זיינען טאַקע חסידים און פרומע לייט, וואָרים דאָס איז אַ מנהג־חסידות און לפנים משורת הדין. די גאַנצע וועלט באַשטייט אָבער נישט פון לויטער חסידים, און עס איז פאַר אונדז בעסער צו האַלטן זיך תמיד אין דער מיטן.

אויסגעקליבענע ווערטער פונעם בעל־שם

דער עיקר פון איטלעכער זאַך אויף דער וועלט איז דאָס רוחניות, און נישט דאָס גשמיות; דאָס פּנימיות און נישט דאָס חיצוניות. דאָס פּנימיות טאַקע פון יעדער זאַך און דאָס חיות נעמט זיך פון גאָט און פון זיין אָטעם, וואָס ער טוט אים אַריין אין אַלע זיינע באַשעפענישן...

אַזוי זעט מען, אַז דאָס חיות פונעם גאַנצן עולם התחתון און אַלץ, וואָס עס געפינט זיך אויף דער ערד, נעמט זיך פונעם עולם העליון און ציט פון דאָרטן זיין יניקה, דאָס, וואָס עס דערהאַלט אים. אַ שטייגער, אַז פון דער ערד ביז צום הימל וואָלט נישט געשטאַנען קיין לייטער, וואָס די מלאכים גייען אויף אים פון אויבן אַראָפּ און פון אונטן אַרויף, וואָלט גאָרנישט געווען קיין קשר, און דער עולם התחתון וואָלט נישט געהאַט קיין קיום.

די אמונה זאָגט אונדז, אַז גאָט איז מלוא כל הארץ כבודו און ער איז פאַראַן אומעטום, און עס איז נישטאָ קיין ווינקעלע, וואָס דאָרט איז זיין רוח נישט שורה; אכּל־שכּן די מחשבות פון אַ מענטשן, וואָס בעצם זיינען זיי שלוחים פון גאָט, ווייל נאָר ער כּביכול גיט אין אונדז אַריין

איטלעכן הרהור; ובכן אַז אויב עס איז אַ גוטע און ריינע מחשבה, קומט זי אַוודאי פֿון מקור הקדושה און איז זי נישט אַזוי ריין, צי עס איז גאָר חס־ושלום אַ מחשבה זרה, האָט גאָט דערביי די כּוונה, אַז מיר זאָלן די מחשבה מתקן זיין און זי לייטערן און זי מאַכן ריין. דעריבער מוז איטלעכער מענטש גלויבן, וואָס פֿאַרשטייט די דרכים פֿון השי״ת; און גלויבט אַ מענטש, חס־ושלום, נישט אין דעם, און מיינט, אַז גאָט איז נאָר דאָ אויבן און נישט אויך צווישן אונדז, איז ער — איך וויל דאָס נישט אויסרעדן — מקצר במציאות השם און ער מאַכט אים, כּביכול, קלענער אין זיין גרויסקייט.

אַז מיר מוזן מקבל זיין דעם עול מלכות שמים, הייסט נאָך נישט, אַז מיר זאָלן זיך קערן צום הימל און מיינען, אַז גאָט זיצט אויפֿן כּסא הכּבוד, ניין, דאָס הייסט, אַז ער איז אומעטום פֿאַראַן און וואו מען גיט זיך אַ ריר איז דאָ די שכינה...

די מחשבה פֿונעם מענטשן זאָל תּמיד זיין אַריינגעטאָן אין דעם אויבערשטן און דאָס זאָגט דער פּסוק: „ומן המקדש לא יצא!" מען זאָל נישט מסיח דעת זיין פֿון דער קדושה, פֿונעם הייליקן געדאַנק, פֿון השי״ת און פֿון זיין מציאות.

אַלץ, וואָס מען טוט, מוז מען טאָן מאהבה; אהבת השי״ת איז מער ווי אַלץ אין דער וועלט. וואו עס איז נאָר פֿאַראַן אַ גוטער מענטש אין דער וועלט, רוט גאָט אין אים.

דער מענטש זאָל וויסן זיין, אַז אַלע עולמות, און אַפֿילו דער עולם הגילגולים און דער עולם פֿון די מלאכים און דער כּסא־הכּבוד אַליין, זיינען אַלץ נאָך גאָרנישט קעגן שכינות כּבוד מלכותו; און אַז אַלע וועלטן טראָגט גאָט אין זיין שויס, וואָרים ער איז נאָך ווייטער פֿון אַלע וועלטן און ער איז ממלא דעם גאַנצן חלל... מען קאָן דאָס קוים אַרויסרעדן מיטן מויל; אַזוי ווי אַז מ׳בויט אַ הויז, מוז מען דאָך צוערשט מכין זיין אַ פּלאַץ, אַזוי אַז גאָט האָט באַשאַפֿן אַלע וועלטן, האָט ער צוערשט אין זיך געמאַכט פּלאַץ, וואָרים ער איז דאָך געווען אומעטום און אַפֿילו אַן אָרט פֿון אַ שפּילקע־קעפּל איז נישט געווען ליידיק, וואָס גאָט זאָל דאָרט נישט זיין. און אַז מיר ווייסן, אַז גאָט טראָגט אַלץ אין זיך און עס איז נישטאָ אַיין זאַך, וואָס איז נישטאָ אין אים, איז דאָך בעסער, אַז אַ מענטש, וואָס וויל זיך צו וואָס מתדבק זיין, זאָל ער זיך מתדבק זיין אין גאָט אַליין, און נישט מתדבק זיין צוערשט צו אַ זאַך, וואָס איר קיום איז נאָר דערפֿאַר, ווייל זי איז זיך מתדבק צו גאָט. דער וועג צו גאָט איז דער קירצערער...

דער מענטש זאָל וויסן זיין, אַז אַלץ, וואָס עס איז דאָ אויף דער וועלט, איז אויסגעפּילט פון גאָט, און זיין גייסט איז שורה אין אַלע מעשים און אין אַלע געשעענישן און אין די מחשבות פון אַ מענטשן; און אַפילו גאָר אין פּראָסטע זאַכן, וואָס מען קאָן מיינען, אַז גאָט קוקט אויף זיי גאָרנישט, און זיי זיינען גאָרנישט ווערט, אַז גאָט זאָל פאַר זיי מטריח זיין זיין השגחה, איז דאָך גאָט משגיח אויף אַלץ און היט אָפּ יעדעס פּיצעלע און אַפילו דעם טפל שבטפל... און אַז מען ווייסט דאָס, אַז מען ווייסט, אַז דער רצון הבורא איז אין אַלעמען און אַז אין דער אמתן זיינען אַלע גלייך פאַר גאָט און ער וויל גאָרנישט וויסן פון דעם, וואָס מיר רופן דאָס אַן בחירה, מוז דער מענטש שוין דערפון אַליין אַלץ מקבל זיין אויף זיך, און עס מוז אים זיין גלייך, וואָס עס טרעפט זיך אין לעבן, סיי גוטס, סיי שלעכטס, און אַפילו אַן עונש. ווארים אַז מיר ווייסן, אַז אַלץ קומט פון גאָט, איז דאָך דער רצון־הבורא אויך אין דעם, וואָס אונדז ווייזט זיך דאָס אויס שלעכט; און ער כביכול, ווייסט שוין פאַרוואָס עס דאַרף אַזוי זיין. און די כוונה זיינע איז אַ גוטע, נאָר מיר פאַרשטייען זי נישט.

„שוויתי ה׳ לנגדי תמיד!" שוויתי נעמט זיך פון לשון השתוות. דאָס הייסט, זיין גלייך. אַלץ, וואָס עס טרעפט זיך אין דעם מענטשן, מוז אים זיין גלייך, און ער מוז דאָס מקבל זיין באהבה. איז מען עמעצן מבזה, מוז דאָס אים זיין אַזוי ליב, ווי ווען מען וואָלט אים געלויבט; און גיט מען אים צו עסן ביטערע קרייטער, מוז ער זיך נישט קרימען, און עס זאָל אים אַזוי וואוילבאַקומען, ווי אויב מען גיט אים צו עסן גוטע פירות, און אַזוי אין אַלעמען. אַ מענטש מוז דאָך זיך זאָגן: אָט דער אייגענער גאָט, וואָס האָט באַשאַפן די זיסע פירות, האָט אויך באַשאַפן די ביטערע קרייטער, דעם בזיון ווי דעם שבח, דאָס שלעכטס ווי דאָס גוטס און די נאַכט ווי דעם טאָג; און אַז אין אַלעמען פון דער וועלט איז דאָ אַ חלק פון גאָט, און דער חלק פירט צום שורש, וואָס אַלע זאַכן ציען פון אים די יניקה, און זיי טרינקען זיך אַן פון אים ווי די ערד טרינקט זיך אָן פונעם רעגן. ובכן, בסך־הכל, בעצם און אין תוך גענומען איז דאָס אַלץ איינס, דער חילוק איז נאָר אין חיצוניות. עס איז פונקט ווי אַ טאַטע האָט גלייבע קינדער, נאָר ער מאַכט זיי פאַרשיידענע מלבושים... און פאַרשטייט מען דאָס און האָט מען זיך דערשלאָגן צו אָט דער השגה, איז מען דערגאַנגען צו אַ גרויסער מדרגה, ואשרי מי שזוכה לכך!

דער מענטש מוז תמיד זיין פריילעך און מוז גלויבן, אַז די שכינה איז תמיד מיט אים און פאַרלאָזט אים נישט אויף אַ רגע.

*

אַלץ אין דער וועלט האָט אַ חלק אין גאָט און די חלקים זיינען צו־זאַמענגעקייטלט און זיינען איין זאַך; דער יוצא מזה איז, אַז ווען מען האַלט זיך שטאַרק ביי איין חלק, קומט מען במגע מיט דער גאַנצער וועלט. און אָט־דאָט רופט מען אַחדות־הבורא, די אַחדות פונעם בורא מיט דער וועלט און מיט אַלע נבראים.